STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09252

IBER VEGN

Yaakov Pilovski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב פּילאָווסקי

איבער וועגן

דערציילונגען און רייזע-פאַרצייכענונגען

אַרויסגעגעבן דורך דעם

יעקב פּילאָווסקי-יובל-קאָמיטעט

פון סאַנטיאַגאָ, טשילע.

1949

JACOBO PILOVSKY

POR LOS CAMINOS

CUENTOS Y APUNTES DE VIAJE

Editado por el

Comité pro - homenaje a Jacobo Pilovsky

Santiago - Chile

1 9 4 9

יעקב פּילאָווסקי שטאַמט פון אַ רבנישער משפּחה. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 29טן דעצעמבער פון 1898 אין אַ קליין שטעטעלע קאַלעלישאַק, ווילנער גובערניע, אין הויז פון זיין זיידן, דעם רב פון שטעטל, און אַלס קינד פון אַ פּאָר וואָכן אריבערגעפירט געוואָרן קיין ווילנע, ווו זיין פאָטער דוב בער פאַרנעמט אַ רבנות-שטעלע. ביז 19 יאָר האָט ער געלערנט אין פאַרשיידענע ישיבות פון ווילנע, סטוטשין און סלאָבאָדקע.

די העברעיִשע השכלה-ליטעראַטור פון איין זייט און די היסטאָרישע רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע פון דער צווייטער זייט האָבן צוגענומען דעם רעליגיעזן באָדן פון אונדזער מתמידם פיס און אים איבערגעטראָגן אַלס אַקטיוון טוער אין דער באַפרייערישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין אוקראַינע האָט ער דורכגעלעבט די יאָרן פון בירגער-קריג און די פּאָגראָם-גרוילן פון פּעטלורען, דעניקינען און אַנדערע באַנדעס.

אין דער ליטע איז ער איינער פון די גרינדער פון די ייִדישע פאָלקס-שולן, אָוונט-שולן פאַר דערוואַקסענע און פון דער קולטור-ליגע. אַלס לערער און אָרגאַניזאַטאָר איז ער אַקטיוו אומעטום ווו ער איז טעטיק. ער איז אַ מיטגליד אין דער צענטראַל-פאַרוואַלטונג פון ווילנער פּראָפעסיאָנעלן לערער-פאַריין און אויך זייער פאָרשטייער אָפן לערער-צוזאַמענפאָר אין ווארשע אין יאָר 1923. צום ערשטן מאָל זיך געדרוקט אין 1920, אין אַ קאָוונער לינקער פּועלי-ציוניסטישער אויסגאַבע.

אין 1924 אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע, אַ קורצע צייט געאַרבעט אַלס פּעאָן אין בוענאָס-איירעס, אויך אַלס לערער פון דער צווייטער באַראַכאָוו-שול, געווען דאָרט דער גרינדער און דער ערשטער פאָרזיצער פון ווילנער לאַנדסלייט-פאַריין. סוף 1924

אוועק קיין מענדאָסע און פון דאָרטן מיט אַ טרופּע ייִדישע אַר־טיסטן געקומען קיין טשילע, מיטן געדאַנק צו דערגרייכן קיין נאָרד־אַמעריקע און אַזוי שוין געבליבן אין טשילע. דעם ערשטן יאָר געאַרבעט אַלס לערער אין דעמלטיקן „אינסטיטוטאָ העברעאָ" און דערנאָך זיך איבערגעוואָרפן צו מסחר און קליין־אינדוסטריע.

אין טשילע געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויפגעהויבן די פאָן פאַר ייִדיש, וואָס האָט דאָ אַריינגעבראַכט דעם נייעם טאָן פון דער מאָדערנער און וועלטלעכער ייִדישער קולטור. גענומען אָנ־טייל אַף אַלע געביטן פון דעם היגן ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, געווען דער גרינדער און פאָרזיצער פון אַ ייִדישער קאָאָפּעראַטיווע, מיטגליד פון דירעקטאָריום פון סירקולאָ איזראַעליטאַ, סעקרעטאַר פון „ייִוואָ". — איינער פון די ערשטע גרינדער און אַקטיווע טוער פון דער ביראָבידזשאַן־געזעלשאַפט; פון די אַקטיווסטע קעמפער פאַר דער דעמאָקראַטישער שפּאַניע. אין 1936 געגרינדעט די פאַראייניקטע פּראָגרעסיווע ייִדישע געזעלשאַפט, פון וועלכער ער איז איר פאָרזיצער ביז היינט צו טאָג. פּיאָנער פון געדרוקטן ייִדי־שן וואָרט, צוזאַמען מיט נח וויטאַל און יעקב אסאַטינסקי, געגרינ־דעט די ערשטע ייִדישע אויסגאַבע „טשילענער וואָכנבלאַט", רע־דאַגירט צוזאַמען מיט אַ קאָלעגיום די וועכנטלעכע אויסגאַבע „אונ־זער וואָרט" אין צוויי אויפלאַגעס, צוזאַמען מיט משה ריזעמבערג רעדאַגירט די מאָנאַטלעכע אויסגאַבע „ביי די אַנדן", אַ פּאָר יאָר רעדאַגירט די וועכנטלעכע אויסגאַבע „טשילענער ייִדישע פּרעסע".

אין 1937 מיט דער מיטהילף פון דער קולטור־קאָמיסיע פון דער פאַר. פּראָגרעסיווער ייִדישער געזעלשאַפט אַרויסגעגעבן דעם ערשטן און איינציקן ייִדישן בוך אין טשילע א. נ. „פון טשילע" — אַ זאַמלונג פון דערציילונגען פון טשילענער לעבן.

אין 1939 באַזוכט ער די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, ווו ער האָט געהאַלטן רעפעראַטן אין ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, שי־קאַגאָ, מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ א. א.

באַם צוריקקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן, שוין אין מיטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווערט געשאַפן מיט זיין איני־ציאַטיוו דער לייען־קרייז, וועלכער פייערט שוין זיין צען־יעריקע עקזיסטענץ און מיט אויסערגעוויינלעכן דינאַמישן כוח סטימו־לירט ער אין 1941 די שאַפונג פון הילפס־קאָמיטעט פאַר די דעמאָ־

קראַטיעס, ווי אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער זעלבער האָט ער אַריינגעשריבן אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל פון געזעלשאַפטלעכער אַקטואַציע, וואָס האָט צוגעגעבן אַ סך כבוד אונדזער ישוב אין לאַנד.

באַזוכט אין 1941 און 1947 אַרגענטינע און אורוגוויי, ווו ער האָלט רעפעראַטן אין פאַרשיידענע אינסטיטוציעס. אין דער זעל־בער צייט פּאָרטרעט ער די פּאַר. פּראָגרעסיווע יידישע געזעלשאַפט אַ די אַרגענטינער יידישע קולטור־צוזאַמענפאָרן, ווו ער פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ.

יעקב פּילאָווסקי איז אַ גייסטרייכער רעדנער און גלענצנדי־קער פּאָפּולאַריזאַטאָר פון אונדזערע קלאַסיקער ,דיכטער און שריי־בער.

אַלס שרייבער צייכנט זיך אויס יעקב פּילאָווסקי מיט זיין שפּראַך־ריינקייט און קלאָרקייט; עס שפּרודלט בא אים די ווילנער האַרציקע אויסשפּראַך, די עכטע יידישע פאָלקס־ווערטער און אָפט זייער געלונגענע נייע טערמינען.

יעקב פּילאָווסקי האָט אַ סך געשריבן, אַף גאַנץ פאַרשיידענע געביטן, דערציילונגען, רייזע־באַשרייבונגען, קינדער־דערציילונגען, פּאָרטרעטן, עסייען און זייער געלונגענע קריטישע אָפּהאַנדלונגען איבער ליטעראַטור, אָבער אומעטום זיינען אין זיין שרייבן בולט די סאָציאַלע מאָטיוון. און עס קען אַנדערש נישט זיין, ווייל ער איז אַ קעמפער פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, פילבאַר פאַר די נויטן און פּלאָגן פון די גרויסע מאַסן, צוזעענדיק אָט דעם צו גרויסן קאָנטראַסט פון אָט דער ריזיקער רייכקייט און פאַרשווענדעריש־קייט פון איין זייט און אַזאַ אָרעמקייט פון דער צווייטער זייט.

אין אַ סך פון זיינע דערציילונגען, וועלכע שיינען צו זיין אויי־טאָביאָגראַפישע קאַפּיטלען פון זיין לעבן, קומט צום אויסדרוק דער איבערברוך זיינער מיט די רעליגיעזע דאָגמען — די אינע־ווייניקסטע קאַמפן קעגן די אַלטע פאַראורטיילן ביזן קומען צו אַ נייעם און זיכערן באָדן — אַ נייעם גלויבן אין אַ שענערן מאָרגן. עס שפּיגלט זיך אָפּ פאַר אונדז אין זיי אַן עפּאָכע פון ערשט נאָך נישט וויטן נעכטן, אַן עפּאָכע, וועלכע איז אונדזער דור נאָענט און אייגן. און אין אַנדערע פון זיינע דערציילונגען שפּיגלט זיך אָפּ

אונדזער היינט, דער היגער אַמעריקאַנער באָדן, די היגע סביבה מיט אירע סאָציאַלע פּראָבלעמען און קאָנטראַסטן.

יעקב פּילאָווסקי מיט זיין פּשטות און האַרציקייט איז אַ חבר פון אַלעמען און מיט זיין אויטאָריטעטן וואָרט אַ לערער און וועג־ווייזער פאַר טויזנטער, געאַכט און געשעצט פון פריינט און קעג־נער. אָן אַדרעס אין טשילע פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר קולטור, קונסט און געזעלשאַפטלעכקייט. דער בעסטער פריינט און אַק־טיווסטער מיטהעלפער פון אַלע שרייבער, דיכטער, קריטיקער, אַרטיסטן, וואָס באַזוכן די ווייטע טשילע.

יעקב פּילאָווסקי איז אויסגעוואַקסן אַלס סאָציאַלער שרייבער און קעמפער פאַר גערעכטיקייט און אַלס פּראָגרעסיווער ייִד איז ער איבערגעוואַקסן די ענגע ראַמען פון פּאַרטייִשקייט און די גרעניצן פון טשילע.

זיין פופציק־יעריקער געבורטסטאָג איז געפייערט געוואָרן פון דעם גאַנצן ייִדישן ישוב און דאָס דאָזיקע בוך ווערט אַרויסגעגעבן ווי אַ מתנה, וואָס עס טראָגט צו דער יובל־קאָמיטעט, דער ייִדי־שער ישוב אין טשילע, איינעם פון זיינע בעסטע און ווירדיקסטע פאָרשטייער — דעם חבר יעקב פּילאָווסקי.

א. האַלפּערן

סעקרעטאַר פון יעקב פּילאָווסקי־יובל־קאָמיטעט

אַ פּאָר װערטער פון מחבר

מײנע רײזע־פּאַרצײכענונגען װעגן צפון־אַמעריקע זײנען אַ ביסל פאַרעלטערט. זײ זײנען געשריבן געװאָרן מיט קאַרגע צען יאָר צוריק. דאָך האָב איך זײ געפונען פאַר נײטיק אַרײנצונעמען אין דעם פאָרגעלײגטן בוך, װײל — „אין חדש תחת השמש״ — קײן פונדאַמענטאַלע ענדערונגען אין ייִדישן לעבן, אַף װעלכן איך פאַרויף זיך, זײנען דאָרטן ניט פאָרגעקומען. כּמעט דאָס פּנים פון דער ערד האָט זיך אין דער צװישנצײט אָפּגעטונקט אונטער דער זון אין בלוט און אין טרערן.

די מענטשן, װײזט אויס, — און ייִדן זײנען אויך מער ניט װי מענטשן — זײנען האַרטע תּלמידים מיט אַ שלעכטן זכּרון, כּמעט דאָס לעבן איז אַ שטרענגער מלמד מיט אַ האַרבן קאַנטשיק.

דעריבער האַלט איך, אַז פאַר די לײענער, װאָס קאָנען ניט דאָס ייִדישע לעבן פון צפון־אַמעריקע, װעל איך עפּעס אויפטאָן מיט מײנע פאַרצײכענונגען.

איך װיל דאָ אויך אויסנוצן די געלעגנהײט האַרציק צו באַדאַנקען דעם יובל־קאָמיטעט לכּבוד מײן פופציק־יעריקן געבוירנטאָג, די פאָרזיצערן פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט, די שריפטשטעלערן אלישבע ראַבינאָװיטש און איבערהויפּט דעם סעקרעטאַר פון דעם זעלבן, דעם חבר אשר האַלפּערן, װעלכער האָט ניט געקאַרגט קײן מי און קײן צײט, כּדי צו דערמעגלעכן דאָס דערשײנען פון דעם דאָזיקן בוך און אויך פאַרן פײערן מײן יובל אַף אַן אימפּאָזאַנטן און װירדיקן אופן.

יעקב פּילאָװסקי

ערשטער טייל

דערציילונגען

א

געוויסן

גערוישן

דער הארבסט האָט זיך אָקאָרשט געשטעלט. דער טאָג איז געווען אַ רויִקער און גלעטנדיקער. דער פאַרנאַכט איז אָנגעקומען אַן אָנגעלאָדענער מיט בענקשאַפט און מיט וויי־מוט און האָט דערוועקט אין דעם מענטשן אַזעלכע מאָדנע איינגעשלאָפענע געפילן, וואָס ציען אים ערגעץ־ווו, ווייט־ווייט, וווהין ער ווייסט אַליין ניט, צי איז דאָס צוריק, צו שוין פאַרגעסענע וועלטן, אָדער פאָרויס, צו נייע, אומבאַקאַנטע, וועלכע ער האַלט נאָך אין אויסחלומען...

פון איין זייט האָט זיך נאָך געזען די אָפגייענדיקע זון, אַ רויט־פאַרפלאַמטע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין פאַרקייקלען הינטער די בערג, און האָט געפאָרבן דעם הימל אַף וויאָלעטן־ראָז, און פון דער אַנדער זייט האָט מיט אומגעדולד שוין אַרויסגעטויכט אַ פולע העלע לבנה פון צווישן די ווייס־גרויע וואָלקן־כוואַליעס, וואָס האָבן בנעימותדיק אַרומגעשוועבט אונטערן הימל.

עס האָט אויסגעזען, ווי די לבנה טוקט זיך מיט אַ כיוון יעדער ווײַלע אונטער אין די וואָלקן־כוואַליעס, כדי פון דאָרטן אַרויסצושווימען אַ לויטערערע, אַ ריינערע און שיינענדיקערע.

די לבנה האָט עפּעס ווי מיט אַ צויבער־קראַפט אַרויסגעוווּנקען אָסוואַלדאָן, פון זיין אויטאָ אַרויס, ער זאָל פרייער איר און דער וועלט קענען אָנזען.

אָסוואַלדאָ האָט זיך פאַרקערט צו דער ברייטער אַלייע, צווישן דעם פאָרעסטאַל־פאַרק און דעם טייך מאַפּאָטשאָ, פאַרקלענערט דעם גאַנג פון זיין פאַקאַרד און איינגעלאַדן זיין עוכעניען אַף אַ שפּאַציר צופוס.

דער ריטמישער וואַסער־קלאַפּ פון מאַפּאָטשאָ האָט זיי צוגעצויגן צו זיך און צוגעטוליעט צו זיין ברעג, האָבן זיי זיך שווייגנדיק געלאָזט גיין. זיי זיינען אַרויפגעקומען אַף איינעם פון די בריקן, וואָס זיינען גע־

לעגן אויסגעצויגן איבערן טייך, און אָנשפּאַרנדיק זיך אַף דעם פּאַרענטש, געבליבן שטיין באַטראַכטן גאָטס וועלט.

דאָס וואַסער פון מאַפּאָטשאָ איז, קייקלענדיק זיך איבער די רוקנס פון די קאָרדיזשערן־בערג, אָנגעקומען מיט אימפּעט, איז רעשיק גע־פלאָסן, האָט זיך געקאָכט און געבלעזלט און אויסגעזען ליימיק־געל. באַ זיין זייט האָבן ארומגעבלאָנקעט אויסגעדאַרטע פערד, באַ וועמען די אויס־געמאַטערטע ביינער האָבן שפּיציק אַרויסגעסטאַרטשעט צו דער וועלט און גענישטערט צווישן די אָפּגעטריקנטע גראָזן עפּעס פאַרן גומען.

איבערן בריק זיינען פאַרבייגעגאַנגען הין און צוריק געאָרעמטע פּאָרלעך, מערסטנטייל אַזוי אַריינגעטאָן אין זיך, אַז זיי האָבן קיינעם נישט באַמערקט. זיי האָבן זיך אַף קיינעם נישט אומגעקוקט און נישט אָפּגעשטעלט אין זייער גאַנג.

מיטאַמאָל איז פון אונטערן בריק אַרויסגעקראָכן אַ גאַנצער טאַבון מיט קינדער.

זייערע פאַרמעט־געלע פּנימער, געמישט מיט אַש־קאָליר, מיט אַזאַ מין קאָליר, וואָס עס באַקומען מענטשן פון שלאָפן אַ לענגערע צייט אין אַנטועכיז, האָבן נאָך געלער אויסגעזען אַנטקעגן דער בלייכער שיין פון דער פולער לבנה.

אַזוי ווי אונטער אַ רעזשיסאָרישער האַנט האָבן די קינדער, אַלע אין דער זעלבער צייט, אָנגעשטעלט אַזעלכע נעבעכדיקע, רחמנות-פּנימער, און אין איין קול, אין כאָר, אַרויסגעבעטלט:

— „קאַבאַללערא (קאַוואַליר), סעניאָריטאַ (פרייילן), (מיט אַ באַ־זונדערער וויכטיקייט און באַזונדערן מילדן טראַף האָבן זיי אַרויסגע־בראַכט דאָס וואָרט סעניאָריטאַ) — „אונאַ טשאַוטשאַ, אונאַ טשאַוטשי־טאַ! פּאָר אַמאָר אַ דע דיאָס"! (אַ צוואַנציק סענטיקע, אַ צוואַנציק סענ־טיקע, אַ צוואַנציקערל, אין נאָמען פון גאָטס חסד).

זייערע באַנומענע קולות האָבן איבערגעריסן די בין־השמשותדיקע שטילקייט, האָבן זיך געטראָגן צום הימל און געלעכערט דאָס האַרץ.

די מערהייט דורכגייער האָבן פאַרגעזעצט זייער גאַנג, ווי נישט זיי מיינט מען דאָס. טייל אָבער האָבן פאַרלאַנגזאַמערט זייער טראָט, און ניט אָראָפּקוקנדיק אפילו אַרונטער, אַראָפּגעוואָרפן אַ מטבע אָדער מערער.

די קינדער האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך די מטבעות, ווי אַ סטייע

הינט נאָך אַ ביין, וואָס מען וואַרפט צווישן זיי אַריין. טייל האָבן זיך געוואָרפן מיטן בויך אַראָפּ, ווי באַם פוטבאָל שפּילן, צודעקנדיק מיט זייער גוף די טשאַטשקעס, אַנדערע האָבן געוויזן קונצן, פלינקייט, געכאַפּט די מטבעות אין פליען מיט די הענט אין מויל אַריין, און דורך אַנדערע אופנים. אייניקע פון די דורכגייער האָבן זיך פאַרהאַלטן באַם פּאַרענטש, געבליבן שטיין, באַטראַכטן דעם ספּעקטאַקל... זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן גאַנצע הויפנס מטבעות און זיך צוגעקוקט צום געראַנגל, וואָס איז אונטן אָנגעגאַנגען און דערביי הילכיק געלאַכט.

אָסוואַלדאָ איז געשטאַנען די גאַנצע צייט ווי אַ צוגעשמידטער צום פּאַרענטש און באַטראַכט אַ קאַליקע יינגל, הויט און ביינער. ער האָט ניט געקאָנט לויפן. זיין קול איז אָבער געווען יאָמערלעכער פון די איבעריקע, און די מענטשן האָבן זיך באַמיט די מטבעות אים גלייך אין די הענט אַריינצוּוואַרפן.

דאָס פּנים פון דעם קאַליקע יינגל, דער באַזונדערער גלאַנץ פון זיינע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אַ פּאָר טיפע לעכער, די איינגעפּאַלענע שלייפן און זיין בעטנדיקער, שוואַכער קול, האָט אים אָן עפּעס נאָענטעס דערמאָנט. — יאָ, אָט אַזוי יאָמערדיק־בעטנדיק פלעגט דאָך שרייען צו אים זיין געשטאָרבענער ברודערל, ברוכל, ווען ער איז קראַנק געווען: „שיקעלע, שיקעלע! עסן! איך חלש עסן!" דער טאַטע איז דאַן געווען אויף מלחמה. די מאַמע איז געגאַנגען זוכן אַרבעט אין פרעמדע הייזער. די זעלבע אויגן, וואָס ער זעט איצט באַם קאַליקן יינגל, פלעגט ברוכל אויף אים אָנשטעלן. און די דאָזיקע אויגן, ניט דאָס יאָמערן, פלעגן עס אים אַרויסיאָגן פון שטוב אַרויס צו גנבענען עפּעס פאַרן ברודער. אַ סך מאָל, ווען ער פלעגט זיך אומקערן אַהיים, האָט ער שוין ברוכלען געפונען אַ שלאָפעדיק־פאַרחלשטן. אַי, ווי עס פלעגט דאָס אים דאַן וויי טאָן, קוקנדיק אויף דעם שלאָפנדיקן ברוכלען! ער לעבט איצט איבער די זעלבע שרעק ווי באַם גנבענען, דעם זעלבן ווייטיק ווי דאַן.

„שיקעלע? ווער איז דאָס געווען אָט דער שיקעלע? יאָ, דאָס איז דאָך ער, דער זעלבער, אָסוואַלדאָ! פון וואַנען זשע האָט ער דאָס עפּעס אַרויפגעשלעפּט אויף זיך אַזאַ פרעמדן נאָמען."

ער קוקט זיך אום אַרום זיך און זעט אויס זיך אַליין, אין זיינע איי־גענע אויגן, אַזוי מאָדנע פרעמד. „פון וואַנען האָט ער עס אַרויפגענומען

אַף זיך אַזוי פּיל פּלייש, אַזוי פּיל פעטס?" — און עס ווערט אים פרעמד און שווער זיין אייגענער גוף, זיין גאַנץ לייב און לעבן...

— „אָסוואַלדאָ, האָסט ניט עטלעכע טשאַוטשעס?" — די דאָזיקע ווערטער האָבן אים אויפגעוועקט פון זיינע טיפע רעיונות. עוכעניע איז געשטאַנען פאַר אים. פון איר פּנים איז נאָך ניט אָפּגעווישט געוואָרן דער צופרידענער שמייכל פון דעם פאַרגעניגן, וואָס דאָס וואַרפן פון די טשאַוטשעס פאַר די אומגליקלעכע קינדער האָט איר פאַרשאַפט.

אָסוואַלדאָ האָט אָנגעקוקט עוכעניען מאָדנע, פרעמד, ווי ער וואָלט איר דאָ איצט צום ערשטן מאָל דערזען, און מיט דעם דאָזיקן פרעמדן ניט־דאָזיקן בליק איר באַגלייט צום אויטאָ.

אָסוואַלדאָ האָט געטריבן דעם אויטאָ אַפן וועג אַהיים אָן אָפּשטעל און מיט באַזונדערער רוגזה.

עוכעניא האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. זי האָט געקאָנט זיין ברויזנדיקן כאַראַקטער און האָט געוווסט, אַז דער בעסטער מיטל צו לעשן זיין צאָרן איז דאָס שווייגן.

אין דער היים — אַ טשאַלעט (פּאַלאַץ) אין גאַלף (אַ רייכער געגנט) — האָט זיך אָסוואַלדאָ קיין אָרט ניט געפונען. פון אַלע זייטן האָט ער זיך באַטראַכט אין די געשליפענע שפּיגלען און אין זיך אַליין אריינגערעדט:

— „סאַראַ אָפּגעפרעסענע פּיסקעס, סאַראַ אָנגעזויפענער קאַרק! דערפאַר זיינען זיי דאָרטן אונטערן בריק אַזוי געל און מאָגער".

ער האָט דערזען זיינע שלאָפנדיקע קינדער און געטראַכט: „אָפּגעפרעסענע, ראָזע פּעמפּיקעס, וואָס וועלן זיי וויסן פון לעבן, אַז אַלץ קומט זיי און אַלץ איז פאַר זיי אָנגעגרייט. זיי וועלן דאָך אפילו ניט פאַרשטיין זייער אייגענעם טאַטן, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע צער־פולע קינדהייט און יוגנט".

ער האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין. זיין ווייב, וואָס איז געלעגן לעבן אים, איז אים געווען פרעמד און איבעריק.

ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם צופרידענעם שמייכל, מיט וועלכן די טאָכטער פון אַן אויפגעקומענעם עמיגראַנט שלאָפט לעבן אים.

עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן מיטן זעלבן שמייכל, וואָס האָט זיך אַף איר פּנים צעלייגט, ווען זי האָט גע־

וואַרפן די מטבעות פאַר די אומגליקלעכע קינדער, און דאָס האָט אים געקרענקט.

ער האָט זיך געוואָרפן אַף אַלע זייטן און נישט געקענט איינשלאָפן. זיין גאַנץ לעבן איז אין דער דאָזיקער נאַכט פאַרביי זיינע אויגן דורכגעלאָפן.

אָט שפּירט ער אַף זיין פּנים דאָס קיצלען פון די שטעכיקע האָר פון זיין טאַטעס וואָנצעס, בעת ער קושט אים פאַרן אוועקגיין אַף דער מלחמה. דאָס איז געווען דער איינציקער קוש, וואָס ער געדענקט פון זיין טאַטן. פון דער מלחמה צוריק איז ער שוין מער נישט געקומען.

אין די אויערן קלינגען אים די ווײ־געשרייען פון זיין מאַמען, בעת זי האָט זיין טאַטן אַרויסגעבאַגלייט: „אַף וועמען לאָזטו מיר איבער, בערל!?"

זיין מאַמעס אויסגעמאַטערטן פּנים, איר לעצטן בליק אַף אים, אָסוואַלדאָן, פאַרן צעשיידן זיך, ווען ער איז פון דער היים אוועק, קען ער איצט פון זיינע אויגן נישט פאַרטרייבן. „ווו איז ערגעץ איצט זיין מאַמע? אומגעקומען אין דער צווייטער מלחמה, ווער ווייסט מיט וואָס פאַר אַ טויט!"

„מלחמה!" — אָט דאָס דאָזיקע וואָרט האָט זיך צוגעטשעפּעט צו זיין מח ווי אַ זלידנע פליג און בייסט אים דאָרט און בייסט אים און לאָזט ניט צורו.

אין דער מלחמה איז דערהרגעט געוואָרן זיין טאַטע, צוליב דער מלחמה איז אומגעקומען זיין מאַמע, זיינע קרובים, באַקאַנטע, צענדליקער מיליאָנען מענטשן, מיליאָנען ייִדן. מלחמה, מלחמה!... די ערשטע מלחמה, די צווייטע מלחמה, אַ מלחמה אין שפּאַניען, אַ מלחמה אין כינע.. און ער? ווו איז ער געווען בעת דער מלחמה?! זיך געיאָגט נאָך רייכקייט, נאָך געלט. אָפּגעפרעסענער און פעטער געוואָרן. און דאָס געוויסן ווו איז? ווו איז זיין געוויסן?! ווען ער איז געווען אַ גאַרבער אין זיין שטעטל, איידער זיינע קרובים האָבן אים אָפּגענומען קיין טשילע, האָט מען שוין אַף אים געזאָגט, אַז ער איז אַן אַרבעטער מיט אַ פּראָלעטאַרישן געוויסן, אַז ער איז אַ באַוווּסטזיניקער... ווו זשע איז אין אים דאָס אַהינגעקומען זיין באַוווּסטזיין, זיין פּראָלעטאַרישער געוויסן? ווו איז זיין מענטשלעכער געוויסן?!

ער דערמאָנט זיך אָן אַ ווערטל פון זיין מאַמען: „אַ בייז געוויסן גיט ניט קיין רו" און וואַרפט זיך ווידער איבער פון איין זייט אויף דעם אַנדערן און קען אַלץ ניט אַנטשלאָפן ווערן.

ער דערינערט זיך, ווען עס איז פאָרגעקומען דער בירגער־קריג אין שפּאַניען, האָט ער זיך פון אַ בריוו פון זיין מאַמען דערוווּסט, אַז איינציקע יונגעלייט פון זיין שטעטל זיינען אַוועק מלחמה־האַלטן אין שפּאַניע.

ער איז נאָך דאַן ניט אַזוי רייך געווען און דער געוויסן האָט זיך דאַן אין אים אָנגעהויבן וועקן און מאָנען, פאַרוואָס ער באַהאַלט זיך אויס אין זיין וואַרעמער היים, ווען די מלחמה איז אַלעמענס. ער האָט אָבער דעם געוויסן גיך פאַרטויבט, זיך מיט מערער אימפּעט אַריינגעוואָרפן אין זיינע געשעפטן.

ער וויל אַדורכלויפן אויף שנעל זיינע צוואַנציק יאָר אין טשילע — און געפינט זיי ניט...

ער איז אומעטום געווען. איז אויסגעפאָרן דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט, און איז אין ערגעץ נישט געווען, און האָט גאָרנישט געזען, אפילו זיך אַליין נישט. אַלץ געשעפטן און געשעפטן.

דאָס וואָרט מלחמה טשעפּעט זיך ווידער צו צו אים. די מלחמה קומט פאָר — טראַכט ער זיך — נישט נאָר אויפן שלאַכטפעלד און אין קריגס־צייט, נאָר אומעטום און שטענדיק, איבערן גאַנצן וועלט־רוים און אין יעדער צייט, אַפילו בעת עס איז שלום. עס איז נאָר אַן אונטערשייד, ווי אַזוי מען פירט די מלחמה. אין טייל צייטן און ערטער פירט מען איר מיטן ביקס און שווערד און אין טייל, מיט אַנדערע מיטלען, שטילער־הייט און פאַמעלעך.

„פיר איך דען נישט קיין מלחמה קעגן אַנדערע? האָב איך דען נישט קיין צופיל צימערן צוליב דעם, וואָס יענע קינדער וואַלגערן זיך אויפן גאַס? האָב איך דען נישט צופיל בלוט, ווייל יענע האָבן צו ווייניק. בין איך דאָך אויך אַזוי אַ קינדער־מערדער?" — און פייניקנדיק זיך מיט די דאָזיקע געדאַנקען, איז ער איינגעשלאָפן, ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן צו שאַריען אויף טאָג.

אין שלאָף זיינען אים באַפאַלן אַנגסטיקע חלומות, איין חלום שווערער און שרעקלעכער פון דעם אַנדערן.

„אָט זעט ער ברוכלען און הערט, ווי ער בעט זיך בא אים: שיקעלע,

שיקעלע! איך חלש עסן, גיב מיר עפּעס. ער וויל אים עפּעס דערלאַנגען, געפינט ער אים שוין ניט מער. ער דערזעט אים גאָר אַרויסקריכן פון אונטער דער בריק באַם מאַפּאָטשאָ און ער שרייט צו אים: „פּאַטראָנסיטאָ, פּאַטראָנסיטאָ! (הערעלע, הערעלע!) אונאַ טשאַוטשיטאַ, אונאַ טשאַוטשיטאַ, פּאַטראָנסיטאָ!” (אַ צוואַנציק־סענטיקע, אַ צוואַנציק־סענטיקע, הערעלע!).

אָט געפינט ער זיך גאָר באַ די דייטשן און ווערט אַזוי געפּייניקט. ער וויל אָנהייבן שרייען, ווערט זיין האַלדז אַרומגענומען מיט עפּעס אַזאַ פּרעס־מאַשין און אַלע געשרייען ווערן אין אים דערשטיקט. ער כאַפּט זיך אויף (אין חלום) און איז צופרידן, וואָס דאָס איז נישט פאָרגעקומען אַפן וואָר. קומט צו גיין צו אים די מוטער זיינע און טאָרכעט אים באַ דער פּלייצע: „זון מיינער, שיקע, שיקעלע, פאַרוואָס האָסטו אָן מיר פאַרגעסן? אין וועמענס רוצחישע הענט האָסטו מיך געלאָזן?!”

און אָט חלומט זיך אים גאָר, אַז ער איז אַ יינגל. ער באָדט זיך אין שטעטלשן טייך. ער געפינט זיך צווישן אַ כאָפּטע קינדער. ער שפּיפּט צוגלייך מיט זיי. מען טוט זיך אָפּ שפּיצלעך און מען פאַרמעסט זיך, ווער עס קען בעסערע קלאַפּטערס אין וואַסער לייגן. פּלוצלינג ווערט פון זיין שטעטלשן טייך דער „מאַפּאָטשאָ” גאָר און דער קאָליר פון זיין וואַסער איז רויט, בלוט־רויט. ער באָדט זיך נישט אין וואַסער, נאָר אין בלוט און די קינדער באַפאַלן אים אַלע, רייסן אים פאַר די האָר, דראַפּען אים דאָס פּנים, שטעכן אים מיט נאָדלען און שרייען: „בלוט, בלוט! אונדזער בלוט! באָדסט זיך אין אונדזער בלוט!” — — — — „פּאַטראָנסיטאָ, אונאַ טשאַוטשאַ, קאַבאַזשעראָ, פּאָר אַמאָר דע דיאָס, אונאַ טשאַוטשאַ (הערעלע אַ צוואַנציק־סענטיקע, קאַוואַליר, אין נאָמען פון גאָטס חסד, אַ צוואַנציק־סענטיקע) און ער בעט זיך באַ זיי און שרייט: לאָזט אָפּ, גוואַלד לאָזט אָפּ, לאָזט אָפּ! און כאַפּט זיך אויף.

באַ זיין זייט איז געשטאַנען עובעניאַ און האָט אים לייכט אָנגערירט באַם אַקסל, פרעגנדיק: אָסוואַלדאָ, אָסוואַלדאָ, וואָס איז געשען, וואָס איז מיט דיר?

עס איז שוין געווען א שטיק אין טאָג אריין. די זון האָט פארפלייצט מיט ליכטיקייט דעם צימער. שיקע האָט אויפגעעפנט א פאָר פרעמדע אויגן אף עוכעניאָן, — נאָך פרעמדערע ווי נעכטן — און האָט געקוקט ערגעץ ווייט, ווייט. ווייט פון זיין ווייב, ווייט פון זיין הויז, ווייט פון דעם, וואָס עס האָט געהייסן אָסוואַלדאָ.

.1947

אַ קויל אין שטערן

שמואל ראַזשאַנקער איז שוין אַזוי געזעסן עטלעכע יאָר אין דער מירער ישיבה, ניט פאָרנדיק אפילו אַף יום־טוב אהיים. פון אָנפאַנג פלעגט ער נאָך פאָרן אַף פסח, אָדער סוכות, צו זיך אין שטעטל, צו זיינע על־טערן, ווי עס האָבן זיך נוהג געווען דאָס רוב בחורים. אָבער די לעצטע עטלעכע יאָר האָט ער דאָס אויך נישט געטאָן. ערשטנס, מחמת בטול־תורה, דאָס פאָרן אהין און צוריק און דער עיקר, ער האָט נישט געוואָלט אַרויסרייסן דעם לעצטן ביסן ברויט בא זיין טאַטע־מאַמע, בא זיינע ברי־דערלעך און שוועסטערלעך.

אמת, עס האָט זיך אים אַמאָל פאַרבענקט נאָך זיין קליינעם, ליבן שטעטעלע, וואָס איז געלעגן אַ געבויגענע, איינגענורעט צווישן סעדער און גערטנער און אַרומגענומען מיט וועלדער און טייכן.

האָט ער דערצו געטאָן דאָס זעלבע, ווי ווען פאַר זיין דמיון האָט זיך באַוויזן דער געשטאַלט פון זיין פאָטער, נח דער שוסטער, אַ הויכער, אויסגעסאָכניעטער ייִד, מיט אַ ביינערדיקן פּנים, אַף וועלכן עס איז גע־וואַקסן אַ ווילד אומגעהאָרכזאַם־פאַרפּלאָנטערט געל בערדל און פון וואַ־נען עס האָבן אַרויסגעקוקט צו דער וועלט, דער גרויסער, מיט רעזיגנאַציע אַ פּאָר טרוקענע און פאַרמאַטערטע אויגן, וואָס האָבן תמיד געזאָגט דאָס זעלבע: „אָט אַזוי איז שוין מיין גורל אַף דער וועלט. אַף דעם בין איך באַשאַפן געוואָרן, צו האָרעווען, אויסגעריסן צו ווערן און דערצו נאָך צו־הונגערן מיט ווייב און קינדער".

האָט ער דערצו געטאָן דאָס זעלבע, ווי בעת פאַר זיינע אויגן איז שטיין געבליבן זיין אויסגעמאַטערטע, פאַר דער צייט געהויקערטע מאַ־מע, וואָס האָט שטענדיק געשיקט אַ לויב און אַ שבח צו גאָט פאַר דעם חסד, וואָס ער טוט צו איר און שפּייזט ווי עס איז אירע ווערים, און וואָס ער האָט אירע גערערים געבענטשט — זי ווייסט אַליין נישט אין וועל־

מענס זכות — אַז פון זיי זאָל אַרויסקומען איר עלטערער זון שמואל, וואָס גאָט און לייט בענטשן זיך מיט אים און וואָס וואַקסט אַ צירונג פאַר דעם פאָלק ישראל.

ער פלעגט דאַן צעשפּרייטן זיינע אָרעמס, ווי ער וואָלט אַלץ און אַלעמען געוואָלט אַרומנעמען, זיין שטעטעלע, זיין טאַטע־מאַמען, זיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך, און ווי ער איז אַזוי געשטאַנען מיט אָפענע, צעשטרעקטע אָרעמס, פלעגט ער זיך אײנמיטן דערינען אַ כאַפּ אויף טאָן ווי פון אַ שמייכלענדיקן חלום, זיך שטאַרקער צעוויגן און וואַרעמער צעזינגען באַ דער גמרא און אָן אַלץ פאַרגעסן...

שמואל האָט אין דער ישיבה געפונען זיין היים, זיין ליבע, זיין אייביקן לעבן. ער איז געווען פאַרבונדן מיט דער אייביקייט. ער איז זיכער געווען, אַז עס וועט אָנקומען אַמאָל אַ „יום שכולו טוב“... הייגט די תורה! יעדן טאָג האָט ער אין איר געפונען אַ נייעם קוואַל, אַ נייעם אוצר. צו דער תורה איז ער געווען אייפערדיקער ווי צו גאָט אַליין.

ווי וואָלט די וועלט, ווי וואָלטן די מענטשן, — איבערהויפּט די ייִדן — אויסגעזען אָן איר, אָן דער תורה?! זיי וואָלטן דאָך געטאַפּט אין דער פינצטער. דאָס לעבן וואָלט דאָך דאַן מער ניט געווען ווי אַ פּוסטער לערער תהום...

דורך די ווענט פון דער ישיבה זיינען צו שמואלן נישט דערגאַנגען די קולות פון לעבן, און טאָמער זיינען זיי אַמאָל יאָ דערגאַנגען, זיינען זיי אַריבערגעשריגן געוואָרן דורך די פרומע אויסגוסן פון די ישיבה־בחורים באַ דער גמרא.

און אַז עס איז געקומען די מלחמה (פון 1914), וואָס האָט אויפגעציטערט די וועלט, זיינען די ישיבה־ווענט טויב געבליבן ווי פריער.

אַף דער מלחמה האָט שמואל געקוקט, ווי אַלע אַנדערע פרומע ישיבה־בחורים, ווי אַף עפּעס אַן אָנשיקעניש, אַ פּלאָג, אַ גאָטס שטראָף, ווי אַף אַ גויעשער זאַך, עשום אַן ענין. עס האָט אים נאָר ווייִ געטאָן און געאַרט פאַר דעם אומזיסטן ייִדישן בלוט, וואָס ווערט נעבעך פאַרגאָסן און פאַר די נייע גזירות, וואָס קומען אַף ייִדן.

נו, האָט ער נאָך שטאַרקער געלערנט, נאָך בעסער די עבודה געפּראַוועט.

און אַז די קלעפּ פון די האַרמאַטן זיינען שטאַרקער און נענטער

געוואָרן, און אַז די ערד פון אונטער דער ישיבה האָט אונטער זייער גע-ברום און גערודער געגומען ציטערן, האָט ער, צוזאַמען מיט אַלע איבערי-קע ישיבה־בחורים פון דער מיר, געמוזט ליידן אַ פּאָר טעג פון בטול־תורה. די ישיבה האָט זיך איבערגעפירט קיין פּאָלטאַווע, — עוואַקויִרט האָט עס אַף זייער גויעשן לשון געהייסן.

ווען שמואל איז אָנגעקומען קיין פּאָלטאַווע איז ער לכתחלה, מאָד-נע איבעראַשט געוואָרן:

אַ גרויסע שטאָט. ברייטע גאַסן ליגן אויסגעצויגן רחבותדיק איבער איר, איינגעטונקטע איןביימער און אין גרינס. די הייזער שטייען אַלע פּאַרוקט אַף הינטערווייל׳עכס, ווי זיי וואָלטן התבודדות געפּראַוועט. און אַזאַ שטילע איז זי די שטאָט! דאָס ביסעלע רעש, וואָס שטייט דאָ אין דער לופט, ווערט אויך פאַרלאָרן אין דער ברייטקייט פון די גאַסן און דערגייט נישט צו די הייזער.

דאָס ערשטע מאָל נאָר באַם אָנקומען האָט ער אַזוי באַטראַכט און באַוואונדערט די שטאָט. נאָכדעם האָט ער זיך שוין מער צו איר נישט צוגעקוקט. ער האָט נאָר געוווּסט דעם וועג פון זיין קוואַרטיר צו דער ישיבה און צוריק.

באַם אָנקומען קיין פּאָלטאַווע האָט זיך שמואלס לעבן מיט גאָרנישט געענדערט.. דאָס זעלבע לערנען מיט התמדה, דאָס זעלבע דאַווענען מיט געשמאַק און די אייגענע אייפערדיקע ליבע צו דער תורה. נאָר איין קליי-נער צופאַל האָט פּאַסירט: זיין שכן באַם לערנען האָט זיך דאָ געביטן. אָנשטאָט צו זיצן לעבן יאַנקל ווערזשבעלאָווער, דעם גרויסן מתמיד, וועלכער האָט יעדער ווײלע געלאָזט הערן זיין הייזעריקלעך־געדעמפּטן קול, וועלכער האָט זיך דירעקט פון זיין האַרצן אַרויסגעקוילערט וואָס ווייטער און ווייטער מיט אַלץ מערער אימפּעט און אַנטציקונג, ווי ער וואָלט יעדער רגע מיט אַ נייעם פּערל אויפגעטויכט פון די טיפענישן פון-נעם ים־התלמוד, ווי ער וואָלט אַ נייעם אוצר אָקאָרשט אַנטדעקט, וועל-כער האָט זיך שיעור פון זיינע הענט געקאָנט אַרויסגליטשן — אָנשטאָט לעבן אים, יאַנקל ווערזשבעלאָווער, איז ער איצט געזעסן לעבן יצחק אָראַנער.

יצחק אָראַנער איז געווען אַ בחור אַ יחסן. טאַקע דעם אָראַנער רבס אַ זון. נאָר אַ מאָדנער איז ער געווען, אָט דער יצחק. ער איז אויך געזעסן

א גאנצן טאָג און געלערנט, נאָר אָן א ניגון, אָן א ברען. זיין גאנצער האַלטן זיך באַם לערנען האָט אויסגעטייטשט: „נישטאָ פאַרוואָס נתפעל צו ווערן. מען האָט שוין געזען אַזוינע זאַכן"!

ווי א פרוכט-זאַמלער, וואָס נעמט די פירות אַראָפּ פון בוים און לייגט זיי אין קאָרב אַריין, אַזוי איז יצחק געשטאַנען באַם לערנען און אָנגעפּאַקט דעם קויש פון זיין זכרון מיט די ידיעות פון תלמוד. צום האַרצן איז דאָס לערנען אים נישט דערגאַנגען.

א פּאָר טעג האָבן זיך די נייע שכנים פרעמד אָנגעקוקט. נאָכדעם האָבן זיי פאַרפירט פון מאָל צו מאָל א שמועס אין אָן ענין, וואָס האָט גע־האַט א שייכות מיט דער סוגיא, וועלכע זיי האָבן געלערנט. ביסלעכווייז זיינען זיי זיך נענטער געוואָרן. איבערהויפּט איז שמואל יצחקן געפעלן געוואָרן פאַר זיין וואַרעמער נשמה פאַר זיין גראַדן שכל. מיט דער צייט האָבן די בחורים אָנגעהויבן צו שפּירן איינער צו דעם אַנדערן א וואַרע־מע נאָענטקייט.

יצחק האָט אָנגעהויבן צו פאַרפירן מיט שמואלן א שמועס וועגן וועלטלעכע זאַכן. ער האָט אים דערציילט פון זיינע ברידער, וועלכע זיינען געווען ציוניסטן און האָבן געשריבן אין די בלעטער. ער האָט אים אַמאָל אויך אַריינגעוואָרפן א געדאַנק, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון די ספרים-חצוניים.

שמואל איז געווען נישט נאָכגיביק אַף קיין האָר צו יצחקן. ער איז געשטאַנען קעגן אים ווי א לייב באַם פאַרצוקן, אויב ער וועט זיך נאָר וואַגן אָנרירן אָן זיין הייליקער תורה, ווי ער וואָלט געשפּירט די געפאַר פון פאַרלירן איר.

איינמאָל אין א פאַרנאַכט איז יצחק צוגעשטאַנען צו שמואלן, ער זאָל באַ אים נעמען א ביכל צום לייענען. דורך די פענצטער פון דער ישיבה האָט אַריינגעקוקט די אָנקומענדיקע נאַכט, וואָס האָט איינגעהילט אין אירע פליגלען, די סודות פון לעבן געטראָגן. שמואל האָט זיך גע־וואַקלט. נישט געוואָלט נעמען דאָס בוך. אָבער די לעצטע גאָלדענע פּאַס־מעס פון דער אָפּגייענדיקער זון און א שאָקל פון די ביימער האָבן אים א ווונק געטאָן אַף „יאָ". און ער האָט דאָס בוך מיט ציטער אין די הענט צו זיך אין קוואַרטיר אַוועקגעטראָגן.

יצחק האָט שמואלן אונטערגערוקט דעם „חטאת-נעורים" פון לילענ־

בלום, א צווייטן מאָל דעם „התועה בדרכי החיים" פון סמאָלענסקין, דעם „לאָן" פון פייערבערגן און אזוי יעדן טאָג אַן אנדער בוך.

לכתחלה האָט שמואל די ביכער צו דער ערד געשליידערט, האָט זיך געקאָכט, געהיצט, און אין זיך די מחברים געשאָלטן. נאָכדעם אָבער האָט ער די זעלבע ביכער אויפגעהויבן, זיי צאַרט געגלעט און ווידער אַמאָל זיי געלייענט און געלייענט.

שמואל האָט גאַנצע נעכט נישט געקענט שלאָפן. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט אין אַ סך זאַכן געגלויבט, ווייל ער האָט זיי נישט געוווּסט. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז גלויבן הייסט — ניט ווייסן, ווייל אין דעם וואָס מען ווייסט דאַרף מען דאָך נישט גלויבן.

„ווייסן, ווייסן, ווייסן!" האָט אין שמואלס קאָפּ געקלאַפּט אַ גאַנצע שלאָפלאָזע נאַכט און אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען אַן אנדערער, אַ פרייער, אָן קייטן, אָן פּענטעס. צו די תפילין האָט ער זיך שוין יענעם פרימאָרגן נישט צוגערירט, און אין דער ישיבה נישט געגאַנגען.

— —

שמואל איז ווייט, ווייט אוועק פון דער ישיבה. אויך זיין חבר יצחק האָט ער איבערגעלאָזט הינטער זיך. ער האָט זיך באַהעפט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער האָט דער דאַזיקער באַוועגונג אוועקגעשאָנקען זיין יוגנט-ברען, זיין ליבע, זיין לייב און לעבן. ער איז שטענדיק פאַרנומען געווען. ער האָט געאַרבעט, געלערנט, זיך און אנדערע. ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו חלומען.

נאָר, אַז עס פלעגט אַמאָל זיך דאָך באַווייזן אין זיין דמיון איצט זיין טאַטע-מאַמעס געשטאַלט, האָט ער מער נישט אויסגעשפּרייט די הענט זיינע אין דער לופטן, ווי אַמאָל צו אַ תפילה, נאָר ער האָט פאַרשטייפט זיינע פויסטן און אומבאַמערקטערהייט, פאַר זיך, געמורמלט: „ניין, טאַטע, ניין! דו ביסט נישט געבוירן געוואָרן זיך נאָר צו מוטשען אַף דער וועלט. ניין, דו דאַרפסט געניסן פון דיין לעבן, דו דאַרפסט געניסן".

— —

— — — — — — — — אַ שווערע ירושה האָט שמואל מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער ישיבה. ער האָט פון דאָרטן געבראַכט דעם זין פאַר אייבי-

קייט, פאַר אייביק לעבן, און די שרעק פאַר מלחמה. פאַרן טויט האָט ער אייגנטלעך, נישט מורא געהאַט. ער איז געגאַנגען אין די געפערלעכסטע שליחותן. ער האָט זיך נאָר געשראָקן פאַרן פּנים פון דעם טויט — די מלחמה. ער האָט בשום־אופן נישט געקענט באַגרייפן, אין זיין מוח האָט זיך נישט געקענט פאַטופיענען, אַז מענטשן זאָלן זיך באַפאַלן איינער דעם אַנדערן ווי די ווילדע, זיך שטעכן, שניידן שטיקער און רייסן איינער פון דעם אַנדערן „אבר־מן־החי". ער האָט מקנא געווען זיין חבר, דעם רויט-אַרמייער, וואָס, אַז ער פלעגט אַמאָל קומען אַף אָפּרו אַ פאַרוווּנדע־טער, האָט ער זיך געריסן צום פראָנט, נישט קענענדיק אויסזיין דעם אורלויב אין דער היים.

אים, שמואלן, אַרט אין דער אמתן אויך נישט צו גיין אַנטקעגן דעם געפאַר. נאָר דירעקט, פרייוויליק צו גיין אין דער מלחמה אַריין האָט ער קיינמאָל קיין מוט נישט געהאַט. ער האָט דערפון זייער געליטן.

געליטן האָט ער אויך דערפון, וואָס ער פלעגט אַמאָל אין אַ פרייען מאָמענט, זיך אַריינלאָזן אין אַ מין גריבלעניש אַזאַ. ער פלעגט עס אָנ־רופן „אָנפאַל". עס איז אים געבליבן עפּעס ווי אַ פּוסטער אָרט אין האַרצן פון דעם אַמאָליקן גלויבן זיינעם אין דער אייביקייט.

„צו וואָס קעמפ איך", — פלעגט ער דאַן טראַכטן, — „כדי אַלע־מען זאָל זיין גוט. נו, גוט. און אַז עס וועט שוין אַלעמען גוט זיין אין לעבן, טאָ וואָס וועט דעמלט זיין דער תכלית פון זיי אַלעמען? און לאָ־מיר זאָגן, אַז גוט לעבן אַף דער וועלט איז אַליין פאַר זיך אַ תכלית, טאָ וואָס וועל איך אָבער האָבן דערפון, אויב איך וועל שוין דעמלט נישט זיין אַף דער וועלט?" (דאָס האָט ער געזוכט דעם „פאַרוואָס" פון דעם מקריב זיין זיך פאַר דער רעוואָלוציע).

דאָס פלעגט אָבער אַף אים אָנקומען נאָר ווי אַן אָנפאַל פון משוגעת, וואָס האָט געדויערט אַ רגע. באַלד איז ער געקומען צו זיך און אין זיך אַליין אַריינגעטענהט:

„יאָ, דער תכלית איז טאַקע דיין און אַלעמענס לעבן. לעבן הייסט אָבער פריי זיין און שאַפן. און נאָר ווען אַ מענטש איז פריי און שאַפט, איז ער דער גאָט, דער וועלט באַשעפער, די אייביקייט.

„אַז מען לעבט הונדערט יאָר ווי אַ קנעכט, לעבט מען גאָרניט, ווייל מען לעבט דאַן נישט דאָס אייגענע לעבן, נאָר דאָס לעבן פון דעם האַר,

וואָס הערשט איבער דיר. דער קאַמף קומט טאַקע פאַר, כדי צו לעבן אַזוי ווי מען וויל. דאָס הייסט פאַרן לעבן אַליין. וואָרום איז דען דאָס אַ לעבן, ווען די ערד ציטערט אונטער דײַנע פיס? ווען מען שפּייט דיר אין פּנים? ווען דײַן בלוט ווערט דיר יעדער רגע צעקאָכט פאַר האַס און שרעק?"

איינמאָל איז שמואל געשיקט געוואָרן אין שליחות צו דעם פירער פון אַ דערבײַיִקער קרייז־שטאָט. שמואל האָט זיך באַקענט מיטן פירער און איז באַגייסטערט געוואָרן פון אים, פאַר זײַן קלוגשאַפט, מיט וועלכער ער האָט זײַן אַרבעט געפירט, ווי אַזוי ער האָט אויסגעמיטן צוזאַמענ־שטויסן און פאַר זײַן פאַרהיטן מענטשלעכע לעבנס. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי דיסקוטירט איבער פאַרשיידענע פראַגן פון דער באַוועגונג.

ווען שמואל האָט זיך אויף מאָרגן אינדערפרי אומגעקערט אין דער אָפּגערעדטער שעה צו דעם פירער פון דער קרייז־שטאָט אַהיים, האָט ער אים געפונען אַ טויטן.

באַנאַכט האָבן זיך אין זײַן וווינונג אַרײַנגעכאַפּט קאָנטרעוואָלוציאָ־נערן, באַנדיטן, און אים דערהרגעט.

שמואל האָט באַטראַכט דעם טויטן פירער. ער האָט זיך מיט גאָר־נישט געענדערט פון נעכטן. דאָס זעלבע מונטערע פּנים, ווי ער האָט אַי־בערגעלאָזט, נאָר אַ סך בלייכער. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס שווייגט ער אַזוי, ווייל ער האַלט באַם אַרויסזאָגן עפּעס אַ וויכטיקע זאַך, און ווייל ווערטער דאַרפן פירן צו מעשים, דערפאַר באַטראַכט ער זיי פריער אַזוי גוט, וועגט זיי איבער און מעסט זיי נאָך אַמאָל אָפּ, איידער ער ברענגט זיי אַרויס.

שמואל האָט ווידעראַמאָל אָנגעקוקט דעם מת און געזוכט, דורך וואָ־גען דער טויט איז צו אים געקומען. דאַן האָט ער דערזען אַ קליין לעבע־לע אין שטערן, ווי די קלענסטע מטבע די גרויס.

„אויב אַזוי" — האָט שמואל געטראַכט — „איז דאָך דאָס פּנים פון טויט גאָרנישט אַזוי שרעקלעך".

ער האָט דערשפּירט, אַז דער דאָזיקער פירער וועט אייביק לעבן אין אים און אין טויזנטער אַנדערע ווי ער, וואָס האָבן אים געקענט. ער האָט שוין געפילט, ווי ער קען זיך פון אים נישט באַפרייען, אַז ער וועט פון

אים ירשנען נישט נאָר די אידעאַלן, פאַר וועלכע ער איז געשטאָרבן, נאָר אפילו אַלע זיינע תנועות און העויות.

ער האָט פאַרשטאַנען, אז דער דאָזיקער חבר האָט אין זיין קורצן זיין אַף דער וועלט לאַנג געלעבט, און אַז ער האָט זיך מיט דער אייביקייט פאַרבונדן דורך זיין עקזיסטירן אין אַנדערע, וואָס וועלן לעבן זיין לעבן, ווייל זיי וועלן טאָן זיין ווילן.

א גאַנצע נאַכט האָט ער געוואַכט איבערן טויטן.

און אַז מען האָט אַף מאָרגן דעם פירעו דער ערד אָפּגעגעבן, האָבן די פויגלשע טרעלן און די זונען־שטראַלן, וואָס האָבן אים באַגלייט, ווי באַשטעטיקט שמואלס געדאַנקען.

און פון דאָרטן, פון דעם חברס לויה, איז שמואל אַוועק און האָט זיך פאַרשריבן אין דער רויטער אַרמיי.

1948

ניט לאַנג וועט דויערן דער ווינטער

„שלומקע, שלומקע, וואָס טראַכסטו זיך?! וווּהין גייסטו? דו זוכסט אַליין דעם טויט אַף זיך! דו קריכסט דאָך אַליין אין פייער אַריין!" — האָט רחל געוואָלט איבערצייגן איר עלטערן זון, אַ בחורל פון אַ יאָר ניינצן, אַ טונקל-געקרויזטן, אַ דאַרן, אַ צו הויכן פאַר זיין עלטער, מיט אַ קנופּ אין גאָרגל און מיט אַ פּאָר ברילן אָנגעלאָדן אַף זיין קענטיקלעכער יידישער נאָז, וואָס האָט נאָר געוווּסט פון זיינע ביכער און זיין באַוועגונג, ער זאָל היינטיקע נאַכט נישט גיין אַף דער פאַרזאַמלונג.

זי האָט אַליין נישט געוווּסט, ווי ווייט די פאַרזאַמלונג, אַף וועלכער איר זון גייט היינט, איז געפערלעך, אַז זי איז אַ געהיימע און אַז אויב זי זאָל אויפגעדעקט ווערן, די פאַרזאַמלונג, וועט מען זי אויפרייסן מיט קוילן און לאַקעס, נאָר איר מוטער־האַרץ האָט עס איר אונטערגעזאָגט. אגב האָט זי לעצטנס אַרויסגעשפּירט דעם געפאַר פאַר איר זון פון די גרויסע צייטונגס־קעפּ, וואָס האָבן אַראָפּגעשריגן פון אַלע ראָג־גאַסן, פון דעם ספּיקערס קול, וואָס האָט זיך דורך דער ראַדיאָ אַריינגעריסן אין מיטן עסן, און פון די אומהיימלעכע קלאַנגען, וואָס האָבן אָנגעפילט די לופט און זיך אַריינגעקבערט דורכן אויער אין מאָרך אַריין...

די דאָזיקע צייטונגס־קעפּ און די ספּיקערס האָבן אַלע טאָג דער־ציילט וועגן נייע אַרעסטן און פאַרשיקונגען פון די „פאַרעטערישע" קאָ-מוניסטן.

אויך דער דאָזיקער געשפּרעך איז געפירט געוואָרן מיטן אָנטייל פון דעם ראַדיאָ-ספּיקער באַ דעם נאַכטמאָל, צו וועלכן שלומקע פלעגט אַריינ־לויפן פון גאַס אַ צעשטורעמטער, פלעגט בליץ-שנעל אַריינשלינגען דאָס עסן, וואָס די מוטער האָט אים אונטערגערוקט און האָט קיינמאָל אפילו נישט געדענקט וואָס ער האָט געגעסן. ער וואָלט אינגאַנצן מוחל געווען דאָס עסן באַנאַכט אין דער היים. ער וואָלט זיך בעסער באַנוגנט מיט

כאַפּן ערגעץ אַ בים אין גאַס. ער פלעגט גיכער קומען צו נאַכטמאָל אַהיים, כדי זיך צו מעלדן פאַר דער מאַמען. אדרבה, זאָל זי זען, זאָל זי אים אָנ־קוקן און זיך איבערצייגן, אַז ער לעבט, אַז ער איז גאַנץ און אַז עס האָט גאָרנישט פּאַסירט מיט אים.

שלומקע איז שוין געווען געוווינט צו זיין מאַמעס טענות. ער האָט איר אויך דאָס מאָל געוואָלט איינעמען מיט זיין קינדעריש, נאַיון שמייכל, וואָס איז געווען געווענדט צו איר, מיט זיין שטענדיקן: „אַי, מאַמע לאָז צורו! איך מוז גיין!" און מיט זיין זייטיקן בליק, וואָס איז געווען געצילעוועט צום פאָטער און האָט דייטלעך אָנגעוויזן: „זעסט, ער איז מסכים"...

דאָס מאָל האָבן אָבער די דאָזיקע רוטינאַרע מיטלען נישט געהאָלפן. רחל האָט זיך גענומען באַנוצן מיט די אַלערלייִקע געווער, וואָס זיינען געלעגן פאַרבאָרגן טיף, אפן אָפּגרונט פון איר מוטערלעכן און ווייבלעכן אַרסענאַל.

זי האָט געצאָרנט און געגלעט, געשמייכלט און געטרערט, זיך געביי־זערט און איבערצייגט. זי האָט געפּרוּווט אויפווייזן איר שלומקען, אַז טאַקע צוליב דער זאַך, פאַר וועלכער ער קעמפט אַזוי, איז טאַקע אַ סך כדאיער, ער זאָל זיך פריער אויסבילדן, רייפער און עלטער ווערן, אַז דאַן וועט ער אַ סך מערער נוצן ברענגען דער באַוועגונג. זי האָט געפּרוּווט אירע כוחות און אַריבערגעפירט די אַטאַקע אין איר מאַנס זייט, אַף איר אַשרן. זי האָט אַפילו אָנגעווענדט דעם לעצטן מיטל, צו וואָרענען אַשרן, אַז טאָמער וועט חס־ושלום עפּעס פּאַסירן מיטן קינד, זאָל ער, אַשר, וויסן. דאָס אַף אים פאַלט די גאַנצע שולד. „ווו איז דאָס געהערט געוואָרן" — האָט זי געליאַרעמט — „אַז אַ טאַטן זאָל גאָר ניט אַרן, וואָס עס טוען זיינע קינדער. ניכאַי וואָלט ער זיך כאָטש אַריינגעמישט און אויסגערעדט אַ וואָרט!"

— „איך קען אים גאָרניט זאָגן. איך וועל אים נישט פאַרווערן צו גיין. עס איז אַ מלחמה. דוכטן, מען מאָביליזירט אונדזער זון צום קריג" — האָט אַשר דייטלעך און קלאָר אַריינגעזעצט די פּאָר יוערטער ווי אַ מענטש, וואָס האָט שוין פון לאַנג גוט דורכגעטראַכט פאַר זיך אַליין זיינע געדאַנקען, האָט זיי שוין פון אַ צייט קלאָר פאַר זיך, האָט זיי שוין אפילו

פאַרמולירט און אַז עס קומט די געלעגנהייט, ברענגט ער זיי אַרויס מיט דער גרעסטער לייכטקייט און פאַרשטענדלעכקייט.

שלומקע האָט פון אונטער די ברילן זיין טאַטן שמייכלענדיק אפּלאָדירט און רחל האָט צוליב די אַריינהאַמערנדיקע פּאָר ווערטער פון איר אָשרן, מיט אַ רעזיגנירנדיקער און ציטערנדיקער שטים, ווי פאַר זיך אַליין געמורמלט: „ער האָט דאָך אָבער נאָך גאָרנישט אָנגעהויבן צו לעבן! ער האָט דאָך אָבער נאָך גאָרנישט געלעבט...”

די גוטע, ערלעכע, גלייביקע און שעמעוודיקע אויגן שלומקעס האָבן זיך קוים אַרויסגעזען פון אונטער זיינע פּייכט־באַהויכטע ברילן. ער האָט מיט צו דעם טיש אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, זיך נישט וועלנדיק טרעפן מיט זיין מאַמעס בליק, גענומען ריידן מיט דער זעלבער קלאָרקייט ווי זיין טאַטע: „יאָ, מאַמע, נישט אָנגעהויבן צו לעבן! עס זיינען דאָך אָבער דאָ אַ סך, אַ סך מענטשן, וואָס האָבן נאָך זייער לעבן נישט אָנגעהויבן, וואָס האָבן נאָך גאָרנישט געלעבט, מענטשן פון זעכציק און זיבעציק יאָר, וואָס האָבן נאָך פון לעבן גאָרנישט פאַרזוכט. אומיצער לאָזט זיי ניט זייער לעבן אָנצופאַנגען. אומיצער לאָזט זיי ניט לעבן. איך וויל טאַקע לעבן! און אַ סך, אַ סך מיליאָנען מענטשן ווי איך ווילן נישט שטאַרבן, איידער זיי האָבן נאָך געלעבט. אָט דערפאַר דאַרף מען קעמפן, מאַמע!

שלומקע האָט זיך אַרומגעקוקט אַ פאַרשעמטער. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אפשר האָט ער באַנוצט אַ צו הויכע פראַזע, אַ צו שרייַיקן וואָרט. ער האָט מורא געהאַט, אַז די מאַמע זאָל אים נישט איראָניזירן און דערמיט צו נישט מאַכן זיין איבערצייגנדיקן אמת. דאָס וואָלט אים ווי געטאָן.

אינמיטן דערינען האָט זיך אַריינגעמישט דער ראַדיאָ־רעפּאָרטער. דאָס קליינע זיבן יעריקע טייבעלע האָט אים אויס שטענדיקער געוווינ־הייט אויך דאָס מאָל אין דער באַשטימטער צייט געעפנט דעם פּיסק:

— „אַ רעוואָלוציע אין באָגאָטאַ. די קאָמוניסטן מאָרדן אין רויבן”

— האָט ער איבערגעגעבן מיט דער געהעריקער אינטאָנאַציע און מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון זיין דיקציע.

— „טשילע קלאָגט אָן דעם ראַטנפאַרבאַנד פאַרן קאָמוניזירן טשע־כאָסלאָוואַקיע”.

— „אין בראזיל איז אויפגעריסן געוואָרן אַן אַרסענאַל דורך די קאָ־מוניסטן".

— „די קאָמוניסטן סאַבאָטירן דעם אייזנבאַן אין לאַנד".

— „די קאָמוניסטן פאַרמירן ספּעציעלע רייען באַם קאַווע-פּאַרקויף כדי אַרויסצורופן די אומצופרידנקייט בײַ דער באַפעלקערונג קעגן דער רעגירונג".

דער זעכצן־יעריקער וועלוול האָט גענומען פאַרזעצן דעם איבער־געריסנעם שמועס.

— „די גאַנצע וועלט האָט געדאַרפט אויפגעריסן ווערן דורך איין גרויסער באָמבע" — האָט ער נישט דרייסט און פאַרביטערט זיך אָפּגע־רופן.

וועלוול האָט בלינד געגלויבט אין דער פּערפעקטקייט פון דער דע־מאָקראַטיע. ער האָט זיך שטענדיק געהאַלטן אין איין אַרומרייסן מיט זיין עלטערן ברודער, שלומקען. ער איז געווען אַ געטרייער תלמיד פון דעם „רידערס־דייזשעסט". דער „רידערס־דייזשעסט" האָט אים אַלעמאָל דערציילט, ווען דער קנעכטשאַפט, אין וועלכער די רוסן קומט אויס צו לעבן, אַז זיי האָבן אינגאַנצן קיין אינדיווידועלן לעבן נישט. זיי זיינען נישט פריי צו טאָן, וואָס זיי ווילן. זיי קענען זיך נישט באַוועגן וווּ זיי ווילן. דאַקעגן האָט ער אים שטענדיק באַוויזן די פרייע, דעמאָקראַטישע אַמעריקע אונטער זונען-שטראַלנדיקער ליכט.

דער יונגער וועלוול האָט געהאַט זיין אילוזיע, זיין גלויבן און נישט קיין ביכער, נישט די דיסקוסיעס מיט זיין ברודער און זיינע חברים, ניט די איבערצייגנדיקע רייד פון זיין פאָטער האָבן דאָס בײַ אים געקענט אוועקרויבן.

איז אָבער געקומען דאָס לעבן, דאָס לעבן אַליין און האָט געגעבן דעם יונגן וועלוולען אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ, אַז עס איז אים אַזש פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. ער וואָלט אין יאָרן דורך קיין ביכער נישט גע־לערנט דאָס, וואָס ער האָט דערפאַרן אין משך פון חדשים בײַ אים אין לאַנד.

אַלץ, וואָס ער זעט אַרום זיך איז טונקל, שוואַרץ. די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, דאָס איז נאָר אַ שפּילצייג אַזאַ, אַ מין קאַלעקאַטקע, וואָס פאַרטויבט דאָס פאָלק דעם מוח עס זאָל נישט שרייען עסן. און שרייט

עם פּאַרט, זיינען דאָ אויסנאַמס־געזעצן, תּפיסות, קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אַנדערע זיבן זאַכן.

— „ע, ע, ע! וועלוועלע! וואָס פּאַר אַן אויפּרייסן וועלטן גאָר?! וואָס פאַר אַ באָמבעס?! ווו ברענט?! וואָס האָסטו קיין צייט נישט?" — מישט זיך אַריין דער פאָטער.

— „אויב שוין יאָ אומקומען, קען מען דאָך שוין בעסער קעמפן"...

— „קעמפן! אייביק קעמפט מען און די וועלט איז אַלץ פאַרדאָרבן"

— דערווידערט וועלוול.

— „איז ווי זשע מיינסטו, וועלוול? איז טאַקע איצט די זעלבע וועלט ווי פריער? האָט דאָס דיר גאָט פון הימל אַראָפּגעוואָרפן אַ וועלטעלע אַזאַ, מיט עלעקטריק, מיט ראַדיאָ, מיט טעלעפאָן, מיט וואַסערלייטונג, מיט פּאַרטיקע ביכער, ביבליאָטעקן, שולן און אוניווערזיטעטן?"

„האָסטו דען אין שול נישט געלערנט קיין געשיכטע? ווייסטו דען נישט, אַז אַמאָל איז געווען ערגער? ווייסטו דען נישט, אַז אַמאָל האָט מען געהאַנדלט מיט לעבעדיקע מענטשן, ווי היינט מיט אייגנטום און אַז דער מענטש־אייגנטימער האָט געוואָלט, האָט ער דעם מענטש־שקלאַף אומגעבראַכט אָן קיין שום שטראָף?" — האָט דער פאָטער אין וועלוולען אַריינגעטענהט און צוגעגעבן: „ניין, קינד מיינס, אַן אָרנטלעכער מענטש דאַרף זיין אַ גוטער צאָלער. די פריערדיקע דורות האָבן דיר עפּעס צוגע־טראָגן, טאָ טראָג אויך דו עפּעס צו פאַר די שפּעטערדיקע. דאָס הייסט לעבן. דער קאַמף אַליין דאָס איז טאַקע דאָס לעבן. אומקומען גאָר? גלאַט אַזוי?! עט, נאַרישקייטן!"

טייבעלע, וואָס האָט פלייסיק באַאַרבעט אַ גרויסן עפּל און געקוקט, דוכט זיך אפן באַלקן, האָט אַף אַ ווײַלע אַרויסגעצויגן אירע זאַפטיקע ציינדלעך פון אים און אַ זאָג געטאָן:

— „איך פאַרשטיי גאָרניט, וואָס איר רעדט דאָ די גאַנצע צייט. קיין איין וואָרט פאַרשטיי איך נישט. נאָר איך בין אינגאַנצן מסכּים מיטן פּאַפּאַ און מיט שלומקען!"

אַלע אַרום טיש האָבן זיך הילכיק פונאַנדערגעלאַכט און שלומקע האָט דערווייל אויסגענוצט די געלעגנהייט, זיך אַרויסצורוקן פון שטוב מיט אַ שטילן „אַ גוטע נאַכט".

אשר האט באגלייט זיין זון ביז צו דער טיר און אים אנגעזאגט צו זיין וואך און פארזיכטיק.

— „א ריכטיקער העלד" — האט ער אים געזאגט — „איז נישט דער, וואס זיצט אין קאנצענטראציע־לאגער, אדער אין תפיסה, נאר דער, וואס דרייט זיך ארום פון שונאס האנט און קעמפט און ברענגט נוצן".

— „איך וועל דאס נעמען צו קענטעניש. איך וועל מיך באמיען, פאטער!" — האט שלומקע געענטפערט מיט א קול און מיט אויגן, וואס האבן אויסגעדריקט ליבע און אנערקענונג.

דאס גאנצע הויז ליגט א געטריי־איבערגעגעבענע אין די שטארקע, שווארצע ארעמס פון דער נאכט. רחל האט געהאט א טבע, אז פון פאר־דרוס איז זי נאך שטארקער און לענגער געשלאפן. נאר איין אשרן האט דער שלאף נישט גענומען, בשום אופן אים נישט געקענט באוועלטיקן. האט ער גענומען א בוך אין האנט, האבן זיינע אויגן ארומגעבלאנדזשעט הין און צוריק אף איין ארט און ער האט גארניט געזען. איצט, אין דער שטילקייט פון דער נאכט, קלאפן רחלס ווערטער ווי די האמערס אין זיי־נע שלייפן: „געדענק, אשר, טאמער וועט עפעס פאסירן מיטן קינד, זאלסטו וויסן זיין, אז אף דיר וועט פאלן די גאנצע שולד".

שלומקע איז דאך פון שטענדיק אן געוועזן זיין ליבסטע קינד און ווער נאך ווי ער ווייסט, אין וואס פאר א געפאר זיין שלומקע געפינט זיך? מיט עטלעכע טעג צוריק איז ער נאר על־פי־נס נצול געווארן פון א בא־שיסונג, ווען ער האט זיך געפונען צווישן א גרופע פרייהייטס־קעמפנדיקע אוניווערזיטעט־סטודענטן... וואס זיינען אריינגעפאלן אין אן ארומרינגלונג פון די פאשיסטן. היינט די פראפאגאנדע, וואס עס ווערט קעגן שלומקען געפירט אין אלע פאשיסטישע צייטונגען: „דער ייד, דער קאמוניסט, וואס פאר־דארבט אונדזער שטודירנדיקע יוגנט!" פון רחלען באהאלט ער אויס שלומקעס ריכטיקע לאגע.

„יא" — טראכט ער זיך — „איך וועל זיין שולדיק". איך האב אים פון קינדווייז אן געלערנט צו קוקן אף דער וועלט מיט אפענע אויגן..."

אשר פארמאכט א ווײַלע זיינע אויגן און זעט זיין שלומקען נאך גאר א קינדעלע, מיט רונדע בעקעלעך און מיט בלאנדע, גלעקלדיק־גע־

קרויזטע לעקעלעך. ער דערמאָנט זיך, ווי ער פלעגט שטענדיק לויפן אַ היים, אַ געטריבענער פון דעם גליק צו קענען גלעטן אים זיינע בעקעלעך און קושן זיינע אייגעלעך. ווי ער פלגט שפאַצירן מיט אים איבער די גאַסן און ער האָט אים געהאַלטן אין איין פרעגן: „פאַפאַ פאַרוואָס?״.

— „פאַפאַ, פאַרוואָס גייט דאָס יִנגעלע באָרוועס?״

— „ווייל זיין פאָטער האָט אים נישט געקויפט קיין שיך״.

— „פאַרוואָס האָט ער אים נישט געקויפט?״

— „ווייל ער האָט קיין געלט נישט״.

— „פאַרוואָס האָט ער קיין געלט נישט?״

— „ווייל ער פאַרדינט ווייניק״.

— „פאַרוואָס פאַרדינט ער ווייניק?״

— „ווייל זיין באַלעבאָס באַ וועמען ער אַרבעט, פאַרדינט צופיל״.

— „פאַרוואָס נעמט דער באַלעבאָס צו דעם יִנגעלעס טאַטנס פאַרדינסט און דאָס יִנגעלע בלייבט אָן שיבעלעך?״

— „אַז דו וועסט גרויס ווערן, שלומקע, וועסטו נישט דערלאָזן, אַיינער זאָל צונעמען דעם אַנדערנס פאַרדינסט. גוט, שלומקע?״

— „גוט, פאַפאַ״.

נו, און שלומקע האַלט זיך שוין פאַר אַ גרויסן, פון זיין פערצן יעריקן עלטער אָן.

גייט ער אַף דעם וועג, אַף וועלכן איך האָב אים אַרויפגעפירט. וועל איך טאַקע זיין „שולדיק״, וואָס עס זאָל מיט שלומקען נישט טרעפן..

אָשרס אויגן קלעפן זיך צו אַף אַ רגע און ווי דורכן שלאָף דערכאַנט ער זיך, ווי אַזוי שלומקע האָט, אַלס פיר יעריקעס קינד, זיך איינמאָל אומגעקערט, פון גאַס אַהיים, אָן זיין „פאָנטשאָ״ (אַ וואַרעמער צודעק אַזאַ, וואָס מען טוט עס אָן איבערן קאָפּ). דעם „פאָנטשאָ״ האָט ער אים געבראַכט אַ מתנה פון דרום.

— „ווו איז דער „פאָנטשאָ״? שלומקע!״ — שרייט צו אים רחל

— און שלומקע — „איך ווייס ניט! איך ווייס ניט!״

— „שלומקע, מיר וועסטו דאָך אויסזאָגן, ווו דער „פאָנטשאָ״ איז?״

— ווענדט ער זיך צו אים. לאָזט זיך אויס: דעם „פאָנטשאָ״ האָט ער אַוועקגעגעבן אַ צווייטן יִנגעלע, וועמען עס איז געווען קאַלט.

רחל האָט זיך געוואַלט בייזערן אַפן קינד, האָט ער איר באַרויקט:

„אַ קנאַפּער אומגליק אין שטעטל. עס וועט שוין זיין אַן אנדער „פּאַנ־טשאַ"!

און פּונקט ווי דאַן, האָט ער אויך איצט, אין האַלבן דרעמלען, אויסגעצויגן זיין אָרעם אַ גלעט צו טאָן אים, שלומקען, איבערן קעפּל. ערשט ער דערפילט אַ קלעפּיקע פליסיקייט צווישן די פינגער. שלומקעס קעפּעלע איז צעקלאַפּט און צעבלוטיקט. די פּאַשיסטן האָבן דאָס אים צע־שפּאָלטן דעם קאָפּ...

אָשר גיט זיך אַ כאַפּ אויף פון בעט, שפּייט אויס, גיט זיך אַ טרייסל אָפּ פון דעם שרעקלעכן חלום און באַשליסט אָפּצוּוואַרטן שלומקען אַן אַנגעטוענער.

אָשר האָט זיך דערפילט מונטערער. ער האָט אין שלומקען דערזען זיך אַליין. זיין פאַרגאַנגענע יוגנט. ער האָט זיך דערמאָנט, אויך ער איז אַמאָל, אין די צאַרישע צייטן, געגאַנגען אין געפאַר, אין פייער אַריין, און איז שטענדיק אַרויס אַ גאַנצער, אַן אומבאַשעדיקטער. אויך שלומ־קען וועט גאָרנישט געשען. זיין גלויבן וועט אים דורכטראָגן, ווי אויף פּאַנ־צער־פליגלען, דורך אַלע געפאַרן...

עס האָט אים איצט וויי געטאָן דער ייִנגערער, וועלוול.

„אויב שלומקע" — האָט ער זיך געטראַכט — „געפינט זיך אין אַ געפאַר, שטייט דאָך וועלוול, פּשוט, פאַרן מויל פון אָפּגרונט. אַ קינד, קוים זעכצן יאָר אַלט, און עס דרייט זיך שוין אַרום אויף דער וועלט אַן אַנטוישטער, אַ פאַרביטערטער, אָן אַ גלויבן. מען מוז מער אַכט לייגן אויף אים, זיך מער מיט אים פאַראינטערעסירן", — האָט ער באַשלאָסן.

ווען שלומקע האָט אַ זייגער פיר פאַרטאָג אָנגעקלאַפּט אין טיר, איז אים אָשר אַ מונטערער אַנטקעגנגעלאָפן. ער האָט אים באַגעגנט, ווי אַ לאַנג־דערוואַרטן גאַסט, ווי ער וואָלט אים שוין יאָרן נישט געזען. ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן, נישט אַרויפצופאַלן אויף אים קושן.

— „נו, ווי איז עפּעס געגאַנגען, שלומקע?"

שלומקע האָט מיט פייער און מיט פרייד אין די אויגן און אין אַלע באַוועגונגען, אַ באַגייסטערטער, גענומען דערציילן דעם פאָטער, ווי אַזוי זיי האָבן אָפּגעהאַלטן דעם יוגנט־קאָנגרעס. ווי אַזוי זיי האָבן איבערגע־

כיטרעוועט די פּאַשיסטן. — באַשטימט געוואָרן איז דער פאַרזאַמלונגס־פּונקט אַף איין פּלאַץ און אין דער לעצטער מינוט האָט מען זיך פאַר־לעכוויז געדאַרפט לאָזן גיין צו אַן אַנדער אָרט. אַפן לעצטן פּלאַץ, וועגן וועלכן קיינער האָט פריער נישט געוווּסט, איז טאַקע די פאַרזאַמלונג אָפּגעהאַלטן געוואָרן.

מען האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז דער ערשטער זאַמלפּונקט איז טאַקע די זעלבע נאַכט באַפאַלן געוואָרן דורך די פאַשיסטן.

שלומקע האָט דערציילט גיך, גיך, ווי ער אַליין וואָלט זיך געוואָלט אַריבעריאָגן, כדי וואָס שנעלער צו פאַרשאַפן זיין פאָטער דעם פאַרדינטן פאַרגעניגן און דערביי האַרציק געלאַכט מיט פרייידיקע טרערן. און פאַר־ענדיקט האָט ער אַ זיכערער און אַ גלייביקער: „דאָס וועט שוין לאַנג ניט דויערן, פאָטער. דאָס וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן".

אָשר האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, גענומען ארומשפּרייזן איבערן צימער הין און צוריק, האָט אויסגעמאָסטן זיינע טריט, ווי צו אַ מאַרש און גענומען זינגען־מורמלען, ווי פאַר זיך:

„עס וועט לאַנג נישט דויערן דער ווינטער,
דער פרילינג איז נישט ווייט..."

שלומקע האָט מאָדנע און פאַרווירט אָנגעקוקט דעם פאָטער. שרעק האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן. „וואָס האָט ער זיך עפּעס אינמיטן דערינען אַזוי שקאָצעוואַטע צעזונגען און צעמאַרשירט, דער פאָטער?"

אָשר האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט שלומקעס בליקן. ער האָט פאַרשטאַנען זיינע געדאַנקען און אים געזאָגט:

„דאָס ליד, וואָס איך זינג, איז אַמאָל געווען זייער באַליבט בא דער יידישער יוגנט. זי געהערט צו דעם ייִדישן דיכטער אברהם רייזין. מיר, די רעוואָלוציאָנערן, האָבן דאָס ליד געזונגען אַנדערש, ווי דער טעקסט האָט זיך געלייענט. רייזין האָט אָנגעשריבן:

„הוליעט, הולעט, בייזע ווינטן,
היינט איז אייער צייט,
לאַנג וועט דויערן דער ווינטער,
צום פרילינג איז נאָך ווייט".

און מיר האָבן פאַרענדיקט:

„נים לאַנג וועט דויערן דער ווינטער
דער פרילינג איז נישט ווייט".

מיר האָבן דאַן נאָר געזונגען: „דאָס וועט לאַנג נישט דויערן". בײַ אונדז איז דאָס דעמאָלט געווען נאָר אַ חלום, אַן אָנזאָג, אַ בשורהדיקע נבואה. מיר האָבן דאַן געענדערט דעם פאַרצווייפלטן געזאַנג פון אונדזער דיכטער, וואָס האָט באַזונגען יענע ווירקלעכקייט. בײַ דיר, שלוימקע, איז דאָס דורכגעטראַכטע פראָזע, דײַנע אייגענע ווערטער. דו זעסט, אַז „דאָס וועט לאַנג נישט דויערן". דו שטייסט פאַר דעם שוועל פון אַ נייער צייט, פון אַ נייער וועלט. איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב דיר ביז צו דעם דאָזיקן שוועל דערפירט. שפּרייז ווייטער, מײַן קינד, אַ מונטערער און אַן ערלעכער און טרעט אַריבער דעם שוועל אין דער נייער וועלט אַרײַן. צו דיר געהערט זי...

.1948

דאָס בילד

ראובן ברויטמאַן איז געווען אַ מענטש פול מיט לעבן. נישט נאָר איז ער אַליין געווען אַ רירעוודיקער, אַן ענערגישער, נאָר יעדער מוסקול פון זיין פּנים, זיין יעדער קער און באַוועג איז געווען אָנגעגאָסן, אָנגעפּילט מיט לעבן און כאַראַקטער.

ברויטמאַן איז געווען פול אומעטום. ער האָט געקירעוועט מיטן יידישן, געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַמעריקע און האָט זיך באַטייליקט אין אַלע געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוועס. פון אייניקע אָרגאַניזאַציעס איז ער אַפילו געווען דאָס האַרץ און דער קאָפּ. ער איז שטענדיק געווען פול מיט נייע געזעלשאַפטלעכע אויפטועו, מיט נייע פּלענער און אידייען. אַ חוץ דעם האָט ער אַלץ געהאַט אין זינען. האָט נישט פאַרגעסן צו קאָנטראָלירן די קלענסטע דעטאַלן אין גאַנג פון די אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע ער איז געווען טעטיק. ער איז געווען — ווי מען זאָגט — דער ריכטיקער געזעלשאַפטלעכער טיפּ. ער איז געווען פון די מענטשן, וואָס לעבן און אָטעמען נאָר מיט דער געזעלשאַפט. אַז מען האָט געוואָלט זיך פאָרשטעלן ברויטמאַנען, האָט מען דאָס אַנדערש נישט געקאָנט טאָן, ווי זעענדיק אים אַרומגערינגלט אין דער געזעלשאַפט פון אַנדערע.

קיינער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי אָט דער ברויטמאַן נעמט נאָך צייט צו פאַרדינען אַף חיונה, צו פירן אַ פאַמיליען־לעבן, וואָרום אַ חוץ זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, האָט ער נאָך אויך געשריבן אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן.

איז טאַקע, באמת, זיין פאַמיליען־צוזאַמענקונפט — איינמאָל אַ טאָג, באַם מאָלצייט — פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליינעם מיטינג. די קינדער זיינע האָבן אים באַריכטעט וועגן זייער לערנען, וועגן זייער אָנטייל אין דער יוגנט־באַוועגונג, זיי האָבן זיך אָפּטמאָל מיט אים באַראַטן וועגן פאַרשיידענע אָנגעלעגנהייטן און דיסקוטירט מיט אים די טאָג־נייעס.

אָבער קיינער האָט נישט געקענט אגען, אַז אָט-דער רעשיקער ברויט־מאַן, לעבט זיך אויך אויס אינדיווידועל, פאַר זיך אַליין; אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע ווינקלען אין זיין אינערסטן לעבן, וואוהין קיינער און קיינעמס אויג פאַרבלאָנדזשעט אפילו נישט. אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע פאַרבאָרגענע קוואַלן אין זיין לעבן, פון וועלכע נאָר ער אַליין שעפּט...

און מאָדנע. נישט קוקנדיק, וואָס ברויטמאַן האָט שוין אָפּגעלעבט דרייסיק פון זיינע רייפסטע יאָרן אין אַמעריקע, נישט נעמענדיק אין אַכט, וואָס זיינע טריט אַפן אַמעריקאַנער באָדן האָבן איבערגעלאָזן סמנים פון זיין לעבן, נישט קוקנדיק, וואָס נישט איין קולטור-אינסטיטוציע, אָדער אַנדער געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע איז געבויט געוואָרן — ווי מען זאָגט — מיט זיינע הענט, נישט קוקנדיק אף דעם אַלץ, האָט ער, ווען ער איז אויסגעשעפּט, אויסגעטריקנט און אויסגעמאַטערט געוואָרן פון זיין טאָג־טעגלעכער מי, זיך אָנגענומען מיט כוח און מוט, זיך אָנגעזויגן מיט זאַפט, כדי ווייטער צו קענען פאָרזעצן זיין אַרבעט, אַראָפּטויכנדיק אַפן גרונט פון זיין לעבן, אַריינלאָזנדיק זיך אין די דערינערונגען פון זיין יוגנט.

אמת ער האָט זיך געשטאַמיקט און איז אויסגעוואַקסן אין אַמעריקע, אָבער געצויגן זיין חיות פאַרן קיום האָט ער דורך די וואָרצלען פון זיין לעבן, זיין יוגנט...

די דרייסיק יאָר לעבן אין אַמעריקע האָבן באַ אים אויסגעזען אַ קלייניקייט, אַן עפּיזאָד, אַנטקעגן זיין פאַרגאַנגענהייט. די גאַנצע גרויס פון זיין לעבן האָט ער געזען אין זיין אַמאָל, אין זיין יוגנט, אין זיין דאָרטן. „דאָס יינגערע, דאָס אַמאָליקע לעבן זיינס, דאָס קירצערע, איז דעריבער פון אַזאַ פאַרנעם פאַר אים“, האָט ער זיך אָפּט געטראַכט, „ווייל אין יענעם זיינען אויסגעוועבט געוואָרן די גרעסטע חלומות פון זיין צוקונפט, די שענסטע פאַנטאַזיעס זיינע. דאָס היינטיקע לעבן איז אפילו ניט קיין אָפּגלאַנץ פון די אַמאָליקע טרוימען“.

און דערפאַר איז ראובן ברויטמאַנס לעבן געווען צוגעבונדן מיט טויזנטער פעדים צו זיין אַמאָל, צו זיינע אַלטע יוגנט-פריינט, צו זיינע אַמאָליקע תלמידים, וואָס האָבן זיך געפונען פון יענער זייט ים, צו אַלץ, וואָס דאָרטן האָט געלעבט.

ער האָט געוווּסט, אַז מיט זיין וואָרט דערגרייכט ער צו זיי און אַהין

האָט ער אים טאַקע געצילט: ער איז געווען זיכער, אַז פּונקט ווי זיי לעבן אין אים, אַזוי לעבט ער אויך אין זיי...

אין די לעצטע פּאָר יאָר, זייט די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און דער אמת האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין גרוילעכער פון יעדן חלום־געשפּענסט, זייט ראובן האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם אומקום פון מיליאָנען ייִדן אין אייראָפּע, גייט ער אָפט אַרום, נישט ווי זיין שטייגער איז, אַ פאַרחלומטער, אַ פאַרטראַכטער. ברויטמאַנען פעלט אַ שטיק פון זיין לעבן. ער ווייסט, אַז צוזאַמען מיט זיינע יוגנט־פריינט און געליבטע איז אומגעקומען אויך אַ שטיק פון אים, אַ שטיק פון זיין „איך", וועלכן זיי האָבן אין זיך געטראָגן, און דאָס דאָזיקע פעלט אים. ער שפּירט, ווי איין העלפט פון אים גייט אַרום דאָ אַף דער וועלט, קלאַמערט זיך מיט אַלע כוחות אָן לעבן, ווייל אים אָנהאַלטן אַף צו להכעיס די שונאים, און זיין צווייטע העלפט איז אָפּגעריסן געוואָרן און שוועבט אונטער אַ נעפּלדיקן וואָל פון געדיכטע חלומות.

אָפטמאָל באַפט ער זיך אויף פון זיין פאַרטראַכטקייט מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט און געאייל, ווי איינער, וואָס וויל פאַרכאַפּן די אומזיסט פאַרלוירענע צייט. ער נעמט זיך דאַן מיט מער חשק צו זיין אַרבעט, ווי אַ מתמיד, וואָס וואָלט געוואָלט אַלץ מערער און מערער אַריינכאַפּן.

ברויטמאַן רעדט דאַן אַריין אין זיך אַליין: „יאָ, איך האָב טאַקע אויפגעהערט צו לעבן אין זיי, מיינע ליבע, אָבער זיי לעבן דאָך אין מיר. איך קאָן דאָך זיי נישט פאַרגעסן".

ער שטעלט זיך זיי אַלעמען פאָר אין זייער לעצטן גאַנג פון לעבן. דאָס האָט געמוזט זיין דווקא אין אַ זוניקן טאָג. דאָס לעבן האָט זיי אַרומגענומען פון אַלע זייטן, און זיי, די גלייביקע, האָבן זיך מיט אים, מיטן לעבן, געזעגנט, און זייער לעצטער פאַרלאַנג איז דאַן, מסתמא געווען, אַז מיר, איך, און מיליאָנען ווי איך, זאָלן פאַרזעצן צו לעבן זייערע אָפּגעשניטענע טעג, זאָלן טאָן זייערע איבערגעהאַקטע ווילנס, זאָלן דערשפּינען זייערע איבערגעריסענע האָפענונגען. אין זייער לעצטן מאָמענט פון זייער זיין אַף דער וועלט, ווען דאָס לעבן אין זיי האָט ווירבלענדיק געיאָגט,

האָבן זיי אונדז זיכער פאַר זייערע אויגן געזען און אונדז איבערגעשיקט די גישט-אַרויסגעזאָגטע צוואה, מיר זאָלן אויך אויסלעבן זייער לעבן און נעמען זייער נקמה. „און לעבן זייער לעבן, נעמען זייער נקמה" — טראַכט ברוינטמאַן — „הייסט לעבן ווי זיי האָבן געלעבט". און דערפאַר זעט ברוינטמאַן אין דעם פאַרשפּרייטן פון נאָך אַ ייִדישן בוך, אין עפענען נאָך אַ ייִדישע שול, אין געבן נאָך אַן אויפקלערונגס-לעקציע — דאָס דער-פילן און אויספילן דעם לעצטן ווילן און דעם ליידיקן פּלאַץ פון זיינע לי-בע, פון זיינע פריינט.

באַטאָג באַהערשט זיך נאָך ווי עס איז ברוינטמאַן, באַ זיין טעטי-קייט, באַ זיין אַרבעט. ווי ער ווערט אָבער פריי פון זיין אַרבעט, נורעט ער זיך איין אין דער וועלט פון זיינע פאַנטאַזיעס און חלומות.

ווי ער גייט נאָר אַריין אין דער אונטערערדישער באַן, מאַשטשעט ער זיך איין ערגעץ אין אַן אָפּגעזונדערטן ווינקעלע, ווייט פון מענטשנס אויג, און אין זיין זעונג שיילן זיך אויס פאַר אים געשטאַלטן, וואָס ער האָט זיי שוין לאַנג פאַרגעסן.

אָט זעט ער זיך אַלס פּיצל קינד. ער שפּילט זיך אָפּן גאַניק פון זייער הויז. די זון צעלייגט זיך רחבותדיק איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס. אירע שטראַלן גאָלדיקן זיך אָפּ אין דעם גלאַנץ פון זיינע בלאָנדע לאָקן, וואָס קיין שער האָט זיי נאָך קיינמאָל נישט באַרירט. מיט איין האַנט שפּילט זיך אַ ווינטעלע מיט זיינע האָר, קרייזלט זיי און קושט זיי, און מיט דער אַנדערער האַנט טוט עס עווא בערנשטיין, דעם הויזווירטס טאָכטער, אַ שלאַנקע זיבעצן-יעריקע מיידל, אַ לייכטע ווי אַ פויגל. אירע פינגער פאָרן אַריין אין די האָר פון זיין קעפּעלע און זי זינגט דערביי אַרויס: „ראובעלע, נאַ דיר אָט דעם הויפן „ראַקעלעך" (אַזוינע קאָנ-פעקטלעך) און לאָז זיך אַ קוש טאָן". ער אַנטלויפט דאַן אין פּחד אין שטוב אַריין און פון ווייטן הערט ער דאָס טרעלן פון איר געלעכטער.

ראובן פאַרויטלט זיך איצט באַם טראַכטן, און טוט דערביי אַ פאַר-לעגענעם שמייכעלע, ווי ער האָט עס אַמאָל געטאָן, ווען ער פלעגט איר טרעפן, נאָכדעם ווי ער איז שוין אויסגעוואַקסן.

פלוצלינג גיט ער מיט זיין האַנט אַ וויש אָפּ זיין פּנים פון אויבן אַראָפּ, ווי ער וואָלט פון דאָרטן פאַרטרייבן אַ געשפּענסט. דאָס האָט ער מיט זיין האַנט געוואָלט אָפּווישן די זעונג, וואָס האָט זיך אָקאָרשט פאַר

אים באַוויזן. דאָס האָט ער געזען איר, עוואַן, גייענדיק צו איר אייגענער לויה, צוזאַמען מיט אַנדערע טויזנטער. דאָס איז נישט געגאַנגען די היינטיקע באַאָרנטיג פרוי, נאָר די דעמאָלסדיקע זיבעצן־יעריקע עוואַ בערנשטיין און ווי דאַן, האָט זי די ערד נישט אָנגערירט באַם גיין. אירע אויגן האָבן זיך דעמאָלט געפעביקט אַנטקעגן דעם גלאַנץ פון דער זון. און ווען די קויל האָט איר געטראָפן, איז זי נישט געפאַלן צו דער ערד, נאָר זי האָט זיך אויפגעהויבן ווי אַף פליגלען, אינדערהויך, צום הימל אַרויף.

„און וואָס איז מיט ניסנען? ניסן, זיין קינדהייטס־חבר?"

ער דערמאָנט זיך, ווי ער פלעגט זיך טיילן מיט אים אין חדר די געריכטן וואָס זייערע מאַמעס האָבן זיי מיטגעגעבן, און טאָמער האָט זיך איינער פון זיי אָנגעהויבן צו חברן מיט נאָך אימיצן, פלעגן זיי ווערן אייפערזיכטיק.

ער האָט זיך מיט אים דערנאָך געטראָפן אין דער ישיבה. „נסן דער מתמיד", האָט ער דאָרט געהייסן. אַז ער איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי ניסנס שטענדער, פלעגט ער אים זען אַ צערויטלטן. זיין שטימע האָט געקלונגען מיט צופרידנקייט, מיט געוואַלדיקן גייסטיקן פאַרגעניגן. ער פלעגט קיינמאָל נישט מפסיק זיין אינמיטן לערנען, כדי צו שמועסן מיט אים, נאָר מיט זיינע גוטע, ברייט־אָפענע אויגן, פלעגט ער אים אַ ווײַלע באַגלייטן. די דאָזיקע בליקן האָבן צו אים אַ סך, אַ סך גערעדט און האָבן אים דורכגעוואַרעמט דורך דער פלייצע אַף דורך און דורך...

ער זעט אים איצט אין זיינע מחשבות ווי דאַן שטיין באַם שטענדער, זינגענדיק זיין גמרא־ניגון און מיט די אויגן ברייט־צעעפנטע, קוקנדיק אַף אים, פאַלט ער מיט אַן איבערגעריסענעם קול...

לענגער שטעלט זיך ברויטמאַן אָפּ אין זיינע רעיונות, ווען ער דערמאָנט זיך אָן מלכה אַבראַמאָוויטש.

באַקענט מיט איר האָט ער זיך, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר אַכצן. די געביידע פון לערער־סעמינאַר, ווו ער האָט דאַן געלערנט, און די גימנאַזיע, וואָס מלכה האָט באַזוכט, האָבן זיך געפונען אַף איין הויף.

ווען ער האָט זיך נאָר מיט איר געטראָפן, פלעגן אים אירע אויגן מאָדנע צעגליען און זיינע באַקן צעצונטערן. באַם לאַכן פלעגט זיך איר נעזל עפּעס אַזוי מאָדנע צעלייגן אין קנייטשעלעך. אין זיינע אויגן האָט

עס געהאט טויזנט טעמים. דאָס חן-גריבל אין באַק האָט זיך בײַ איר דערבײַ טיפער געעפנט און געבעטן זיך צו דעפּאָזיטירן אהין די געגאַר־טע קושן.

נאָכדעם האָט ראובן מלכהן פון אויג פארלאָרן אויף גאַנצע צוויי יאָר.

ער האָט זיך פאַר דער צייט באַטייליקט אין בירגער־קריג. ער האָט אָבער שוין מלכהן נישט געקענט פארגעסן.

אין די מאָמענטן פון גרעסטן געפאַר, ווען ער האָט זיך באַגעגנט פנים־אל־פנים מיטן טויט און זיך שיעור נישט איבערגעגעבן א מידער אין זײַנע אָרעמס, איז נאָר געווען געגנוג, אז פאַר זײַנע אויגן זאָל א גלאַנץ טאָן דער אָפּשײַן פון מלכהס געשטאַלט, ער זאָל דערזען די שטראַלנדיקע קנײַטשעלעך פון איר נעזל, דאָס ער זאָל זיך ציען צום לעבן, ווי א גרעז־זעלע צו דער זון...

פון בירגער־קריג האָט ער מיטגעבראַכט צוריק צו זיך אהיים, אין דער ליטע, נאָר זײַן גוף, א יונגן, א צעבליטן, און א גאַנצן, באַצויגן מיט האַלב־מיליטערישער קליידונג, אונטער וועלכער עס האָט געצאַפּלט זײַן יונג הארץ, און חלומות, חלומות אָן א שיעור.

ווי פריידיק עס איז געווען פאַר אים דער מאָמענט ווען ער האָט זיך ווידעראַמאָל געטראָפן מיט מלכהן, א מער רײַפערער און א מער צע־וואַקסענער. ער האָט איר דאַן געהאַט אַזויפיל צו דערציילן און דערציילן פון זײַנע איבערלעבענישן. עס האָט געשטראָמט פון אים מיט גלויבן און מיט ליכט. ער האָט דערציילט און זי האָט זײַנע ווערטער געשלונגען א פאַרטראַכטע. איר נעזל האָט זעלטן איצט געשמייכלט.

ראובן האָט אין א קורצער צייט אַרום געמוזט פאַרלאָזן זײַן היימ־שטאָט צוליב דער אַרבעט.

פון דערווײַטן האָט ער מלכהן געשיקט ביכער, פּיראָונצוואַנציק־זײַטיקע בריוו, גרוסן און בילדער. און פון איר קיין איין וואָרט נישט. עס איז אוועק א חודש, צוויי און ראובן האָט געפּלאַצט פאַר פאַרדרוס און באַליידיקונג. סטייטש! ניכאַי וואָלט זי כאָטש געענטפערט א וואָרט, ער זאָל מער נישט שרײַבן, ניכאַי וואָלט זי כאָטש געלאָזט הערן פון זיך, אז זי לעבט!

ראובן האָט פאַרלאָרן דעם געדולד און אין איין שיינעם טאָג האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אוועק צו זיך אהיים, צו זײַן שטאָט.

נאָך דעם זעלבן אָוונט האָט ער באַזוכט מלכה אַבראַמאָוויטשן. זי האָט אים פֿריינטלעך אויפֿגענומען. זיי האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין אַ האַרציקן געשפּרעך. און איידער ראובן האָט נאָך באַוויזן צו געפֿינען דעם וועג, ווי אַזוי צו דערגיין די סיבה פֿון איר נישט ענטפֿערן אים אויף זיינע בריוו, האָט זיך מיטאַמאָל אָן עפֿן-אויף געטאָן די טיר פֿון מלכהס צימער. איר מוטער האָט אַריינגעשטעקט אַהין דעם קאָפּ אירן און האָט אַריינגעוואָרפֿן אַ זאָג:

— „מלכה, האָסט פֿאַרגעסן, אַז באַרים וועט באַלד קומען דיך נעמען אין טעאַטער?"

די דאָזיקע פּאָר ווערטער האָבן אויפֿגעבונדן דעם פֿאַרפּלאָנטערטן קנויל, פֿון וועלכן די צוויי יונגע מענטשן וואָלטן זיך אַזוי לייכט נישט געקענט אַרויסבאַקומען. אויף ראובענען האָבן זיי געווירקט, ווי אַ קאַלטער שפּריץ אויף אַ צעהיצטן מענטשן. ער איז נאָך געזעסן אַ ווײַלע בײַ מלכהן אין צימער, נישט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט. ער איז געזעסן און מעכאַניש געבלעטערט אַן אַלבאָם, וואָס איז געלעגן אויפֿן טיש און אין זיין אינעווייניק האָט ער זיך אַליין געזידלט: „בלינדער נאַר, וואָס דו ביסט, תּם, לעקיש! מיט וועמען גייסטו קאָנקורירן, מיט אַ באַנק-אָנגעשטעלטן?! מיט אַן אויסגעפּוצטן בחור, וואָס גייט אויף באַנקעטן און בעלער?!"

מלכה איז געזעסן אין אַ ווינקל. איר גוף איז מיטאַמאָל איינגעשרומפּן און קלענער געוואָרן, דאָס פּנים אירס האָט זיך גערויטלט. דערווייל האָט ראובן אין אַלבאָם געפֿונען זיין בילד, וואָס ער האָט מלכהן נישט לאַנג געהאַט געשיקט. ראובן האָט דאָס בילד איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט. דאָרטן האָט זיך געלייענט: „צום אָנדענק פֿון איינעם, וואָס לעבט פֿאַר..."

ראובן האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט, זיך אויסגעגלייכט, האָט באַקומען אַן אויסזען, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל אויף צען קעפּ העכער אויסגעוואַקסן, האָט זיך דערנענטערט צו דער ליכט, וואָס האָט געברענט אויף דער פּיאַנאָ, צוגעטראָגן זיין בילד צו דער ליכט און אַ פֿלאַם האָט באַלויכטן דעם קליינעם מיידליש-אויסגעפּוצטן צימערל.

מלכה האָט זיך דורך דעם פֿלאַם אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון אַ שווערן חלום, האָט זיך געכאַפּט, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. איר האָט זיך געדוכט, אַז נישט אַ קאַרטאָנען-בילד איז דאָ איצט פֿאַרברענט געוואָרן, נאָר ער,

ראובן, איז דאָס פאַרברענט געוואָרן אַ לעבעדיקער, און צום ערשטן מאָל האָט ראובן דערזען, ווי פון די ווינקלען פון אירע אויגן האָבן אַרויסגעגלאַנצט אַ פּאָר בריליאַנטן, וואָס אָט־אָט צעגייען זיי זיך, צעגיסן זיך אין טרערן און פאַלן אַראָפּ אויפן נעזל, אויף דעם זעלבן נעזל אירם, וועלכן ער האָט אַזוי ליב געהאַט צו זען. די שטענדיק שמייכלענדיקע קנייטשעלעך פון איר נעזל האָבן דאָס מאָל ביטער געוויינט און אַ קריסטאַל־ריין־גלאַנציקע פליסיקייט האָט דורך זיי, דורך די קנייטשעלעך, זיך גלייך אַראָפּגעגאָסן אויף דער ערד ווי דורך דינע רינעלעך...

ראובן האָט איר דעם לעצטן האַנט־דרוק דאַן געגעבן, האָט דעם לעצטן מאָל צוגעמאַכט די טיר פון איר הויז און איז פון דאָרט אוועק, ווייט, ווייט, ביז צום היינטיקן טאָג...

די הילפס־אָרגאַניזאַציע, ווו ראובן ברויטמאַן איז געווען טעטיק, האָט געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין אייראָפּע. ברויטמאַן איז אין דער דעלעגאַציע געווען פאַרטראָטן.

ער איז געפאָרן קיין אייראָפּע מיט אַ דאָפּלטן געפיל. פון איין זייט האָט ער כאָטש נאָך איין מאָל אין זיין לעבן געוואָלט אָנקוקן דאָס אָרט, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, זיין היים, זאָל זי אַפילו זיין אַ חרובע, אַ צעשטערטע. פון דער אַנדער זייט, האָט ער מורא געהאַט צו צעשטערן די אילוזיע זיינע, פון דעם „אפשר". „אפשר" איז פאָרט אַלץ ניט ריכטיק? ער האָט זיך געשראָקן פאַרן אָנטרעפן זיך מיט דערווירקלעכקייט, אין וועלכע עס ווילט זיך אים בשום אופן ניט גלויבן.

דאָס ערשטע לאַנד, וועלכע די דעלעגאַציע האָט באַזוכט, איז געווען פראַנקרייך. אויפן צווייטן טאָג נאָכן אָנקומען אַהין איז די דעלעגאַציע געגאַנגען אָנקוקן די קינדער־היימען פון דעם „אוניאָן". דער קינדער אַנשטאַלט, וואָס די דעלעגאַציע איז געגאַנגען זען, האָט זיך געפונען הינטערן שטאָט.

דער פרימאָרגן איז געשטאַנען אַ צעלויכטענער, אַ שטיפערישער, אַ פרייִלעכער און אַ זאָרגלאָזער. די דעלעגאַטן און די טוער פון „אוניאָן" זיינען געווען באַזונדער גוט אויפגעלייגט. די זון האָט ווי מיט אַ כיוון קאָנצענטרירט אירע שטראַלן אויף דעם קינדער־אַנשטאַלט, און האָט זיי

מיט א ברייטער האַנט געוואָרפן אין גאַנצע גארבן אפן דאַך, אַף די ווענט און אין די פענצטער אַריין, ווי זי וואָלט איצט געוואָלט אָפּצאָלן אַן אַלטן חוב...

דער פּאַלאַץ, אין וועלכן דער קינדער־אַנשטאַלט האָט זיך געפונען, האָט זיך קאָקעטיש געשטאָלצט און געגלידערט אַנטקעגן דער זון. דורך די ווענט פון דער געביידע האָט זיך צום דרויסן געריסן פרייד, לעבן און געזאַנג, דאָס זינגען און לאַכן פון הונדערטער קינדער.

די דעלעגאַציע איז אויפגענומען געוואָרן אין אַ ליכטיקן און גרויסן זאַל, פון וועמענס ווענט עס האָט אַראָפּגעגלאַנצט דער שטאָלץ פון דעם ייִדישן פאָלק.

אין זאַל זיינען געווען פאַרזאַמלט די קינדער און די דערציער. ברויטמאַנען איז אויסגעקומען צו ריידן אַ פּאָר ווערטער פאַר די קינ־דער אין נאָמען פון דער דעלעגאַציע.

„טייערע קינדער" — האָט ער געזאָגט — „היינט, ווען איך טרעף אייך דאָ צוזאַמען, געזונטע, לעבעדיקע, פריילעכע און מונטערע, איז דער גליקלעכסטער טאָג פון מיין לעבן. איר זיינט די צוקונפט און די האָפענונג פון אונדזער אייביק־געפייניקטן און אומשטערבלעכן פאָלק. דער ריינער זילבער־געקלאַנג פון אייער געלעכטער שטאַרקט מיר, ווי דער זויבערער וואַסער־קוואַל דעם דורשטיקן. דער גלאַנציקער לויכט פון אייערע אומשולדיקע אייגעלעך מאַכט מיר ליכטיקער די שיין פון דער וועלט. איך באַגריס אייך אין נאָמען פון די אַמעריקאַנער ייִדישע קינדערלעך און זאָג אייך צו, צו ווידמען מיין לעבן פאַר אייך..."

די גאַנצע צייט, וואָס ברויטמאַן האָט גערעדט, האָט זיך אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף צוגעהערט מיט באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט און ווען ער האָט פאַרענדיקט דאָס ריידן, איז איר פּנים באַלויכטן געוואָרן מיט אַזאַ מין גליקזעליקן שמייכעלע, ווי בא איינעם, ווען ער געפינט עפּעס אָפּ זייער אַ טייערע זאַך, פון וועלכער ער האָט זיך שוין לאַנג מיאש געווען. איר נעזל האָט זיך בעת־מעשה עפּעס אַזוי מאָדנע האַר־ציק צעקנייטשט און די זונען־שטראַלן האָבן זיך דערביי אַהין פאַרגני־בעט...

ראובן האָט אויפגעכאַפּט דאָס דאָזיקע שמייכעלע ווי אַ בליץ, און עס איז אים עפּעס מאָדנע ווארעם געוואָרן...

נאָך דער אָפיציעלער צערעמאָניע איז ראובן ארומגערינגלט געווארן פון צענדליקער קינדער. די קלענערע זיינען געזעסן בא אים אפן שויס, זיך געקלאַמערט ארום זיינע קני, און די גרעסערע האָבן אים גע־האלטן אין איין אויספרעגן וועגן אמעריקע. אף דעם אויבערפלאך פון זיינע הענט האָט ער געשפירט דעם צארטן, ניט דרייסטן גלעט פון קינ־דערישע הענטעלעך, וואָס איז פול מיט יראה און ליבע צוזאמען.

ווען ברויטמאַן האָט זיך אויפגעהויבן, איז צו אים צוגעקומען דאָס צוועלף יעריקע מיידעלע, אף וועמענס פּנים ער האָט ניט לאַנג באַמערקט דעם פּאַר אים אזוי נאָענטן שמייכעלע. זי האָט זיך אָנגענומען מיט אנטשלאָסנקייט, אים גענומען אונטערן אָרעם און אָנגעהויבן פירן אי־בער דער געביידע פון קינדער־היים.

זיי זיינען דורכגעגאַנגען איין שלאָף־צימער, דעם אַנדערן, א דריטן. אַלע צימערן האָבן גלייך געבלאַנקט פון העלער ווייסקייט. קלאָר־ווייס זיינען דאָרטן געווען די ווענט, די בעטלעך, די לייַלעכער, די נאַכט־קעסטלעך און דאָס איבעריקע מעבל. לכתחלה האָט ברויטמאַן געמיינט, אַז דאָס מיידעלע פירט אים סתם אזוי, כדי צו ווייזן די שלאָף־צימערן, ווי זיי זעען אויס, נאָר באלד האָט זי זיך אָפּגעשטעלט לעבן איין בעטל און מיט איין אויג א ווייז געטאָן: „אָט דאָ שלאָף איך”. די אַנדער אויג אירע איז געווען געווענדט צו דעם דערבייִקן נאַכט־טישל, וואָס האָט געהערט צו איר. זי האָט געכאַפּט א קוק פריער אפן גאַסט און נאָכדעם אַף א בילד, וואָס איז געשטאַנען אַף איר טישל. אַף איר פּנים האָט זיך אויסגעלייגט א שמייכעלע, וואָס האָט אָפּגעשטעמפּלט זיכערקייט און באַשטעטיקונג.

ברויטמאַן איז צוגעגאַנגען נענטער צום נאַכט־טישל, האָט גענו־מען דאָס בילד אין האַנט, געדרייט עס פון איין זייט, פון דער אַנדע־רער און האָט זיך שיעור ניט פאַרלוירן פון איבעראַשונג. אַף איין זייט בילד — א פּרוי אין די דרייסיקער, דעם מיידלס מוטער, האָט ער דערקאָנט מלכה אבראַמאָוויטשן. ווען זי האָט זיך צעשמייכלט פאַרן פאָ־טאָגראַף, האָט זיך איר קורץ נעזל דאַן צעלייגט אין די זעלבע קנייטשע־לעך, וואָס אַמאָל, נאָר אביסל טיפערע זיינען זיי געווען, און פון דער אַנדער זייט האָט ער געפונען זיינס א בילד, ארויסגעשניטן פון דעם

ערשטן בוך לידער זיינע, וואָס איז אַרויס מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק.

אויף דעם אונטערשטן טייל פון בילד האָט זיך דייטלעך געלייענט מלכהס אויפשריפט: „צום אָנדענקען פאַר איינעם, וואָס לעבט פאַר...״

די שריפט איז נאָך געווען אַ פרישע, ניט קיין פאַרעלטערטע.

ראובן האָט נאָך לאַנג געקוקט אויפן בילד, נאָר פּלוצלינג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ווי פון חלום און האָט פירנדיק מיט זיינע ציטערנדיקע פינגער איבער די זיידענע האָר פון מלכהס צוועלף יעריקע טעכטערל, שטילערהייט, אָבער פעסט און מיט זיכערקייט געמורמלט:

„יאָ, פאַר אייך וועל איך לעבן! פאַר אייך, פאַר אייך!...״

.1948

צוריקגעקערט

הערנאַן ראַמירעז איז אַרויס, צוזאַמען מיט מאַרטאַ אַלפאַראַ פון איר „טשאַלעט” (פּאַלאַץ).

הערנאַן האָט איינגאַנצן באַ מאַרטאַן פאַרבראַכט עטלעכע שעה, נאָר ער האָט זיך עפּעס געפילט מאָדנע באַם אַרויסגיין פון איר, ווי ער וואָלט דעם צייט-באַגריף פאַרלאָרן.

ווען ער איז געגאַנגען צו איר, האָט די זון פאַרשאָטן אַלע גאַסן מיט אַ שפע פון ליכט און אים איז געווען אַזוי מונטער אַפן געמיט און גוט אַפן האַרצן, און איצט האָבן שטערן גענומען באַזעצן דעם הימל, און אין זיין האַרצן האָט ווי אַ וואָרעם גענאַגט עפּעס אַ מאָדנע בענקשאַפט.

מאַרטאַ, פאַרקערט, איז געגאַנגען האַפערדיק, טענצלדיק. איר שלאַנקער קערפּער האָט אויסגעזען, ווי אַ באַוועגלעכע, בויגעוודיקע פּאַלמע, וואָס כאַפּט אונטער יעדעס ווינטעלע און איז זיך מהיה מיט אים.

זי איז אַף שנעל צוגעגאַנגען צו אַ טאַקסי, האָט צו הערנאַנען אַ לייכטן פּאַכע געטאָן מיט איר קליין הענטל, וועלכע איז אים אַזוי גוט געווען באַקענט, מיט איר הענטל פון וועלכן ער האָט ניט איין מאָל גענאָסן די דינסטע צערטלעכקייט — און זי איז פאַרשוווּנדן.

הערנאַן איז געבליבן אַליין. ער האָט זיך געלאָזט גיין אָן אַ ציל.

עס איז געווען אַ זומערדיקער יום־טוב טאָג. די שטאָט איז געלעגן אַ שטילע, אַ פאַרבענקטע און פאַרלאָזטע און האָט זיך, אַ נאָכגיביקע, געלאָזט איינהילן פון דער נאַכט. די טונקעלע אָוונטדיקע גרינקייט פון די ביימער, די שטערן פון הימל, די ווייס־באַדעקטע בערג, וואָס זיינען נאָך געווען באַצויגן מיט אַ וויאָלעטן-קאָליר — אַ זכר פון דער אָקאָרשט פאַרגאַנגענער זון — די פיל-קאָלירנדיקע רעקלאַמעלאַמטערנס, וואָס האָבן זיך פינקלענדיק צעצונדן איבערן שטאָט, האָבן געוווּנקען צו אים און געצויגן צו זיך. און ער איז אַלץ געגאַנגען און גע-

גאַנגען. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט און ער קומט אָן צו איינעם פון די בערג, וועמענס קאָפּ איז מער ווי אַלעמענס גדלותדיק פאַריסן געווען צום הימל אַרויף.

ער איז צוגעקומען צום צענטער פון שטאָט. די גאַסן זיינען דאָרט געווען צוגעשניטן אַלץ קאַרגער און שמעלער. פון וויטן האָבן די צענטער־גאַסן אויסגעזען נאָך שמעלער ווי תמיד, ווי די הייזער פון ביידע זייטן וואָלטן זיך אָנגעריירט איינע אָן די אַנדערע.

אַ הויכער, שמאָלער קלויסטער האָט מיט זיין צלם געטייטלט צו דעם וועג פון בארג און אים נאָך נענטער געמאַכט.

הערנאַנען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער דאַרף נאָר אָנקומען צום קלויסטער, און פון דאָרטן איז שוין דעם באַרג מיט דער האַנט צו דער־לאַנגען.

הערנאַן איז אַזוי אַפּגעגאַנגען גאַנצע שעהן, מיט געמאָסטענע טריט, מיט אַזעלכע טריט, וואָס ווילן ניט שטערן זייער באַלעבאָס, דעם קאָפּ, וואָס האָט זיך געבויגן אונטער דער משא פון מחשבות.

דאָס ליובטע הענטל פון מאַרטאַן, מיט וועלכער זי האָט צו אים געפּאָכעט פאַר איר פאַרשווינדן פון אים, באַוועגט זיך איצט פאַר זיינע אויגן. זי באַוועגט זיך הין און צוריק און מאַכט:

— ניין, ניין! ניין, ניין!

— ניין! — טראַכט ער זיך — דאָס, וואָס זי, מאַרטאַ, פילט צו אים, איז ניט קיין ליבע. אַזוי פּאָכענען מיט דער האַנט האָט ער איר אויך געזען צו איר הינטל, ווען זי פאַרלאָזט דאָס הויז.

ער צווייפלט אינגאַנצן, צי אַזעלכע מענטשן, אַזוינע פרויען ווי מאַרטאַ, וועלכע זיינען פון קינדווייז אָן אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אין ווילטאָג און דערצויגן געוואָרן צו האַלטן אין איין זוכן, ווי אַזוי זיי זאָלן אַלץ בעסער און בעסער מאַכן דאָס אייגענע לעבן זייערס, זיינען בעיק עמיצן אַנדערש אַ חוץ זיך ליב צו האָבן. פונקט ווי מענטשן, וואָס וווינען אין שטיבער אָן פענצטער, קענען קיינמאָל ניט אָנזען דעם דרויסן, פונקט אַזוי — האָט ער זיך געטראַכט — קענען אַזעלכע מענטשן ניט אַרויסקוקן פון זייער אייגענעם „איך" אַף אַרויס צו.

ער דערמאָנט זיך: ער קומט צו איר אין אַ ווינטער־נאַכט. אין דער

אויסהוילונג פון איר טיר ליגן צוויי איינגעפלאַכטענע קינדער, וואָס האָבן זיך געטוליעט צום קאַלטן האַרטן אושאק.

זייערע פיסלעך און הענטלעך האָבן אויסגעזען לענגער ווי געוויינטלעך און האָבן זיך אין זיין דמיון אויסגעצויגן, ווי בייסנדיקע שלאַנגען.

בא מאַרטאַן אין הויז איז געווען ליכטיק און וואַרעם. די גאַנצע אויסשטאַטונג, די מעבל, די בילדער אַף די ווענט, אַלץ האָט אַרומגענומען מיט גאַסטפריינטלעכער רו און געמיטלעכקייט.

— שרעקלעך, שרעקלעך — האָט הערנאַן אַ פאַרכמורעטער אויסגעשאָסן, — זיי וועלן דאָ היינטיקע נאַכט פאַרפרוירן ווערן הינטער דער טיר.

מאַרטאַ איז געבליבן אייפערזיכטיק צו הערנאַנס רייד און זיך געבעטן בא אים: רייד ניט מיט מיר וועגן גאָרניט, טייערינקער. ליב מיך און מער גאָרניט, מער גאָרניט וויל איך וויסן.

אמת, ווען ער בלייבט מיט מאַרטאַן אַליין, פאַרפלייצט זי אים מיט אַ ים פון צערטלעכקייט. אָבער, טראַכט ער זיך, דאָס איז נאָר אַ מאָמענטאַלער אויפברויז. קיין טיפע ליבע איז דאָס ניט.

אים דוכט זיך איצט, אַז די גאַנצע באַציִונג אירע צו אים איז ניט מער ווי אַ קאַפּריז, אַ קאַפּריז פון אַ רייכער פרוי. ווען זי זאָל אים באמת ליב האָבן, ווי זי זאָגט אים שטענדיק, וואָלט זי זיך דאָך פאַר דער וועלט ניט געשעמט מיט איר ליבע צו אים.

ער זעט איר איצט אין דער געזעלשאַפט אירער, ווּהין זי איז אַוועק, נאָכדעם ווי זי האָט אים פאַרלאָזן. ער זעט איר אַ באַרוישטע פון שאַמפּיין און פון פרייד, צווישן צוויי מענער, מיט אירע שלאַנגען־אָרעמס אַרומגעוויקלט אַרום זייערע העלדזער. איר בייגעוודיקער פאַלמען־קערפּער זעט איצט אויס נאָך העכער ווי תמיד צוליב דעם לאַנגן טאַנץ־קלייד, וואָס זי טראָגט. די בייגעוודיקייט פון איר קערפּער איז אַ נאָכגיביקע צוליב דער לוסט, וואָס עס ברענט אין אים. ער איז זיכער, אַז ווי נאָר ער גייט אַוועק פון איר, אַז ווי נאָר זי זעט אים ניט פאַר אירע אויגן, אַזוי פאַרגעסט זי באַלד אָן אים און האָט אים אפילו ניט מער אין זינען.

מיטאַמאָל טויכט אויף אין זיין דמיון אַן אַנדער געשטאַלט, עלווירא. מיט עלוויראַן האָט ער זיך באַקענט אין קלוב פון די אָנגעשטעלטע.

ניט ווילנדיק הייבט ער אָן צו מאַכן פאַרגלייכונגען צווישן מאַר־טאַן און עלווירען.

ווי אַנדערש עלווירא איז!

אַ פּשוטע אַזאַ, אַ חברישע און אַ פריינטלעכע. ערשט איצט הייבט ער איר אָן צו פאַרשטיין. זיין מח איז מיטאַמאָל ווי באַלויכטן געוואָרן. איצט באַנעמט ער, אַז עלוויראַס ליבע איז אַן אַנדערע, אַ טרייערע, אַ מענטשלעכערע, אַ טיפערע און אַ דויערנדיקערע.

איצט איז פאַר אים ערשט קלאָר געוואָרן, אַז עלווירא האָט איר ליבע צו אים געקענט אויסלאָדן אין איר אַרבעט פאַר דער באַוועגונג, אין אָנהאָדעווען אַ פרעמדנס אַ קינד, אין אַרויסהעלפן אַרבעטסלאָזע חברים און אפילו אין צוגרייטן אַ יום־טוב פאַר זייער קלוב.

ער זעט איר איצט פון דעם זאַל פון זייער קלוב, ערב אַ יום־טוב. זי וואַרפט מיט אירע אויגן ווי מיט צוויי פּראָזשעקטאָרן איבערן גאַנצן זאַל און באַטראַכט, צום לעצטן מאָל, צי פעלט נישט אַמאָל עפּעס. זי לויפט יעדע רגע צו, צו אַן אַנדער ווינקל. דאָ גלייכט זי אויס אַ בילד אויף דער וואַנט, דאָ לייגט זי איבער די זאַכן אויפן טיש פון איין אָרט אויף דעם אַנ־דערן, און ווען זי גלעט שוין צום לעצטן צאַרט די בלומען מיט אַ מינע אויף אירע ליפּן, ווי צום קושן זיי, איז אַ סימן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. דאַן ווערט איר פּנים פאַרגאָסן מיט אומבאַגרענעצטער פרייד, וואָס פאַר־טרייבט פון אים יעדן שפּור פון מידקייט...

הערנאַן צאַפּלט אויף פון אַ מאָדנער אויפרעגונג. ער איז בבחנת פון איינעם, וואָס דערמאָנט זיך, אַז ער האָט פאַרלוירן עפּעס זייער אַ טייערע זאַך, אַ טייערן אוצר, אַן אוצר, וואָס קיין זאַך אויף דער וועלט קען אים נישט פאַרבייטן.

ער פאַרשנעלערט זיינע טריט און לויפט צו דעם טראַמוויי, וואָס הייבט זיך ערשט אָן צו פאַרמירן.

די מענטשן, וואָס קערן זיך אום צו זייערע היימען נאָך אַ טאָג שפּאַצירן, רייסן זיך צום טראַמוויי פון אַלע זייטן און באַלאַגערן אים אין איין רגע.

הערנאַנען איז עס געגאַנגען ווי אין לעבן נישט צו פאַרשפּעטיקן דעם טראַמוויי, ווי דער דאָזיקער טראַמוויי וואָלט געווען דער לעצטער,

וואָס קען אים ברענגען צו זיין ציל. ער איז געווען פון די ערשטע און האָפערדיקסטע, וואָס האָבן זיך אַף אים אַרויפגעכאַפּט.

דער טראַמווייִ האָט זיך שנעל געטראָגן איבער די הינטערשטאָטיישע גאַסן מיט ליאַרם, מיט בראַזג און געררודער, באַגלייט פון קינדערשע פריידיקע געשרייען און איבערופן.

הערנאַן האָט דורכן פענצטער אַרויסגעשטעקט זיין פּאַרזאָרגטן, מחשבות־אָנגעלאָדענעם קאָפּ און האָט אים עקשנותדיק געטובלט אין די אָנטקעגן־אָנקומענדיקע ווינטן־כוואַליעס.

פון דעם אָפּפרישנדיקן ווינט איז אים געוואָרן לויטערער אין קאָפּ און לייכטער אַפן האַרצן. אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט זיינען אים אַנטקעגן געשפּרונגען עלוויראַס גרויסע, אָפענע אויגן.

לעצטנס פלעגט ער אַנטלויפן פאַר עלוויראַס אויגן. עלווירא האָט גאָרניט געוווּסט פון זיינע באַציִונגען מיט מאַרטאַן, און דאָך, האָבן זיי, אירע אויגן, אַף אים אַזוי מאָדנע געקוקט, עפּעס פאַרשנדיק און ווי דורכגעדרונגען מיט פאָרוווּרף.

הערנאַנען האָט זיך געוואָלט, זי זאָל אים בעסער אויסזידלען, אויספּאַטשן, איידער אַף אים אַזוי קוקן. דערפאַר פלעגט ער איר אויסמיידן און ווייכן פון איר.

איצט האָבן אים עלוויראַס אויגן אַנטקעגן געטאַנצט, גערופן צו זיך, געצויגן, געגלעט און געשטאַרקט.

***

הערנאַן איז געבליבן שטיין באַ אַ באַקאַנטער טיר. די פיס האָבן אים שוין אַליין אַהין געבראַכט.

ווען זיין האַנט האָט אָנגערירט דאָס טיר־גלעקל, האָט זיין האַרץ אַזוי שטורמיש געכוואַליעט, פּונקט ווי דער עלעקטרישער קאָנטאַקט וואָלט נעגאַנגען פון זיין האַרץ גלייך צו עלוויראַס און צוריק. ער איז געווען זיכער, אַז עלווירא איז אינדערהיים.

עלווירא האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַרן שוועל אַ צעשמייכלטע, אַ רויִקע און ניט קיין איבעראַשטע, פּונקט ווי זייער טרעפן זיך וואָלט געווען אַ באַשטימטער, פון פריער אָן אָפּגערעדטער.

הערנאַן האָט עלוויראַן איינגעלאַדן אַף אַ שפּאַציר אין דעם דער־בייַקן פּאַרק. עלוויראַ האָט זיך צוגעפּרעסט צו אים און שטילערהייט געמורמלט:

— הערנאַן, ווו ביסטו אַזוי לאַנג פאַרפאַלן געוואָרן?

— הערנאַן! איך האָב דאָך אַזוי געבענקט נאָך דיר!

הערנאַן האָט אַ צופרידענער, אַ זיכערער, פעסט געטראָטן איבער דער גליקלעכער ערד בײַ דער זייט פון עלוויראַן, און מיט זיין יעדן טריט זיך אַלץ מערער און מערער דערווייטערט פון מאַרטאַן...

.1948

אויגן

דער גרויסער סאַלאָן „מאַקס נאָרדוי" איז געווען געפּאַקט, קיין שפּילקע אַריינצושטעקן.

פאַרשיידענע רעדנערס זיינען אַרויסגעטראָטן און האָבן פּראָטעס־טירט קעגן די גרוילטאַטן פון דעם „נאַציזם" איבער די ייִדן אין דייטש־לאַנד און האָבן זיי פאַרדאַמט. זעגמאַן איז אויך געווען צווישן די רעד־נער.

ער האָט פון זיין מויל נישט אַרויסגעוואָרפן קיין שיינענדיקע פייער־ווערק. ער האָט נישט געקליבן, ווי די איבעריקע, קיין ווערטער, זיי זאָלן זיין וואָס שענער. ער האָט נישט געזוכט די פראַזע, זי זאָל זיין וואָס געטאָקטער.

דורך זיין מויל האָבן זיך אַרויסגעריסן ווי פון אַ קאַלך־אויוון רייד, ברענענדיקע פלאַמען. זיי זיינען געקומען פון זיין טיפער ברוסט אַרויס און נישט אָפּגעקילטערהייט זיך אַריינגעריסן צו יענעם אין האַרצן אַריין און פון דאָרטן־אַרויס, אַרויסגעשטויסן אַ הסכמה־ברום.

אין זיינע רייד זיינען קיין קונצן ניט געלעגן. זיינע געדאַנקען זיינען ניט געווען קיין צו הויכע און איבערגעשפּיצטע. אדרבה, ער האָט פּונקט צוגעטראָפן דאָס, וואָס אַלע האָבן געטראַכט. ער האָט פּונקט אַרויסגע־זאָגט דאָס, וואָס אַלע האָבן געוואָלט זאָגן.

אַלעמענס בליקן האָבן זיך אָנגעהאַנגען אָן זעגמאַנען. זעגמאַן האָט אָבער פאַר זיך געזען נאָר איין פּאָר אויגן, גרויסע, ברענענדיקע, וואָס אין זיי האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס פייער און דער ברען פון דעם גאַנצן עולם. וואָס מער זעגמאַן האָט גערעדט, אַלץ שטאַרקער האָבן זיך די דאָ־זיקע אויגן צעעפנט און צעצונדן און אַלץ מערער זעגמאַנען צעהיצט און דערוואַרעמט.

זעגמאַן האָט נאָך אַ ווײַלע אַזוי גערעדט און געשטורעמט, ביז וואָ־

נען ער האָט דערשפּירט, אַז ער ווערט באַזיגט פון עפּעס אַ שטאַרקערן כּוח, וועלכן ער מוז זיך אונטערגעבן. דאָס איז געווען דער כּוח פון די גרויסע און ברענענדיקע אויגן, וואָס האָבן אים אַדורכגענומען.

זיין שטימע האָט גענומען קלינגען שוואַכער און געלייטערטער און ער האָט שנעל פאַרענדיקט זיין ריידן.

ער איז געבליבן זיצן אויף דער טריבונע ווי אַ צעטומלטער. ער האָט נישט געהערט די שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, נישט געזען די הענט וואָס האָבן זיך געשטרעקט צו אים פון אַלע זייטן מיט דאַנקבאַרקייט, און אויך נישט געהערט נאָכדעם די רייד פון די איבעריקע רעדנער וואָס נאָך אים.

די אויגן, וואָס ער האָט פאַר זיך געזען, זיינען אים נישט פרעמד. דער געפיל פון אַנגעצונדן ווערן פון זיי און זיך נאָכדעם זיי אונטערגעבן איז אים אויך נישט פרעמד.

אין זיין זכרון זיינען אים אָפּגעשפּרונגען צוואַנציק יאָר אויף צוריק, און ער האָט זיי ווידער דערזען, די זעלבע אויגן, נאָר אַביסל וויניקער מאַמישע און פרווּישע...

דאָס איז געווען אין זעקסטן קלאַס פון פאָלקס-שול, ווען מען האָט אים פאָרגעשטעלט אַלס נייעם לערער. דאָרטן האָט ער זיי צום ערשטן מאָל דערזען, די אויגן, אַזעלכע וווּנדערלעכע, גרויסע.

נו, ווי פלוימען. און טאַקע באַצויגן מיטן זעלבן טוי וואָס די פלוי- מען.

ער דערמאָנט זיך, אַז אויך דאַן, געבנדיק די ערשטע לעקציע, האָט ער אויך, ווי צוליב אַ שטאַרקערן כּח, מיטאַמאָל די לעקציע פאַרענדיקט און דערזען אויף זיך פלוצלינג הענגען אַ פּאָר אויגן, וואָס ווער ווייסט פון ווען-אָן זיי זיינען אויף אים אַזוי געהאָנגען...

ער האָט דאַן בא דער שילערין פון די דאָזיקע אויגן אַ פרעג גע- טאָן, ווי זי הייסט. ראָכקע, ראָכקע קאָן — איז איר ענטפער געווען.

איז ווי קומט זי אַהער, די ראָכקע, איצט, נאָך צוואַנציק יאָר, ווידער אָנצוהענגען אירע פלוימען-אויגן איבער אים. ער זאָל זיך ווידער זיי דאַרפן אונטערגעבן?...

**
*

דער מיטינג האָט זיך דערוויילע פאַרענדיקט. דער עולם האָט באַפרייט דעם זאַל. אין זעגמאַנס דמיון זיינען נאָך אַרומגעשוווּמען די פאַרשיידענע געשטאַלטן, וואָס ער האָט היינט פאַר זיך געהאַט, זייערע אויגן, אַזוי פיל אויגן...

און מיטאַמאָל, ווידער די פּאָר גרויסע פלוימען-אויגן!...

יאָ, דאָס איז זיכער געווען זי, ראָכקע. זי האָט אים געוויס נישט דערקענט. און ווען וועט ער איר שוין ווידער אַמאָל זען?!

עס האָט אים שוין פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט זיך נישט געלאָזט איר אָפּזוכן, גלייך ווי ער האָט פאַרענדיקט ריידן.

מיט די דאָזיקע געדאַנקען האָט ער זיך גענומען אַרויסשלייכן פון דעם אָפּגעליידיקטן סאַלאָן.

באַם אַרויסגאַנג פון סאַלאָן, אין דער פינצטער, באַ דעם מאַטן אָפּשיין פון דער אינעווייניקסטער ליכט, האָבן פאַר אים אַ גלאַנץ געטאָן אַ פּאָר אויגן, און אַ הענטל, אַ צאַרטס און אַ קרובהשעם האָט זיך אין זיין ברייטער מענערישער האַנט געשיצט צו באַהאַלטן...

— ראָכקע!

— אָ, איך האָב אייך פּאָרט נאָכאַמאָל געטראָפן!

זעגמאַן האָט ראָכקען צו איר דעפּאַרטאַמענט באַגלייט, אַ דעפּאַרטאַמענט פון צוויי צימערן. אין צווייטן צימער האָט געשלאָפן איר פינףיעריקס יינגעלע. דער מאַן, אַ רייזנדער, איז אינדערהיים נישט געווען.

צווישן די ווייניק בילדער אויף די ווענט האָט זיך אַרויסגערוקט דאָס פאַרגרעסערטע בילד פון דעם קלאַס, וווּ ראָכקע איז געווען שילערין און זעגמאַן לערער.

זעגמאַן איז געזעסן אַ פּאָר שעה מיט ראָכקען. גערעדט פון אַמאָל און היינט, און איז שוין געשטאַנען באַ דער טיר מיט דער האַנט אויסגעשטרעקט צו געזעגענען זיך. אַנטקעגן אים איז געשטאַנען ראָכקע, איצט אַ צאַרטע, אַ שלאַנקע און אַ רייפע. זי האָט אויפגעהויבן אירע שלאַנגגןהענט אין דער הויך, זיך געצויגן אַן אָנגעפּולטע מיט גלוסטונג און באַגער.

פּלוצלינג האָט זי אירע הענט פאַרפלאָכטן אַרום זעגמאַנס האַלדז און אים מיט זיי גענומען קלאַמערן...

זעגמאַן האָט זיך נישט אַרומגעזען, ווי אַזוי ער איז מיטאַמאָל געשטאַנען פון אינעווייניק צימער און זי, ראָכקע, איז געשטאַנען באַ דער

טיר, ווי אַ געקרייצטע, שיפּענדיק דערביי: ניין, איר וועט נישט אַוועק־גיין! איר וועט נישט אַוועקגיין!...

די פּיס באַ זעגמאַנען זיינען ווי אונטערגעהאַקט געוואָרן. אין קאָפּ האָבן גערוישט גאַנצע וואַלצן. ער האָט זיך געפילט בארוישט, שכור. ער איז צוגעפאַלן צו ראָכקען, געזויגן דעם זאַפט און גלאַנץ פון אירע אויגן און וויפל ער האָט איר נישט געדריקט צו זיך מיט זיין מענערישן כח, האָט זי זיך צו אים נאָך אַלץ מערער געטוליעט, ווי זי וואָלט מורא גע־האַט, אַז אימיצער וועט אים פון איר אָפּרייסן.

פּלוצלינג האָט זיך זעגמאַן אָנגעטראָפן מיט דעם בילד, ווו ראָכקע איז געשטאַנען צווישן אַלע שילער און ער אינמיטן. אירע גרויסע אויגן האָבן פון בילד נאָר אויף אים געקוקט ווי תמיד.

ער האָט זיך ווי שטענדיק פון די אויגן אָנגעצונדן אָבער אויך באַ־זיגט געוואָרן, און ער האָט אָנגעהויבן צערטלעך אריינצושעפּטשען איר אין די אויערן אריין: ראָכעלע, באַזין זיך, ראָכעלע, באַזין זיך!...

ער האָט איר צערטלעך געגלעט און באַרויקט, און אַן אַנטשלאָסע־נער אויפגעשטאַנען, מיט איר זיך אָפּגעזעגנט און אַוועק.

***

אין דרויסן איז געווען פייכט. אַנטקעגן די העלע עלעקטרישע ליכט האָט זיך געזיפּט אַ רעגנדל. אויף די טעלעגראַפן־דראָטן האָבן זיך געזעצט ריינע רעגן־טראָפּנס. פאַר זעגמאַנען האָבן די דאָזיקע טראָפּנס אויסגע־זען ווי ריינע תשובה־טרערן, ווי טרערן פאַר גוטס, ווי נסיון־טרערן און אַ געלייטערטער און געקרעפטיקטער איז ער אַוועק צו זיך אין צימער.

אויף מאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, געמאַכט זיינע פּעקלעך, זיך אָפּגערעכנט מיט דער ווירטן און איז אַוועק.

***

אין עטלעכע שעה ארום האָט אַ יונגע דאַמע אָנגעקלאַפּט אין דעם הויז, ווו זעגמאַן האָט געוווינט, און זיך אויף אים נאָכגעפרעגט.

די ווירטן פון שטוב האָט דער יונגער פרוי פאַרוווּנדערט באַטראַכט און טרויעריק געענטפערט: היינט אינדערפרי פלוצלינג אַוועקגעפאָרן. אַ שאָד. אַזאַ טייערער געווען, אַזאַ טייערער...

ראָבקע האָט זיך אַף שנעל אָפּגעזעגנט מיט דער ווירטן און געלאָזט גיין מיט לאַנגזאַמע טריט, שעפּטשענדיק דערביי, ווי אַ שטילע תפילה: אַזאַ טייערער, אַזאַ טייערער!..

1938.

די מאַמע פון דער הכשרה

אין איינעם אַ לויכטנדיקן פרימאָרגן, ווען די זון איז אַ צעפּלאַמטע איבערן הימל געהאָנגען און פון דאָ״טן מיט אַזאַ שפע פון שטראַלן גע־שאָטן אַף דער וועלט, אַז זי האָט שיעור די אויגן ניט געמאַכט בלינד, האָט גיטל אַבראַמסקי אַ ידיעה דערהאַלטן פון איר קינד.

אַ יונג, אַ צעשמייכלטער ווי דער טאָג און צעשיינטער, ווי די זון, האָט זיך אַריינגעשטעלט פלוצלינג אין איר טיר, האָט מיט זיינע ווייסע ציינער געוווּנקען צו איר, זי זאָל אונטערחתמענען עפּעס אַ צעטל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט.

נאָך איידער זי האָט געעפנט דעם קאַבל וואָס זי האָט איבער־גענומען פון דעם יונג, וועלכער איז שוין פאַרשווונדן מיט זיינע איבע־ריקע בשורות פון אירע אויגן, כדי זיי ווייטער צו צעטראָגן, ווי מען דאַרף, האָט זי, אינגאַנצן אַ וואַקלענדיקע פון אויפרעגונג, קוים דערגרייכט צו דער וואַנט, זי זאָל זיך קענען אָנשפּאַרן אָן איר.

די בשורה האָט געציטערט און זיך געצאַפּלט אין איר האַנט און זי האָט זיך צעלייגט אַף איר געמיט, ווי די שוואַרצקייט פון דער טינט אַף דעם קלאָר־ווייסן פּאַפּיר.

— אייער זון איז געפאַלן ווי אַ העלד פאַר זיין לאַנד.

זייט שטאָלץ צו זיין די מוטער פון אים. — האָבן די ווערטער קוים אָנגעקלאַפּט צו איר זינען.

אין עטלעכע שעה אַרום האָט זי אַ צווייטן קאַבל דערהאַלטן פון איר ישראַליקס אַ גוטן חבר און אינטימען פריינט.

די דאָזיקע ידיעה האָט גענויער דערציילט וועגן איר זונס טויט. די ווערטער זיינען געווען רירנדיקע, פּאַטעטישע:

— אייער זון, מיין חבר, איז אַף די ווייטע פעלדער פון נגב געפאַלן.

זיין גוף איז צעשעדיקט, צעריסן געוואָרן, אָבער זיין פּנים איז גע־וועזן צעגאָסן אין שטראַלן.

עד איז געשטאָרבן מיט זיין שטענדיקן שמייכעלע אַף זיינע ליפּן. —

גיטל איז געבליבן, נאָכן איבערלייענען ביידע קאַבלס, ווי פאַר־גליווערט.

איר האַרץ האָט זי געפילט ווי פאַרלייגט, ווי אָנגעלאָדן מיט פּודיקע שטיינער, עפּעס אַזוי שווער... און פון די אויגן האָט זי בשום-אופן ניט געקענט אַרויסרייסן קיין טרער.

ווי פאַרשטאָפּטע צוויי קוואַלן זיינען אירע אויגן געשטאַנען.

זי האָט נישט געקענט וויינען, ווייל ווי טרויעריק די בשורה, וואָס זי האָט דערהאַלטן, איז נישט געווען פאַר איר, האָט זי איר שוין, אין איר אינערסטן וועזן, געהערט, בעסער געזאָגט — געזען.

פאַר די עטלעכע חדשים, זייט איר זון איז אוועק קיין ישראל, האָט זי, אין איר פאַנטאַזיע, זיך געהאַלטן אין איין אויסמאָלן וועגן אים איין בילד נאָך דעם אַנדערן.

אָט זעט זי ישראַליקן, איר איין איינציקן, אַ שוואַכן, אַן אויסגעהונ־גערטן און אויסגעשעפּטן, אַן אַרומגערינגלטן פון אַלע זייטן מיט אַ סך שונאים. ער ראַנגלט זיך מיט זיי מיט די לעצטע כחות זיינע. איינעם דערשיסט ער, אַ צווייטן דערשטעכט ער מיטן באַיאָנעט, אַ דריטן צע־קלאַפּט ער מיט דער קאָלבע פון ביקס דעם קאָפּ. נאָר פּלוצלינג הייבט זיך אויף אַ ריזיקער מצרי, שוואַרץ ווי די נאַכט, און דערשטיקט איר קינד מיט די שטאַרקע הענט זיינע.

זי לאָזט דערביי אַרויס אַ געשריי און גיט זיך אַ באַוועג, ווי עמיצן אַנטקעגנצוקומען, אַז די אַרומיקע דערשרעקן זיך.

— וואָס איז אייך?!

— עט, גאָרניט, עס האָט מיר אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן...

אַמאָל זעט זי איר ישראַליקן, אַ צעוואַקסענעם אַזאַ, מיט צען קעפּ העכער, ווי זי האָט אים פון אירע אָרעמס אַרויסגעלאָזט, — אַ העלד!

זיינע ליפּן שמייכלען איצט נישט ווי תמיד, נאָר זיינען ערנסט־עקשנותדיק צעלייגט.

זי זעט אים, פאַרטרייבנדיק גאַנצע מחנות שונאים פון די גרעניצן פון ישראל און נאָכדעם קערט ער זיך אום צוריק צו איר. ער פאַרגנבעט

זיך אהינגטער איר פּליִיצע, ווי ער האָט עס שטענדיק ליב געהאַט צו טאָן, דרייט אויס איר פּנים צו זיינעם, שמייכלט איר אין די אויגן אַריין. פון אים שמעקט מיט מאַנסביל, מיט סאָלדאַטשינע און איר געפעלט עס. זי זאַפּט עס אין זיך אַריין, אָט־אָ דעם דאָזיקן ריח, ווי דעם בעסטן פּערפום־אַראָמאַט, ווי דעם רוח־החיים און זי ווערט שטאַרקער דערפון, אירע אויגן ציגדן זיך אָן מיט דעם באַגער צום לעבן, אירע נאָזלעכער באַוועגן זיך דאַן און אַף אירע ליפּן באַווייזט זיך אַ לאַנג־פאַרלאָרענער שמייכעלע.

און גלייכצייטיק מיט דעם האָט זי מיט פרייד געציילט די טעג, אין וועלכע קיין פינצטערע בשורה האָט איר ניט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

און דעריבער, אַז אַזאַ בשורה איז צו איר היינט יאָ געקומען, קען זי נישט וויינען.

עס דוכט זיך איר, אַז דאָס איז אַן איבערגעחזרטער, בייזער חלום און זי פאַרטרייבט אים פון זיך, אַרויסרופנדיק די שענערע זעונגען.

אירע געדאַנקען און געפילן ווירבלען אין איר, ווי געטריבן דורך אַ שטורעם־ווינט, וואָס פאַרדרייט זיי און פאַרפלאָנטערט זיי.

אַז די געדאַנקען אירע שטעלן זיך אַ רגע אָפּ אין זייער געלאַף, ווערן קלאָר, און עס הייבט איר אָן שטאַרק ווייי צו טאָן, פאַרוואָס עס האָבן זיך נישט געקענט אויסלאָזן פאַר ריכטיק אירע ליכטיקע טרוימען, פאַרוואָס האָט עס פונקט איר אייגאיינציקער זון געדאַרפט פאַלן, — האָט זי צו זיך דאַן גאַנצע טענות.

— „מען דאַרף זיין ערלעך" — שרייט זי אָן אַף איר געוויסן.

— „האָב איך דען נישט געפריידיקט אַ גאַנצן לעבן מיינעם, אַז מיר דאַרפן אַלץ אוועקגעבן פאַר דעם אויפבוי פון אונדזער לאַנד, אַפילו אונדזערע לעבנס און די לעבנס פון אונדזערע קינדער?! און איצט, אַז פּריידיקנדיק אַזוי, איז מיין קינד אויסגעוואַקסן און איז אוועק באַשיצן דאָס לאַנד, זאָל איך וויינען, פאַרוואָס איך האָב אים אוועקגעגעבן?!" —

**
*

גיטל האָט צוואַנציק יאָר געהאָדעוועט איר זון און מיט יעדן טאָג, וואָס איר זון איז געוואַקסן און שענער געוואָרן, איז זי אַלץ איינגעשרומפּענער, קלענער און שוואַכער געוואָרן.

עס איז אויסגעקומען, ווי זי וואָלט געריסן שטיקער חיות פון זיך און געשטאָפּט דערמיט איר זון.

אָבער זי האָט זיך געפילט גוט דערפון. זי האָט זיך געשפיגלט אין איר זון, ווי אין איר אייגענעם לעבן.

און היינט, מיטן פארלירן פון איר זון, האָט זי זיך אליין אויך פאר־לאָרן.

זי האָט נישט ווילנדיק דערזען אין שפיגל איר שלאַבערדיקן אָפּגע־לאָזענעם גוף, וואָס ציט זיך צו דער ערד אראָפּ, אירע קורצזיכטיקע אויגן, וואָס האָבן באַקומען אַ מוטנעם אויסזען, ווי אַ וואַסער וועץ ער ווערט צע־בויטעט (די אויגן האָבן אָפּגעשפיגלט דעם צוזאַמענשטויס פון אירע גע־דאַנקען, וואָס יאָגן זיך ארום אין איר קאָפּ), אירע גלאַנצלאָזע, גרויע האָר אפן קאָפּ, די טיפע קנייטשן אפן אָרט, וווּ עס זיינען אַמאָל געלעגן חן־גריבלעך, די וויינענדיקע גרימאַסע ארום איר אָנציינערדיקן מויל, אַף דעם זעלבן אָרט, וווּ עס האָט אַמאָל גערוט אַ לייטזעליקער שמייכעלע — ווען זי האָט זיך בכלל דערזען אַ דיספיגורירטע, — האָט זי אַ טראַכט גע־טאָן וועגן פארענדיקן, וועגן אַ סוף מאַכן צו אַלץ מיט אַן אַנאַנדער.

אָבער אויך דאָ האָט זי זיך דערמאָנט, אַז אין די לאַנגע טעג און נעכט זייט איר זון איז אוועק, האָט זי וועגן דעם שוין אויך געטראַכט, אַז טאָ־מער פאַלט ער, וועט זי אַ סוף מאַכן מיט זיך. זי דערמאָנט זיך אָבער אויך, אַז זי האָט דעמלט אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן געדאַנק.

— „אַ ייִד טאָר זיך דעם דאָזיקן לוקסוס אויך נישט פארגינען" — רופט זי אין זיך אָרוים די דאַמאָלדיקע ווערטער — „אַ ייִד דאַרף לעבן, באַ אַלע באַדינגונגען, אַף צו להכעים די שונאים".

***

גיטל אבראמסקי האָט זיך אַזוי געפונען אין דעם דאָזיקן צושטאַנד פון זיין מיט זיך אַליין, פון גריבלען זיך אין איר אייגענעם ווייטיק וואָכן־לאַנג.

זי האָט פאַר קיין זאַך נישט געהאַט קיין אינטערעס. פלעגט זיך ניט אָנטון, ווי עס באַדאַרף צו זיין, פלעגט נישט עסן און נישט שלאָפן.

און אַז אירע באַקענטע און פריינט פלעגן קומען צו איר און ריידן

צו איר טרייסט־ווערטער, פלעגט זי מאַכן אַ באַוועגונג פון אַ פּאַרנומענעם מענטשן, ווען מען שטערט אים אין זיין וויכטיקער אַרבעט (דאָס האָט מען איר געשטערט אין אירע חלומות און אין איר אויסטענהן זיך מיט זיך אַליין).

די פריינט אירע פלעגן אַוועקגיין מיט באַדויערונג אויף די ליפּן און מיט אַ שאָקלען פון דעם קאָפּ:

— זי קען נאָך, חס־ושלום, פון זינען אַראָפּ.

***

דאָס איינציקע, וואָס גיטל האָט געטאָן אין דעם דאָזיקן צושטאַנד איז געווען — אַריינקוקן אין אַ ייִדישער צייטונג.

לאַנג פלעגט זי האַלטן פאַר די אויגן די צייטונג און גאָרניט זען.

דער גאַנצער שריפט פון דער צייטונג, אַלע אותיות אירע, האָבן זיך אויסגעגאָסן פאַר אירע אויגן אין איין שוואַרצן פלעק, און דער דאָזיקער שוואַרצער פלעק פלעגט איר דערמאָנען אָן דעם טויט פון איר זון.

אין די ערשטע טעג, ווען די ידיעה פון איר זונס טויט איז אָנגעקומען, האָט די ייִדישע צייטונג געשריבן וועגן אים. געהאַט פאַר אים לויב־ווערטער, דערציילט וועגן זיין לעבן, געבראַכט זיין בילד און אפילו אויך גע־שריבן וועגן איר, זיין מוטער.

שפּעטער־לאַנג פלעגט דויערן, ביז וואַנען זי פלעגט איבערלייענען און באַגרייפן, אַז דאָס איז טאַקע אמת, אַז מען מיינט עס טאַקע איר ישׂראל־יקן, אַז ער איז טאַקע טויט.

וויפל מען האָט וועגן אים נישט געשריבן, וויפל מען האָט נישט גע־רעדט — מיט דערהויבענע ווערטער — וועגן דעם ווייטיק פון דער מוטער וואָס פאַרלירט איר קינד האָט איר פאַרדראָסן און וויי געטאָן.

— „וואָס ווייסן זיי — די שרייבער — ווער ישׂראליק איז געווען, וואָס ווייסן זיי פון אַ מאַמעס ווייטיק! דערצו דאַרף מען אַ מאַמע זיין!“

איצט שרייבט מען שוין מער נישט וועגן איר זון אין דער צייטונג. די צייטונג דערמאָנט איר אָבער וועגן איר זון, און כאָטש דאָס טוט איר וויי, דאָך ציט עס זי צו איר.

יעדן פרימאָרגן עפנט זי די יידישע צייטונג אויף און זוכט און נישטערט דאָרטן, אפשר דערמאָנט מען אים, איר זון, נאָכאמאָל.

פאַר איר איז אפילו געווען גענוג צו לייענען וועגן דער אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער איר ישראליק איז געווען טעטיק.

איז, ווען זי האָט אין איין טאָג אַזוי גענישטערט און געבלעטערט די צייטונג, האָט זי דאָרטן איבערגעלייענט אַ ידיעה (דוכט זיך נישט קיין וויכטיקע), אַז די הכשרה, וווּ איר זון האָט געדינט צוויי יאָר, נעמט איצט אויף אַ נייעם קאָנטינגענט פון יוגנטלעכע פאַר אַ קורצער צוגרייטונג, כדי עולה צו זיין קיין ישראל.

און נאָכדעם ווי איר קאָפּ האָט זיך באַפרייט פון די אַלע געדאַנקען, מיט וועלכע ער איז געווען באַלאַגערט, און דער זין פון די דאָזיקע ווערטער פון דער צייטונג זיינען אַהין דערגאַנגען, האָבן זיי צום האַרץ אַראָפּגענידערט און דאָרטן דעם שווערן קנויל אַ ריים אויף געטאָן...

טרערן, הייסע טרערן, האָבן זיך פון אירע אויגן גענומען גיסן, האָבן אויסגעוואַשן איר פּנים צוזאַמען מיטן געמיט.

איר מוח האָט זיך אויסגעלייטערט, אויסגעקלערט, ווי דער טאָג נאָך אַ ווייַלעדיקן לקוי־חמה.

אַף איר פּנים איז געווען קענטיק, ווי זי נעמט אָן אַ פעסטן באַשלוס, וואָס קיינער וועט ניט בכוח זיין איר אין דעם צו שטערן.

***

גיטל אבראמסקי האָט זיך גענומען איינוואַשן מיט קאַלטן וואַסער. דאָס קאַלטע וואַסער האָט איר גוט געטאָן, האָט געוועקט אין איר דעם כח און דעם מוט צום לעבן.

זי האָט זיך אָנגעטאָן אין אירע בעסטע קליידער און זיך געלאָזט צו דער הכשרה.

ווען זי איז אָנגעקומען אין דער הכשרה, האָט זי געלאָזט אַרויסרופן דעם מנהיג און אים איבערגעגעבן איר פּלאַן אַריינצוטרעטן אַהין.

לכתחלה האָט דער מנהיג איר געפּרוּווט אָפּריידן פון דעם. איר דערקלערט, אַז די הכשרה איז נאָר פאַר דער יוגנט, אָבער ווען ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט גיטלס אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט די עקשנות פון אַ

מענטשן, וואָס האַלט זיך אָן אָן דעם לעצטן פאָדים פון לעבן און וועט אים בשום-אופן ניט אָפּלאָזן, האָט ער געזאָגט:

— לאָמיר מאַכן אַ פּרווו.

***

און גיטל אבראמסקי האָט דעם פּרווו אויסגעהאַלטן.

היינט זעט איר אָף דער הכשרה, צווישן עטלעכע און צוואַנציק בחורים און מיידלעך, אָנגעטאָן אין קורצע בלויע הייזלעך און ווייסע בלוזן, אַ פּרוי אין די הויכע פּערציקער אין דעם זעלבן אָנטאָן.

איר גוף איז גלייכער און העכער געוואָרן, דאָס לייב שטייפער און איר פאַרברוינט פּנים איז באַהעלט מיט אַ פּאָר אויגן, וואָס זיינען פול מיט באַגער און עקשנות צום לעבן.

זי קאָן אין דער הכשרה יעדעם ווינקעלע נאָך פון דער צייט, ווען זי פלעגט באַזוכן איר ישראליקן. זי געדענקט ווי ער איז דאָרטן געווען דער נוצלעכסטער, ווי בײַ יעדער שוועריקייט האָבן זיך אַלעמענס אויגן אין זיין ווינקל געווענדעט און זי סטאַרעט זיך אויך אַזוי צו זיין.

זי מעלקט דאָרטן די זעלבע קי, וואָס ער און צערטלט זיי מיט די זעלבע צונעמעניש.

צו איינער זאָגט זי: העי, משה־רבינוס קיעלע, זיי נישט קיין בהמה! זיי אַ מענטש און לאָז זיך מעלקן, ווערסטו עסן אין סוכה. אַ צווייטער רופט זי בהמה בצורת פערד, אַ דריטער בעווינארעלע און אַזוי יעדער איינער מיט איר נאָמען.

נאָך דעם טאָג אַרבעט, ווערט גיטל פאַרוואַנדלט אין אַ מאַמען — אין אַ מאַמען פאַר אַלע.

דעם פאַריכט זי די הויזן, דעם דאָס העמדל, דעם לייגט זי צו נאָך אַ שטיקל פלייש אין טעלער, דעם אַ קאַרטאָפל.

היינט טאָמער צעקלאַפּט זיך אימיצער אַמאָל עפּעס בײַ דער אַרבעט, אָדער ווערט סתם נישט געזונט, וואַקסט גיטל גלייך אויס לעבן יענעם און מיט אַ בלאָז אָפן וווּנד, מיט אַ מאַמישן קרעכצעלע, לייגט זי צו אַ קאָמפּרעס אָדער פאַרבינדט די וווּנד.

נישט אומזיסט האָבן איר די חברה אַ נאָמען געגעבן — די מאַמע גיטל.

***

און איצט וויל איך פארלויפן די צייטונגען און ארויסכאפן בא זיי א ידיעה:

אין צוויי מאנאטן ארום פארן אפ עטלעכע און צוואנציק חלוצים קיין ישראל. צווישן זיי געפינט זיך איין מעדיקער, דריי טעכניקער, צוויי צאָן־דאָקטוירים, צוויי אגראָנאָמען, איין ארכיטעקט, פיר קי־מעלקערינס, דריי עופות־ציכטלערנס, איין טעכניקער אין קעז, אכט ערד־ארבעטער און איין... מאמע — די מאמע פון דער הכשרה.

— פאר א סך זין און טעכטער, וואָס דארפן אזא.

.1949

באַ די פרויען האָט ער מוט געלערנט

דער טאָג איז געשטאַנען אַ הייסער, אַ זוניקער און אַ לאַנגער. די זון האָט מיט דער ערד זיך נישט געוואָלט געזעגענען, איז אָפּגעטראָטן ווי איבערגעוואָלט. די נאַכט האָט איר דאָך גובר געווען און פאַרטריבן אין איר רו אריין. די לופט האָט זיך נאָך נישט געהאַט אויסגעדעמפּט פון דעם טאָג זון, וואָס זי האָט אין זיך איינגעזאַפּט און זי האָט זיך שוין ווידער אָנגעגליט מיט דעם פייער, וואָס האָט זיך געצונדן אין די מענטשנס הער-צער...

די שטילקייט פון דער נאַכט האָט אויסגעזען ווי די רויִקייט פאַר אַ גרויסן שטורעם.

די מענטשן האָבן אין דער דאָזיקער נאַכט געמאַכט די לעצטע פּאַר-ברייטונגען צו דער וואַל-שלאַכט, וואָס האָט אַף מאָרגן געדאַרפט פאָרקו-מען. די וואַל-שלאַכט האָט אויך געקענט לייכט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ריכטיקער מלחמה, אין אַ בירגער-קריג.

שמואל פרידלאַנד איז אין דער דאָזיקער נאַכט, ווי זיין שטייגער איז, געקומען אין פּאַרטיי-לאָקאַל פון זיין געגנט. נאָר דאָס מאָל איז ער אַהין נישט אריינגעלאָזן געוואָרן. דער חבר, וואָס איז באַ דער טיר געשטאַנען, האָט אים אריינגעראַמט אַן אַדרעס אין אויער און געהייסן גלייך גיין אַהין.

„די פּאַרטיי איז היינט מאָביליזירט" — האָט ער אים סודותפול און מיט באַדייטונג צוגעגעבן.

שמואל פרידלאַנד האָט זיך געלאָזט גיין אַף דעם אָנגעוויזענעם פּלאַץ אין דער באַגלייטונג פון אַ צווייטן חבר.

דער דאָזיקער חבר איז געווען אַ הויכער, פעסט-און גלייך-געבויטער אַרבעטער. ער איז אַהין געגאַנגען אַ זיכערער, אַ מונטערער און דרייס-טער. אַפּן וועג האָט ער אַרויסגענומען פון זיין בוזים-קעשענע אַ פּעקעלע. דאָס פּעקעלע האָט זיך אין זיינע הענט לאַנגזאַם גענומען אויסשיילן פון אַ

סך צייטונגס־פּאַפּירן און אַנטקעגן דער לבנה האָט אַ בלאַנק געטאָן אַ גלאָז־ציקער שאַרפער שוסטער־מעסער.

דער אַרבעטער האָט זיך חנעוודיק צעשמייכלט מיט אַ פולער מויל בלאַנק־ווייסע ציין און דערביי איינפאַך אַ זאָג געטאָן:

— „דאָס איז פאַר די פאַשיסטן!"

שמואל האָט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט זיין חבר, ווי ער וואָלט אים נישט געגלויבט אָט דעם שטילן מענטשן, אַז ער זאָל פעיִק זיין עמיצן אָט דעם מעסער אַריינצושטעכן.

ער איז דעם גאַנצן וועג געגאַנגען מיט אַ קאָפּ, אָנגעלאָדן פון שווערע מחשבות און מיט אַ זינדיק האַרץ. צווישן זיינע געפילן און געדאַנקען איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכער געראַנגל.

די ערשטע האָבן אים געשטויסן אין פייער אַריין און צו אים אַזוי גע־רעדט: „אָט האָסטו אים דיין שונא, וואָס לאָזט דיר קיין קאָפּ נישט הייבן, וואָס דערנידעריקט דיר, באַשפּייט דיר, פאַרביטערט דיר דיין לעבן. אָט האָסטו אים דעם רויבער, דעם מערדער פון דיין פאָלק, פון דיינע ברידער און שוועסטער, אָט האָסטו אים דעם אומברענגער פון דער וועלט. אָט האָסטו אים, צו וועלכן דו האָסט זיך אַזוי געריסן. אָט האָסטו אים איצט פאַר דיר".

די געדאַנקען אָבער האָבן אים אָפּגעקילט און צו אים אַזוי געטענהט: „ווּהין גייסטו?! וואָס וועסטו אויפטאָן אין אַ צוזאַמענשטויס מיטן שונא? קענסט דאָך אפילו קיין געווער אין האַנט נישט האַלטן? קענסט דאָך אפילו קיין פליג אויף דער וואַנט נישט דערהרגענען? דו וועסט אומזיסט, אָן נוצן דיין לעבן אוועקגעבן!"

ער האָט די דאָזיקע געדאַנקען געוואָלט פון זיך פאַרטרייבן, זיך אַליין אָנגעזידלט, אָבער ער האָט זיי נישט געקאָנט באַהערשן.

אינמיטן דעם געראַנגל, וואָס איז אין אים פאָרגעקומען, איז ער גע־קומען אויף דעם אָנגעוויזענעם פּלאַץ.

בײַ דער טיר פון דער שטוב איז געשטאַנען אַ וואַך פון אַ פּאָר מענ־טשן, וואָס האָבן קאָנטראָלירט דעם אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג. אינעווייניק, אין הויף האָט געקאָכט און געריעשט פון עולם. מען האָט זיך געוויצלט, געלאַכט, דיסקוטירט און אויך געפירט מיושבדיקע געשפּרעכן, ווי עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען און ווי עס וואָלט גאָרנישט וויכטיקעס דערוואַרט

אַלעמען. דער ראַדיאָ האָט אַלעמען אַריבערגעשריגן מיט דער ביליקער מו־זיק, וואָס ער האָט פֿון זיך אַרויסגעלאָזן. חברה האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט צו עטלעכע סענט און געבראַכט שוואַרצע, ביליקע קאַווע מיט ברויט און טשאַרקע (אַ פֿליש אַזאַ, געטריקנט אַף דער זון). מען איז געזעסן אַף בענק־לעך, אַף טרעפּ, אַף דער הוילער ערד און מען האָט זיך מחיה געווען מיטן הייסן געטראַנק און צובייסן.

דער איינציקער נאַר, שמואל, איז געשטאַנען אָן אַ זייט, אַליין, אַ פֿאַרזונקענער אין מחשבות און אָן אַריינגעטועגער אין זיך אַליין. ער איז געשטאַנען און זיך געגריבלט.

דערווײַלע איז האַלבע נאַכט צוגעפֿאַלן. דער סעקרעטאַר האָט געגעבן אַ פֿאַראָרדענונג, אַז די חברים אינוואַלידן און פֿרויען זײַנען באַפֿרייט, קאָנען אַהיימגיין.

אַ קלײַנע יונגע פֿרוי, וועלכע האָט דער וועלט מיט שטאָלץ באַוויזן איר צוקונפֿטיקע מוטערשאַפֿט, האָט זיך ענערגיש אַ הייב אויף געטאָן פֿון דער ערד, האָט זיך אויסגעגלייכט, און האָט דייטלעך און ענערגיש אויס־געראָפֿן: „מיר גייען נישט פֿון דאַנען! מיר רירן זיך נישט פֿון אָרט! די שפּאַנישע פֿרויען זײַנען אויך נישט אַנטלאָפֿן פֿאַרן שונא! דאָ בלײַבן מיר!"

דער עולם האָט איר אַ באַגײַסטערטער אָנגעקוקט און קיין פֿרוי האָט זיך פֿון אָרט נישט גערירט.

די עטלעכע ווערטער פֿון דער קליינער פֿרוי האָבן זיך ווי שווערע האַמערס אַראָפּגעלאָזן אַף שמואלס מוח. זיי האָבן אים ווי פֿון אַ קאָשמאַר־נעם שלאָף אויפֿגעוועקט. ער האָט זיך ווי פֿאַר זיך אַליין פֿאַרשעמט פֿאַר זײַנע פֿריערדיקע פּחדנותדיקע געדאַנקען.

ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפֿילט עפּעס אַזוי דערהויבן. ער איז גע־ווען צופֿרידן, וואָס ער געפֿינט זיך צווישן אַזעלכע ערלעכע מענטשן. „ווען זיין לעבן זאָל דינען נאָר צו פֿאַרטיידיקן אָט די דאָזיקע ערלעכע פֿרוי", האָט ער געטראַכט, „איז עס שווין כדאַי אַוועקצוגעבן".

ער האָט זיך דערפֿילט אַזוי דרייסט און מונטער, אַז ווען ער וואָלט דעם שונא איצט אָנגעטראָפֿן פּנים אל פּנים וואָלט ער אים מיט די הוילע פֿינגער גרייט געווען דעם גאָרגל אַרויסצורײַסן.

.1942

ער האָט געהאַט אַ פאַרשטערטן יום-טוב, הלל

הלל פאַסלער איז פון דער היים, פון רוסלאַנד, געווען אַ וואַיאַזשאַר. ער איז דאָס אַמאָליקע רוסלאַנד אויסגעפאָרן אין דער לענג און אין דער ברייט.

ווּהין ער איז נאָר נישט אָנגעקומען, האָט ער אומעטום פון זיין רייזעטאַש צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע נוצלעכע זאַכן אויסגעפּאַקט דעם טלית און תפלין, און פון צווישן די דינע קנייטשעלעך אַרום זיינע ליפּן און אויגן, דעם גרייטן שמייכעלע, וואָס ער האָט געהאַט פאַר אַלעמען.

הללס האַרץ האָט אַף זיין לעבן קיין זאָרג נישט פאַרנומען און אַף זיין פּנים האָט זיך קיינמאָל קיין קרומע מינע נישט באַוויזן. (די קנייטשעלעך אַרום מויל און אַרום די אויגן זיינען געווען פון צו אָפטן שמייכלען).

און אַז וואַיאַזשאַרסטוואָ איז אין רוסלאַנד געוואָרן אויס וואַיאַזשאַרסטוואָ, האָט ער זיך אויך נישט גענומען צום האַרצן. ער האָט, ווי שטענדיק, איינגעפּאַקט אין זיין רייזע-טאַש דעם טלית און תפלין, צווישן די קנייטשעלעך פון זיינע באַקן האָט ער מיטגענומען זיין גרייטן שמייכעלע און האָט זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין. עלעהיי ער מאַכט אַ לענגערע רייזע איז וואָס איז? אַנשטאָט צו פאָרן פון שטאָט צו שטאָט, אין רוסלאַנד, איז ער געפאָרן פון לאַנד צו לאַנד, ביז ער איז אָנגעקומען קיין טשילע.

טשילע איז אים פון אַלע לענדער בעסער געפעלן געוואָרן. אַ לאַנד, אַ פאַרפלייצטע פון זון און פון וויין. די מענטשן גוטמוטיק-זאָרגלאָזע.

ער האָט זיך דאָ גלייך דערפילט ווי באַ זיך אין דער היים.

***

עס זיינען שוין פאַרביי קאַרגע צוויי צענדליק יאָר, זייט הלל האָט באַטראָטן די טשילענער ערד. פאַר דער דאָזיקער צייט זיינען אין אים

נישט פֿאַרגעקומען קיין ענדערונגען. ער איז כמעט נישט עלטער געוואָרן. עס זעט אויס, ווי די צייט וואָלט אַף אים קיין שליטה נישט געהאַט. איך זעט אים שטענדיק אַ גלייכן אַזאַ — צו גלייך פֿאַר זיין דיקן קערפּער — און תמיד אַ צופֿרידענעם, אַ פֿריילעכן.

די זאַכן ליגן אַף אים ווי אויסגעטאָקט, דער קאָלנער שטענדיק, בלאַנק־ווייס, דער קראַוואַט עלעגאַנט, די שיך מיט אַ גלאַנץ און אין דער נעפּלדיקער פּייכטקייט פֿון זיינע קינדערישע בלויע אויגן, וואָס פֿאַרלירן זיך אין דער פֿעטקייט פֿון זיין פּנים, שפּיגלט זיך שטענדיק אַ שטראַל פֿון דער זון...

תמיד טראָגט ער זיין קורץ־געשוירענעם בלאָנדן יאָזשיק, וואָס אַנטפּלעקט זיין רויט־צופֿרידענעם קאַרק. זיינע האָר האָבן שטענדיק די זעלבע גרויס, ווי ער וואָלט זיי אַלע טאָג געשוירן, אָדער ווי ער וואָלט מיט זיי אַזוי געבוירן געוואָרן און זיי ענדערן זיך שוין קיינמאָל מער נישט.

איז ער ערגעץ דאָ, דערזעט איר אים פֿון וויטן. זיינע אויגן און פּנים גלאַנצן אייך אַנטקעגן. און טאָמער דערזעט איר אים נישט, דער־הערט איר אים. ער לאָזט זיך הערן. אַרום אים איז אַלעמאָל רעשיק. ער רייצט אָן מיט זיין פֿרייד און געלעכטער די אַרומיקע. ער פֿרייט זיך מיט פֿרעמדע און אייגענע איינפֿאַלן און וויצן. ער לאַכט מיטן גאַנצן האַרצן. ער לאַכט מיט אַ טיפֿן אינערלעכן באַס. דער געלעכטער זיינער קיילערט זיך אַף אינעווייניק אַריין און קלינגט נאָר אָפּ, ווי מיט אַ וויטן, שטאַרקן עכאָ.

***

ווי עס קומט נאָר אָן דער חודש אלול, ווערט הלל גאָר אַן אַנדע־רער. וואָס ער טוט צו גאָט, ווייסט קיינער נישט. ער פֿירט מיט אים די חשבונות שטילערהייט, ביחידות. זיין באַהעפֿטונג מיט גאָט איז אַן אינ־טימע, אַ נשמהדיקע און דעריבער וווּלגאַריזירט ער זי נישט. נאָר צו מענטשן ווערט ער בעסער, צוגעלאָזטער. ער מיידט אויס זיך צו קריגן מיט זיי. קיין שונאים האָט ער סיי ווי סיי קיינמאָל, אַ גאַנץ יאָר, אויך נישט. טוט ער אייך אַפֿילו אַמאָל אָן עולה, מוזט איר אים גלייך מוחל

זיין בא דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים, אָנטרעפנדיק זיך נאָר מיט זיין אומשולדיקן, גוטמוטיקן פּנים.

א גאַנץ חודש אלול גייט הלל אַרום מיט אַ ,,ברייט האַרץ,, אָנגע־לאָדן פול מיט ליבע צו אַלעמען, צו אַלע מענטשן, צו דער גאַנצער וועלט. און ווער רעדט נאָך צו יידן! זיינע אויגן זיינען איצט, מער ווי אַלעמאָל, באַצויגן מיט אַ וואָלקנדל, וואָס אַט־אַט פאַרלירן זיי אַ קרים־טאַל־ריינעם טראָפּן...

איינמאָל נאָר האָב איך געזען הלל׳ן אין אַנדערן, אינגאַנצן אין אומ־געביטענעם, אַ באַטריבטן.

דער טאָג איז דווקא דאַן געווען אַ פרילער, אין אָנגעזאַפּטער, אין אָנ־געלאָדענער מיט זון, מיט פרייד און מיט גליק.

די זון האָט זיך אָקאָרשט באַפרייט פון די שמאַטעדיקע וואָלקנס, אין וועלכע זי איז געווען איינגעהילט. דער פרילינג איז אָנגעקומען. (אין זיד־אַמעריקע פאַלט פרילינג אויס אין סעפּטעמבער).

אויך די מענטשן האָבן זיך גענומען באַפרייען פון די איבעריקע שווערע בגדים זייערע, און האָבן אויסגעשטרעקט, אַנטבלויזט די טיילן פון זייערע קערפּערס, וועלכע זיי האָבן נאָר געקענט, אַנטקעגן די זונען־שטראַלן, וואָס האָבן זיך איבער זיי געשפּילט, זיי געוואַרעמט און גע־גלעט.

עס איז געווען אַ יום־טוב־טאָג, דער באַפרייונגס־טאָג פון טשי־לענער פאָלק.

פון אַלע זייטן און וועגן האָבן זיך טראַמווייען, אויטאָמאָבילן און צוויי־רעדערדיקע וואָגנס געצויגן, איינגעטונקט אין גרין און אין פאָנען, און אָנגעפילט מיט מענטשן, צו דעם וואַלד־פּאַרק, קאָוסינאָ. פון די שכנותדיקע געגנטן האָבן זיך מענטשן געלאָזן גיין אַהין צופוס, אין גאַנצע קאַראַוואַנען.

די מענער האָבן פעסט געהאַלטן אין זייערע הענט די אויערן פון די לאָגלען וויין, די פרויען האָבן געטראָגן קוישן עסן און קליינע קינ־דער אף די הענט. די גרעסערע קינדער האָבן זיך אָנגעהאַלטן אין די קליידער פון זייערע טאַטעס און מאַמעס און זיך האָפּקענדיק נאָכגע־שלעפּט נאָך זיי. אַלץ האָט זיך געצויגן אַהין, צום פּאַרק, דעם טראַדי־

ציאַנעלן פּלאַץ, ווו דער יום־טוב „דיעזיאַטשאַ" ווערט יאָרן לאַנג גע-
פּייערט. („דיעזיאַטשאַ" — דער אַכצנטער)

דער פּאַרק איז שוין פון פריען קאַיאָר געווען פול מיט מענטשן.
גרופּעסווייז, פאַמיליעס גאַנצע, מיט ווייבער און קינדער, מיט באַבעס
און זיידעס, מיט סתם גוטע פריינט, זיינען געלעגן צעשפּרייט איבערן
אָקאַרשט אויפגעגרינטן פרישן און מחיה־שמעקנדיקן גראָז. ארום זיי
האָבן העלע שייטערס געפלאַקערט און פון צייט צו צייט אויסגעשאָסן
מיט א פריילעכן טרעשטש...

פון די שייטערס האָט זיך געטראָגן א רויך ביז צום הימל ארויף.
די זוניען־שטראַלן האָבן דעם רויך אפן וועג אונטערגעכאַפּט און אים
אין דער לופטן פאַרוואַנדלט אין א פיל־קאָלירנדיקן זייל, ענלעך צו א
רעגנבויגן.

די שאַרפע ריחות פון די צוגעגרייטע מאכלים האָבן געקיצלט די
נאָזלעכער באַ די פאַרבייגייער. די פילפאַרביקע, העלע בגדים פון די
פרויען און קינדער האָבן זיך געשפּיגלט אין דער ליכטיקייט פון טאָג
און האָבן געשאַפן א זעלטענעם בילד.

די מענער האָבן אַלע ווײַלע איבערגעבויגן די לאַגלען, פון וועלכע
עס האָט זיך מיט א פריילעכן פּליושקען געגאָסן דער ברושטינענער וויין,
אין א הערנער אריין. דער הערנער איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו
האַנט. יעדערער האָט פון דעם וויין פאַרזוכט און נאָכדעם איז דער
זעלבער הערנער ווידעראַמאָל אָנגעקומען צום ראש פון דער משפחה.

אַלע ווײַלע איז אַן אַנדער דורכגייער אָפּגעשטעלט געוואָרן פון אַן
איינגעזעסענער גרופּע. ער האָט געמוזט טועם זיין פונעם וויין פון דעם
הערנער. די גרופּעס זיינען אַלץ פאַרגרעסערט געוואָרן.

אין דער לופטן האָבן זיך געטראָגן די קלאַנגען פון די שופרות און
טרומייטן, וואָס האָבן גערופן די פאַרבייגייענדיקע מענטשן צו געניסן
פון אַלערליי תענוגים און שפּילערייען און פון די גיטאַרעס, וואָס ארום
די גרופּעס. א פּאָר פון דער גרופּע האָט געשפּילט אף דער גיטאַרע און
דער איבעריקער עולם האָט געזונגען.

פון צווישן דער גרופּע האָט זיך יעדער ווײַלע אויפגעהויבן אַן אַנ-
דער פּאָרל און מיט ברען און התפּעלות א לאָז געטאָן זיך טאַנצן די טשי-
לענער „קויקע" (א נאַציאָנאַלער טאַנץ אזא).

מיט א געבויגענעם קאָפּ, אביסל אָן א זייט, און מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, דרייט זיך קונציק די „זי" אַף אַלע זייטן און זוכט אויסצומיידן דעם „ער". דער „ער" האַלט זיך אין איין ארומדרייען ארום דער „זי" און זוכט אירע בליקן צו געפינען. דאָס פּאָרל טאַנצט, די גיטאַרעס שפּילן און דער גאַנצער עולם זינגט:

„הערצער אַף צווייען
האָב איך נישט ליב.
מיינס ווען איך גיב,
אינגאַנצן איך גיב,
אינגאַנצן איך גיב!
הואי־פּא יא־יאי
הואי־פּאַ יא־יאי!..."

דער עולם זינגט, פאַרכלינענדיק זיך, און פּליעסקעט דערביי צו מיט די הענט:

„הואי־פּא יא־יאי
הואי־פּאַ יא־יאי!..."

***

דאָס איינציקע מאָל, וואָס איך האָב הללן געזען אָן אַנדערן ווי אַלע מאָל, אָן אומעטיקן אזא, איז טאַקע פּונקט געווען אין א „דיעזיאָטשאָ".

דער טשילענער באפרייונגס־טאָג איז פּונקט דאָס דאָזיקע יאָר צוזאַמענגעפאַלן מיט דעם יידישן ראש־השנה.

הלל האָט דעם דאָזיקן יאָר ווי תמיד די שול באַזוכט, איז פון דאָרטן ארויס אָן אויסגעלייטערטער און ריינער, מיט אָן אויסגעוואַשענעם געוויסן. ער האָט זיך געפילט, ווי א ניי־געבוירענער.

— „פון היינט, הייבט ער דאָס לעבן אָן פונדאָסניי. ער וועט שוין זען אויסצומיידן די פעלערן, וואָס ער איז ביז היינט אין זיין לעבן באַגאַנגען" —

מיט אַזעלכע און ענלעכע מחשבות קערט ער זיך אום א פריילע־

בער, א מונטערער אהיים. צו זיין פרוי און קינדער באַציט ער זיך דעם טאָג נאָך ליבלעכער ווי אַלעמאָל.

נאָכן עסן דערוועקן אים פון זיינע זיסע מחשבות זיין פרוי און קינדער. זיי דערמאָנען אים אָן אַ צווייטן יום-טוב, אַ יום-טוב, אָן וועלכן ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן — אָן „דיעזיאַטשאַ", זייער יום-טוב. דער יום-טוב פון זייער לאַנד, ווו זיי זיינען געבוירן געוואָרן.

ער האָט גאָרנישט אַנטקעגן צו מאַכן אַ שפּאַציר אין פּאַרק מיט דער פרוי און קינדער.

הלל שפּאַצירט אַרום מיט זיין פרוי און קינדער איבערן פּאַרק. זיי שטעלן זיך אָפּ באַ פאַרשיידענע פאַרוויילונגס-פּלעצער, באַ פאַרשיידענע גרופּן.

באַ איין גרופּע טרעפן זיי באַקאַנטע. מען איז זיי מכבד מיט וויין. הללס קינדער, אַ יינגעלע מיט אַ מיידעלע, לאָזן זיך האָפּערדיק און פריילעך טאַנצן די „קויקע".

דער גאַנצער עולם זינגט און פּליעסקעט מיט די הענט, די קינדער טאַנצן, זייערע פּנימלעך צעגליען זיך, די בלאָנדע הערלעך זייערע צעציינדן זיך אַנטקעגן דער לויכטנדיקער זון, די אויגן זיינען צעשטראַלט...

אַלע קוועלן אָן. די מוטער איז שטאָלץ מיט אירע קינדער און דריקט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער צו איר טייערן און גוטן מאַן, צו איר הללן.

הללס פּנים האָט זיך אָבער מיט אַמאָל פאַרוואָלקנט. זיינע אויגן קוקן צעשראָקן און צעשטרייט אין וויטן הלל אריין. ער איז איצט פאַרנומען נאָר מיט זיך, מיט איין מחשבה, אַ מחשבה, וואָס האָט אים אינגאַנצן אַרומגענומען, עקבערט אים דעם מח, לעכערט אים דאָס האַרץ. ער האַלט אין איין טענהן און פרעגן ביי זיך אַליין:

— „זיינען דאָס טאַקע מיינע קינדער? מיינע? יאָ, אָבער זיי געהערן דאָך פאָרט נישט צו מיר! זיי געהערן צום לאַנד, ווו איך וווין, צו דער וועלט, צו אַלעמען, נאָר נישט צו מיר! מיט מיר, מיט מיר ענדיקט זיך אַלץ, אַלץ! מיין שטאַם, מיין יידישקייט, מיין אַלץ מיט אַנאַנדער..."

צום ערשטן מאָל האָט זיך הלל אַזוי ערנסט פאַרטראַכט. צום

ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער דערפילט אַן אינערלעכן, שטאַרקן ווייטיק. ער האָט זיך דערשפּירט עלנט און אַליין אַף דער גאַנצער וועלט.

אַף זיינע ברעמען האָט אויפגעשיינט אַ טרער, אַ בריליאַנטענע טרער. זי האָט אַ צאַפּל געטאָן, איז געבליבן אַ ווײַלע הענגען אין דער לופטן, האָט אַ לעצטן פינקל געטאָן אַנטקעגן דער זון, און איז אַראָפּגעפאַלן אויפן גרינעם באָדן פון פּאַרק.

.1938

„על גואגואיטא"*)

אף דער גרויסער, אומענדלעך לאנגער און ברייטער אלאמעדא, (א נאמען אזא פון אן אלייע) איבער וועלכער עס הייבט זיך מאיעס־טעטיש אריבער דער בלאנקער ריזן־קאפ פון א קארדיללערן־בארג, אין די שאטנס פון די הויכע וואלקנקראצערס, באם ברעג פון דער צענטריש־אויסגעפוצטער „עסטאדא" (א נאמען פון א גאס), זיצט ער, דער „גוא־גואיטא".

ער זיצט דארטן אף א צוקער־קעסטל, פון וועלכן עס הענגען אראפ זיינע קינדעריש־קליינע פיסלעך, וועלכע זעען אויס ווי פרעמד־צוגע־טשעפעטע, צו זיין נישט־בערך גרעסערן גוף, און לעבן דעם קעסטל וואלגערן זיך ארום א פאר קליינע קוליעס פארנאכלעסיקט, ווי דער אייגנטימער זייערער וואלט זיי שוין אף שטענדיק אוועקגעווארפן, כדי זיך מער נישט אומקערן צו זיי...

אנטקעגן אים שטייט זיין גרויסע, דיקע, פילבלוטיקע און געזונטע ווייב, פונקט ווי זי וואלט גאר קיין שייכות נישט געהאט צו אים, און לעבן אים, ניין, איבער אים, שטייט זיין געשעפט — א קיאסק פון צייטונגען און ביכער.

דאס געשעפט, דער קיאסק מיט די ביכער, אלץ אויסגעשטעלט און אויסגעסארטירט אף אן ארט, איז ווי א ביי־זאך בא דעם „גואגואיטא". דער עיקר זיינען די ביכער, די צייטונגען, זשורנאלן און בראשורן, וואס וואלגערן זיך ארום דעם גואגואיטא", ארום זיין צוקער־קעסטל.

זיי זיינען דארט אנגעלייגט אזוי פיל, אין גאנצע פעק, אז ער פאר־לירט זיך שיעור נישט צווישן זיי.

*) על גואגואיטא" איז א טשילעניזם און מיינט — דאס קינדעלע. אין דעם געגעבענעם פאל איז דאס א ליבלעכער צונאמען פאר א קארליק.

אָבער דער „גוואוּאיטא" פארלירט זיך נישט, נישט צווישן דעם באַרג פּאַפּירן, נישט אַנטקעגן דעם קאָרדילערן-באַרג, נישט אין דער אומענדלעכקייט פון דער אַלאַמעדאַ.

אדרבה, ער געפינט זיך דאָרטן. שעהן לאַנג זיצט ער אַזוי מיטן נאַקעטן קאָפּ און גלאַנציקן שטערן אַנטקעגן דער גלעטנדיקער זון, און זיינע ליכטיקע קינדעריש-ריינע און זאַרגלאָזע אויגן זיינען איינגעטאָן אין די דאָזיקע פּאַפּירן.

אַמאָל זיצט ער אַזוי, דעם שטערן פאַרקנייטשט, די אויבערשטע ליפּ אַראָפּגעהאנגען, ביז צו דער ענדע פון דער מאָרדע.

דאָס איז ער פאַרטיפט אין עפּעס אַ שווערן ענין, וואָס ער האָט אים נישט צעקייט. דאַן קענט איר פאַרביי אים דורכגיין, מיט די שווערסטע און האמעטנעסטע טריט, זיך אָנשטויסן אין זיין אַקסל, און ס'איז אומזיסט, ער זעט אייך נישט! זיין שטערן און זיין פּנים אַרום די אויגן צעפאַלדעווען זיך באַ אים אין קנייטשן, ווי באַ אַ ייִד אַ למדן, ווען ער זיצט באַ אַ האַרבער און שווערער סוגיה, וואָס ער מוז איר דורכאַקערן ביזן גרונט.

זעט איר אים אָבער נאָכדעם ווי ער איז דורכגעקראָכן אַזאַ שווערן לייעניש, האָט איר גאָר קיין גליקלעכערן מענטש פון אים אויף דער וועלט נישט געזען אין אייער לעבן. די אויגן שטראַלן פון שמחה, די ליפּן זיינען צעגאָסן אין אַ שמייכל ביז צו די אויערן, און אַלץ לאַכט מיט מיט אים: די זון איבער זיין קאָפּ, דער שניי אַנטקעגן זיינע אויגן, און אויך איר, וואָס באַגעגנט אים.

דאַן באַגעגנט ער אייך פון אַ מייל די ווייט מיט זיין קליינעם פויסט אין דער הויך, און מיט אַ „סאַלוד, קאַמאַראַדאַ!"

ווען ער הייבט אויף זיין פויסט אין דער הייך און גיט אַ זאָג זיין: „סאַלוד קאַמאַראַדאַ!", שטעלט זיך זיין שמייכל אָפּ אויף אַ ווײַלע, ער רייסט זיך איבער, און זיין פּנים ווערט ערנסט. נאָכדעם שמייכלט ער שוין און איז גליקלעך, גליקלעך...

***

דער טעאַטער „עספּאַניאָל", איז געפּאַקט. מער קיין מענטשן גייען שוין נישט אַריין, אפילו נישט קיין שפּילקע-קעפּל.

דער „גואגואיטא״ פלאָנטערט זיך צווישן די פיס. ווען־ניט־ווען פאַרייסט ער זיין קאָפּ, וואָס זיצט אויף זיין נידעריקן האַלדז. דאָס האָט ער אַ חבר דערשפּירט און דערקענט. ער גיט אַ פּעסטן הייב־אויף זיין פּויסטל און שפּאַרט זיך ווייטער. ער מוז צוקומען נענטער צו דער בינע. ער קען שוין אָבער אַהין נישט דערגרייכן צוליב דער מענטשן־געדיכטעניש. איז ער דערפון צופרידן. בלייבט ער שטיין אינמיטן טעאַטער צווישן אַן אַ צאָל פיס...

פון דער בינע דונערט אַראָפּ די פייערדיקע און פייערלעכע שטים פון אַן אַרבעטער־פירער. ער איז שטענדיק פלאַם־פייער און מוט, און היינט נאָך מערער. די מאַסע האָט אים באַגייסטערט און דערצו נאָך צוואַנציק יאָר רוסישע רעוואָלוציע! זיין שטים קוילערט זיך אַראָפּ פון דער בינע און רעגנט די הערצער.

דער גואַגואיטאַ״ זעט נישט דעם רעדנער, שפּירט נישט אויף זיך די ברענענדיקע אויגן זיינע. די ווערטער אָבער פון רעדנער דערגרייכן צו זיין איבערגעפּולטן האַרצן, שטויסן די פרייד פון דאָרטן אַרויס — און אַ יונגער, פריידיקער קול: „זאָל לעבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, די דערלייזערין פון דער גאַנצער מענטשהייט!״ — קומט פון דער ני־דער דערהייבט זיך אַרויף־צו דערגרייכט אין אַלעמענס אויערן און רופט באַ אַלעמען אַרויס איין אַלגעמיינעם, מעכטיקן קול: „זאָל לעבן, זאָל לעבן!״

דער דאָזיקער מעכטיקער רוף קוילערט זיך צוריק פון דער הייך צו דער נידער אַראָפּ, און גיסט זיך צום „גואַגואיטאַ״ ווידער אין האַרצן אַריין, און שטאַרקט אים און מונטערט אים, און ער גייט פון מיטינג אַרויס נישט קיין אומגליקלעכער קריפּל, נאָר אַ מעכטיקער ריז, וואָס איז גרייט וועלטן חרוב צו מאַכן און אויף זייער אָרט נייע, שענערע, ליכטיקערע און בעסערע אויפצובויען.

***

ווי דער „גואַגואיטאַ״ באַפרייט זיך נאָר פון זיין אַרבעט, לויפט ער גלייך, אויף זיינע קליינע קוליעס, אין „קאַסאַ־אַמעריקאַ״ אַריין.

ער זעצט זיך דאָרטן אַוועק אויף אַ שטול. זיין מאָרדע דערלאַנגט קוים אַריבער דעם טיש.

מען דערלאַנגט אים דאָס עסן. ווער איז דאַן גלייך צו דעם „גוא־גואיטאַ"? נישט דער גרעסטער צדיק קען האָבן אַזאַ הנאה פון דער גן־עדן־סעודה, ווי ער פון זיין מאָלצייט, אַן ארומגערינגלטער מיט חברים — מיט ליבע אידייען־חברים!

נאָכן עסן נויגן זיינע חברים צו אים זייערע אויערן צו און ער דער־קלערט, טיילט זיך מיט זיי, מיט די טראַפּייען פון טאָג... פון זיינע אויפקלערונגען, ווערט זיך עפּעס באַ זיי אין מוח און מיטאמאָל ווערט זיי עפּעס ליכטיק און קלאָר אין זייערע מידע און פאַרשלאָגענע קעפּ.

אינמיטן צימער, אַרום אַ קיילעכדיקן טיש, זיצן באַברילטע באַ־בערדלטע און אַנדערליי אינטעליגענטן. זיי זיצן און פּשטלען זיך — דיסקוטירן. יעדערער בליצט מיט אַפאָריזמען, מיט געדאַנקען און סב־רות: מען רעדט וועגן מאַרקסיזם און לעניניזם, וועגן טראָצקיזם און סטאַליניזם.

דער „גואַגואיטאַ" שטעלט אָן פון ווייטן זיינע אויערן, שמייכלט אין זייער זייט מיט זיינע ברייט־צעלייגטע ליפּן און מיט זיינע אייגע־לעך. נאָכדעם גיט ער זיך ענערגיש אַ שטעל־אויף אויף זיינע קליינע קו־ליעס, לויפט צו צום קיילעכדיקן טיש און בעט אַ וואָרט.

ער רעדט אויך פון מאַרקסיזם, אָבער אין פאַרבינדונג מיטן לעבן, אין פאַרבינדונג מיט דער צייט, אין שייכות מיט די אינטערעסן פון זיין קלאַס.

ער ווערט וואָס ווייטער און ווייטער אַלץ צעוואַרעמטער און צע־וואַרעמטער.

ער שפּאַרט זיך אָן אויף דער לינקער קוליע. די רעכטע גיט ער אַזוי געשיקט אַ וואָרף־אַריבער אין דער לינקער האַנט און מיט דער רעכ־טער האַנט זשעסטיקולירט ער.

און זיינע רייד צינדן אָן אַ ליכטיקן פלעמל אין די געדאַנקען פון די אינטעלעקטואַלן. זיי זיצן מיט אָפענע מיילער. פאַר יעדן פון זיי איז מיטאמאָל עפּעס קלאָר געוואָרן.

דער „גואַגואיטאַ" פאַרענדיקט יעדעס מאָל זיין געדאַנק מיט אַ פעסטן זעץ איבערן טיש.

יעדער זעץ אין טיש איז, ווי אַ מין אילוסטראַציע צו זיין פאַרענ־דיקטן געדאַנק.

אַ זעץ אין טיש און עס איז פאַר אייך קלאָר געוואָרן, אַז מען דאַרף אומברענגען דעם טראָצקיזם מיט אַלע אַנדערע פאַרעטער, וואָס ווילן אַריינשלעפּן דעם ראַטנפאַרבאַנד אין אַ בלוט־באָד, אַ זעץ אין טיש און רוסלאַנד ווערט דער כח, וואָס פאַרהאַלט דעם וועלט־פאַשיזם, און נאָך אַ זעץ אין טיש און רוסלאַנד מיט דעם פאַראייניקטן פאָלקס־פראָנט פון דער וועלט זיגט און עס קומט די ליכטיקע וועלט.

און אַז ער רעדט אַזוי, הייבן זיינע צוהערער די אויגן אין דער הייך, אַרויפצו. דער „גואַגואַיטאַ" וואַקסט אויס ריזיק גרויס פאַר זיי.

דער „גואַגואַיטאַ" האָט זיך שוין לאַנג אַרויסגערוקט פון „קאַסאַ אַמעריקאַ" און זיינע צוהערער זיצן נאָך גרייט צו הערן.

זיי דרייען זיך נאָכדעם, איינציקווייז אַרויס פון „סאַלאַ" און דער גיגאַנטן־געשטאַלט פון דעם „גואַגואַיטאַ" באַגלייט זיי יעדערן אויף לאַנג, אויף לאַנג...

.1938

משה קאַפּויער

פערציק יאָר האָט ער אָפּגעלעבט מיט זיין נאָמען משה, משהלע, אָדער בא באַזונדערע פאַלן משה בראָדני. פערציק יאָר — פון זיין ברית ביז זיין קומען קיין טשילע.

מיט דעם זעלבן נאָמען משה בראָדני האָט ער זיך געהאָדעוועט, חתונה געהאַט און דעם ווייב פאַרלאָרן, רייך געוואָרן און די עשירות אָנגעוואָרן, אין נאָרד־אַמעריקע געוועזן און דערנאָך קיין טשילע געקומען, דעם בראָדני אויך צו פאַרלירן און באַקומען אַלס אויסטויש דעם נאָמען קאַפּויער.

הייסט ער דאָ טאַקע נישט אַנדערש ווי משה קאַפּויער. און דער קאַפּויער פּאַסט זיך אַזוי פאַרן משה, ווי דער משה צום קאַפּויער.

און הייסן הייסט ער קאַפּויער, ווייל ער איז טאַקע אַ קאַפּויערדיקער.

אָט, למשל, קומט ער אַראָפּ אין אַ מיטן העלן טאָג קיין טשילע. קוקט מען זיך אַף אים אַרום. מען מוז זיך אַף אים אַרומקוקן. עפּעס זעט ער אויס אַנדערש ווי אַלע. אַ הוט גייט ער אַן אַמעריקאַנער. פול געפּאַקט איז ער. זיין פּנים, וועלכער טראָגט די סמנים פון אַ גוטער, זאַטער קינדהייט, שניידט זיך אַלע ווייזלע איבער מיט אַ גוטמוטיקן שמייכעלע, און די מאָרדע שפּאַרט זיך אָן אַן אַ האַרטן דאָפּלטן ווייסן קראַגן, אונטערגעבונדן מיט אַ שלייפל, אַ זכר פון יענער צייט, ווען ער איז געווען אַ רייכער איידים אין אַ חסידישער שטוב, און שיטן שיט ער מיט פּסוקים און גמרות ווי אַמאָל אין די גוטע אַלטע צייטן.

צו וואָס נעמט זיך אַזאַ ייִד ווי ער אין טשילע? דווקא צו דער זעלבער „מלאכה", וואָס אַלע אַנדערע ייִדן — צו סעמאַנאַל (פאַרקויפן אַף וועכנטלעכע ראַטעס).

אָבער, ווען אַלע אַנדערע „סעמאַנאַלסטשיקעס", אַרבעטן אין איין

„באריא״ (געגנט), כדי זיי זאָלן האָבן אַלע „גויהס״ צוזאַמען, אַרבעט משה דוקא קאַפּויער, צעוואָרפן איבער דער גאַנצער שטאָט. דערויף, זאָגט ער, איז דאָ אַ „טראַן״. (ע ר רעדט נאָך אַביסל אַמעריקאַניש). אין דער צייט, ווען אַלע „סעמאַנאַלטטשיקעס״ נעמען דרייסיק פּעזעס פאַר אַ שטיקל „ליענסאַ״ (לייוונט), זעכציק פּעזעס פאַר אַ פאָר לייַלעכער, פאַרקויפט ער עס גאָר פאַר צוואַנציק און פערציק. מען טאָר מער נישט נעמען, זאָגט ער, עס איז אַ פאַרברעכן.

ער איז אַזאַ קאַפּויערדיקער, אָט דער משה, אַז אַנשטאָט צו נעמען געלט בײַ די „גויהס״ זיינע, גיט ער זיי גאָר נאָך אַמאָל. ער גיט אַמאָל אפילו די „גויהס״, „מתן־בסתר״. ער ווייסט, אַז זיין אָרעמע קליענט־קע גייט צו קינד און פאַרמאָגט נישט קיין שטיקל לייוונט דאָס נפשל איינצוּוויקלען, וואַרפט ער עס אַריבער איבער איר פּלויט.

אַזאַ „טשודאַק״ איז ער! אַז מען זאָגט קאַפּויער...

עס פאַרשטייט זיך, אַז לאַנג באַם „סעמאַנאַל״, האָט זיך משה נישט געהאַלטן.

ווערט משה אַ בופעטשיק. אַ בופעטשיק אין אַ יידישער „סאָסיע־דאַד״ (געזעלשאַפט), אין סאַן־פּאַבלאָ (אַ זייטיקע געגנט). האָט ער דאָרטן גלייך איינגעפירט נייע תקנות. ערשטנס, ווי נעמט מען דאָס עפּעס אַ פּעזע פאַר אַ גלאָז טיי, פאַר אַ ביסל וואַסער! דאָס איז דאָך אמתע גזלה! עס איז גענוג, עד־בלי־די, פופציק סענט!

האַלט ער זיך דאָרטן פון אסתּר־תענית ביז פּורים. נישט אַזוי פאַר זיין ביליק פאַרקויפן, ווי פאַר זיין „נישט אויפמערקזאַמקייט״.

בײַ משהן איז רעכט אַרומצושמייען אַרום דעם שלעפער קריגמאַן, קוקן אים אין מויל אַריין, אויסהערן מיט כונה פון אים עפּעס אַ נייַ ווערטל, אַ המצאהלע, און אונטערטראָגן אים אַנטקעגן אַ גלעזל טיי. ער הערט גאָרניט ווי פון די גרינע טישלעך טראָגט זיך צו אים אַ רוגזהדי־קע באַסאָווע שטים פון אַ דירעקטאָר פון „סאָסיעדאַד״: משה! אַ גלאָז טיי, משה!

מאַכט משה אַ „קאָמפּראַ־ווענטאַ״ (קויף און פאַרקויף געשעפט). אַנטקעגן אים שטייט דער דאַרער שמעון שניצלער אויך מיט אַזאַ געשעפט, רייסט אַ פּאַס בײַ די וואָס קויפן און שינדט די הויט בײַ די וואָס פאַרקויפן און ווערט וואָס פון טאָג אַלץ דאַרער און רייכער. און

ער, משה, ער קען זיך נישט האלטן באם געשעפט, אפילו נישט קיין חודש, כאטש ער נארט קיינעם נישט אפ... אדרבה, אז צו אים טראגט אריין א „ראטא" (אן אפגעריסענער) א פאר אלטע שיך צו פארקויפן און בעט בא אים פאר זיי פיר פעזעס, זאגט ער צו אים: „ניין, איך קען בא דיר די שיך נישט קויפן פאר קיין פיר פעזעס, זיי זיינען פארט ווערט זעקס!"

ציימן האט שוין משה דורכגעמאכט פארשיידענע. אמאל בעסערע, אמאל ערגערע. אמאל איז דא מערער צו עסן, אמאל ווייניקער, נאר שטענדיק, ווען איר טרעפט אים, זעט איר אים מיט זיין ברייטן און צופרידענעם שמייכל אפן פנים און שטענדיק לויפט ער נעמען א „טראן".

ווער ווייסט זיינע וויכטיקע געשעפטן!

נאר, אז עס קומט פרייטיק ווארפט ער אוועק זיינע אלע וויכטיקע און איילנדיקע געשעפטן און גייט אוועק אין „מערקאדא" (מארק), האנדלט דארטן איין מיט באזונדערער כונה א פרישן פיש אף שבת, א גוט שטיקל פלייש, אדער אן עוף, מאכט עס כשר, קאכט עס אפ, גרייט עס אלץ צום טיש, צינדט אן ליכט און איז מקבל־שבת.

נאכדעם שטעלט ער זיך אוועק באם טיר פון זיין שטוב מיט זיינע ברייטע, געדיכטע און אקארשט אויסגעקעמטע וואנצעס, מיט דעם הויכן אלטמאדישן און ווייסן קראגן ארום זיין קורצן האלדז, אין א שווארצן סורדוט, מיט דעם הארטן קאפעליוש אפן קאפ.

ער שטייט אזוי ערנסט און פארטראכט. עס פארשאטענען אים זיך די וואנצעס. זיין גאנץ לעבן גיט אים אין מוח אף שנעל א לויף דורך... ער ווערט אומעטיקער. ווער ווייסט צי ער וועט אים געפינען?!

נאר אט גייט פארביי א „ראטא". פון קליידער קיין סמן ניט, בארוועס, מיט א זאק אף די פלייצעס.

ער גייט צו צו אים ניט דרייסט און שטאמלט אין אים עפעס אריין.

דער „ראטא" קוקט זיך ארום, פארשטייט לכתחלה נישט וואס דער גרינער וויל פון אים, נאר גייט מיט.

זיי גייען ביידע ארויף צו משהן אין אויבער-שטיבל. משה זעצט אוועק דעם אפגעריסענעם צו זיין רעכטער האנט, צעשאקלט זיך מיט א קדוש-נגון און גיט דעם אורח צו פארזוכן פון דעם קדוש-וויין.

נאכדעם רוקט ער אים צו איין טעלער נאכן אנדערן, קוקט מיט וואס פאר אן אפעטיט זיין אורח עסט און אליין עסט ער אויך א גליק-לעכער און א צופרידענער...

.1938

עוזר טרעגער

עוזר טרעגער איז אַ ייִד אַ גבר, אַ ריז. מער פון אַלע אברים זיינען בא אים אַנטוויקלט די פיס און די הענט.

מיט זיינע לאַנגע פיס האָט ער דורכגעבראָדזשעט די בראַזיליע־נער וועלדער, איבערגעשפּרייזט די אַרגענטינער ברייטע פּאַמפּעס און דורכגעקראָכן די שניי־טיפענישן פון די אַנדן־בערג, ביז ער איז געקו־מען קיין טשילע.

זיינע הענט האָבן זיך אויך געגוג אָנגעהאָרעוועט אין זיין לעבן. זיי האָבן שטענדיק געדאַרפט אָפּטאָן כל־עבודת־פּרך, ביז זיי האָבן גע־קענט דערלאַנגען אַ ביסן ברויט צום מויל.

זיינע גרויסע דלאָניעס זיינען טיף אָפּ אינעווייניק האַלבקיילעכ־דיק אויסגעהוילט, ווי זיי וואָלטן מיט אַ כיון באַשאַפן געוואָרן שטענ־דיק צו האַלטן עפּעס אין זיי.

ווען איר גיט אַ קוק אָפּ זיינע ידים, ווינטשט איר זיך קיינמאָל אין אייער גאַנצן לעבן אים נישט צו האָבן פאַר קיין שונא...

אויגן האָט עוזר אַ פּאָר ביסטרע, אַ ביסל אַרויסשטאַרטשענדיקע און קריגעריש־אַרויסרופנדיקע.

טאָמער קוקט איר אים אָן צום ערשטן מאָל מיט אַ ביסל אומצו־טרוי אָדער נייגעריקייט, גיבן אייך זיינע אויגן אַ בריִיקן שנייד אָפּ.

— „וואָס איז לעקיש, איך געפעל דיר נישט?! עס געפעלט דיר ניט מיין נאָז, צי מיין הילוך?! דאַרף מען נישט! קענסטו גלייך גיין מיטן קאָפּ אין דער ערד און מיט אַ פוס אונטערן אָרעם!"

עוזר האָט ליב פרייהייט, באַקוועמלעכקייט. ער קען נישט זיין גע־קרעמפּעוועט.

גייט ער שטענדיק אַרום מיט ברייטע, פעסטע טריט, אַ צעכראַס־טעטער, אַ צעשפּילעטער אָפּ אַלע קנעפּלעך פון זיין העמד, דורך וואַנען

עס קוקט ארויס צו דער ליכטיקער שיין זיין האריקע ברוסט וואס ווערט געגלעט פון מחיהדיקע ווינטעלעך. (קיין ראק נוצט ער נישט.) די ארבל גייט ער פארקאטשעט, די האר צעפאטלט־געקרויזט, די הויזן הענגען אים ברייט און לויז אראפ און די פינגער פון זיינע פיס רייסן זיך שטענדיק פון די שיך ארויס צו דער וועלט, צו דער פריי...

אפשר מיינט איר, אז עוזר האט נישט וואס אנצוטאן, און דערפאר גייט ער אזא הילוך? האט איר א טעות! אדרבה, כאפט זיך מיט אים אריין אין זיין צימער, וועט ער אייך דארטן עפענען די צוויי־קארפוס־דיקע קליידער־שאפע זיינע, פון וואנען עס קוקן ארויס מיט בענקשאפט צו דער וועלט, דער פרייער, א טוץ אנצוגן פון אלערליי פארבן און סעזאנען, א דריי־פיר מאנטלען, פילפארביק־געשטרייפטע העמדער פון עכטן ענגלישן פאפעלין און בונט־פארביקע זיידענע קראוואטן. ער האט אפילו א גאלדענעם זייגער און בראסלעט אויך. נאר וואס דען? ער האט זיך פיינט אנצוטאן אין דעם אלעם.

אז ער טוט זיך אן אין א געפאסטן אנצוג, זעט ער אויס נאך העכער ווי ער איז, און זיינע אברים רייסן זיך פון די בגדים צו דער פריי. ער זעט דאן אויס ווי א סטאטיסט, ווי איינער, וואס שפילט א פרעמדע ראליע. ער שפירט דאן, ווי אין די דאזיקע קליידער וואלט געזעסן אן אנדערער, ניט ער, עוזר, און ער בענקט שוין פון זיי ארויסצוקריכן, כדי צו קענען ווידעראמאל זיין ער אליין און מיט זיך אליין...

פונדעסטוועגן נוצט ער זיינע שיינע מלבושים און צירונג. ער דארף זיי האבן.

עוזר איז א ליבהאבער פון „פעסטיוואלן". ער גייט אף אלע „פעסטיוואלן". פארשטייט זיך, אז די „פעסטיוואלן" דארפן זיין מיט א „צוועק". דער „צוועק" מעג זיין די פארטיי, שפאניע, שטרייקנדיקע ארבעטער, אדער אן אנדער זאך, אבי א „צוועק"... אז נישט גייט ער נישט. אף סתם „פעסטיוואלן", „באילעס", גייט ער נישט. אף דעם אריינטריט־פרייז צום „פעסטיוואל" קוקט ער נישט. עס מעג אפילו קאסטן טויזנט פעזעס, ארט אים נישט. (ער איז שוין בפירוש געווען אף א „פעסטיוואל", ווו ער האט אוועקגעלייגט א טויזנטער פאר א „טארבעטל" (קארטע).

איז, אז עס קומט צו אזא „פעסטיוואל", טוט זיך עוזר אן זיינע

שענסטע קליידער, פוצט זיך אוים מיטן זייגער און בראסלעט, טוט אָן דעם שווערן גאָלדענעם רינג אַף זיין האַנט, פאַרשטייפט די האַלדז מיט א צונטער־רויטן קראוואַט, שטופּט אָן אַלע קעשענעס מיט פּאַפּיר־געלט און לאָזט זיך גיין אהין.

אינעווייניק איז ליכטיק און פריילעך. יונגע בחורים מיט מיידלעך טאַנצן מיט שיינענדיקע פּנימער און צעשטראַלטע אויגן. מוזיק שפּילט. די טישן זיינען פול מכל־טוב.

פון אָנפאַנג פילט זיך עוזר אביסל אָנגעשטרענגט אין זיין יום־טובדיקן הילוך, שמייכלט פאַרלעגן. באַלד טרעפט ער זיך אָבער מיט פריינט און חברים. מען כאַפּט זיך אַרום און מען קלאַפּט זיך אין די פּלייצעס.

עוזר פירט אַלעמען צום טיש מכבד זיין. — „עסט און טרינקט קינדערלעך" — שרייט ער. און ער אַליין פילט זיך אַזוי גוט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיינע געווען. עס איז דאָך א מחיה, עס איז דאָך אַזוי גוט צו לעבן אַף דער וועלט! מען בייסט צו, מען כאַפּט א טרונק, א ווונק צו א מיידל, א טענצל, און דערצו טוט מען נאָך א גוטע זאַך, מען העלפט דעם הייליקן „צוועק".

אַלע „רעמאַטעס" (פּלעטן) פון „פעסטיוואַל" מוז עוזר אויס־קויפן.

רעמאַטירט מען א פלאַש שאַמפּאַניער, וועט אים קיינער נישט אי־בערשטייגן אין פּרייז. רעמאַטירט מען אַן אינדיק, גרוים ווי א קאַלב, בלייבט ער בא אים. און אַז עס קומט צו דער „רעמאַטע" פון דעם קוש פון דער „רעינאַ" (די מלכה פון יום־טוב), שלעפּט עוזר גאַנצע זשמע־ניעס פּאַפּיר־געלט פון זיינע קעשענעס, קנייטשט זיי נערוועיש אין זיינע טיפע גרויסע דלאָניעס, און וואַרפט זיי אין א גרויסן טאַץ אַריין, און געווינט אויך די דאָזיקע „רעמאַטע".

צוריק פון „פעסטיוואַל" גייט עוזר אַהיים מיט ליידיקע קעשע־נעס, אָבער מיט א פולע האַרץ מיט פרייד, וואָס האַלט אין אים אָן ביז א צווייטן יום־טוב אַזא, ביז א צווייטן „פעסטיוואַל"...

*****

עוזר איז בטבע א רויִקער מענטש. ער טשעפּעט קיינעם נישט. אפילו קיין פליג אַף דער וואַנט נישט. צוויי זאַכן קענען אים נאָר דער־

צערעגעץ. פון צוויי זאַכן ווערט ער מלא-חמה. און דאַן איז — היט זיך, ברודער!

די צוויי זאַכן, וואָס ברענגען עוזרן אַריין אין אַזאַ גרימצאָרן זייַנען: ווען מען זידלט ייִדן, אָדער מען „האַווקעט" קעגן ראַטנפאַרבאַנד.

זידלען ייִדן, וועך טוט עס? פאַרשטייט זיך אַ גוי. נו, מיט אים וועט ער זיך דאָך נישט שטעלן אויסטענהן, אַז סך-הכל איז זיין שפּראַך אַזוי אָרעם, אַ געמיש פון פּאָרטוגעזיש און באַבלאַצקע, פון שפּאַניש, ייִדיש און פּויליש. נעמט ער בעסער און פאַרפּאַרט אים מיט אַ פינפטע-לע גלייך צווישן די פאַנאָרן אַריין, אַז יענער ווערט באַגאָסן מיט אַ רויטן יאַכל...

נאָר אַז ער הערט אַ ייִדן ריידן קעגן ראַטנפאַרבאַנד, גיט עס אים אַ דריי איבער די קישקעס פון בויך פאַר כעס. מיט איין האַנט האַלט ער אונטער דאַן דעם בויך, ווי ער וואָלט וועלן פאַרהאַלטן מיט איר די געדערים, וואָס ווילן זיך דאָרטן מער נישט האַלטן, מיט דער אַנדערער האַנט גיט ער זיך אַזאַ מין נערוועזן וויש איבערן פּנים פון אויבן אַראָפּ, ווי ער וואָלט פון דאָרטן אָנגענומען זיינע רייד און גיט זיי אַ שאָט הייַ-סע, אַזעלכע, ווי זיי וואָלטן דורכגעגאַנגען דורך אַ בראַנדיקן פייער:

— „דו שניידערוק איינער, וואָס דו ביסט, לאַטוטניק דו, לאַכודרע, דו האַווקעסט אויך אויף די באָלשעוויקעס, אויף רוסלאַנד?! פאַרגעסט שוין, אַז באַ זיך אין שטעטל האָסטו געפּעכנעט אָפּן פּיסק?! ווען ניט די באָלשעוויקעס וואָלסטו דו דאָך שוין דאָ לאַנג געלעגן ניין איילן אין דער ערד מיטן הינטן אַרויף! אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין! איך צעטרייבער דיר באַלד די קישקעס!

...און זיין האַנט, מיט וועלכער ער האָט זיך צעראַזמאַכעוועט, בלייבט הענגען אין דער לופטן. דער ייִד, וואָס האָט געוואָגט אין זיין קעגנוואַרט אָנרירן די באָלשעוויקעס, האָט זיך שוין אָפּגעטראָגן פון געשעפט, אויב ער איז אפילו געווען דער באַלעבאָס פון דאָרטן...

***

עוזר איז שוין לאַנג קיין טרעגער נישט.

דער נאָמען טרעגער איז אים פאַרבליבן פון אַמאָליקע יאָרן, ווען ער פלעגט טראָגן שווערע פּעק אויף זיין קאָפּ, אַז די האַלדז-אָדערן פלעגן

זיך אים אָנדראָלען צום פּלאַצן און די אויגן האָבן געוואָלט ארויסקריכן.
נאָכדעם האָט עוזר גענומען שטופּן א וועגעלע. שפּעטער פירן א
לאַסט־אויטאָ. היינט איז ער א טשילענער ייִד, א טשילענער ייִד מיט
לייטן גלייך — א סוחר. ער קויפט אָפּ גאַנצע ראַמשן און רעשטן
שטאָף, פירט עס אוועק צו זיך אהיים. סורטירט עס אָפּ: די רעשטן,
וואָס טויגן פאַר הויזן — באַזונדער, פאַר קינדער־מלבושים — באַ־
זונדער, און פאַר פרויען־אנצוגן — באַזונדער. ער מאַכט דערביי א
גאַנץ פיין לעבן.

באַ געוויסע געלעגנהייטן נאָר ווערט עוזר ווידער פאַרוואַנדלט
אין א טרעגער. דאָס טרעפט למשל ווען עס ברעכט אויס א שטרייק
צווישן ארבעטער פון א געוויסן פאַך.

דאַן לאָזט זיך עוזר ארויס מיט זיינע לאַנגע פיס איבער די
סאַנטיאַגער גאַסן, זאַמלט צונויף עטלעכע הונדערט פּעזעס צווישן זייַ־
ניקע, דערלייגט דערצו א פאַר הונדערט זיינע אייגענע, גייט מיטן געלט
אוועק אין א הורט־געשעפט, קויפט דאָרטן איין א קעסטל צוקער, א
זעקל מעל, א ביסל טיי, לאָדט דאָס אַלץ אָן אף זיין קאָפּ, זוכט אָפּ דעם
גלייכגעוויכט און לאָזט זיך דערמיט אין פאַריין אריין, אין פאַריין פון
די שטרייקנדיקע ארבעטער...

1948.

ב

גלאַט אַזוי

אַ באַגעגעניש

עס איז נישט פאַרביי אַ טאָג אין אַלטער קאַמינקערס לעבן, ער זאָל זיין אַלטע וווּנד נישט אויפרירן.

ווי ער פלעגט נאָר אויפשטיין, מיט קאַלטן וואַסער זיין פּנים באַ־נעצן, און פאַרטרייבן די שפּורן פון זיין שלאָף, ווי ער איז נאָר צו זיינע לויטערע געדאַנקען געקומען, גלייך האָט מאַשעס געשטאַלט אויפגעטויכט פאַר זיינע אויגן און ער האָט איר געזען פּונקט אַזאַ, ווי דאַן, אַ קליינע, אַן איידעלע, מיט גרויסע, טיפע, ברוינע אויגן, וואָס נעמען אים דורך, ציען אים צו זיך, באַצויבערן אים, אָבער קיינמאָל גלעטן זיי אים נישט. אדרבא, אָפטמאָל קוקן זיי אויף אים מיט בטול און חוזק.

ער זעט זי, אין זיין דמיון אַזאַ, נישט קיין געענדערטע, שוין צוואַנ־ציק יאָר נאָכאַנאַנד. און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיין מאַשע איז אַזוי ווייט פון אים און וואָס נאָך ווייטער איז זיין האָפענונג איר כאָטש נאָך איין מאָל אין זיין לעבן צו זען, האַלט ער זיך דאָך אָן מיט אַלע זיינע כחות אָן איר געשטאַלט, לאָזט אים פון זיך נישט אָפּ און פאַרטיפט דורכדעם זיין וווּנד.

ער ברענגט אַרויס אין זיין זכרון פאַרשיידענע סיטואַציעס און פּרטים, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט מאַשען. אָט זעט ער איר אַ שעמעוו־דיק־שטילע, אַ פריילעך־לאַכנדיקע, אַ פאַרביילויפנדיקע מיט אַן אַנדערן, נישט באַמערקנדיק אים, כלומרשט, און אָט זעט ער איר אויך אַ דער־שלאָגן־שולדיקע און פאַרטרוילעכע, ווען זי ווערט מיד פון לעבן און פון ליבן...

זי פלעגט צו אים דאַן ריידן מיט איר טיפער ברוסט־שטימע און אירע ווערטער פלעגן אים רירן און דערהייבן.

יעדן טאָג, ווען ער פאַרט אינדערפרי צו זיין אַרבעט, חזרט ער צום טויזנטסטן מאָל איבער אין זיין געדאַנק אירע אַ פראַזע, וואָס ער האָט נאָך פון דאַן פאַרגעדענקט, אָדער אירע אַ באַוועגונג, און דער אויסדרוק

פון זיין פּנים בײַט זיך באַ אים לויט דעם אינהאַלט פון זיינע דערינגע־רונגען. דאָ ווערט זיין פּנים ווייטיקלעך־פאַרקרימט און אָט שיינט עס אויף מיט אַ מילדן שמייכל, וואָס צעלייגט זיך מיט לייטזעליקייט אַף זיינע דינע ליפּן.

און טראַכטנדיק יעדעס מאָל וועגן מאַשען, צונויפקייטלענדיק איין געשעעניש מיט דער אַנדערער, קומט ער תמיד צו דער לעצטער, וואָס האָט אים שוין פון מאַשען אָפּגעטיילט אַף אייביק.

— „ווי אַזוי איז דאָס געשען? אַנו, לאָמיר זיך נאָכאַמאָל דערמאָ־נען". נאָך צען יאָר פון צעשיידונג, האָט ער ווידעראַמאָל געטראָפן זיין יוגנט־חבר בנימינען, מיט וועמען ער איז אין דער ישיבה אַף איין באַנק געזעסן און ביידנס טרויעריקע גמרא־נגונים האָבן זיך דאַן אין די בין־השמשותן אונטער איין דאַך געקוילערט. געטראָפן האָט ער אים מיט צען יאָר שפּעטער, אַף דעם זעלבן וועג, צו וועלכן זיי זיינען ביידע באַ־זונדער געקומען נאָך לאַנגע זוכענישן און טראַכטענישן, אַף דעם וועג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

זייער חברשאַפט איז געוואָרן אַן ענגע און אינטימע, ווי דער שטייגער איז באַ מענטשן, וואָס מאַכן דורך די זעלבע דערציִונג, דעם זעלבן אַרט לעבן און פאַרשטייען זיך אָפּן וווּנק.

דאָס צוזאַמענטרעפן זיך פון ביידע חברים איז פאָרגעקומען פּונקט דאַן, ווען אַלטער האָט געמיינט, אַז ער האָט שוין זיין מאַשען פאַר זיך אַף אייביק געפונען און ער איז געווען דאָפּלט גליקלעך און צופרידן.

ווען בנימין האָט זיך מיט מאַשען באַקענט, האָט ער זיך צו איר העפלעך און פאָרמעל באַצויגן ווי צו אַ חברס אַ געליבטע.

אַלטער האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו אַנטדעקן פאַר זיין חבר אַלע פאַרבאָרגענע שיינקייטן פון זיין מאַשען, און פאַר מאַשען האָט ער אויך נישט אויפגעהערט אויסצולויבן זיין חבר און ער האָט נישט ווילנ־דיק אָנגעצונדן זייערע ביידנס הערצער מיט ליבע איינער צום אַנדערן.

***

עס איז געווען אַ פרילינגדיקער מאַרק־טאָג אין שטעטל. די זון איז געשטאַנען אין איר גאַנצער גרויס איבערן מיטן מאַרק און האָט אַראָפּ־געלויכטן, געוואַרעמט און געגלעט איבער די קעפּ פון די פויערים און

פוּיערטעס. די בונטע, פאַרשיידנפאַרביקע טיכלעך פון די פּויערטעס, זייערע געבלימטע קליידער, האָבן זיך אָנטקעגן דער זון צעצונדן און האָבן נאָך ליכטיקער דעם טאָג געמאַכט. איבערן גאַנצן שטעטל האָבן זיך גע־טראָגן די קולות פון די פּויערים און הענדלער.

אין אַזאַ טאָג האָט מאַשע בנימינען אונטערן אָרעם אָנגענומען און אים געבעטן הינטערן שטעטל אַרויסצוקומען, כדי זיך דורכצושמועסן אַ ביסל.

בנימין, האָט דאָס דערהערנדיק, גענומען ברענען פון נייגיר. ביידע האָבן זיי, לויפנדיק און שפּרינגענדיק איבער די האַלאַבלעס פון די אויס־געשפּאַנטע וועגענער, גענומען שפּרייזן, פאַרלאָזנדיק דאָס שטעטל. זיי זיינען געלאָפן פון שטעטל, ווי מען לויפט פון אַ שׂרפה...

הינטערן שטעטל האָט זיך פאַר זיי אַן אַנדער וועלט אַנטפּלעקט. די לופט איז אויפגעריסן געוואָרן פון פייגל־געסווישטשער. די זון, דער טייך, דער באַרג, דאָס מילדע ווינטל, אַלץ געהער צו זיי איצט. די גאַנ־צע וועלט איז זייערע... און זיי געהערן דער וועלט און מער קיינעם ניט...

זיי האָבן זיך געזעצט לעבן אַ באַרג, וועמענס צופוסנס עס האָט זיך אייביק אין טייכל געבאָדן. מאַשע האָט מיט בנימינען זיך אויף אַ מאָדנעם אופן דורכגעשמועסט. זי האָט אים מיט קושן דאָס פּנים באַדעקט און אין אויער צערטלעך אַריינגעשעפּטשעט: דיינע בין איך! דיינע, דיינע! דיר, נאָר דיר געהער איך...

**
*

מאַשע איז אויף מאָרגן פון שטעטל אַוועק און יעדן טאָג האָט זי אַהין צוויי בריוו געשיקט. איינעם אַ פּלאַטאָנישן צו אַלטערן, וווּ זי האָט ווי דער שטייגער איז זיך געקלאָגט אויף דער ענגשאַפט פון דער וועלט, באַ־דויערנדיק פאַרוואָס אַלע דריי קענען נישט לעבן צוזאַמען און דעם צווייטן, אַ פלאַמיקן, האָט זי צו בנימינען געשיקט, רופנדיק אים צו זיך.

דער סוף איז געווען, אַז מאַשע איז צוזאַמען מיט בנימינען ערגעץ אַוועק און אַלטער איז אין שטעטל פאַרבליבן...

**
*

אין איינעם א פרימאָרגן, נאָך צוואנציק יאָר איבערהזרן פאַר זיך די גאַנצע געשיכטע און דעם סוף פון דער געשיכטע, האָט אַלטער פונאַנ־דערוויקלענדיק די צייטונג, איבערגעלייענט אין איר:

„דער באַוווּסטער יִדישער שרייבער פון אמעריקע בנימין פריד־בערג איז געקומען אַף א באַזוך קיין פוילן".

אַלטער באַטראַכט זיך אַליין, צי איז ער וואַך, אָדער חלומט ער נישט אַמאָל. ער טוט נאָכאַמאָל א קוק די צייטונג, באַטראַכט דאָס בילד, וואָס לעבן דער נייעס און געפינט אויס, אַז דאָס איז טאַקע ער, דער זעלבער בנימין, זיין חבר. ער זעט אויס אַפן בילד אַביסל פאַרעלטערט, אָבער דאָך דאָס זעלבע פנים. זיין האַרץ קלאַפּט מיט ווייטיק און פרייד. זיין חבר האָט ער קיינמאָל נישט אויפגעהערט ליב צו האָבן. פאַרקערט, ער איז נאָך אים אייגענער און נענטער געוואָרן, ווייל ער האָט דאָך א שייכות מיט מאשען און מאשע געהערט דאָך צו אים, צי זי וויל דאָס יאָ, צי נישט. זי האָט זיך אין זיין האַרץ באַזעצט און וווינט דאָרטן...

א גאַנצן פרימאָרגן קען שוין אַלטער גאָרנישט טאָן. זיינע געדאַנ־קען זיינען נאָך פאַרנעפּלטער, ווי שטענדיק. ער זעצט זיך צו זיין שרייב־טיש, וויל ענטפערן אַף דער קאָרעספּאָנדענץ, קען ער נישט. הייבט ער אָן עפּעס צו לייענען, זעט ער נאָר מאשעס פנים און אַלע ווערטער גיסן זיך אויס אין איין זאַץ: „בנימין פרידבערג אַף א באַזוך אין פוילן".

***

ווען דער טעלעפאָן האָט אָנגעקלונגען צו אַלטערן און ער האָט דער־הערט בנימינס שטימע, האָט ער געציטערט פאַר אויפרעגונג און פרייד. ער איז גלייך אַוועקגעלאָפן צו בנימינען אין האָטעל. די חברים האָבן זיך ארומגעכאַפּט איינער דעם אַנדערן און לאַנג זיך נישט אָפּגעלאָזן.

אַלטער האָט זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן וועגן מאשען. גאַנצע טעג האָבן די חברים ארומגעשפּאַצירט און וועגן וואָס זיי האָבן נאָר ניט גערעדט, האָט אַלץ אַלטער בנימינען געפרעגט: „און ווי מיינט מאשע וועגן דעם?". האָבן זיי עפּעס געזען אין טעאַטער, אָדער האָבן זיי פאַר־בראַכט באַם עסן, האָט אַלטער נישט אויפגעהערט צו פרעגן, צי וואָלט עס געפעלן מאשען. דורך דער נאָענטקייט מיטן חבר, האָט אַלטער אויך

מאַשען געשפּירט לעבן זיך. ער האָט אפילו געפילט דעם דופּט פון אירע האָר, ווי ער וואָלט לעבן איר געשטאַנען.

בנימין האָט געקוקט מיט ליבע אויף זיין אַלטן גוטן חבר, האָט אים געזען אַ פאַרוווּנדעטן, האָט שיעור אים נישט געוואָלט טרייסטן, זאָגנדיק אים, אַז יענע, די צוואַנציק יעריקע, צאַרטע און איידעלע מאַשע, עקזיס־טירט שוין נישט מער, אַז די איצטיקע מאַשע איז שוין אַ פערציק יעריקע, דיקלעכע פרוי, אַז זי איז אַ פּראַקטישע אַמעריקאַנערין געוואָרן, אַז זי וויל לעבן אַ רייכן, באַקוועמען לעבן און וויל זיך מער נישט פאַרנעמען מיט אַזעלכע „נאַרישקייטן" ווי „ראַטעווען די וועלט". דאָס אַלץ האָט ער אים געוואָלט זאָגן, נאָר דער צונג האָט אים נישט געפאָלגט, ער האָט זיך נישט געוואָלט איבערדרייען. ער האָט עס נישט געקאָנט טאָן, ווי איינער וויל נישט מיאוס מאַכן פאַר אַ גוטן פריינט זיין געליבטע. ער האָט נישט געוואָלט פאַרשווענכן זיין חברס אילוזיע. און פאַר אים אַליין האָט מיטאַמאָל אויך אויפגעלעבט זיין אַמאָליקע מאַשע.

.1940

דאָס תפֿלין־זעקל

א מאָן עטלעכע און צוואַנציק האָבן מיר זיך געפֿונען צוזאַמען. דאָס איז געווען, ווי מען זאָגט, די סמעטענע פֿון דעם ייִדישן סאַנטיאַגאָ.

דאָרטן זיינען געווען שרייבער, דיכטער, מאָלערס, מוזיקער, און אַלע, וואָס האָט אַ שייכות צו דער קינסטלערישער וועלט.

עס איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט. די געשמאַקע מאכלים זיינען שוין געווען פֿאַרצערט, דער וויין אויסגעטרונקען און אַלע לידער אויסגעזונגען.

פֿרייליכער פֿון אַלעמען איז געווען דער גאַסט, אַ שרייבער פֿון ניו־יאָרק, צוליב וועמען די הוליאַנקע איז איינגעאָרדנט געוואָרן. ער האָט מער פֿאַר אַלעמען געזונגען, געטאַנצט און אויך געטרונקען. אין פֿריי־לעכקייט איז אויך נישט אָפּגעשטאַנען פֿון אים מינע זיידמאַן, די באַלע־באָסטע פֿון הויז, וווּ דער יום־טוב איז פֿאָרגעקומען. איר הויז האָט מען עס גערופֿן — דער ליטעראַרישער סאַלאָן.

דער גאַסט האָט געדאַרפֿט אָפּפֿליִען גאַנץ פֿרי נאָך ניו־יאָרק, און דער עולם האָט באַשלאָסן צו וואַכן די גאַנצע נאַכט, כדי אים צו באַ־גלייטן צום עראָפּלאַן.

אָפּ צו מאַכן אינטערעסאַנט דעם איבעריקן טייל פֿון דער נאַכט, האָט די באַלעבאָסטע פֿון הויז פֿאָרגעלייגט, אַז יעדער איינער פֿון די געסט זאָל עפּעס דערציילן אַ וויכטיקן עפּיזאָד פֿון זיין אייגענעם לעבן. דער פֿאָרשלאַג איז מיט קינדערשער שמחה און מיט פֿרייליכע אויסגע־שרייען אָנגענומען געוואָרן.

אַלע האָבן אין איין קול פֿאָרגעלייגט, אַז די ערשטע צו דערציילן זאָל טאַקע זיין זי, מינע זיידמאַן אַליין.

מינע האָט געשריבן לידער, נאָר אַז זי פֿלעגט עפּעס אָנהייבן צו דער־ציילן — זאָל דאָס זיין וועגן דער קלענסטער פּאַסירונג, וואָס עס האָט איר געטראָפֿן — האָט זי עס געטאָן מיט אַזאַ געשיקטקייט, מיט אַזוי

פיל רעאַלקייט און פּינקטלעכקייט, אַז אייך האָט זיך אויסגעדוכט, דאָס איר זעגט דערביי געווען און האָט אַלץ געזען מיט אייערע אייגענע אויגן.

אין יענעם מאָמענט, ווען זי האָט דערציילט עפּעס, האָט איר פאַר זיך געזען די גאַנצע סביבה און די געשעענישן, פּונקט אַזוי ווי זיי זיינען פאָרגעקומען.

זי האָט איצט דערציילט אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פון איר יוגנט־לעבן און אַלע בציבור האָבן געטראַכט, פאַרוואָס זי בייט נישט איר זשאַנר אַף אַ דערציילערישן.

ווען איינער פון די געסט האָט איבערגעריסן די שטילקייט און פאַר־טראַכטקייט, וואָס איז געבליבן הענגען אין חלל פון צימער, נאָכדעם ווי מינע האָט פאַרענדיקט איר דערציילונג, אַרויסזאָגנדיק די אויבנדערמאָנ־טע טראַכטעניש, האָבן אַלע פאַר אַמאָל אויסגעשריגן אין איין קול:

— פון מיין מויל האָט ער עס אַרויסגעכאַפּט!

נאָכדעם איז געקומען די ריי פון גאַסט.

ער איז געווען אַ מאַן אין די זעכציקער. דאָס פּנים אַ טונקלס, מיט דינע קנייטשעלעך, איבערגעשניטן און איבערגעקרייצט אין דער לענג און אין דער ברייט, וואָס אַמאָל לאָכן זיי, די קנייטשעלעך, און אַמאָל וויינען זיי, נאָר מערער לאָכן זיי...

די דאָזיקע קנייטשעלעך פון זיין פּנים האָבן גיכער אויסגעזען, ווי אָנגעוואָרפענע שטריכן פון אַ מיסטעריעזן שריפט אַזאַ, וואָס אַז דער, וועלכער פאַרשטייט דעם דאָזיקן סודותדיקן כתב, קען שוין פון זיין גע־זיכט אַליין, נישט קענענדיק זיינע ווערק, אַראָפּלייענען אַ גאַנצן ראָ־מאַן, אַ לעבנס־בוך, וועלכער אַנטהאַלט אין זיך אַלע עלעמענטן, וואָס די ליטעראַטור־קריטיק פאַרלאַנגט, אַ בוך, וואָס דריקט אויס סיי דעם מחברס פּערזענלעכקייט, סיי די צייט, אין וועלכער ער האָט געלעבט און סיי דעם פאָלק, צו וועלכן ער געהערט...

דער קאָפּ איבער זיין קערפּער האָט זיך אַרויסגעהויבן ווי אַ פאַר־אַקערטער בערגל שוואַרץ־ערד, וואָס איז ווו־ניט־ווו איבערגעשאָטן מיט שניי, ווי אַ שטיקל שוואַרץ־ברויט, באַשאָטן מיט מעלעס, אין די הענט פון אַן אָרעם קינד, און וואָס האָט אָנגעזאָגט סיי דעם ווינטער, סיי די צוקונפטיקע פרוכטבאַרקייט, וועלכע ער וועט נאָך ברענגען.

דער גאַסט האָט אָנגעהויבן צו דערציילן אַן עפּיזאָד פון זיין פּרים־

טער יוגנט, פון זיינע סטודענטן־יאָרן — וועגן אַ טונקעלער פּרינצעסן, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקענט אין אַ העלער לבנה-נאַכט אַפן דעק פון אַ שיף, און זיינע אויגן האָבן דערביי אַ פייער געטאָן מיט דער גאַנצער יוגנטלעכקייט, וואָס איז נאָך אין אים נישט געווען אויסגעלאָשן און גע-לעגן פאַרבאָרגן. זיינע אויגן האָבן בעת־מעשה ארויסגערופן אַף אַ פאַר־מעסט, צו אַלע זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן לעבן, די אַלע יונ־געלייט, וואָס זיינען דערביי געווען.

אַ דיכטער, וואָס האָט זיך אין דער קאָמפּאַניע געפונען, האָט עפּעס גענומען איבערגעבן אַ געשעעניש.

דער עפּיזאָד, וואָס ער האָט דערציילט, האָט עפּעס אין זיך פאַר־מאָגט קאָמישעס. נאָר דער אופן, ווי דער דיכטער האָט איבערגעגעבן די פּאַסירונג, איז געווען נאָך קאָמישער ווי דער אינהאַלט אַליין. ער האָט גע־רעדט אָפּגעהאַקט, ווי עס וואָלט אים לופט פאַרפעלט און ווי ער וואָלט זיך פאַראיקעוועט... דעם סוף פון דער דערציילונג האָט ער אַף שנעל ארויסגעשאָסן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז עמעצער זאָל עס בײַ אים נישט אויסכאַפּן. און דאָס האָט געראַטעוועט די סיטואַציע. דער עולם האָט מיטאַמאָל געקענט פריי אויסברעכן מיט דעם איינגעהאַלטענעם געלעכטער.

עס איז געקומען די ריי צו דעם שרייבער אהרון וואַקסמאַן. וואַקס־מאַן האָט געהאַט אַ פּנים, וואָס איז געווען פון אַ סלאַוויש-מאָנגאָליש-יידישן פאַרמיש.

אונטערן שטערן, פון ביידע זייטן פון זיין פאַריסענעם גנזל, זיינען בײַ אים ארומגעלאָפן אַ פּאָר העל־פּריילעכע אויגן, וואָס האָבן קיין זאַך נישט דורכגעלאָזן אומבאַמערקטערהייט.

די שיווקייט, וואָס האָט זיך פאַרגנבעט צווישן זיינע האָר, איז נישט ארויסגעגעבן געוואָרן צוליב זייער פלאַקסענער העל־בלאָנדקייט.

נישט נאָר האָבן וואַקסמאַנס האָר געהאַט די טבע צו פאַרשטעלן די סמנים פון זיין אַלט ווערן, נאָר ער אַליין האָט פאַרמאָגט די דאָזיקע אייגנשאַפט, ווי דאָס איז דער שטייגער בײַ פרויען און קינסטלער.

וואַקסמאַן האָט אין זיינע ווערק שטענדיק ארויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז דאָס לעבן איז שטאַרקער פון אַלץ, אַז דאָס לעבן טרעט אי-בער אַלץ אריבער, און אויך דאָ האָט ער דערציילט וועגן אַ חבר, וואָס

ער האָט געהאַט. דער חבר האָט געהאַט אַ געליבטע, און ווען דער חבר איז נאָך אַ גאַלאָפּ־שווינדזוכט געשטאָרבן, האָט ער, באַוויינענדיק דעם חבר זיינעם צוזאַמען מיט דעם חברס געליבטע, אין דער אָנוועזנהייט פון דעם מת זיך פאַראייניקט מיט איר, דורך דעם לעבן, וואָס איז שטאַרקער פון אַלץ און טרעט אַלץ אַריבער...

אין אַ ווינקל צימער איז געזעסן בנימין קיטאַיעוויטש. קיטאַיעוויטש איז געווען אַ ראַדיקאַלער שרייבער, אַ מענטש אין די פערציקער.

סמנים פון יוגנטלעכן רייץ און שיינקייט, האָבן זיך נאָך בּאַ אים פאַרוואַלגערט צווישן די וועלן פון זיינע טונקל־בלאָנד־געקרוינטע האָר, וואָס זיינען געלעגן אויסגעלייגט איינער העכער איבער דעם אַנדערן, אַריבער זיין פאַריסענעם שטערן, ווי באַרויִקטע נאָך אַ שטורעם, אין זיינע ביר־קאָליר־רײידנדיקע אויגן, אין די שטייפע מוסקולן, וואָס זיינען געלעגן אָנגעצויגן אויף זיין פנים און אין זיין גאַנצן געשטאַלט.

אַ מאָדנער איז ער געווען, אָט דער קיטאַיעוויטש. אויף פאַרזאַמלונגען, בּאַ דיסקוסיעס, איז ער געווען זאַכלעך, לעבעדיק, טרעפלעך און דער נערוו פון דער געזעלשאַפט. האָט ער זיך אָבער געפונען בּאַ אַזעלכע אינטימע צוזאַמענקונפטן, פלעגט ער זיך האַלטן צוריקגעצויגן.

איבערהויפּט האָט ער זיך אינגאַנצן איינגעגראָבן אין זיך, ווען דער עולם פלעגט פאַרציען ייִדיש־טרויעריקע ניגונים און שטימונגספולע לידלעך.

עס איז אויסגעקומען, אַז ער הערט זיך פאַרינטערעסירט איין, אין דאָס, וואָס מען זינגט. מען האָט געקענט זען, ווי ער קוקט אַריין די זינגער אין פנים אַריין און פאַרלירט נישט קיין איין באַוועגונג פון זייערע ליפּן, קיין איין אויגן־ווענד. ער פלעגט, דוכט זיך, זיצן מיט אָפענע מויל און אויערן, אָבער אין דער אמתן איז ער דאָ נישט געווען.

ער האָט זיך געפונען ערגעץ־ווו, ווייט־ווייט, פאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן און אַנדערע ערטער, — אין אַזעלכע וועלטן, אין וועלכע ער וועט שוין מער קיינמאָל נישט לעבן און אין אַזעלכע ערטער, וועלכע ער וועט שוין קיינמאָל נישט באַטרעטן...

ער האָט גאָר בעת־מעשה געזען אַנדערע פּנימער, אַנדערע געשטאַלטן, און דערביי נאָכאַמאָל איבערגעלעבט זיין יוגנט איבעראַניים.

אַלע האָבן געוווּסט, וואָס פאַר אַ רייכע פאַרגאַנגענהייט און דער־פאַרונג דער דאָזיקער מענטש האָט דורכגעמאַכט אױף אַלע געביטן פון זיין לעבן, און זייערע בליקן זיינען געבליבן הענגען אױף אים.

— קיטאַיעוויטש, דערציילט עפּעס — האָבן אַלע געשריגן.

קיטאַיעוויטש האָט זיך לכתחלה געלאָזט בעטן, זיך געוואָלט אַרויס־דרייען, נאָר ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן די צודרינגלעכע אויגן, וואָס זיינען געווען אױף אים אָפן פון אַלע זייטן.

איבערהויפּט האָט ער נישט געקענט ביישטיין די בליקן פון איין דאַמע, וועמענס אויגן עס זיינען געווען צוגעשניטן, לויטן יאַפּאַנעזישן פאַסאָן...

קיטאַיעוויטש האָט אָנגעפאַנגען:

— איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה וועגן אַ תפילין־זעקל. —

— אַלע אָנוועזנדיקע האָבן זיך פאַרוואונדערט אַרומגעקוקט.

קיטאַיעוויטש האָט פאַרגעזעצט:

איך האָב זיך געלאָזט בעטן נישט צוליב אָנשטעל־וועגן, נאָר ווייל, ווי איר ווייסט, ברענג איך קיינמאָל נישט אַרויס אין מיינע ווערק, אין מיינע שאַפונגען, קיין זאַכן, וואָס האָבן אַן אינטימע, פּערזענלעכע שייכות מיט מיר אַליין. די דאָזיקע אַלע זאַכן האַלט איך טיף פאַרשלאָסן אין מיין ברוסט, אין מיין האַרצן. זיי געהערן נאָר צו מיר. ווי לאַנג איך האַלט זיי פאַרחתמעט אין מיין אינערסטן וועזן, זיינען זיי נאָך מיין אייגנטום, שפּייז איך זיך מיט זיי, שמיד איך פון זיי מיט דער וואַ־רעמקייט פון מיין בלוט אַ קייט פון גאָלדענע רינגעלעך, וואָס האַלט צונויף און גיט כוחות מיין נשמה. ברענג איך דאָס אָבער איינמאָל אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט, געהערט דאָס שוין מער נישט צו מיר, פאַרלירן זיך די רינגעלעך פון דער קייט און זי ווערט שוואַכער...

אַ חוץ דעם, איז דאָך יעדע אינטימע איבערלעבונג פון אַ מענטשן פאַרבונדן מיט נאָך אימיצן, און איך האָב שטענדיק מורא געהאַט, טאָ־מער וועל איך מיטן אַרויסברענגען אַן עפּיזאָד פון מיין לעבן אָנרירן דעם „אימיצן", פאַרשוועכן זיינע געפילן, אָדער אין דער געגעבענער צייט פאַרשוועכן דעם אָנדענק פון דעם „אימיצן".

ווידער האַלט איך, אַז מיינע יוגנט־איבערלעבונגען געהערן שוין צו אַן אַנדער דור, אַ דור אַ ראָמאַנטיש (מיר דערציילן דאָך אַלע פון

אונדזער יוגנט), וואָס קער זיך גאָר נישט אָן מיט דער היינטיקער צייט, אונדזער צייט — די צייט פון אַטאָמען און טאַנקען.

און בכלל, וואָס האָט די וועלט צו טאָן מיט מיינע לירישע אויס־גוסן, ווען זי זוכט דעם וועג פאַר איר אַנהאַלט?!

דערפאַר שרייב איך קיינמאָל נישט אָן קיין דערציילונג, וואָס זאָל נישט האָבן קיין שייכות מיטן קאָלעקטיוו, מיטן כלל, קיין איין זאַך, וואָס אין איר זאָל זיך נישט הערן דער כאַראַלער מאָטיוו, דער בצבורדי־קער נגון.

נאָר אַזוי ווי מיר געפינען זיך דאָ, אין אַן ענגן קרייז, וועל איך אָפּנויגן פון מיין פּרינציפּ, און אייך דערציילן, ווי איר האָט עס געטאָן, אַן עפּיזאָד פון מיין לעבן.

דאָס האָט פּאַסירט מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק. דאָס לעבן האָט דאַן נאָך נישט אַזוי שטאַרק געשטורעמט, ווי איצט. אַ חוץ דעם, בין איך מיר דאַן, אַ בחור פון זעכצן־זיבעצן יאָר, געגאַנגען פּאַזע לעבן... איך האָב נאָר געקאַנט דאָס ענגע, ייִדישע געטאָ־לעבן און גע־מיינט, אַז דאָס איז די גאַנצע וועלט, און אַז אַלעם איבעריקע, וואָס עס עקזיסטירט אויף דער זינדיקער ערד, איז באַשאַפן געוואָרן צו באַדינען די דאָזיקע וועלט, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען.

איך בין דאַן געווען אַ געטרייער דינער פון גאָט. שטרענג אָפּגע־היט זיינע געבאָטן און מיט חשק געלערנט זיין תורה.

געלערנט האָב איך דאַן אין אַ ישיבה, אין דער ליטע.

נישט ווייט פון דער ישיבה, אין אַ דערבייִיִקן שטעטל, האָט געוווינט מיין פעטער — יאָשע־בער דער מעלער.

יאָשע־בער דער מעלער האָט ער געהייסן, ווייל ער האָט געהאַט אַ מעל־קראָם. אַ חוץ דעם איז ער געווען אַ בעל־תורה און אַ פיינער בעל־הבית. זיין שטוב איז געשטאַנען איבערן רעכטן מיטן מאַרק און האָט זיך גדלותדיק פאַריסן אַנטקעגן אַנדערע מיט איר הויכן גאַניק און מיט אַ ריי פענצטער און טירן.

דער פעטער איז געווען נישט קיין הויכער, אַ קנאַכנדיקער, מיט אַ טונקל־שמאָלער באָרד און מיט שטורקאַטשן־אויגן.

די מומע ביילע איז געווען אַ ייִדענע אַ הויכע, אַ געזונטע, מיט

שטאַרקע היפּטן און פּול־בלוטיקע באַקן. זי פּלעגט אָנעמען צוויי זעקלעך מעל אונטער די אָרימס און זיך לאָזן מיט זיי שפּאַצירן...

דעם זעלבן אויסזען, ווי די מומע, נאָר מיט אַ פרישערן פּנים און וויניקער צעוואַקסענעם גוף, האָט געהאַט זייער טאָכטער נחמה.

איינמאָל, האַרט לעבן די יִדישע יומים־טובים — פאַר ראש־השנה — איז דער פעטער יאָשע־בער צוגעפאָרן מיט זיין בריטשקעלע צו דער ישיבה, און האָט מיר פאַרנומען צו אים אין געסט אױף יום־טוב.

און טאַקע דעם זעלביקן האַרבסטיקן פאַרנאַכט, וואָס האָט נאָך גע־שמעקט מיט זומערדיקער, איבערגעזעטיקטער רייפקייט און לופט, האָב איך זיך שוין געפונען אין דער גרויסער פאָדערשטער שטוב פון דעם פע־טערס הויז, עסנדיק דעם קילן, יונגן באָרשטש, אַ געדיכט־פאַרווייסטן מיט סמעטענע.

די מומע האָט מיר אָפּגעגעבן איינעם פון אירע בעסטע צימערן, אַ ווייכע ווייסע בעט, און איך האָב זיך דאָרטן געפילט ווי אַ מלכות.

איך האָב געוווּסט פון דער היים, אַז אין דעם שטעטל וואַראַנאָווע האָב איך אַ פעטער יאָשע־בער, אָבער אַז אין דעם זעלביקן שטעטל וווינט נאָך אַ פעטער, טאַקע יאָשע־בערס אַ ברודער, משה־לייב דער מלמד, האָב איך נישט געוווּסט. און טאַקע אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט געהייסן משה־לייב דער מלמד, אַ נאָמען, וואָס האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דער הויכער יחוסדיקייט פון מיין משפּחה, האָב איך פון אים נישט געוווּסט...

ערשט אויפן צווייטן טאָג, נאָך מיין אָנקומען אין וואַראַנאָווע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן מיינע שוועסטערקינדער, די זינדלעך פון דעם פעטער משה־לייב, מיר אָנגעקוקט, און טאַקע גלייך פאַרנומען צו זיך אַהיים.

די חברה האָט זינגענדיק און שפּרינגענדיק מיר אוועקגעפירט אין אַ הינטערשטן געסל פון שטעטל.

פון צווישן אַ שורה קליינע הילצערנע הייזלעך איז איינע האָפּער־דיק אַ ווייס־געקאַלכטע אַרויסגעשפּרונגען אױף פאָרויס, ווי מיר צו מקבל־פּנים זיין. דאָס איז געווען דאָס שטיבל, וווּ מיין פעטער משה לייב האָט געוווינט.

די גאַנצע הויז פון מיין פעטער משה־לייב איז באַשטאַנען פון איין גרויסער שטוב און אַ שטיבל דערביי.

אַז איך האָב געעפנט די טיר פון דער גאַס, האָט מיר גלייך אַ שיין געטאָן אַ ברענענדיקער אויוון פאַר די אויגן.

די מומע יענטל האָט איר פאַרויטלטן פּנים אוועקגעקערט פון אויוון, וווּ עס האָבן זיך געבאַקן לאַטקעס לכבוד דעם גאַסטס-וועגן, און מיט באַשיידנקייט מיר באַטראַכט.

אָן אַ זייט פון אויוון, אַנטקעגן דעם איינציקן פענצטער פון שטוב, איז געשטאַנען נישט קיין גרויסער טיש, וואָס איז פון ביידע זייטן לענג געווען אַרומגעשטעלט מיט צוויי שמאָלע בענק.

אויף איינעם פון די בענק איז געזעסן דעם פעטער משה-לייבס טאָכטער, פראַדל, פאַרנומען אין נייען עפּעס.

זי איז אַלט געווען אַ יאָר זעכצן, איז שוין געווען רייף און אַנט־וויקלט. איך האָב אַנטקעגן איר אויסגעזען ווי אַ פאַרשעמט קינד.

זי האָט אַרויסגעהויבן אירע אויגן פון דער אַרבעט, מיר באַגלייט מיט זיי, און איר פּנים איז אויף ראָז-רויט געפאַרבט געוואָרן.

די יינגלעך זיינען דערוויילן אַוועק רופן דעם פעטער משה-לייב.

דער פעטער משה-לייב האָט אויסגעזען ווייס ווי אַ טויב, מיט אַ לאַנגער ברייטער באָרד ביז צום גאַרטל, אַ באָרד אָן אָפּגעווייסטע פאַר דער צייט, מיט אויגן אויך טויבישע, גוטע, מילדע און בלויע. אַז ער איז געגאַנגען, האָט ער מורא געהאַט צו שטאַרק אָנצוטרעטן די ערד. ער איז געווען אַ שווייגנדיקער. איבער זיינע ליפּן איז תמיד געהאַנגען אַ פאַרשולדיקטער שמייכעלע. געקוקט האָט ער אויף דער וועלט, אויף דער שיין, אויף אַלץ און אַלעמען, מיט באַזונדערן חסד און דאַנקבאַרקייט, ווי ער וואָלט אימיצן געדאַרפט אָפּצאָלן, פאַרוואָס ער האָט אויך דאָס רעכט צו לעבן אויף דער וועלט, פאַרוואָס די זון שיינט אויך פאַר אים, און דערפאַר, וואָס די מענטשן בייזערן זיך נישט אויף אים...

דער פעטער משה-לייב האָט מיר באַטראַכט מיט זיין באַנטשע־שווייגנדיקן שמייכעלע, האָט מיר אָפּגעגעבן שלום-עליכם און איז ווי־דער אַוועק צו זיין קנעלונג.

מיר, די חברה יונגוואַרג, האָבן זיך ערשט אַוועקגעזעצט רעכט צו־בייסן.

די מומע האָט אויסגעליידיקט אין די טעלערס אַריין איין סקאָוו־ראָדע לאַטקעס נאָך דער אַנדערער.

די הייסע זודיקע לאטקעס האבן נישט נאר איינגעזאפט אין זיך די היץ פון דעם ברענענדיקן אויוון, נאר אויך די ווארעמקייט פון דער מומעס געפילן, און האבן רייצנדיק געשמעקט, געהאט טעם גן־עדן.

מיין קוזינע פראדל איז געזעסן מיט מיר אף איין בענקל. האט נישט נאר געקוקט אף מיר מיט איר פאטערס מילדע טויבן־אויגן, נאר אויך זיך צוגעהערט מיט זיי צו דאס וואס איך האב גערעדט, און אירע באקן האבן געשפריצט מיט בלוט.

דעם גאנצן טאג האב איך שוין פארבראכט בא מיין פעטער משה־לייב אין שטוב; דעם טאג, און אלע איבעריקע טעג פון די פאר וואכן, וואס איך האב פארבראכט אין ווארענאווע.

דער פעטער יאשע־בער האט זיך געכמורעט קעגן מיר, די מומע ביילע איז געווען ברוגז, די קוזינע נחמה, זייער טאכטער, האט זיך גע־מאכט, ווי איר גייט עס נישט אן, נאר גערעדט האט זי, ווי מיט א גע־ליענעם קול, און איך האב קיין ברירה נישט געהאט — גאנצע טעג אפגעלעגן באם פעטער משה־לייבן.

וואס האב איך געקענט טאן? ווי אזוי האב איך זיך געקענט העלפן, אז מיין יונג בלוט האט מיר אהין געטריבן, אז די גלעקלדיקע געלעכ־טערס פון מיינע קוזינעס, די אויגן פון פראדלען, האבן מיר ווי מיט א מאגנעט געצויגן צו זיך?!

***

די יום־טובדיקע טעג זיינען פארביי. די פאר וואכן זיינען שנעל פארלאפן. די וואך, די אייביקע וואך, האט זיך אומגעקערט. איך האב מיט צער און באנג פארלאזן מיינע נייע יוגנט־פריינט און זיך געזעגנט מיט די געציילטע, פריידיקע טעג, וואס איך האב, אפשר צום ערשטן מאל אין מיין לעבן, פארזוכט.

איך האב זיך צוריקגעקערט צו דער ישיבה, צו דער גמרא, צו דעם אפגעזונדערטן, פרושימדיקן לעבן. איך האב ווי פריער א גאנצן טאג געלערנט מיט התמדה, און בין ווידער טויב און בלינד געווארן פאר׳ן ארומיקן לעבן.

נאר אין די בין־השמשות, אין די פארנאכטן, בין מנחה־למעריב, ווען צווישן די יללותדיקע תשובה־געבעטן, וואס האבן זיך געטראגן

פון די דריי הונדערט ישיבה־בחורישע מיילער, איז אויך געווען פאר־מישט דער קול פון מיין האלדז, האט זיך פון מאל צו מאל אין אים אריינגערימן א נייער טאן, א טאן פון בענקשאפט...

די פארנאכטן פלעגן מיר אין דער ישיבה פארטאן אין התבודדות־הנפש. אף אויסנווייניק האבן מיר דאן געלערנט מוסר. מער געטראכט ווי געלערנט. יעדער בחור פלעגט בא דער געלעגנהייט פון אויסשרייען זיינע חרטה־געפילן אף נישט קיין באגאנגענע זינד, אויך אויסוויי־נען זיין בענקשאפט נאך זיין טאטע־מאמע, זיין צער און ארעמקייט, און די פארנאכטיקע פארטראכטקייט איז אויך געווען געמישט מיט אפבילדער, מיט פראגמענטן פון דער אויסגעחלומטער צוקונפט.

די בחורים פלעגן דערביי ארומלויפן הין און צוריק איבער דער ישיבה, קלאפן אין די הענט און אין די שטענדערס. זייערע קולות פלעגן זיך אדורכרייסן, אדורכבויערן דורך די טירן, דורך די פענצטער און ווענט פון דער ישיבה, זיך ארויסטראגן אהינטערן שטעטל און דארטן זיך אויסמישן מיט אנדערע, וואכעדיקע קולות, וואס האבן זיך געטראגן פון מארק און פון קראם, פון קוזניע און ווארשטאט, פון די שטעטלשע הייזער ארויס און זיך אריינגיסן אין דער קאסמישער סימפאניע, וואס הייסט לעבן...

אז מען האט געהערט די בחורים אזוי יאמערלעך שרייען, האט מען געקענט מיינען, אז זיי וועלן זיך שוין קיינמאל מער נישט קענען בארויקן, אז קיין זאך אין דער וועלט וועט נישט בכח זיין איינצושטילן זייערע גוואלדן.

עס איז אבער נאר גענוג געווען א פאטש פון א האנט איבערן עמוד, אז די אלע קולות זאלן אנשטומט און אנטשוויגן ווערן, ווי אונ־טער אן אייזערנעם באפעל.

נאכן פאטש מיט דער האנט איז אמאל געקומען די באסאווע, טי־פע שטימע פון דעם רב, ר' לייבטשיק, וואס האט מיט זיין „והוא רחום" געקענט מאכן ציטערן נישט נאר די פענצטער און ווענט פון דער ישיבה, נאר אויך דעם כסא־הכבוד...

ר' לייבטשיק, א הויכער, ברייט־ביינעקער, א טונקעלער, מיט שרפהדיקע אויגן, האט אין זיינע תפלות מערער געפאדערט ווי געבעטן באם רבונו־של־עולם.

אמאָל האָט, נאָך דער שטילקייט וואָס איז געקומען דורך א ציטערנדיקן פאטש מיט דער האנט, אויפגעציטערט די שוואכע, קינדעריש-וויינענדיקע שטימע פון דעם ראש-ישיבה, ר' אלטער.

ר' אלטער איז געווען א הויכער, א בלאָנדער, מיט אָנגעבלאָזענע ראָזע מיידל-באַקן, ארומגעזוימטע מיט א יעזוס-בערדל.

אין דער לאַנגער קאפּאָטע, וואָס ר' אלטער האָט געטראָגן, ביז צו דער ערד, האָט ער אויסגעזען, ווי אַן אויסגעגאָסענער, קריסטלעכער הייליקער, וואָס האָט באַקומען לעבן און כח צו גיין און צו ריידן...

אז ער פלעגט זיך פאַרגיין מיט זיין דינעם „והוא רחום", האָט זיך אויסגעדוכט, ווי א ליב, קליין קינד, פּיעסטשעט זיך דאָס פּאָר זיין טאַטן און בעט רחמים בא אים...

אמאָל האָט נאָך אזא שטילקייט פאַרצויגן דעם „והוא רחום" איינער פון די פאַרדינסטפולע ישיבה-בחורים, און אין זיין קול האָט געקלונגען דער צוזאָג און געטריישאַפט צו גאָט פון דער יוגנט, פון דעם גאַנצן נייעם דור...

אָט אין איינעם אזא פאַרנאַכט האָב איך זיך צווישן די דריי הונדערט ישיבה-בחורים געוויגט, געשאָקלט און ארויסגעשריגן מיין בענקשאַפט.

די בענקעניש מיינע האָט אָבער אין יענעם פאַרנאַכט אָנגענומען א קאָנקרעטן געשטאַלט.

מיין קוזינע פראַדל האָט זיך פון מיין דמיון נישט אָפּגעטאָן. איערע גלעטנדיקע אויגן האָבן ארומגעשפּאַצירט ארום מיין גאַנצן גוף, זייענען אריינגעדרונגען אין מיר און דאָרטן געוועקט די פאַרשלומערטע יוגנט-געפילן. עס איז מיר אַף א ווײַלע געוואָרן אזוי גוט, ביז זיסער שכרות...

איך האָב אָבער געוואוסט, אז איך באַגיי מיט אזעלכע מחשבות א גרויסע זינד און איך האָב זיך געשטאַרקט זיי צו פאַרטרייבן מיט נאָך שטאַרקערע קולות, מיט נאָך גרעסערע גוואַלדן.

אינמיטן מיין פאַרטראַכטקייט און די געשרייען, וועלכע איך אליין האָב נישט געהערט, בין איך דורך א שלעפּן פאַרן ארבל געוועקט געוואָרן.

לעבן מיר איז געשטאַנען אַ יינגל און מיר אָנגעזאָגט, אַז אין דרויסן וואַרט אימיצער אַף מיר.

איך בין אַרויס אין דרויסן. די ווינטערדיקע נאַכט האָט זיך אָפּגעקאָרשט געשטעלט און באַקוועם געמאַכט... דער הימל האָט זיך גענומען באַצירן מיט אָנצאָליקע בלישטשענדיקע שטערן. די לבנה איז אַרויסגעשוווּמען איבערן מיטן הימל.

דער שטראָם פון דער קאַלטער לופט האָט מיר געוועקט ווי פון אַ חלום, אַ מידן.

איך האָב געריבן די אויגן פון דער שניי־ווייסער פאַרבלענדקייט, אַנטקעגן דער העלקייט פון דער לבנה.

איך בין נאָכגעגאַנגען דעם יינגל ווי אַ נישט דאָיקער...

איבערן מיטן פון דעם אָפּגעליידיקטן מאַרק, וווּ עס זיינען נאָך אין חלל געהאַנגען די ווידעריקולות פון אַ גאַנצן יריד־טאָג, איז פּראַדל געשטאַנען, אַן איבערגעדעקטע מיט דער לבנה, ווי מיט אַ הימלשער חופּה.

עס האָט אויסגעזען, ווי די לבנה האָט זיך מיט אַ כיון אָפּגעשטעלט, פּונקט איבער איר קאָפּ, כדי צו באַלויכטן איר פּנים, וואָס האָט זיך ראָז־רויט געפאַרבט, מיט בלוט געשפּריצט, און כדי בעסער צו באַווייזן אירע מילד־בלויע אויגן, וואָס זעען, ריידן און פאַרנעמען...

איך בין צוגעגאַנגען צו איר ווי אַ געליימטער, און געשטאַנען אַ ווײַלע ווי אַ שטומער. עס האָט מיר אויסגעדוכט, ווי אַ נס וואָלט געשען, ווי אַ וווּנדערלעכער שליח וואָלט איר אַהער, פּונקט איצט, אַף זיינע פליגלען געבראַכט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האָב דאָ פאַר זיך גאָר אַ גרויסן, געהויבענעם גאַסט און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן נישט מיט זיך, נישט מיטן גאַסט.

איך בין אַזוי געשטאַנען אַ ווײַלע אין פאַרלעגנהייט, ביז זי האָט עס באַמערקט און אַ זינג אַרויס געטאָן: „אָט האָסטו דאָ עפּעס, בנימין, איך האָב עס פאַר דיר געבראַכט״.

איך האָב צוגענומען פון אירע הענט אַ פּעקעלע, שטומערהייט זיך געזעגנט מיט איר און ווי אַ פאַרזינדיקטער צווישן די בחורים פון דער ישיבה זיך אויסגעמישט.

איך האָב אַף שנעל אָפּגעכאַפּט דעם דאַווענען, מער געווען פאַרטאָן מיט דער נייגעריקייט, וואָס עס טוט זיך אין פּעקעלע, ווי מיט די תפלות.

נאכן דאווגען האב איך זיך דער ערשטער געפונען אף מיין קוואר־טיר, (מיר האבן געוווינט זאלבעטלעבערווייז אין איין צימער) כדי צו זיין א ווײלע אליין. איך האב פארהאקט הינטער זיך די טיר פון צימער און פארזיכטיק פונאנדערגענומען דעם פעקל.

פון פעקל האב איך ארויסגענומען א שטיק פוטער, צוזאמענגע־קלעפט אין א קוגלארטיקער פארם, א געטריקנטן ווייסן קעז און א — אין צוואנציק איידעלע פאפיראס־פאפירלעך איינגעוויקלטן — תפלין־זעקל.

דאס תפלין־זעקל איז געווען געמאכט פון בלוט־רויטן סאמעט. איב־מיטן האט זיך גאלדיק ארויסגעגלאנצט א מגן־דוד און באצווישן איז ער געווען מיט א דורכזיכטיקן ווייס־זיידן געשטריקטן ציכאל, דורכגע־צויגן בא די זייטן מיט רויטע זיידענע סטענגעס.

אז איך האב געגעסן פון דעם פוטער, האט זיין טעם מיר פאר־שמעקט מיטן גערוך פון זומער־בליטן און פעלד־ריחות, וואס האבן אין מיר געוועקט אן אומרו און מיר גיצויגן ערגעץ־ווו, ווייט. אבער ער, דער פוטער, האט זיך אויסגענומען

דאס תפלין־זעקל אבער איז מיר פארבליבן אף אייביק, ביז היינ־טיקן טאג. און איך היט אים אפ, ווי אן אויג אין קאפ, ווי א טייערע, ליבע און הייליקע זאך.

אין דעם דאזיקן זעקל זיינען אמאל געלעגן באהאלטן די תפלין מיט די הייליקע פרשה פון „שמע".

אמאל פלעג איך יעדן טאג, פאר אלעמען אין די אויגן קושן דעם תפלין־זעקל מיט כונה. די כונה איז געווען געמישט מיט א טאפלטן גע־פיל. אין דעם ליבע־געפיל צו גאט פלעגט זיך דאן אויך ארייננמישן די ליבע צו פראדלען. ווען איך פלעג אנטאן די תפלין און מאכן דערביי די געהעריקע ברכה מיט פארמאכטע אויגן, פלעגט זיך פראדלס געשטאלט אויסשיילן פון נעפל ארויס און שטיין בלייבן ווי א לעבעדיקע...

***

פון דאן אן זיינען שוין יארן און יארן פארלאפן. מיין קאפ האט שוין אונטער פארשיידענע הימלען געוואגלט. מיינע פיס האבן שטענ־

דיק געזוכט צו באטרעטן נאָך אומבאקאנטע פאר מיר ערדן און לענדער.

די תפלין האָבן זיך שוין לאנג אף מיינע וואנדער־וועגן פון זעקע־לע ארויסגעגליטשט און זיינען נישטאָ. נאָר פון דעם תפלין־זעקעלע האָב איך זיך קיינמאָל, קיינמאָל נישט געשיידט.

דאָס תפלין־זעקל איז אלע מאָל געווען דאָס ערשטע, וואָס איך האָב פארנומען מיט זיך.

און נאָך היינט, ווען איך דערזע אמאָל פאר מיינע אויגן דעם תפלין־זעקל, צאפּלט און ציטערט אויף אין מיר דאָס הארץ, ווי עס וואָלט אין אים געלעגן איינגעבונדן מיין יונג לעבן, מיינע יוגנט־טרוי־מען...

.1947

פלאַטניקס צוקונפט

מיסטער פלאַטניק איז אין אַמעריקע שוין עטלעכע און דרייסיק יאָר. געקומען פון זיין היימיש בעסאַראַבער שטעטל אַהין איז ער נאָך גאָר אַ יינגל. היינט איז ער שוין אַ פופציקער. זיינע אַמעריקאַנער עט־לעכע און דרייסיק יאָר האָט ער אַוועקגעגעבן דעם סטאָליער־„שאַפּ". געווען איז ער פון די שטילע אַרבעטער. דערפאַר איז ער פון דער אַר־בעט קיינמאָל נישט אַרויסגעפאַלן. קיין אַנדער זאַך אַ חוץ זיין אַרבעט האָט ער נישט געוווּסט. ער האָט געוואָלט מערער אַרבעטן, כדי וואָס מערער געלט צו פאַרדינען.

איין ציל האָט ער פאַר זיך געהאַט — אָפּשפּאָרן אַף שפּעטער, צו־גרייטן זיך פאַר אַ צוקונפט.

אין זיין פאַנטאַזיע איז די צוקונפט זיינע אַרויסגעקומען פאַר־נעפּלט. קיין קלאָרן בילד פון איר האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט. און דאָך האָט זיך דאָס וואָרט „צוקונפט" שטענדיק געבאָמבלט בא אים אין מח, איז געווען די טרייב-קראַפט, די בייטש, וואָס האָט אים אונטערגע-יאָגט צו דער אַרבעט.

מיסטער פלאַטניק האָט אַ סך, זייער אַ סך געאַרבעט, בצמצום געגעסן, געקליידט זיך אין די גענוצטע זאַכן, וואָס ער האָט געקויפט אין דער „איסט-סאַיד" און האָט אַלץ, זיין גאַנץ לעבן, אָפּגעלייגט אַף שפּעטער, אַלץ געלאָזן אַף דער צוקונפט...

***

צוזאַמען מיטן אונטערציען דעם סך־הכל פון די עטלעכע טויזנט דאָלאַר, וואָס מיסטער פלאַטניק האָט אָפּגעשפּאָרט, האָט ער אויך אונ־טערגעצויגן דעם חשבון פון זיינע יאָרן, מיט וועלכע ער האָט זיך באַ־

לאָדן. ער האָט זיך פּלוצלינג אַרומגעזען, אַז ער איז שוין אַריינגעקראָכן מיט אַ פּוס אין דעם זעקסטן צענדליק. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז דער „שפּעטער" איז טאַקע געקומען, אָבער די „צוקונפט", די „צוקונפט". אַף וועלכער ער האָט אַזוי געוואַרט און געהאָפט, זי, זי האָט אים אָפּגע־נאַרט, אַנגעזעצט... זי איז פון אים נאָך ווייטער, נאָך ווייטער און פאַר־גרעפּלטער, ווי ווען ער איז יונג און שטאַרק געווען. אַ גאַנצן לעבן האָט ער זיינע אַלע האָפענונגען אין איר אַריינגעלייגט, זיין גאַנצע מי איר אָוועקגעגעבן, און... ניט איר, די „צוקונפט", זי דערווייטערט זיך גאָר פון אים.

***

איצט האָט מיסטער פּלאַטניק אַ סך צייט. שוין אַ פּאָר יאָר ווי ער אַרבעט נישט. ער איז טאַקע ביז אַהער פון דער אַרבעט קיינמאָל נישט אַרויסגעפאַלן, אָבער עס איז אויך אַף אים געקומען אַ צייט.

— „איר קענט מער נישט לייסטן די אַרבעט, וואָס איך דאַרף" — האָט אין אים פריינטלעך אַריינגערעדט דער „באָס" זיינער און האָט אים צוגעוואָרפן דעם לעצטן „גוד־באַי".

האָט ער אַ סך צייט, מיסטער פּלאַטניק. טראַכט ער און רעכנט אי־בער צום טויזנטסטן מאָל וועגן זיין עלנטן לעבן און וועגן זיין צו־קונפט, וואָס האָט אים אָפּגענאַרט.

פּלוצלינג לויפט ער צו צו זיין בחורישן קופערט, נעמט אַרויס פון אַ פאַרבאָרגענעם אָרט אַ רויט קליין ביכל, עפנט עס פאַרזיכטיק אויף מיט זיינע ציטערנדיקע הענט, קוקט אין דעם אַריין, ווי ער וואָלט דאָרטן וועלן געפינען זיין לעצטע האָפענונג.

די עטלעכע ציפער פון דעם ביכל צעוואַקסן זיך פאַר זיינע אויגן ווי די ריזן און שמייכלען גוטמוטיק צו אים: „מיר זיינען דיין „צו־קונפט". האָדעווע אונדז, האָדעווע אונדז, זע, אַז מיר זאָלן וואַקסן, וואַקסן"...

פּלאַטניק ווערט פעסטער באַ זיך, מוטיקער, פאַרמאַכט שנעל דאָס ביכל און באַהאַלט עס ווידער אַף זיין פאַרבאָרגענעם פּלאַץ און באַ־שליסט מיט צופרידנקייט וואָס ווייניקער אַנצורירן פון די „אינטע־

רעסן" זיינע, כדי די ציפערן אין ביכל זאָלן וואַקסן און גרעסער ווערן. אפשר, אפשר וועט זי פּאָרט קומען צו אים אמאָל „די צוקונפט".

***

די באַלעבאָסטע פון דעם „באָרדער"־הויז*), וווּ מיסטער פּלאַטניק וווינט, איז אַ שמייכלענדיקע און פריינטלעכע. צוזאַמען מיט דער מאָרגן־באַגריסונג טראָגט זי יעדן „באָרדער" צו אַ גלעטנדיקן שמייכל, וואָס מאַכט אַף אַ ווײַלע פאַרגעסן אָן דער איינזאַמקייט און עלנטקייט. זי קאָן די שוואַכע זייטן פון אירע „באָרדערס". זי ווייסט, וווּ זיי טוט וויי און זעט זיי צו העלפן. האָבן איר די „באָרדערס" ליב, ווי אַ מו־טער. אפילו מיסטער פּלאַטניק האָט איר געשענקט זיין צוטרוי.

נאָכדעם ווי די „באָרדערס" זיינען שוין אַלע אַראָפּ, איינציקווייז „דאַנטען" (אונטן), זיך צו באַגריסן מיט דער „מיסיס" און יעדערער האָט זיך שוין פאַר איר אַרויסגערעדט זיין האַרץ, קומט אַראָפּ דער לעצ־טער מיסטער פּלאַטניק אַ שווייגנדיקער און אַ שעמעוודיקער.

— „עלאָ, מיסטער פּלאַטניק!"

טראָגט אים די מיסיס, די באַלעבאָסטע פון הויז, דעם גוט־מאָרגן אַנטקעגן — „ווי האָט איר עפּעס געשלאָפן? זעט, וואָס פאַר אַ שיינעם „קאָוט" (מאַנטל) איר טראָגט! איר האָט אים נעכטן געקויפט?"

ווען פּלאַטניק ענטפערט איר, אַז יאָ, נעמט זי דעם מאַנטל שאַצן: „פאַר דעם „קאָוט" האָט איר אודאי באַצאָלט 28 דאָלאַר?"

פּלאַטניק פאַרזיכערט איר מיט היץ, אַז ער האָט נאָר באַצאָלט זיבן דאָלאַר פאַרן מאַנטל און אַז ער האָט אים געקויפט אין דער באַוע־רי סטריט... (אַ גאַס, וווּ עס געפינט זיך דער האַנדל מיט אַלטוואַרג). גלויבט זי אים נישט, די באַלעבאָסטע אַ לאַנגע צייט: „ער זעט דאָך אויס ווי אַ נייער"...

מיסטער פּלאַטניק גייט אַרויף צוריק צו זיך אין צימער אַ גע־טרייסטער... כדאי געווען אַ טשעפּע צו טאָן, אָפּצורייסן עפּעס פון דער „צוקונפט"...

***

*) באָרדער־הויז — אַ הויז וואָס ווערט פאַרדונגען צו קוואַרטיראַנטן.

אין דעם זעלבן „באַרדער״־הויז איז לעצטנס געקומען וווינען די פערציק־יעריקע מיסיס דוואָרקעס.

מיסיס דוואָרקעס טראָגט נאָך מיט ווירדע און לייכטקייט איר שלאַנקן גוף אויף אירע שפּילעוודיקע יונגע פיס. פון איר פּנים פינקלען שטענדיק אַרויס אַ פּאָר ליכטיקע אויגן, און אירע ליפּן זיינען תמיד באַגאָסן מיט אַ פריידיקן און ליבן שמייכעלע.

מיסטער פלאַטניק האָט נישט ווילנדיק זיך צוזאַמענגעטראָפן אַ פּאָר מאָל אין טאָג מיט די ברענענדיקע אויגן פון מיסיס דוואָרקעס, מיט איר וואַרעמען שמייכעלע. עפּעס אַ מאָדנעם געפיל האָט מיסטער פלאַטניק שטענדיק געהאַט ווען ער פלעגט זיך צוזאַמענטרעפן מיט איר. עפּעס ווי אַ האַרטער אייז־באַל, וואָס איז געלעגן איינגעקנוילט און איינגעפרעסט בא אים אונטערן האַרצן, וואָלט מיטאַמאָל אָנגעהויבן זיך צו צעלאָזן אונטער דער וואַרעמקייט, וואָס שטראַלט אַרויס פון אירע אויגן, ווי דער קנויל וואָלט זיך פונאַנדערגעוואַקסן פון דער וואַרעמקייט און וואָלט זיך גענומען שפּאַרן אַרויף־צו און קומענדיק צום האַלדז, וואָלט ער זיך ווי ווען אַרויסרייסן אין אַ שטראָם דורך די אויגן... דאַן פלעגט מיסטער פלאַטניק קוים אַוועקלויפן צו זיך אין צימער אַריין...

גאַנצע טעג איז מיסטער פלאַטניק אַרומגעגאַנגען אַ צעחושטער. די האָפענונג האָט אים געטרייסט, געצערטלט און געשראָקן און דער צווייפל געמאַטערט. די נעכט האָט ער פאַרבראַכט אין פיינלעכע חלומות.

אָט שלייכט זיך צו צו אים די מיסיס דוואָרקעס מיט איר לייכטן קערפּער. זי בליקט אים טיף אין זיינע אויגן אַריין. דריקט צו זיין עלנטן קאָפּ צו איר האַרצן און רעדט אין אים אַזוי ליב אַריין: „וועסט שוין נישט זיין מער אַליין! וועסט שוין נישט זיין מער אַליין״! דאָס בין איך, אויף וועמען דו האָסט אַזוי לאַנג געוואַרט. איך, מיין טייערער, איך!״...

פלוצלינג כאַפּט ער זיך אויף. דורך דער וואַנט שרייט חוצפּהדיק די ראַדיאָ. דער געלעכטער פון מיסיס דוואָרקעס שרייט די ראַדיאָ איבער. עטלעכע מינוט געדויערט, ביז מיסטער פלאַטניק קומט צו זיך, ביז ער דערהערט דעם טיפן מענערישן קול הינטער זיין וואַנט, ביז ער דערמאָנט זיך אָן דעם „פריינט״, וואָס קומט לעצטנס אין די אָוונטן צו דער מיסיס דוואָרקעס. ער קען שוין מער נישט איינשלאָפן. ער שטרענגט

אָן אַלע זיינע חושים אויפצוכאַפּן יעדן שאָרך, יעדן באַוועג, וואָס דאָרטן הינטער דער וואַנט קומט פאָר, לאָזט אָבער די פאַרשאָלטענע ראַדיאָ נישט.

קייקלט ער זיך אַרום אַ גאַנצע נאַכט, מיסטער פּלאַטניק, אַף זיין געלעגער פון איין זייט אַף דער אַנדערער.

אינדערפרי שטייט ער אויף אַ פאַרביטערטער. הינטער דער וואַנט איז שוין לאַנג שטיל... ער גייט אַרונטער אונטן, באַגריסט זיך שטיל און טרויעריק מיט דער באַלעבאָסטע, און רעדט צו איר אייליגנדיק, שטאַמלענדיק: „לאָזט נישט שלאָפן, לאָזט נישט. ראַדיאָ, פריינט... לאָזט נישט שלאָפן, לאָזט נישט..."

.1940

אים שותפות

זאנדבערג איז געווען א מענטש אין די פופציקער. ער איז געווען אָנגעלאָדן מיט וויסן און דערפאַרונג. אָבער נישט דאָס וויסן, נישט די דערפאַרונגען זיינע האָבן אים אויסגעלערנט צו לעבן אַף דער וועלט.

ער איז געווען א מיטלוואקסיקער, מיט א קיילעכדיקן פּנים, מיט א גוף אויך אביסל א פאַרקיילעכדיקטן. אויגן האָט ער געהאַט טונקל־ברוינע און אויסגעזען האָבן זיי, ווי זיי וואָלטן זיך שטענדיק געטובלט אין עפּעס אַן אויל־גלאַנציקער פייכטקייט אזא, וואָס האָט נישט נאָר זיי, די אויגן, ווייך געמאַכט, נאָר אויך פאַרווייכט די שאַרפקייט פון זיין אָדלער־נאָז און אָפּגעשלאָגן מיט א באַזונדערער צאַרטקייט איבער זיין גאַנצן געזיכט.

א סך מאָל איז זיין פּנים געלעגן אונטער א שלייער פון פאַרחלומ־טער פאַרטראַכטקייט, וואָס האָט שוין נישט געפּאַסט פאַר זיין עלטער, און אַז ער איז פון דער דאָזיקער פאַרחלומטקייט געוועקט געוואָרן, האָבן זיינע אויגן אַרויסגעטויכט ווי פון אַן אַנדער וועלט און אייך אָנ־געקוקט מיט פאַרווירונג: „אַ? וואָס?"

ווען זאַנדבערג האָט, אָנקומענדיק קיין טשילע, פאַריסן זיין קאָפּ צו די הויכע, אומבאַשפּרינקלטע הימלען, ווען די בליקן פון זיינע וואַ־רעמע אויגן האָבן זיך אָפּגעקילט, וואַשנדיק זיך אין דער שניי־קאַלט־קייט פון די קאָרדילערן־בערג, ווען די שמייכלען פון די טשילענער זין און טעכטער האָבן געמאַכט זידן זיין האַרץ, פון וואַנען די אויל־גלאַנצי־קע פליסיקייט האָט עס געשטראָמט צו זיינע אויגן, האָט ער געטראַכט: אָט דאָ איז ער דאָס דער געגאַרטער פּלאַץ פון מנוחה און שלוה, צו וועלכן עס האָט אים געצויגן לעצטנס אַזוי שטאַרק. אָט־אָ דאָ — האָט ער גע־טראַכט — וועט ער זיין רו געפינען...

**
*

זאַנדבערג האָט אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך זיין באַזעצן זיך אין טשילע אַ שותפות געשלאָסן מיט לעוואַנדען.

לעוואַנדע איז געווען אַ יונגערמאַן אין די דרייסיקער. די געשעפטן האָבן זיי געפירט אין פּראָווינץ.

זאַנדבערגן האָט די פּראָווינץ געצויגן מיט איר רויִקייט און לעוואַנדן האָט זי גערופן מיט דער נייגעריקייט פון צו קענען נייע מענטשן. נייע ערטער, נייע האָריזאָנטן.

לעוואַנדע איז געווען דער היפוך פון זאַנדבערגן. זאַנדבערג איז צוגעגאַנגען צו אַ מסחר מיטן בלייַשטיפט אין דער האַנט, מיט חשבונות און קאַלקולאַציעס אין מח, פלעגט דאָס שליסן פון דעם געשעפט אָפּלייגן אויף מאָרגן און אַ סך מאָל האָט ער, אין דער לעצטער מינוט, אינגאַנצן חרטה געהאַט פון דעם גאַנצן מסחר.

נישט אַזוי איז געווען לעוואַנדע. לעוואַנדע האָט דורכגעפירט געשעפטן אין איין מינוט, אין איין רגע, אין איין שמע-ישראל. אָט האָט ער געקויפט און אָט פאַרקויפט און אָט האָט ער שוין ווידער געקויפט. ער האָט ליב געהאַט עס זאָל זיך אַרום אים טומלען און רעשן. אין אַלץ האָט ער געזען דעם גליקלעכן אויסגאַנג.

דער קעגנזעצלעכער כאַראַקטער פון דיביידע שותפים איז נישט געווען קיין חסרון, קיין שטער פאַר זייערע געשעפטן. אדרבה, דאָס האָט אַריינגעבראַכט דעם ריכטיקן גלייכגעוויכט אין זייערע עסקים און זייער געשעפט האָט געבליט.

***

אויסער די געשעפטן זיינען זיך די ביידע שותפים געוואָרן די בעסטע פריינט און חברים. נישט קוקנדיק, וואָס לעוואַנדע איז געווען אויף גאַנצע צוואַנציק יאָר יינגער פון זאַנדבערגן, פלעגט זיך דער עלטערער צוהערן צו זיינע אָריגינעלע געדאַנקען און מיינונגען. זאַנדבערג האָט לעוואַנדען פשוט באַוואונדערט: „ווי נעמט זיך צו דעם דאָזיקן מענטשן אַזאַ לויטערער מח, אַזאַ קלאָרער פאַרשטאַנד!" ווען לעוואַנדע האָט זיינע מעדיטאַציעס אָנגעקליידט אין אַ לבוש פון גלאַטע און צוגעפּאַסטע רייד, פלעגט שטענדיק זאַנדבערג זאָגן: „פּונקט ווי בא אַנאַטאָל פראַנס אין טאַיס", אָדער: „ריכטיק ווי בא טאָלסטאָיען אין מלחמה און פרידן",

כאָטש לעוואַנדע האָט די דאָזיקע ווערק קיינמאָל אַף זיין לעבן נישט גע-לייענט.

זיצנדיק בא זייער טישל אין א ווינקל עס-צימער פון האָטעל, האָט לעוואַנדע אַלע געסט אָבסערווירט און זיין מיינונג וועגן זיי געטיילט מיט זיין עלטערן חבר.

הינטער די פּלייצעס פון א מאַן פלעגן זיך זיינע אויגן אדורכ-שמועסן מיט די אויגן פון יענעמס פרוי און ער האָט דערביי א זאָג געטאָן: „א לייכטער ביסן", אָדער „א שווערע פעסטונג". און דאָס אינ-טערעסאַנטסטע דערביי איז געווען, וואָס זיינע מיינונגען זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש און טרעפלעך, וואָס ער האָט זיך קיינמאָל נישט טועה געווען און וואָס זיי פלעגן זיך אַף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט באַ-שטעטיקן.

***

ביידע שותפים האָבן זיך אין דער פּראָווינץ-שטאָט געפונען אַז זייערע פרויען און עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די מערסטע און ליבסטע געשפּרעכן איז בא זיי געווען וועגן ווייבער און ליבע.

לעוואַנדע האָט וועגן פרויען געהאַט זיין אייגענעם און באַזונדערן קוק.

צו א פרוי, פלעגט לעוואַנדע זאָגן, דאַרף מען קענען צוגיין. מען דאַרף נישט צוגיין צו איר ווי א גזלן. דערמיט פאַרלירסטו איר באַלד. מען דאַרף זיך קענען אונטערגראָבן אונטער איר הארצן און דאַן נעמסטו איר, ווער זי זאָל נישט זיין.

נישטאָ אַזאַ פרוי, וואָס זאָל קענעןביישטיין דעם נסיון, אויב דו האָסט נאָר אין איר דערוועקט די טיפע ליבע. א פרוי איז פעיִק מיט אַלץ מקריב זיין, ווען זי ליבט, טאָ פאַרוואָס זאָל זי דאָס נישט טאָן מיט זיך אַליין, דאָס הייסט, טאַקע מיט דער ליבע אירער?

זאַנדבערג, פאַרקערט, האָט געגלויבט אין דער פרוי. ער האָט גע-גלויבט אין דער געטרייקייט און ערן-פליכט פון דער פרוי. פאַר אים זיינען געווען צוויי סאָרטן פרויען אַף דער וועלט, „גוטע" און „שלעכ-טע". ער האָט זיך אפילו אין געדאַנק נישט געקענט פאַרשטעלן צו קע-

גען פאַראַטן ווערן און דאָ הערט ער אַזעלכע דבורים, וואָס לעבערן דורך דעם מח און קריכן דאָרטן אַריין און באַזעצן זיך אַף כח.

ווען לעוואַנדע האָט אַזוי איינגעטענהט מיט זיין פריינט די מיי־נונג זיינע וועגן פרויען, האָט ער זיך קיין חשבון נישט געגעבן, ווי ער שלאָגט מיט די דאָזיקע רייד זיינע אַף זיין אַ שוואַכן פונקט: באַ זיין חבר איז דאָס געווען די צווייטע הייראַט. זאַנדבערג איז זיך פונאַנדער־געגאַנגען מיט זיין ערשטער פרוי, וועמען ער האָט היים געליבט, צוליב איפערזוכט.

אויב אַזוי — האָט זאַנדבערג געטראַכט — אויב עס זיינען ריכטיק די רייד פון לעוואַנדען, און אין דעם איז ער געווען זיכער, „טאָ צו וואָס האָב איך צעבראָכן מיין אייגענעם גליק?"

נאָך אַ מיינונג, נאָך אַ געדאַנק האָט לעוואַנדע אַרויסגעבראַכט, וואָס האָט אינגאַנצן פריטשמעלעט זיין עלטערן חבר. ער האָט נעמלעך גע־זאָגט, אַז די עלטער באַ דער פרוי שפילט קיין ראָלע נישט. אַז אין יעדער עלטער האָט די פרוי איר באַזונדערן רייץ, אירע זעלן־סודות, איר שיינ־קייט און איר קראַפט. ער האָט געזאָגט, אַז אַ פרוי אין די פערציקער האָט איר באַזונדערן חן און געשמאַק, ווייל זי פלאַקערט דאַן אויף מיט דעם לעצטן פלאַם, וואָס פאַרן פאַרלאָשן ווערן און זי דאַרף באַזונדער אינטערעסאַנט זיין דעריבער.

זאַנדבערג איז דערביי געבליבן זיצן אַ צעחושטער, נישט אַרויס־ברענגענדיק קיין איין וואָרט פון זיין מויל. זיינע ליפן האָבן נאָר געגעבן אַ קראַמפּהאַפטיקן ציטער און זיך אויסגעגאָסן אין אַ נעבעכדיקן שמיי־כעלע.

לעוואַנדע האָט שנעל אַ לייען איבער געטאָן אַף זיין חברס פּנים די געדאַנקען זיינע און נישט ווילנדיק, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין אַ גייסטיקן ספּאָרט, אָנשטעלנדיק די אויגן אַף אים, אַ זאָג געטאָן: מיר דוכט זיך, זאַנדבערג, אַז איר זענט מיר חושד אין פאַראַטן אייך.

זאַנדבערג האָט נישט אויסגעהאַלטן זיין חברס דורכדרינגלעכן בליק און זיינע אויגן האָבן, מודה זייענדיק זיך אין דעם, צו דער ערד זיך אַראָפּגעלאָזט.

לעוואַנדע האָט פאַרשטאַנען, אַז קיין שום פאַרזיכערונגען אין זיין אומשולד וועלן נישט העלפן. ער האָט געוווּסט, אַז די, וואָס באַגייען

באמת אַ זינד, קענען סימולירן, און ווייל זיי זיינען שטענדיק גרייט צו באַהאַלטן זייערע געפילן אַנטוויקלט זיך בא זיי אַזאַ שוץ־מיטל פון ניט אַרויסגעבן זיך. ער האָט עס פאַרשטאַנען און געוואָלט דערקלערן זיין חבר, נאָר זיין צונג האָט זיך עפּעס ווי צוגעקלעפּט צום גומען און זיין פּנים האָט זיך גערויטלט, ווי ער וואָלט באמת אין עפּעס שולדיק געווען. ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט: „זאַנדבערג, זייט נישט קיין קינד!"

⁂

זאַנדבערג האָט אָפּטער גענומען פאָרן זען זיך מיט זיין פרוי. אים האָט זיך אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז אירע באַציִונגען צו אים האָבן זיך גע־ענדערט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי צייגט אים נישט אַרויס נישט די זעלבע צערטלעכקייטן, וואָס אַמאָל און נישט דעם זעלבן דרך־ארץ.

אַז לעוואַנדע פלעגט זיי אַמאָל באַזוכן, האָט ער זיך עפּעס געהאַלטן אומגעלומפּערט. ריידן פלעגט ער מיט אַ פרעמדן קול און אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך זאַנדבערגן אויסגעדוכט, אַז צופיל לויבט אים זיין פרוי און ער האָט איר באַטראַכט מיט פאַרשנדיקע בליקן.

זאַנדבערג האָט גענומען קוקן אַף זיין חבר מיט פאַרשעמטע און גלייכצייטיק תרעומותדיקע אויגן. ער האָט אויפגעהערט צו שיקן דורך אים גרוסן פאַר זיין פרוי, ווי ער איז דאָס געוווינט געווען פריער צו טאָן. ער האָט אויפגעהערט צו שלאָפן. ווי ער האָט נאָר צוגעמאַכט די אויגן, פלעגן קומען די ווערטער פון זיין חבר און קלאַפּן איבער זיין מח: „יעדער פרוי קען מען נעמען. מען דאַרף זיך נאָר קענען אונטער־גראָבן אונטער איר האַרץ. אַ פרוי אין די פּעריציקער האָט איר באַזונ־דערן טעם. זי ליבט מיטן לעצטן פלאַם פון איר פייער, וואָס האַלט זיך אין אויפלעשן".

דערביי האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער חבר זיינער הערט זיך צו צו זיינע געדאַנקען, און אויפהייבנדיק זיין קאָפּ, האָט ער געכאַפּט פון

דער זייט אַ פאַרגנבעטן בליק צו דער בעט, וווּ יענער איז רויִק און אומ־שולדיק געשלאָפן.

*
* *

וואָס ווייטער האָבן אַלץ מערער די פריינט אויפגעהערט צו ריידן צווישן זיך. עס איז זיי ענג געוואָרן דאָס לעבן, דאָס צימער פון האָ־טעל, די ביורא, דאָס אַלץ מיט אַן אַנדער און עס איז געוואָרן — אויס שותפות...

.1947

אין מאַרגע (טויטן-הויז)

צווישן מיינע פיל קונדן, וועמען איך פלעג פאַרקויפן אַף אַפּצוצאָלן, האָט זיך אויך געפונען לויִס גאָמעז.

לויִס גאָמעז איז געווען, ווי מ׳זאָגט אין אונדזער בראַנזשע פאַר־קויפער אַף אַפּצוצאָלן, א גאָלדענער קליענט.

פּינקטלעך איז ער געווען ווי א זייגער און דאָס געלט האָט ער אָנטקעגן געטראָגן. קיינמאָל האָט ער קיין מעשיות ניט געהאַט צו דער־ציילן...

דער פאַרקויפער אַף אַפּצוצאָלן קומט מיט הונדערטער מענטשן פון אַלע שיכטן און פּראָפעסיעס אין קאָנטאַקט, קומט אריין אין זייערע הייזער, זעט זיי ווייגען און לאַכן, טרעפט זיי בא גוט־ברודערשאַפט און בעתן קריגן זיך, זעט זייערע פאַמיליע־באַציִונגען און אויך ווי זיי באַ־האַנדלען א פרעמדן, און טאַקע אין שייכות מיטן מאַנען זיין אַפּצאָל ווייסט ער פון זייערע שמחות און אומגליקן, פון זייערע פריידן און ליידן און אפילו פון זייערע פּאָליטישע אָנשויונגען און לעבנססוק.

„קאַסערא״ (אַזוי רופן די קונים דעם פאַרקויפער און פאַרקערט), וועסט מיר מוחל זיין, איך וועל דיר היינט קיין געלט נישט געבן, ווייל עס איז בא מיר געשטאָרבן דאָס קינד״ — זאָגט דיר איין קונה, א צווייטער דערציילט דיר, אַז ער האָט געהאַט א „באַוטיסאָ״ (דאָס אריינפירן א קינד אונטער דער שוץ פון קלויסטער), א דריטער, ער איז אין שטרייק, א פערטער, די טאָכטער האָט חתונה געהאַט, א.א.וו. א.וו.

נישט אַזוי איז געווען מיט מיין קונד גאָמעז. ער פלעגט מיר שטענדיק באַגעגענען מיט א גוטמוטיקן שמייכל אַף זיין קלוגן און ערנסטן פּנים, דערלאַנגען דאָס געלט, וואָס מיר קומט, אָפּנעמען דעם קוויט און זיך צוריקציִען מיט א שווייגנדיקן שמייכעלע, וואָס אין זיינע פאַלדן איז געלעגן באַהאַלטן דער ניט־אַרויסגעזאָגטער געדאַנק: „צו

וואָס רייד, אפילו קלוגע, אַז דאָס לעבן אַליין, וואָס איז נאָך קליגער, שווייגט אויך?...״

איך בין געווען נייגעריק און פאַרינטריגירט צו וויסן ווער דער מענטש איז און באַ וועמען ער האָט שווייגן געלערנט.

גאָמעזן פלעג איך באַזוכן יעדן זונטיק. ער איז געווען דער לעצטער קונה, באַ וועלכן איך פלעג מיין אַרבעט פאַרענדיקן.

אין איינעם אַ זונטיק בין איך צו אים געקומען אַ סך שפּעטער ווי תמיד. מיט אַ פּאָר טעג פריער איז געשען אַ מאָרד, וואָס האָט די גאַנצע שטאָט אויפגעטרייסלט. דער יונגער דאָקטאָר גאַללער איז אַרויסגעפאָרן אַף אַ שפּאַציר מיט פריילן דע באַן, און מען האָט אים נאָכדעם געפונען אַ לייכט־פאַרוווּנדעטן אין זיין אויטאָמאָביל. דאָס פריילן דע באַן איז געלעגן נישט ווייט פון אויטאָמאָביל מיט אַ דורכגעלעכערטן שאַרבן אָן סמנים פון לעבן.

ווו מען איז געשטאַנען און געגאַנגען, אין טראַמוויי און אין אויטאָבוס, אין רעסטאָראַן און אין פאָיע פון טעאַטער, אין גאַס און אין מאַרק, אומעטום האָט מען קאָמענטירט דעם מאָרד.

אַלע זיינען געווען זיכער, אַז דער דאָקטאָר האָט דאָס פריילן דערהרגעט, און נאָכדעם, כדי צו סימולירן זיין אומשולדיקייט, זיך אַליין פאַרוווּנדעט. די חקירה און די דיסקוסיע איז נאָר אַנגעגאַנגען אין דעם, צי האָט ער איר דערשאָסן, ווען זי איז אַנטלאָפן פון אים, אָדער ער האָט עס געטאָן אין אויטאָמאָביל, און נאָכדעם איר קערפּער פון דאָרט אַרויסגעוואָרפן.

דער עולם האָט געקריצט מיט די ציין אַפן דאָקטאָר, און וואָלט אים אַ לעבעדיקן צעריסן, ווען ער האָט אים נאָר אין זיינע הענט.

איבערהויפּט האָבן גערעדט מיט היץ און זיך געקאָכט די פרויען.

„ווו איז גערעכטיקייט״ — האָבן זיי געשריגן.

און דערפאַר האָט זיך מיין אַרבעט דעם דאָזיקן זונטיק נאָך דער מאָרד־געשעעניש פאַרלענגערט אַף אַ פּאָר שעה.

ווי איך האָב נאָר באַטראָטן דעם שוועל פון אַ שטוב, האָב איך נאָכן באַגריסן זיך דאָס ערשטע דערהערט: „קאַסעראַ״, וואָס זאָגסטו עפּעס וועגן דעם מאָרד? אָרעמע דע באַן!״

דעם דאָזיקן זונטיק האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט צו פאַר־

פירן אַ געשפּרעך מיט גאָמעזן. צוליב מיין פאַרשפּעטיקונג האָב איך אים געפונען אַליין. זיין פרוי מיט די קינדער זיינען ערגעץ אוועק אַף אַ שפּאַציר. ער איז געזעסן פאַרטיפט איבער אַ צייטונג און געלייענט.

איך בין סיי ווי סיי געווען מיד פון דער אַרבעט, נאָר פאַר גאָמעזן האָב איך זיך נאָך מידער באַוויזן.

ער האָט מיר געבעטן זיצן. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט, אָנגעהויבן אויסשרייבן דעם קוויט פאַר אים, און איידער איך האָב נאָך פאַרענדיקט אַ פרעג געטאָן:

— „וואָס זאָגסטו עפּעס, פריינט גאָמעז, וועגן דעם מאָרד איבער דע באָן?"

„דעם מאָרד איבער דע באָן?" — האָט ער שטיל איבערגעחזרט — „אויב דו ווילסט קענסטו איר זען".

גאָמעז האָט באַמערקט מיין פאַרחידושטקייט און האָט גלייך צוגעגעבן:

— „זי ליגט אין דער מאָרגע. איך אַרבעט דאָרטן. קום מיט מיר אַהין, אויב דו האָסט חשק. איך דאַרף שוין טאַקע גיין צו דער אַרבעט".

גאָמעז האָט זיך אויפגעהויבן און איך בין אים נאָכגעגאַנגען.

ער האָט געוווינט נישט ווייט פון דער מאָרגע. מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר קוואַרטאַלן פון אַ זייטיקער גאַס און אַרויסגעקומען אַף דער אַווענידאַ לאַ פּאַז.

די אַווענידאַ (אַלייע) איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַ רוקע און האָט זיך געקילט אין שאָטן פון די געדיכטע ביימער, מיט וועלכע זי איז געווען באַצירט און אַרומגענומען. הינטער די ביימער זיינען געשטאַנען איינגעשטאָקיקע „טשאַלעטלעך" (פּאַלאַצלעך). עס האָט אויסגעזען, ווי די מענטשן אין זיי זיינען בכוון געקומען וווינען אַהער, כדי זיך אויסצולערנען שווייגן, איידער זיי גייען אַריבער צו דער אייביקער שטילקייט...

צווישן די טשאַלעטלעך האָט זיך מיט איר אַנדערשקייט אַרויסגערוקט אַ לענגלעכע גרויע געביידע, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן פון צעמענט.

אַף אַ הויכער טיר, אינמיטן פון בנין, איז געהאַנגען אַ שילד, אַף

וועלכן עס האָט זיך געלייענט: „לעגאַלער מעדיצינישער אינסטיטוט".
דאָס פאָלק האָט עס גערופן: — די מאָרגע.

אין דרויסן האָט די זון געלויכטן, געגליט מיט איר גאַנצער נאָכ־מיטאָגדיקער רייפקייט. דער שניי פון די בערג האָט מיט ווייסקייט געבלענדט.

מיר זיינען אין דער מאָרגע אריין דורך א זייטיקער הינטער־טיר. אינעווייניק איז געווען טונקל, די שטאָרן אראָפּגעלאָזט. איך האָב לכתחלה גאָרנישט געזען. דער דיל פון דער מאָרגע איז געווען א שטיי־נערנער. פון אינעווייניק האָט מיט א קילקייט א ווייע געטאָן און מיר אָפּגעפרישט. גאָמעז האָט אויפגעעפנט א לאָדן, און איך האָב דערזען א רייע נידעריקע לאַנגע טישלעך, איבער וועלכע עס זיינען געלעגן עט־לעכע טויטע קערפּערס.

אין דער מאָרגע האָט זיך גאָמעז געפילט, ווי בא זיך אין דער היים, אין זיין אטמאָספער. ער האָט געקענט די שפּראַך פון שווייגן. ער האָט זיך מיט יעדערן פון די מתים דורכגערעדט אף זיין לשון.

„אָט דאָ איז זי, די דע באָן" — האָט ער מיר צוגעפירט צו דעם עלעגאַנטן קערפּער פון א יונג מיידל — „ביסט א קרבן פון דער צע־לאָזענער יוגנט" — האָט ער אין איר פּאַטערלעך אריינגערעדט און דער־ביי פארגלעט אף הינטן אירע האָר, וואָס האָבן ווי מיט א כוון צוגע־דעקט איר פּנים ווי פאַר חרפּה...

גאָמעז האָט זיך לאַנג נישט פארהאַלטן בא דער דע באָן, ווי איי־נער, וואָס האָט שוין געזען און געהערט אזוינע זאַכן...

ער איז צוגעגאַנגעז צו א צווייטער פרוי. „אַרעמינקע" — האָט ער צו איר געזאָגט — ווי באַקענענדיק איר מיט מיר — „דו ביסט גע־ווען א צו גלייביקע", און צו מיר האָט ער שטיל געזאָגט, ווי זי וואָלט געקענט הערן, „זי האָט געהאַט א מאַן מיט קינדער, האָט זיך איינער אין איר פארליבט און נאָכדעם אָפּגענאַרט. איידער צוריקערן זיך צום מאַן, איז זי בעסער צום טויט געגאַנגען".

— דו זעסט דעם אָ" — האָט מיר גאָמעז אָנגעוויזן אף א גע־זונטן גוף, פון וועמענס פּנים די ענערגיע איז נאָך נישט אָפּגעטראָטן און אף וועמענס ליפּן עס האָט זיך נאָך דער נצחון געשפּילט — און דער־ביי האָט ער אים געקלאַפּט אַפן שולטער. דאָס איז דער „פּעטער

אַלעכאַ״, דער באַרימטער פּיסטוילער. די קינדער פון זיין געגנט האָבן דאָס אים אַזוי אַ נאָמען געגעבן. ער איז שטענדיק געווען גוט צו זיי, פלעגט זיי אויסטיילן פרוכט און געלט. מיט דעם פּיסטויל האָט ער נאָר געאַרבעט קעגן דער פּאָליציי. זיינע קרבנות האָט ער נאָר ליב גע־האַט צו באַאַרבעטן מיטן מעסער. צו שמאַלציקע פלעגט ער זיך טשע־פּען. „אין שמאַלציקע" — פלעגט ער זאָגן — „גייט דאָס מעסער אַליין אַריין". אַז מען פלעגט ריידן צו אים ווי אַ מענטש, האָט ער קיין בייז נישט געטאָן. נאָר טאָמער האָסטו אים באַטראַכט מיט עקל און געמאַכט דעם אָנשטעל, האָסטו זיך שוין פון זיינע הענט נישט אַרויסגעדרייט. זיין מאַמען האָט ער באַהאַנדלט ווי אַ מלכה. צוליב איר איז ער דאָס טאַקע אַריינגעפאַלן. זי איז קראַנק געווען, האָט ער איבער איר די נאַכט געוואַלט וואַכן. פּאָליציי האָט דאַן זיין מאַמעס שטיבל אַרומגערינגלט. ער האָט נאָך באַוויזן פינף פון זיי אַוועקצולייגן. אַריינגעפאַלן איז ער צו אַ ציווילן אַגענט אין די הענט אַריין. יענער האָט אים פון דער נאָענט אַ קויל אין בויך אַריינגעקנאַלט. ער האָט נאָך באַוויזן דעם אַגענט די קישקעס אַרויסצולאָזן און נאָכדעם איז ער געפאַלן טויט מיט דעם זעלבן נצחון־שמייכעלע, וואָס דו זעסט איצט אויף זיינע ליפּן".

„און אָט דעם יינגל זעסטו? דער האָט סתם געטראָגן דאָס לעבן זיינס אָנטקעגן יעדער איינעם און אָפּגעגעבן האָט ער עס פאַר גאָר־נישט. אַרויס שבת פון דער אַרבעט און געזוכט מיט וועמען פריינט־שאַפט צו טיילן. געכאַפּט עטלעכע קאַדעטלעך און זיי אָנגעטרונקען. און יענע פון זיין ווייַן געטרונקען און באַליידיקט. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, זיי האָבן אים פאַרנאַרט אין אַ זייטיקן געסל און קאַפּענדיק אים מיט די פיס איבערן קאָפּ, איבער די פּלייצעס, אין בויך, ביז צום טויט פאַר־מוטשעט, אַרעמענקער!"

„ווי דו זעסט, מיין פריינט", — האָט גאָמעז געזאָגט — „איז יע־דער מענטש אַ באַזונדערע געשיכטע און ווען דער פינאַל פון דער גע־שיכטע לאָזט זיך אויס דראַמאַטיש, ברענגט מען עס צו מיר, אַהער... אַ סך, אַ סך לעבנס־געשיכטעס האָב איך דאָ שוין געלערנט".

איך האָב די גאַנצע צייט, וואָס גאָמעז האָט אַזוי טרעפלעך גע־רעדט, קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט פון מיינע ליפּן. איך בין גע־ווען פאַרכאַפּט פון דער גאַנצער אומגעבונג, וואָס אַרום מיר, פון אַ וועלט

א נייער, וואָס איך האָב ביז היינט נאָך נישט געקענט. אָבער אַז גאָמעז האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָב איך אים א פרעג געטאָן: „זאָג מיר נאָר, פריינט גאָמעז, דו אַרבעטסט דאָך שוין דאָ, ווי איך זע, א לאַנגע צייט, טאָ ווי קומט עס, וואָס דו קוקסט נישט אַף די טויטע, ווי אַף אַן אַר־בעטס־אָביעקט, נאָר באַטראַכטסט זיי יעדער איינעם באַזונדער, אינדי־ווידועל און טוסט עפּעס מיט אַזוי פיל באַציִונג?"

„אַז דו ווילסט און האָסט צייט" — האָט זיך גאָמעז אָפּגערופן — „טאָ זעץ זיך און איך וועל דיר דערציילן".

איך האָב זיך אוועקגעזעצט לעבן גאָמעזן אַף א לאַנגער שמאָלער באַנק, וואָס איז געשטאַנען צוגעפּעסטיקט צו דער וואַנט. אונדזערע פּני־מער האָבן זיך באַגעגנט מיטן אַנטקעגנדיקן פענצטער, דורך וועלכן עס האָבן אַריינגעקוקט די לעצטע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון. גאָמעז האָט געקוקט צום פענצטער, ווי ער וואָלט פון דאָרט געשעפּט זיינע רייד און גענומען דערציילן:

איך דין שוין דאָ א יאָר צוואַנציק. אַז איך בין אָנגעקומען אין דער מאָרגע, בין איך געווען א בחורל פון א יאָר אַכצן. צוגענומען אהער האָט מען מיר דאַן אַלס געהילף. איך האָב זיך גיך צוגעוווינט צו דער אַרבעט. די אַרבעט איז נישט קיין שווערע. מען דאַרף באַזוכן די זאַכן פון טויטן, אַלץ צוזאַמענקלייבן אין א פּעקל און פאַרשרייבן. נאָכדעם דאַרף מען אים, דעם טויטן, צוגרייטן פאַר די דאָקטוירים, א ריינעם. דאָס איינצי־קע אומבאַקוועמלעכע בא דער שטעלע איז, וואָס מען קען נישט זיין פריי זונטיק. שבת באַנאַכט גיט די שכרות אַרויס מערער מתים ווי די גאַנצע וואָך. איך האָב פון מיין שעף איבערגענומען נישט נאָר די מלאכה, נאָר אויך דעם ווערטער־געברויך בא דער אַרבעט.

„מיין שעף פלעגט זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אַף מיר. ער פלעגט נאָר אַריינקומען איין מאָל אין טאָג און א פרעג טאָן: „וויפל „העכט" זיינען היינט אַריינגעפאַלן?" און פאַרשרייבן די צאָל נעמען פון די מתים. אַז זייער צאָל איז געווען א גרויסער, פלעגט ער זאָגן: „א סך געמאָלענע פלייש, א סך".

„מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין אַזא זונטיקדיקן טאָג ווי היינט בין איך אַריינגעקומען אהער אָפּטאָן מיין אַרבעט. עס זיינען געווען ווייניק

מתים. אינגאנצן דריי — צוויי מענער און איין פרוי. די מענער האָבן געשיינט צו זיין אויסלענדער, און די פרוי — אַ היזיקע.

„דער ערשטער, וואָס איז געלעגן באַם אריינגאַנג, איז געווען אַ מענטש אין די פופציקער. ער איז געווען גאַנץ גוט געקליידט, אין אַ טונקל-געשפּרינקלטן אַנצוג פון ענגלישן שטאָף. זיין ווייס-קלאָרע העמד איז געווען איינגעריסן און באַשפּריצט מיט בלוט דאָרטן, וווּ דאָס האַרץ האָט זיך געפונען. זיין קערפּער איז אין ערגעץ אַנדערשוווּ נישט גע־ווען באַשעדיקט. ער האָט געהאַט אַ הויכן שטערן און אַ קיילעכדיקן טונקעלן פּנים, אויף וועלכן עס האָט זיך שטאַרק אָנגעזען זיין אָדלער־נאָז. ער איז געלעגן מיט האַלב־אָפּענע אויגן, פאַריסן צו דער סטעליע, ווי אַריינגעטאָן אין מחשבות.

„די צווייטע אין דער ריי איז געלעגן די פרוי. די קליידער אויף איר זיינען געהאַנגען אין אומאָרדענונג און אין שמאַטעס. אויף די פיס, נישט דערגרייכנדיק צו די קנעכלעך, האָט זי געטראָגן אַ פּאָר ביליקע זאָקן. די זאָקן זיינען נישט געווען אויסגעפּילט מיט דער פאָרם פון די פיס, צוליב זייער געוואַלדיקער דינקייט. אונטן, פון טיש אַראָפּ, האָבן אַראָפּ־געהאַנגען אירע פוס-טריט, באַצויגן מיט אַ פּאָר צעליאַפּעטע, גרויסע, צעקרימטע און קאַלירלאָזע שיך. איר פּנים איז געווען פאַרשוואַרצט און אויסגעצערט. די ליפּן בלאָ. די האָר אויף איר קאָפּ האָבן אויסגעזען ווי אָפּגענוצטע, נאָכלאָזנדיקע דרעטלעך, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער פאַרב און גלאַנץ, און מיט דער האַנט האָט זי נאָך צוגעהאַלטן פעסט צו איר ברוסט אַ פּעקל שמאַטעס.

„דער דריטער אין דער ריי איז געלעגן אַ הויך און ברייט אויס־געוואַקסענער מאַן, וואָס האָט אויסגעזען נאָך העכער אין דעם אָבעראַל, אין וועלכן ער איז געווען אָנגעטאָן.

„זיין פּנים, זיין האַלדז, די אַנדערע טיילן פון קערפּער זיינען געווען ערטערווייז צעשטאָכן פון אַ מעסער און זיין קאָפּ האָט אויסגעזען, ווי אַ גרויסע קיילעכדיקע העלע באַרשט.

„אין דרויסן איז געווען הייס. מיין קערפּער איז שווער געווען פון דעם זונטיקדיקן פעטן מאָלצייט, וואָס איך האָב געגעסן, און פון דעם וויין, וואָס איך האָב גענאָסן. איך האָב זיך אוועקגעזעצט דאָ אויף דעם זעלבן באַנק, וואָס מיר זיצן איצט, און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער.

„איך האָב דורך אים געזען דעם הויכן שניי־באַרג וואָס אַנטקעגן. דעם דאָזיקן באַרג קען איך שוין אַף אויסנווייניק. איך זע אים ווינטער אַ שטייפֿן אַזאַ, אַן איינגעהילטן אין טונקעלע וואָלקנס, אַ פּאַרעקשנטן, וואָס לאָזט נישט צו צו זיך קיין גלעט פון אַ זונען־שטראַל, און איך זע אים אויך אין פרילינג און אין זומער אַ נאָכגיביקן, אַ מילדן, וואָס שטעקט אונטער זיין שנייִקן רוקן, אונטער דער בראָטנדיקער זון און צעגייט זיך אַזש פון נחת... עס שלאָגט דאָן פון אים מיט אַ וואַרעמער פּאַרע, אַזאַ, וואָס הייבט זיך אויף אין העל־גרויע וואָלקנדלעך, וועלכע ציען זיך צום הימל אַרויף. די זון גלעט דאָן דעם רוקן פון באַרג און רויטלט זיך נאָך שטאַרקער אַנטקעגן זיין יאַלטער ווייסקייט.

קוקנדיק אַזוי לאַנג דורכן פענצטער אַרויס, האָב איך געכאַפּט אַ דרעמל און עס דוכט זיך מיר: איך בין אַ שול־קינד און גיי צוזאַמען מיט אַלע קינדער און לערער אַף אַן עקסקורסיע, צו די שניי־בערג. דאָרטן זעצן מיר זיך אויס אַלע איינע הינטער די אַנדערע אין אַ לאַנגער ריי, און אַרומנעמענדיק זיך, לאָזן מיר זיך באַרג אַראָפּ, גליטשנדיק אַף די גע־זעסלעך. אונדזערע פרייִלעכע, גליקלעכע קולות מישן זיך אויס מיט דעם רוישן פון וואַסער, וואָס גיסט זיך אַראָפּ פון די שפּיץ בערג אין תהום אַריין מיט אַ מיסטעריעזן קלאַפּן אַזאַ, וואָס דערציילט פון דער אומ־ענדלעכקייט. פּלוצלינג ווייזט זיך מיר אויס, אַז נישט די קינדער לאָזן זיך דאָס באַרג אַראָפּ, נאָר מתים, אַ גאַנצע ריי מתים גליטשן זיך דאָס. איך האַלט זיך פעסט אָן, אַן דעם לעצטן פון זיי. די לאַנגע שורה מתים גליטשט זיך מיט אַ קאָפּ־שווינדלדיקער שנעלקייט און איך זע נישט קיין אָפּהאַלט. איך פלי מיט דער גאַנצער שערענגע מתים גלייך אין אָפּגרונט אַראָפּ און פון טראַסק באַם פאַלן כאַפּ איך זיך אויף. פון דרויסן דערגייען צו מיר, ווי דורך אַ מיראַזש, די קולות פון שפּילנדיקע קינדער. פאַר זיך זע איך די דריי מתים און איך ווייס נישט אַף וואָס פאַר אַ וועלט איך געפין זיך.

„איך וויל אויפשטיין צו דער אַרבעט און איך קען נישט. דער באַנק אונטער מיר ציט מיך צו זיך ווי אַ מאַגנעט. איך בלייב ווייטער זיצן און פאַרטראַכט מיר: „אַזוי פיל מתים זייַנען דורך מיינע הענט אדורכגעגאַנגען און איך האָב זיך צו זיי קיינמאָל אפילו נישט צוגע־קוקט. ווער ווייסט, אפשר האָבן זיך צווישן זיי טאַקע געפונען מיינע

יוגנט-חברים?" און טראַכטנדיק אַזוי, ווער איך נאָך שטאַרקער אַנטשלאָפן, און עס חלומט זיך מיר, אַז די דריי מתים אַנטקעגן מיר ריידן זיך דורך צווישן זיך:

„ווי קומסטו אַהער, לאַנדסמאַן", — פרעגט די פרוי, בײַ דעם ערשטן פון ברעג.

„איך?" — ענטפערט, פרעגנדיק, דער ערשטער מת — „איך בין אַ זון פון אַ וואַנדערנדיקן פאָלק. איך בין געבוירן געוואָרן אין פוילן. פון קינדווייז אָן האָב איך דערשפּירט אין זיך אַ בענקנדיקע אומרויִקייט. עס האָט מיר שטענדיק געצויגן, איך ווייס אַליין נישט וווּהין. איך האָב אין מיין יוגנט איבערגעקרייצט דאָס גרויסע רוסלאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט. איך האָב זיך אויך באַקענט מיט אייראָפּע, און נאָכדעם האָב איך זיך אומגעקערט אַ באַרויִקטער צוריק צו זיך אין שטעטל אַריין, דאָרטן חתונה געהאַט און געלעבט גליקלעך מיט מיין פאַמיליע. די לעצטע יאָרן האָב איך אָבער מער נישט געקענט לעבן אין מיין היימלאַנד. איך בין געווען געגליכן צו אַ פילקע, וואָס ליגט זיך, ווי עס דוכט, רויִק אַף אַן אָרט, נאָר עס איז גענוג דער קלענסטער באַוועג אַרום איר, זי זאָל זיך אַוועקרירן פון פלאַץ און נישט געפינען קיין אָפּשטעל. איך האָב פאַרלאָרן דעם באָדן אונטער מיינע פיס. איך האָב זיך געלאָזט זוכן אַ נייע היים, ברויט און לופט, פרייע לופט...

„געקומען אַהער אַליין, אָן אַ גואל, אָן אַ פריינט, אַ שטומער, האָב איך ערשט באַגריפן, וואָס דאָס לעבן באַדייט, ווי האַרט און רוי עס איז. עס האָט זיך אָנגעהויבן אין מיר אַן אינערלעכער געראַנגל. יונג בין איך שוין נישט געווען, האָב איך זיך דערשראָקן פאַרן אָנהייבן דאָס לעבן פונדאָסניי און געוואָלט צוריק אַהיים אַנטלויפן. „אויב אונטערגיין" — האָב איך מיר געטראַכט — „איז זאָל כאָטש זיין אינאיינעם מיט ווייב און קינדער". דערצו בין איך נאָך צעפרעסן געוואָרן פון אַ נאָגנדיקער בענקשאַפט נאָך מיין פאַמיליע. אין דער היים בין איך געוווינט געווען צוויי מאָל אַ נאַכט אַראָפּצוגיין פון מיין געלעגער און באַטראַכטן מיינע קינדער, צי ליגן זיי נישט אַמאָל אָפּגעדעקט. און דאָ איינער אַליין!

דאַן איז אָבער געקומען מיין שכל צו מיר און מיר געוועקט ווי אין אַ גרויסן געפאַר: „וואָס רעכנסטו צו טאָן? צוריקפאָרן? וווּהין?! אַר־

בעט, פארדין, בא וואָס עס זאָל זיך נישט מאַכן, און ראַטעווע זיך, דיין ווייב און דיינע קינדער". און אין דעם דאָזיקן צושטאַנד, ווען איך האָב איבערגעלעבט די חבלי־לידה פון יעדן אימיגראַנט, האָט אינמיטן דעריי־נען אויסגעבראָכן די מלחמה.

דאָס איז פאַר מיר געווען דער לעצטער קלאַפּ. באַלד זיינען צו מיר דערגאַנגען די שוידערלעכע ידיעות פון מיין חרובן שטעטל, פון דעם אומקום פון אַלע פוילישע יידן. וואָס פאַר אַ האָפענונגען האָבן שוין דאַן געקענט באַלייכטן מיין פינצטערן לעבנס־וועג? איך האָב פאַרלוירן דעם מוט צו אַרבעטן, דעם לוסט צו עסן און צו לעבן אויף דער וועלט. דערצו בין איך נאָך דאָ, אויף דעם אויסגעחלומטן, פרייען ווינקל פון דער ערד, באַשפּיגן געוואָרן אַלס ייד, וואָס מאַכט אַלעמען ענג דאָס לעבן אויף דער וועלט. איך האָב גיכער אויף דער ערד געקענט עקזיסטירן מיט דער קראַפט פון ליבע און נישט דורך דעם כח פון קאַמף, און איך האָב באַ־שלאָסן אָפּצוטרעטן מיין פּלאַץ אויף דער וועלט פאַר אַנדערע.

„אויב אַזוי" — האָט זיך אָפּגערופן דער הויך־געוויקסיקער, בלאָנ־דער מאַן פון דער אַנדער זייט — „האָב איך דאָך מיין לעבן אומזיסט נישט פאַרלאָרן. ווי באַלד אַזוי, האָב איך דאָך מיט מיין בלוט אָפּגע־ווישט כאָטש אַ קליינעם פלעק פון דער וועלט, — דיין אומזיסטיקן טויט. איך בין אַ דייטש. האָב געדינט אויף אַ שיף. איך האָב פון מיין פריסטער יוגנט באַקערט צו דער פרייהייט פון ים. געזען ווי מענטשן לעבן אויף דער וועלט אויסער מיין לאַנד. איך האָב זיך בשום אופן נישט געקענט צוגעוווינען צו ווערן היטלערס אַן אונטערטאַן, און איינמאָל, קומענדיק אַהער אין אַ היגן פּאָרט, האָב איך זיך שוין צום שיף מער נישט אומגעקערט. קיין אַרבעט האָט דאָ מיר קיינמאָל נישט געפעלט. איך בין אַ גוטער מעכאַניקער געווען, און צו דעם היגן לעבן האָב איך זיך שנעל צוגעוווינט.

„איין אויפגאַבע אויסצופירן, האָב איך זיך פאַר מיר גענומען, אויפצודעקן די „שיינקייט" פון היטלערס „גן־עדן" פאַר דער גאַנצער וועלט. און נעכטן, ווען איך בין אַרויס פון מיין אַרבעט, בין איך גע־פאַלן אַ קרבן פון אַ נאַצישער פּראָוואָקאַציע. אָנגעשטעלטע מעסער־שטעכער זיינען מיר באַפאַלן און צורעכט געמאַכט".

„איך" — האָט זיך אָפּגערופן די פרוי, וואָס איז געלעגן אָפּן

מיטלסטן טיש — „איך קום נישט פון קיין ווייטע לענדער. איך בין א טאכטער פון דעם היגן, שיינעם, רייכן, זאטן לאנד. איך קום פון די פרוכטבארע געגנטן פון דרום, ווו די ערד איז שווארץ און פעט און שפייזט דאס גאנצע לאנד. מיין פאטער אבער איז אן ארעמער „אינקע־לינא" (פאראבעק) געווען און מיילער האבן זיך אין מיין היים געפונען א צען. אויסגעזען האט מיין פאטער אזוי אויסגעדארט און אויסגע־טריקנט ווי זיין אייגיינציקער פערד, וואס ער האט פארמאגט, און וואס האט געדינט סיי דעם אקער, סיי דעם וואגן און סיי די שפארן. פונקט ווי בא זיין פערד האבן אויך בא מיין טאטן ארויסגעסטארטשעט די טרוקענע ביינער פון דער פלייצע מיט א טענה צו דער גאנצער וועלט, אנטקעגן וועלכער ער איז שטענדיק געשטאנען א געבויגענער: — „פאר־וואס אזוי פיל זיך מוטשען פארן שטיקל בידנעם לעבן?!" און ביידע רוקנס, מיין טאטנס און זיין פערדס, האבן טריב געלאזן די אלע אויגן, וואס האבן אף זיי געקוקט.

„אז איך בין אונטערגעוואקסן, האב איך פארשטאנען צו באפרייען מיין טאטע־מאמע פון אן איבעריקן עול און איבערצולאזן מיין פלאץ פאר א נייעם נפש, וואס דארף אף דער וועלט קומען. איך בין אוועק אין שטאט דינען. פון אנפאנג האב איך זיך אין שטאט קיין ארט נישט געפונען. איך האב זיך דארטן געשפירט ווי אין א תפיסה. עס האט מיר געצויגן צום פעלד, צו דעם פרייען הימל, צום וואלד. איך האב גע־בענקט נאך מייניקע. מיט דער צייט אבער האב איך זיך צוגעוווינט און געווארן א גוטע הויז־שקלאפן. אז מען האט נאר מיין נאמען דערמאנט, האב איך שנעל געוווסט זיך אפצורופן: „באפעל הארנטע!"

אין הויז, ווו איך האב געדינט, איז געווען א בחור אין מיינע יארן. ער איז געווען א בלאנדער מיט בלויע אויגן, וואס האבן מיר דערמאנט אין היימישן הימל. זיין פנים איז שטענדיק געווען ראז־אויסגעראזירט און אן אנגענעמער ריח האט זיך תמיד פון אים געטראגן. אין „קאמפ" (דארף) האב איך אזעלכע יינגלעך קיינמאל נישט באגעגנט. ער האט זיך צו מיר זייער מענטשלעך און פריינטלעך באצויגן, מיר אפילו גע־לערנט צו פארשטיין אפן זייגער און געוויזן אן אות, ווען קיינער א חוץ אונדז איז אין שטוב נישט געווען.

איך האב זיך נישט פארגונען אים אנצוקוקן, ווי עס באדארף צו

זיין. געוואָרפן אַף אים גאָר זייטיקע, פאַרגנבעטע בליקן, און ער האָט מיט דעם פייער פון זיינע אויגן אַרומגעבלאָנדזשעט איבער מיין גאַנצן קערפּער, אים אָנגעצונדן מיט אַ בראַנד און ביסלעכווייז פאַרצערט.

הקצור, עס האָט אים קיין סך נישט געקאָסט, איך זאָל זיך אים אָפּגעבן. און ווען די פרוכט פון מיין ליבע האָט געהאַלטן באַם צייטיק ווערן, בין איך פון מיין ווירטס הויז אַרויסגעשליידערט געוואָרן.

איך בין אַרוים אַפן גאַס, אַ פאַרבלענדטע פון פאַרצווייפלונג און כעס.

איך האָב זיך אַוועקגעשלעפּט צו דער ערשטער בעסטער „פּלאַסע" (גערטנדל) פון געגנט און געבליבן זיצן דאָרטן שעהן אַן אומבאַוועג־לעכע.

פון אָנפאַנג האָב איך נאָך געגלויבט, אַז אַלץ איז נישט פאַרפאַלן, אַז עס איז נאָך דאָ גערעכטיקייט אַף דער וועלט. אויב עס פעלט גערעכ־טיקייט אין די הערצער פון מיינע באַלעבאַטים, איז דאָס, ווייל זיי זיי־נען פאַרדאָרבן פון דער צייט, אָבער דערפאַר געפינט זי זיך אין דער ברוסט פון דעם יונגן זון זייערן. איך בין אַזוי געזעסן אין דער „פּלאַ־סע" אַ גאַנצן טאָג און אַ נאַכט און עס האָט זיך מיר אַלץ גערדאַכט, אַז אָט־אָט קומט ער, דער יונגער הער, און פאַריכט די עולה, וואָס עס איז קעגן מיר באַגאַנגען געוואָרן אָן זיין וויסן.

ער האָט זיך שוין אָבער קיינמאָל מער פאַר מיינע אויגן נישט באַ־וויזן.

פון דאַן אָן איז די „פּלאַסע" געוואָרן מיין וווינאָרט סיי זומער, סיי ווינטער. איך פלעג פון צייט צו צייט פאַרלאָזן די „פּלאַסע" אַף אַ פּאָר שעה, און גיין טיילן מיין שפּייז און מיין בעט מיט אַ פאַרבייגייער. איך פלעג זיך אָבער צוריק אומקערן אהין. קיינער האָט מיר פון דאָרטן נישט געקענט רירן, אפילו נישט די פּאָליציי.

אַז איך האָב געדאַרפט געבוירן דאָס קינד, בין איך אַוועק אַף עט־לעכע טעג אין שפּיטאָל, און פון דאָרטן זיך צוריק אומגעקערט מיט מיין „גואַגואַ" (פּיצל קינד) אין די אָרעמס צו דער „פּלאַסע".

אין איינער אַ האַרבסטיקער נאַכט בין איך איינגעשלאָפן מיט מיין „גואַגואַ" אַף די הענט. אַז איך האָב זיך פאַרטאָג אויפגעכאַפּט, איז מיין בלאָנדער מלאכל געלעגן אַ פאַרגליווערטער, אָן אַ צייכן פון לעבן.

עטלעכע מענטשן האָבן אים פון מיינע הענט אַרויסגעריסן און איך בין געבליבן זיצן אַליין אויפן אָרט, אַ פאַרשטאַרטע מיט אַט דעם פּעקעלע צוגעדריקט צו דער ברוסט, אָן אַ פאַרלאַנג צום לעבן. עטלעכע מאָל בין איך געוועקט געוואָרן פון די באַנאַכטיקע פאַרבייגייער, וואָס האָבן מיר געטרייסלט בײַ די שולטערן. איך פלעג זיך אַ כאַפּ אויף טאָן, און זיי אַנקוקן מיט אויגן, וואָס זיינען געווען פול מיט אַזוי פיל עקל, פאַראַכטונג און אומזיניקייט, אַז זיי זיינען פאַר שרעק אַנטלאָפן געוואָרן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מיר אַזוי לאַנג אַ פּאָליציאַנט געטאַרקעט באַם אַקסל ביז וואַנען ער האָט געזען, אַז ער וועט מיר מער נישט דערוועקן און מיר אַהער געבראַכט".

„אַז איך האָב זיך דאָן פון שלאָף אויפגעכאַפּט" — האָט גאָמעז זיין דערציילונג פאָרגעזעצט — „בין איך צוגעגאַנגען צום ייִדן און אים באַטראַכט.

דורך די שפּעלטלעך פון זיינע האַלב-אָפענע אויגן האָט אַרויסגעקוקט דער קומער און די ליידן פון דער גאַנצער וועלט. זיינע ליפן זיינען געלעגן אויסגעצויגן מיט אַ נאַכגיביקן שמייכעלע, וואָס האָט צו דער וועלט געזאָגט: „איך מאַך דיר ענג? טאָ טרעט איך בעסער אָפּ". איך האָב אים געגלעט איבערן הויכן שטערן און געטענהט צו אים: „אָרעמער ייִד! דיין ברודער האָבן די הענט פון רשעים געקרייציקט. דיין ווייטיק איז גרעסער. דיר אומגליקלעכער האָט די רשעותדיקע וועלט געצוווּנגען זיך אַליין, מיט די אייגענע הענט, צו קרייציקן".

איך בין צוגעגאַנגען צו דער פרוי. מיט פאַרזיכטיקייט און מיט מי האָב איך אַרויסגענומען פון אירע הענט דאָס פּעקל, ווי עס זיינען געלעגן די זאַכן פון איר עופהלע, און צו איר געזאָגט: „אָרעמענקע, האָסט זיך נישט געקענט צעשיידן מיטן לעצטן אָנדענק פון דיין קינד... איך וועל דיר דעם פּעקל מיטגעבן אין קבר אַריין"... און צו דעם דייטש בין איך צוגעגאַנגען אים געדריקט זיין שטאַרע האַנט און געזאָגט: „ביסט אַ בראַווער קערל, אַ בראַווער קערל".

„פון דאַן אָן" — האָט גאָמעז פאַרענדיקט — „בין איך זיך נוהג צו באַטראַכטן יעדן מת, אָנרופן אים בר־מינן, נישט „הפגר", זיך צו דערוויסן זיין לעבנס-געשיכטע און צו ריידן צו אים אין אַ מענטשלעכער שפּראַך".

1948.

צווישן פריינט

א גרופּע פריינט, לאַנדסלייט, האָבן מיר זיך געפונען אין דעם דע־פּאַרטאַמענט פון א לוקסוסדיקן האָטעל, ווו מיר האָבן אויפגענומען אונ־דזער יוגנט־חבר, וועלוול בערגמאַן, וואָס איז אַהער, קיין טשילע, נאָר־וואָס אָנגעקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן נאָך עטלעכע און צוואַנציק יאָר זיך נישט זען מיט אים.

דער טיש, ארום וועלכן מיר האָבן פריילעך און מונטער פאַר־בראַכט, האָט אויסגעזען ווי א פעלד נאָך א שלאַכט. עס האָבן זיך אָפּ אים ארומגעוואַלגערט ביינער, שיריים פון עופות און פיש, שטיקער נישט קיין דערגעסענע ברויט, פלעשער און גלעזער מיט נישט קיין דער־טרונקענעם וויין, איבערגעקערטע גלעזלעך און גאָפּל־מעסער־לעפל.

איינער פון די חברים האָט געמאַכט א פאָרשלאָג, מען זאָל אַרי־בערגיין אין דערבייאיקן רויכער־זאַל.

יעדער איינער פון אונדז האָט געפילט דעם פאַרגעניגן פון די גע־בעטע דילן, וואָס האָבן לייכט אויפגענומען אונדזער געטענצלטן טראָט, און פון די ווייכע ברייטע אָנשפּאַר־שטולן, וואָס האָבן מיט רו און באַקוועמלעכקייט באַשאָנקען אונדזערע מידע, שווער־וואָגיקע קערפּערס.

אונדזערע גופים זיינען טאַקע געווען שווער, ווי אָנגעגאָסענע מיט בליי, אָבער די הערצער זיינען געווען האַפּערדיק, האָבן האַסטיקער גע־קלאַפּט און זיך אויסגעשפּרייט פון דעם וואַרעמען בלוט, וואָס האָט שנעלער ווי תמיד אין זיי געשטראָמט.

אין אונדזערע קעפּ האָט עס געראַשט, ווי מאַשינען־רעדער וואָלטן זיך דאָרטן געדרייט.

אונדזערע געדאַנקען און געפילן האָבן זיך געשטויסן אין אונדז און געזוכט אַן ארויסגאַנג, אַן אויסלאָדונג.

מיר זיינען געזעסן מיט פאַרזשמורעטע, האַלב־אָפענע אויגן, וואָס

האָבן צווישן די געקרויזלטע רויך־וואָלקנדלעך שיקלדיק אַרויסגעגלאַנצט מיט עפּעס אַ מין שיינענדיקער פּייבטקייט, וואָס האָט אין זיך אָפּגע־שפּיגלט אַ שבורלעבקייט, געמישט מיט פאַרפּירערישער גלוסטונג.

יעדער פון אונדז האָט באַזונדער געטראַכט, אָבער אַלע צוזאַמען האָבן מיר געדענקט פון איין און דער זעלבער זאַך — פון אונדזער יוגנט, פון אונדזער פאַרגאַנגענעם לעבן, פון אונדזער היים, פון אונ־דזער שטאָט.

די האַלב־אָפענע אויגן אונדזערע האָבן אַלע געבליקט צו די וואָלקנדלעך רויך, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזן פון אונדזערע מיילער און נאָזלעכער, האָבן זיך אויפגעהויבן איבער אונדזערע קעפּ, זיך פאַר־גנבעט אין די האָר און דערנאָך זיך דין אויפגעלייזט. פאַרן אויפלייזן זיך האָבן די וואָלקנדלעך רויך באַקומען די מראה פון העלע גראָ־ראָזע וואָלקן, וואָס זיינען געבליבן הענגען פאַר די אויגן אונדזערע, וועלכע האָבן, געטריבענע פון דעם זכרון, הינטער זיי דערזען דאָס לעבן פון אַמאָל...

מען האָט שוין געהאַלטן בײַ די בחורישע יאָרן. און דאָ האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז כמעט קיינער פון אונדז האָט נישט חתונה געהאַט מיט דעם מיידל, מיט וועלכן ער איז אַרומגעגאַנגען.

יעדערער האָט דערציילט די סבה, פאַרוואָס ער האָט נישט חתונה געהאַט מיט זיין מיידל. די טעמים זיינען געווען פאַרשיידענע, וויכ־טיקע און גאָר נישט קיין וויכטיקע.

אַזוי האָט איינער פון אונדז דערציילט, ווי ער האָט צוליב אַ גאָר־נישט פאַרלאָזן זיין מיידל. ער איז איינמאָל געקומען צו איר, האָט זי דאַן געהאַט קאָפּ-ווייטיק און געלעגן אין בעט פאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ טיכל, מיט צוויי שטיקלעך רויע קאַרטאָפל צוגעקלעפּט צו די שלייפן. מיט איר גאַנצן אויסזען, מיט איר קרעכצן, איז זי דאַן אינגאַנצן ענלעך געווען צו איר מאַמען. פון דעמלט אָן איז ער געוואָרן קאַלט צו איר און האָט אויפגעהערט צו קומען צו איר.

האָט שוין אַ צווייטער דערציילט, ווי אַזוי ער האָט זיך צוליב נאָך אַ קלענערן „גאַרנישט" דערווייטערט פון זיין מיידל: זי פלעגט זיך שטענדיק קעמען מיט אַ שרונט אינמיטן, און אין זיינע אויגן האָט זי אַזוי אויסגעזען צניעותדיק און באַשיידן. איינמאָל האָט ער איר דער־

זען מיט די האָר אַרויפגעקאַמט אַף אַרויף. זי האָט דורך דעם פאַר אים אויסגעזען פרעמד און פאַרשייט, און פון דאַן אָן איז זי אים אַף אַן אמת פרעמד געוואָרן אַף אייביק.

ווען אַלע האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט צו דערציילן דעם „פאַר-וואָס זיי האָבן נישט חתונה געהאַט מיט זייערע געליבטע מיידלעך" איז די ריי געקומען צום גאַסט, צו וועלוול בערגמאַן.

בערגמאַן איז געווען אַ בחור אין די הויכע פערציקער. ער האָט פאַרמאָגט אַ שטאַלטענעם קערפּער. זיין פּנים האָט נאָך אויסגעזען גאַנץ פריש און יונג פאַר זיינע יאָרן. כאָטש אַ געניט אויג האָט געקענט באַ-מערקן אַז די שאַרפקייט פון לעבן האָט זיך איינגעשניטן באַ די ווינק-לען פון זיין מויל און אַף די שלייפן אַרום די אויגן, און האָט איבער-געלאָזט דאָרטן אַ סך איבערגעשניטענע אין דער לענג און אין דער ברייט קנייטשעלעך.

אין די דאָזיקע קנייטשעלעך ליגן דאָס פאַרבאָרגן די סודות פון זיין לעבן, און ווען ער דערציילט עפּעס, עפענען זיי זיך אויף, די קניי-טשעלעך, פאַרלירן זייער שאַרפקייט און שמייכלען...

בערגמאַן האָט גערעדט שטיל, באַטראַכט און אין פּויזעס. זיין פּנים איז באַם ריידן געקומען אין פולער באַוועגונג. אייגנטלעך האָט זיין פּנים מערער גערעדט ווי זיין מויל: ער האָט אָנגעפאַנגען:

„איר מוזט דאָך נאָך געדענקען מיין אַמאָליקן קינדהייטס־חבר, זעליק גרויבאַרדן, היינט גיב איך זיך אָפּ רעכענונג, פאַרוואָס איך בין צו אים געווען אַזוי צוגעבונדן מיט אַלע פעדים פון מיין גוף און נשמה. דעמאָלט האָב איך דאָס נישט פאַרשטאַנען. אונדז האָט געצויגן און געבונדן איינער צו דעם אַנדערן דער קאָנטראַסט, די אַנדערשקייט. מיר האָבן זיך געטראָפן אין דער שטאָטישער ישיבה אונדזערער, ווען מיר זיינען אַלט געווען אַ יאָר דרייצן-פערצן. מיין חבר האָט זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, ווי אַזוי מען קען דאָס האָבן אַ רב פאַר אַ פאָטער, און איך בין געווען ביז גאָר טשיקאַווע צו וויסן, ווי אַזוי אַ בחורל, אַ בן־תורה, איז דאָס דער זון פון אַ פּראָסטן בעל-מלאכה, אַ שניידער. אָט די דאָזיקע פאַרשיידנקייט האָט עס אונדז פאַראייניקט און פון אונדז גע-מאַכט אומאָפּטיילבאַרע פריינט. מיר האָבן צוזאַמען געלערנט, באַנאַנד

געגעסן, איינעם געגאנגען שפאצירן און זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן.

איך ווייס נישט ווי זעליק, נאר איך — האב אים מקנא געווען.

ווען מען איז נאר געקומען צו זעליקן אין הויז, אין דעם אָרימען שטיבל פון זיין טאטן דעם שניידער, האט מען זיך דארטן געפילט אזוי גוט און היימיש, א מחיה! די נחתדיקע אויגן פון זעליקס מאמען, די יראת־הכבודיקע בליקן פון זיין טאטן האבן אונדז שטענדיק באגלייט און געוואַרעמט.

איך האב זיך געפילט קליין און אומגליקלעך אנטקעגן מיין חבר. ער, זעליק אליין, איז געווען דער יחסן. שוין מיט זיין קומען אף דער וועלט האט ער געבראכט די לעצטע בשורה אין זיין הויז — ער איז געווען דער מעזיניק, נאך א סך טעכטער.

אין זעליקס אָרימען, אבער פּינקטלעכן אַנטועכץ, איז געלעגן באַ־האַלטן דער ציטער און די האפענונג פון זיינע פראסטע טאטע־מאמע. די שניידערישע מלאכה פון זיין טאטן, די שטוביקע ארבעט פון זיין מאמען זיינען שטענדיק באגלייט געווען מיט חדוה און האבן אויסגע־וויזן ווי א הייליקע עבודה. — אין דער דאזיקער ארבעט איז תמיד גע־ווען אריינגעלייגט די כונה מפרנס צו זיין זייער זון, דעם בן־תורה.

און פארקערט, וואס פאר א יחסן בין איך געווען, אין מיין טאטנס שטוב, א הויז, וואס איז געווען געקנאטן פון רבנים בני רבנים? ווער האט זיך דארטן אף מיר ארומגעקוקט? און אז איך בין אמאל געקומען מיט זעליקן צו מיר אין שטוב אריין, האט דער טאטע מיינער פריער אנגענומען זעליקס באק צווישן זיינע דארע, קאלטע פינגער, נאכדעם אים אנגעקוקט מיט זיינע קורצזיכטיקע, טרוקענע אויגן, זיך דערוווּסט ווער ער איז, און נאכדעם פשטלדיק אים א פרעג געטאן: זאג מיר נאר דעם אמת, שגץ, ווער פון אייך וויל וויניקער לערנען?...

מיר זיינען אזוי געגאנגען אפן זעלבן לעבנס־וועג, נישט אפּקערנדיק זיך פון אנאנדער, אפילו אף קיין איין טריט נישט, אף קיין איין רגע נישט עטלעכע יאר. מיר זיינען אזוי אויך צוזאמען געקומען לערנען נאך סלאבאדקע (א בארימטע ישיבה אין דער ליטע).

דא, אין דער פרעמד, ווייט פון אונדזערע היימען, פון אונדזערע טאטע־מאמעס און אייגענע, זיינען מיר צווישן זיך נאך פארבונדענער

און נענטער געווען. מיר האָבן געלערנט צוזאַמען, געשטאַנען אױף איין קוואַרטיר און איינעם געגעסן אונדזערע אָרעמע מאָלצייטן.

דערווייל זיינען מיר אויסגעוואַקסן, געוואָרן בחורימלעך פון אַכצן־ניינצן יאָר. זעליק איז געווען אַ ברייטער, אַ רונדער, און אַ געשווירן דין־שטרויען־בערדל האָט באַדעקט זיינע ראָז־פּולע באַקן. איך בין אויסגע־וואַקסן אַ הויכער דאַרער בחור, פון וועמענס פּנים עס האָט זיך מער פון אַלץ אָנגעזען — די אויגן.

יאָ, יאָרן לאַנג זיינען מיר אַזוי צוזאַמען געגאַנגען, ביז וואַנען אונ־דזערע וועגן האָבן זיך פונאַנדערגעשיידט. אַלץ האָבן מיר געקענט טיילן, נאָר נישט אונדזער גלויבן. און פּאַסירט האָט עס, ווען עס איז געקומען צום אוועקגיין פון דער ישיבה.

שווער איז מיר אָנגעקומען דער שריט פון פאַרלאָזן מיין אַלטן וועג און זיך פּאַרקערעווען אױף אַ נייעם, נישט קיין אויסגעפּרוּווטן. אָבער דאָך האָב איך עס באַ זיך געפּועלט. איך האָב הינטער זיך געלאָזן גענוג רבנים, גענוג לומדי־תורה. גרויבאַרדן איז, ווי עס ווייזט, באַזונדער שווער געווען דאָס צו טאָן, ווייל ער וואָלט מיטן אוועקגיין פון דער ישיבה איבערגעריסן די חלומות, די לעצטע האָפענונגען פון זיינע אַל־טיטשקע.

גרויבאַרד איז געבליבן אין דער ישיבה, אין סלאָבאָדקע, און איך בין אוועק פון דער ישיבה און געוווינט אין קאָוונע.

צווישן סלאָבאָדקע און קאָוונע האָט אונדז צעשיידט דער ניע־מאַן. פאַר אַנדערע איז סלאָבאָדקע מיט קאָוונע געווען פאַרייניקט דורך דעם אייזערנעם בריק, וואָס איז געהאַנגען איבערן רוקן פון טייך. אָבער אונדז האָט צעשיידט נאָך אַן אַנדער זאַך — די אייפערזוכט צו אונ־דזערע גלויבנס.

גרויבאַרד האָט מיט אייפער פאַרטיידיקט די אַלטע פאָרמען פון דער יידישקייט, וואָס האָט אונדזער פאָלק געקאָסט אַזוי פיל בלוט, פיין און מאַטער. ער האָט פאַרטיידיקט די רעליגיע, פאַר וועלכער אונדזער פאָלק איז געגאַנגען אױף די שייטער־הויפנס. ער האָט דורך דעם גלויבן זיך געוואָלט אָנהאַלטן אָן דעם פאָלק, וואָס האָט פאַר זיין עקזיסטירן אַזוי טייער באַצאָלט, מיט פּאָגראָמען, רדיפות און פאַרפאָלגונגען.

אויך איך האָב נישט געוואָלט נידערשעצן מיין נייעם גלויבן אין

דער געדעכטיקייט, פאַר וועלכן די איידלסטע און בעסטע זין פון דער מענטשהייט, האָבן אייביק, צייט די וועלט איז אַלט, באַצאָלט מיט זייער לעבן און בלוט.

נאָר אָט האָט מיר דער גורל ווידער צוזאַמענגעבראַכט מיט מיין חבר זעליק גרויבאַרד. און דורך אַ טרויעריקן צופאַל.

דאָס איז געווען אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע פון דער ערשטער וועלט-מלחמה.

דאָס פאָלק האָט שווער געטראָגן אויף זיך דעם יאָך פון די גרויזאַמע אָקופּאַנטן. דער הונגער און די קראַנקייטן האָבן אויסגעשטיקט די באַפעלקערונג. די עפּידעמיעס האָבן זיך צעהוליעט און אין זייערע טויטן־אָרעמס אַריינגעקלאַמערט די איינוווינער.

איך בין דאַן געווען, ווי איר ווייסט, אין דעם עלטער, וואָס אַ לעבן פאַר זיך אַליין איז צו פיל אויסצולעבן. איך האָב מיין לעבן פאַר עפּעס געדאַרפט אָפּגעבן, און ווען מען האָט זיך געווענדט צו דער יוגנט, זי זאָל זיך פריי־וויליק שטעלן צו באַקעמפן די מגפות, בין איך געווען פון די ערשטע, וואָס זיינען צום שפּיטאָל געקומען.

דאָרטן, אין שפּיטאָל, האָב איך זיך דאָס באַקאַנט מיט מיין מיידל, מיט וועלכער איך האָב נישט חתונה געהאַט.

זי איז געווען אַ זוניקע און צעשטראַלטע, האָט אַרום זיך געזייט פרייד און גליקלעכטער. איר אָפענער פּנים, אירע בלויע אויגן, די ציינער, דאָס פּאַריסענע נעזל, אַלע אירע באַוועגונגען, האָבן זיך שטענדיק געפרייט און געשמייכלט.

דער שפּיטאָל האָט — צייט איך האָב דאָס מיידל דערקאָנט — באַ מיר באַקומען אַן אַנדער אויסזען, אַ ליכטיקערן. איך האָב אויף אַלץ אַנדערש אָנגעהויבן צו קוקן. די גאַנצע וועלט האָט אין מיינע אויגן אַן אַנדער פּנים איצט געהאַט. די זון האָט מיר אָנגעהויבן, צוזאַגנדיק, צום לעבן צו רופן. עס האָט זיך מיר, אין איר קעגנוואַרט, געוואָלט לעבן. עס האָט זיך געלוינט צו לעבן. עס איז כדאי געווען צו ראַטעווען די קראַנקע. זייער לעבן האָט אויך באַקומען אַן אַנדער ווערט.

די פריידיקע אויסשטראַלונג פון איר וועזן האָט מיך צו זיך געצויגן ווי אַ מאַגנעט. איר שמייכל, דאָס געלעכטער אירס, האָט אין מיר

צעשמאָלצן די פאַרגליווערטקייט, די פאַרהאַרטעוועטקייט פון יאָרן לעבן אין אַ ברעקל צערטלעכקייט, אין אַ גלעט, אפילו נישט פון אַ מאַמען.

מיר זיינען געוואָרן פריינט. זי האָט געלאַכט און איך האָב גע־ברומט אין איר צערטלעכן שוים. איך בין געוואָרן איר דאָפּלט־שאָטן, ווו זי האָט זיך נאָר געפונען, דאָרטן בין איך אויך געווען און פאַר־קערט.

אַלע האָבן שוין געוווּסט, אַפילו די קראַנקע, אַז מיינע שווערע טריט ווערן שטענדיק באַגלייט פון דער לייכט־שוועבנדיקער קראַנקן־שוועסטער און פון איר געלעכטער.

צווישן די קראַנקע האָט מען איינמאָל געבראַכט אין שפּיטאָל מיין געוועזענעם חבר זעליק גרויבאַרדן. עס איז אים נישט געווען צו דער־קענען. זיין גוף אויסגעדאַרט, דאָס פּנים אויסגעצערט. די אויגן נאָר האָבן געבעטן: ראַטעווע!

אין עטלעכע שעה אַרום, נאָך מיין חברס אָנקומען אין שפּיטאָל, בין איך צו אים גערופן געוואָרן. ער האָט זיך שלעכט געפילט. איך בין האַסטיק צו אים געלאָפן, שנעלער ווי תּמיד. מיין מיידל האָט מיר ווי אַלע מאָל אַ לאַכנדיקע באַגלייט, און נישט קענענדיק נאָכהאַלטן מיר אין לויפן, האָט זי זיך אָנגעהאַלטן אין מיין אָרים.

ווען איך בין צוגעקומען צום בעט פון מיין קראַנקן חבר, האָט ער אויף מיר געקוקט מיט זיינע גוססדיקע אויסגעגלאָצטע אויגן.

זיין לעצטער בליק איז נאָך געווען פול מיט מעטושטעשע אָפּביל־דער, מיט די לעצטע, פלאָנטערנדיקע געדאַנקען פון אַ לעבן, וואָס גייט אַוועק.

דער בליק זיינער איז אָבער אויך געווען געמישט מיט קנאה און פאַרוואורף צוזאַמען, געווענדט צו מיר, ווי איך וואָלט געווען שולדיק אין זיין נישט אויסגעלעבטן לעבן. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז ער האָט אויפגעכאַפּט דעם געלעכטער פון מיין מיידל, וואָס האָט זיך פון הינטער מיר אַריינגעקייקלט אין דער פּאַלאַטע אַריין, ווו עס איז געלעגן מיין חבר, דאָס ער האָט געזען, ווי זי האָט זיך אַ בייגעוודיקע אָנגע־האַנגען אין מיין אָרים, און דערפאַר האָט ער אַזוי פאַרוואורפלעך אויף מיר געקוקט.

דער בליק פון מיין חבר האָט אויף מיר אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז

איך האָב זיך לאַנג פון אים נישט געקענט באַפרייען. איך האָב אין מיי-נע אויגן אַ לענגערע צייט געטראָגן מיין חברס לעצטן בליק און מיט אים אַזוי געקוקט אַפילו צו מיין מיידל".

„נו, וואָס זאָל איך אייך נאָך דערציילן" — האָט וועלוועל בערג-מאַן פאַרענדיקט — „מיין מיידל האָט אין קורצן פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל און מיר האָבן זיך אויפגעהערט צו טרעפן. און איך? איך האָב נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך איר".

און ווען מיר האָבן אים אַלע פּאַר אַמאָל אַ פרעג געטאָן: „נו, וועלוועל, האָסטו שוין קיינמאָל מער נישט ליב געהאַט?" — האָט זיך אַ טרויעריקער „קיינמאָל נישט", צוזאַמען מיט אַ קנויל רויך פון זיין מויל אַרויסגעקייקלט און איז געבליבן הענגען אין חלל פון צימער...

.1948

„לאַ רוסיא" (די בלאָנדע)

ווער קען איר נישט, די „רוסיא", אין אונדזער געגנט? אַלע, סיי קליין, סיי גרוים.

און ווי זאָל מען איר דען נישט קענען, אַז זי שטייט שוין אַזוי אַף איין אָרט — צווישן מאַנטאַ און סאַן דיעגאָ — איבער צוואַנציק יאָר. זי געדענקט נאָך, די וואַנידאַ מאַטאַ, ווען זי איז, אַן איינגעקאָרטשעטע, אַן איינגעהויקערטע אַזאַ געלעגן אונטער אַ שטיינערנעם ברוק פול מיט גריבער און אַז עס האָט שטאַרק גערעגנט, האָט מען איבער איר נישט געקענט אַריבערשפּרייזן, און זי קען איר איצט, די וואַנידאַ מאַטאַ, ווען זי איז שוין קאַנאַליזירט, אַספּאַלטירט און אַף איר רוקן גליטשן זיך די לוקסוסדיקע מיקראָבוסן און סאַלאָן-טראַמווייען. זי איז דאָ — מיט איבער צוואַנציק יאָר צוריק — געשטאַנען אַפן זעלבן אָרט מיט אַ האַלבע טוץ קעסטלעך אָנגעפילטע מיט פאַרשיידענע מינים פרוכטן, און זי שטייט נאָך דאָרטן אויך היינט אַזוי מיט די זעלבע קעסטלעך פרוכט.

זי האָט שוין אַ חזקה אַפן פּלאַץ, די „רוסיא", און קיין שום געזעץ, קיין אויטאָריטעט רירט זי נישט פון אָרט. אדרבה דאָס געזעץ פּאַסט זיך צו צו איר.

אַ חוץ די קעסטלעך פרוכט, וואָס שטייען אַרום איר אויסגעשטעלט אַף אַזעלכע הילצערנע קאָזלעס, זעט איר שטענדיק, אין דער נידער, בײַ איר צופוסנס, אַ צוקער-קעסטל, (אַמאָל צוויי) אין וועלכן עס ליגט אין שמאַטעס איינגעהילט אַ קליין נפשל מיט אַ שוואַרצן קעפּל און מיט אַ פּאָר גלאַנציקע אייגעלעך, וואָס קוקן טיף, טיף אין דער בלויער ווייט-קייט אַריין.

גאַנצע דורות האָט שוין די „רוסיא" אויסגעהאָדעוועט בײַ אירע פּיס. אייגענע און פרעמדע קינדער האָט זי דאָרטן אויסגעכאָוועט. און

האָט זיך אַ „קאַמאַדרע" (די מוטער פון אַ קינד, בײַ וועמען זי איז געווען קוואַטער) אירע צעקריגט מיטן „קאָמפּאַדרע" (דער פאָטער פון אַ קינד בײַ וועמען מען איז קוואַטער), איז ווו איז זי געלאָפן מיטן עופּהלע אין די אָרימס? — צו דער „רוסיא".

די „רוסיא" האָט די „קאַמאַדרע" אַף שנעל אויסגעפרעגט, אַמאָל איר געגעבן גערעכט, אַמאָל זיך אָנגעבייזערט אַף איר, אָבער יעדעס מאָל דאָס קינד פון אירע הענט צוגענומען, אַוועקגעשטעלט נאָך אַ צוקער־קעסטל לעבן זיך, עס אויסגעבעט מיטן שטרוי, און וועלכן די פרוכט איז געלעגן איינגעוויקלט, געשיקט קויפן אַ סאָסקע אין דער אַפּטייק פון דעם זעלבן ווינקל, געבראַכט מילך און עס אָנגעהאָדעוועט.

נישט ווייט פון דער „רוסיא" שטייט אַ פּאָליציסט, וואָס פירט אָן מיטן פאַרקער און דאַרף אַכטונג געבן אַף דער אָרדענונג. מיט דאָס צווייטע פאַרנעמט ער זיך אָבער זייער זעלטן, ווייל די „רוסיא" טוט עס. זי, די „רוסיא", פירט אויס די פונקציע פון אַ שופטקע.

פונקט ווי אַ שופט זיצט זי זיך אַזוי געראַם מיט איר ברייטן געזעס אַף אַ באַקוועמען שטול, געפלאָכטן פון אַ ווייכן שטרוי, און קאָמאַנדעוועט מיט די, וואָס שטייען אַרום איר.

„אוינאַ פּועי ניאָר" (העך נאָר האָר) — שרייט זי באַפעלעריש צו אַ געוויקסיקן שוך־פוצער מיט אַ מולאַטן־פּנים, בײַ וועמען די זייטן און דער הינטערשטעל טייל פון קאָפּ זיינען געדיכט און פאַרפלאָנטערהייט באַוואַקסן ווי אַן אומבאַרירטער אוראַלטער וואַלד און וועמענס קאָפּשייטל, וואָס איז שוין אָנגערירט דורך דער האַנט פון דער צייט, שימערירט מיט אַ גלאַנציקער שוואַרצקייט אַנטקעגן דער זון, ווי ער וואָלט אָקאָרשט אָפּגעפּוצט געוואָרן מיטן זעלבן בעטון (אַ שוואַקס אַזאַ), מיט וועלכן ער שמירט די שיך — „זאָלסט מיר לאָזן צורו דעם „קאַטשאָראָ" (אַ יונגער הינטעלע אָדער לייבעלע). זי ווייזט דערביי אָן אַף אַ צוועלף־יעריקן יאַטל, וועלכער דרייט זיך שוין דאָ אַרום עטלעכע חדשים, כאַפּט אַ „פלירט" (נישט קיין סטאַבילע אַרבעט), טראָגט זיך אָפּ און קערט זיך אום. כאַפּט ווידעראַמאָל אַריין אַ שטיקל אַרבעט און אַנטלויפט ווידער. — „עס וועט דיר גאָרנישט העלפן. דו ביסט דאָך אויך נישט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דיין מאַמעס אינגעווייד אָט אַזוי גרויס ווי דו ביסט צוזאַמען מיט דיין קעסטל און קלאַפּערגעצייג".

און איבערהאַקנדיק זיך אַליין אינמיטן איר באַפעלערישן ריידן, ווענדט זי זיך שוין צו אַ בחורל פון אַ יאָר זיבעצן — אירער אַ קוואַטער אודאי — וואָס איז ערשט אָנגעקומען צו לויפן פון ארומיקן געגנט, ווו ער האָט פאַרשפּרייט די נאָכמיטיק צייטונג, מיט אַ קליינעם רעשטל סחורה אונטערן אָרעם, אַ פאַרסאַפּעטער און אַ צופרידענער, וואָס ער גייט שוין אהיים זיך אָפּצורוען און דאָס האַרץ אָנצולענען. — די צופרידנקייט דרינגט ארויס באַ אים פון דעם אָפּטימיסטישן אויסזיינגען זיינעם פון די נייעס.

— „לאַ אולטימאַ־אָ־אָ!" (אַ נאָמען פון אַ צייטונג) מיט דרייצן פאַרשאָטענע מינען־ארבעטער, אַ מאַן האָט זיך אראָפּגעוואָרפן פון זיבעטן שטאָק מיט זיין קינד, דאָס ווייב איז אַוועק מיט אַ געליבטן; געכאַפּט אַ רוסישן שפּיאָן! לאַ אולטימאַ־אָ־אָ!!!" — שרייט ער אין איין אָטעם און מיט אימפּעט און פון זיין שרייען קלינגט ארויס: „אָך ווי גוט! אוי ווי ווויל! איך ווער שוין באַלד פּטור פון די לעצטע צייטונגען! איך לויף, איך פלי, איך שפּרינג שוין צו דער מאַמעלען! שוין די לעצטע צייטונגען, עס איז אַ מחיה!"

צו אים ווענדט זי זיך דאָס אינמיטן דערינען, מיט צערטלעכקייט אין איר שטימע, די „רוסיא":

— מיכיטאָ לינדאָ! (קינד מיינס שיינס) עס וועט דיר גאָרנישט העלפן, טאַטעלע. וועסט מוזן איבערהזרן דעם זעלבן טעלער נאָכאַמאָל. דער „העלפאַנטישער לאַפּע" ליגט אין פיבער. אַט־אָ־דאָ, קינדעלע, איז זיין פעקל צייטונגען".

— „צוויי קילאָ טרויבן, דאַראַליסאַ!" — שרייט זי גלייך נאָכדעם צו אַ פּופּצן יעריקן מיידל, וואָס שטייט לעבן איר און האָט זיך פאַרטראַכט, נישט הערנדיק וואָס אַ קונה האָט פאַרלאַנגט.

די געשעפטן פון דער „רוסיא" ווערן שוין געפירט פון זיך אַליין. איין מיידל ווענט אָפּ די פרוכט, אַ צווייטע נעמט דאָס געלט, וואַרפט עס אין אַ בלעכענעם קעסטל אריין און אַ קליין יינגל שרייט אויס די סחורה אַף אַ קוויטשעדיקן, זיך איבערייסנדיקן קול: „אַוווּאַ פרעסקאַ, פריסקאַ פעלאַ־אָ־אָ, פעראַס דע אגואַ־א־א!!!" (פרישע טרויבן, גלאַטע פערעשקעס, שמאַלץ־באַרנעם).

גנבענען באַ דער „רוסיא" וועט קיינער נישט וואַגן. זי איז, דוכט

זיך פאַרנומען מיט צוואַנציק ענינים, רעדט מיט דריי פּאַר אַמאָל, און דאָך זעט זי אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום איר, ווי זי וואָלט צען אויגן פאַרמאָגט און ווי ניט נאָר פון פאָרנט וואָלט זי זיי געהאַט, נאָר אויך פון הינטן און פון די זייטן.

נישט אַלעמאָל אָבער זיצט זי זיך אַזוי רויק און ברייטלעך אױף איר שטול, די „רוסיא".

אמת, די אַלע צייטונגס־פאַרקויפער, שיך־פּוצער, פּרוכט־הענדלער און סתם אמבולאַנסן־סוחרים, וואָס קאָנצענטרירן זיך אױף די פיר ראָגן פון סאַן־דיעגאָ און אַווענידאַ מאַטטאַ, קומען צו איר מיט זייערע דין־תורות און טענות, אָבער כדי אויסצופירן איר פסק־דין איז זי אַמאָל געצוווּנגען זיך אויפצוהייבן פון איר שופטישן שטול.

א חוץ איר מויל און איר לאָגיקע, באַנוצט אַמאָל די „רוסיא", כדי אויסצופירן איר פסק, אויך אַנדערע געווער, ווי די פויסטן, די נעגל, די ציינער און אַנדערע שנייד־מאַטעריאַלן...

די „רוסיא", דערציילט מען, האָט זיך שוין אַמאָל שטילינסקער־הייט אויפגעהויבן, זיך דערקליבן צו דער גאַלעריע פון דעם טעאַטער, וואָס שטייט נישט ווייט פון איר און האָט דאָרטן, אין דער פינצ־טער, דערטאַפּט דעם מנובל, וואָס האָט געלאָזט פענקען אַפן פּיסק זיין ווייב מיט די קינדער און איז דאָ געזעסן מיט זיין נאַפקע, זיך געהאלו־ביעט מיט איר און געקליבן נחת פון איר. זי האָט אים דערטאַפּט נאָכן טריפענעם קול זיינעם. כאַ־כאַ־כאַ און כי־כי־כי און כאַ־כאַ־כאַ... מיט אַ ראַזיר־מעסערל האָט זי אים צעפּאַלמעסט דעם ציפּער־בלאַט זיינעם, אַזוי, אַז ער האָט שוין אַ צענטן פאַרזאָגט, ווי אַזוי נישט צו פאָלגן די „רו־סיא".

**
*

שוין איבער צוואַנציק יאָר זיינען פאַרביי און די „רוסיא" שטייט נאָך אַלץ אַזוי אַפן זעלבן פּלאַץ אירן. די אַווענידאַ מאַטטאַ האָט זיך שוין איינגאַנצן געענדערט. די פּרייזן אױף אירע פּרוכטן זיינען שוין אויך ווייט נישט די זעלבע וואָס אַמאָל. איר פלאַכער, מיט בלוט־אָנגעגאָסע־נער פּנים איז פּאַר דער צייט אַ סך ברייטער, צעקנייטשטער, בלייכער

געוואָרן און איבערקרייצט מיט אַזעלכע רויט-בלויע אָדערלעך. נאָר די צוקער־קעסטלעך, פון וועלכע עס קוקן אַרויס צו דער וועלט, דער ברייי־טער, די שווארצע קעפּלעך מיט די גלאַנציקע אייגעלעך, שטייען נאָך אויך היינט אַרום איר, די זעלבע קעסטלעך ווי אַמאָל.

זיי זעען אויס, ווי זיי וואָלטן פון דאַן אָן נאָך אַזוי געשטאַנען, און ווי קיינער וואָלט זיי קיינמאָל פון זייער אָרט נישט גערירט...

.1948

ג.

מעשהלעך פאַר קליין און גרויס

קאַסטאַניאַ

קאַסטאַניאַ איז געבוירן געוואָרן אין „קאַמפּ“ (אין דאָרף, אַפן פעלד), בײַ אַן „אינקילינאָ“ (אַ פּאַראַבעק! אַן אָרעמער פּויער).

דער „אינקילינאָ“ האָט בײַ זײַן פּריץ באַקומען אַ מאָגערן לוין, קוים די נשמה צו דערהאַלטן.

אַלס אַ צוגאָב צו זײַן טעגלעכער שכירות האָט דער „אינקילינאָ“ אויך באַקומען פון זײַן באַלעבאָס אַ דערלויבעניש צו באַארבעטן אַ שטיקל ערד, וואָס האָט אים געגעבן גרינסן פאַר זיך און דער משפּחה, און אויך צו קענען דאָרטן אויסהאָדעווען אַ פּאָר בהמות, וואָס פלעגן נאָכן אויסוואַקסן פאַרקויפט ווערן, כּדי צו קענען אָרויפּציען אויף זיך און אויף ווייב און קינדער אַ שטיקל בגד.

אָט צווישן די פּאָר בהמות וואָס דער „אינקילינאָ“ האָט געהאַט רעכט אויסצוהאָדעווען, איז דאָס אַרויסגעקומען קאַסטאַניאַ.

קאַסטאַניאַ האָט ער געהייסן, ווייל ער האָט געהאַט אַ רויטלעך־קאַשטאַנען־פאַרב.

קאַסטאַניאַ איז אויסגעוואָקסן אַ פערד אַ פּאַרשוין. אַ שלאַנקער מיט אַ לאַנגן קערפּער, מיט הויכע שיינע פיס און מיט אַ שמאָלע קלוגע מאָרדע, וואָס איז געווען באַחנט מיט אַ העל־ווייסן שטרייף.

ביי דער „אינקילינאָ“, ביי זיינע קינדער האָבן קאַסטאַניאָן ליב געהאַט ווי דאָס לעבן. פון זייערע הענט האָט ער געגעסן און פון זייער בעכער האָט ער געטרונקען. זיי האָבן אים די פעל געגלעט און ער האָט זיי מיט זיין צונג באַלעקט און געקושט.

און ווי אַזוי האָבן זיי אים נישט געקענט ליב האָבן, אַז ער איז געווען קלוג, שיין און מילד?! דערצו איז נאָך קאַסטאַניאַ געווען אַ פּריילעכער: אַ טאַנצער, אַ הירזשער, אַ שפּרינגער.

אַז דער „אינקילינאָ“ אָדער זיינע קינדער פלעגן אַרויסרייטן אַפן

קאסטאניא, וואס האט געשוואומען אין דער לופטן מיט זיינע לאנגע און שלאנקע פיס, האבן אלע אים באוואונדערט און געגלוסט.

אין ארעמקייט טרעפט אפט, אז עס זאל זיך באווייזן און געבוירן ווערן א שיין באשעפעניש, וואס זעט אויס נאך פרעכטיקער און הער־לעכער צווישן דעם ארומיקן דלות. נאר לאנג האלט זיך אזא שיינקייט אין דער ארעמקייט נישט איין. עס קומט שוין א האנט, וואס נעמט עס פון דארטן צו...

אריינגעפאלן איז קאסטאניא אין שטאט אריין צו א באלעבאס פון „קארערא־פערד" (א באלעבאס פון געיעג־פערד, אף וועלכע מען וועט זיך).

אוועקגעשטעלט האט מען קאסטאניאן אין א ווארעם־אויסגעבויטן שטאל, וואס האט זיך געפונען ארום היפאדראם.

א גאנצן טאג איז ער באדינט געווארן פון א מענטשן, וואס האט אים געקארמעט (געהאדעוועט), געפויעט (געגעבן צו טרינקען), און גע־האלטן אין איין ריניקן און בערשטן.

קאסטאניא איז דא נאך שענער געווארן. זיין פעל האט אנטקעגן דער זון גאלדיק־גלאנציק שעמערירט און געשיינט.

נישט איינמאל האט קאסטאניא געמאכט טראכטן זיין באדינער, ווען ער איז געקומען צום שוועל פון זיין היים און האט דארטן גע־טראפן זיינע קינדער זיך וואלגערן אפגעריסענע, שמוציקע און הונגע־ריק־אויסגעדארטע, אז די בהמות בא א גביר לעבט זיך בעסער ווי די קינדער בא אן ארעמאן.

אבער קאסטאניא איז מיט זיין נייַ לעבן נישט געווען צופרידן.

ער האט נישט געקאנט אויסהאלטן פון דער נייער ארדענונג, און־טער וועלכער ער איז ארונטערגעפאלן.

עפעס אלץ איז דא אזוי מאדנע! אלץ איז געוואגן און געמאסטן: דאס עסן, דאס טרינקען און אפילו דער טראט.

נאך מערער האט ער נישט געקאנט פארטראגן, וואס עס קומט עפעס א פארשוין א ווילד־פרעמדער פאר אים, וואס ניט ער גיט אים עסן, ניט ער גיט אים טרינקען, ניט ער גיט אמאל א גלעט און דאך שלעפט ער אים באפעלעריש פון שטאל ארויס, גיט זיך א כאפ ארויף אף אים און טרייבט אים אזוי ארום עטלעכע שעה א טאג, ביז די

בשמה ארויסצויאָגן, און באַזונדערס פאַרדריסט אים, וואָס דער, וועל־בער זיצט אַף אים רייטנדיק, טוט עס אויך נישט פאַר פאַרגעניגן וועגן, נאָר ווייל ער דאַרף דאָס אויסגערעכנט טאָן. ער קיצלט אים אַזוי לאַנג מיט די שפּאָרן אין די איידלסטע ערטער פון זיין לייב, ביז וואַנען ער דערגרייכט אין אַ געוויסער צייט אָנצוקומען צו אַ באַשטימטן פּלאַץ.

קאַסטאַניאַ דערמאָנט זיך אָן זיינע אַלטע באַלעבאַטים. זיי פלעגן אויך אַרויסרייטן אַף אים. אָבער ווי אַנדערש דאָס איז געווען!

דאַן האָט ער געשפּירט, ווי די וואַרעמקייט פון דעם רייטערס לייב האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט זיינער און די וואַרעמקייט האָט גע־שטראָמט פון ביידן מיט ליבע און געטריישאַפט. אַ חוץ דעם האָט דער רייטן געהאַט אַ ציל. מען איז אָנגעקומען צו אַ געגאַרטן פּלאַץ, אָדער מען האָט שפּאַצירט אונטער אַ ליכטנדיקער זון. קילע, מילדע ווינטע־לעך האָבן געגלעט דאָס לייב און שמעקנדיקע געוויקסן־ריחות האָבן פאַרכאַפּט די נאָזלעכער.

און איצטער וואָס!?

ווידעראַמאָל דער זעלבער שטאַל, אָבער אַמאָל דאָס פריקרע קיצלען פון די שפּאָרן איבערן לייב און נאָכאַמאָל דאָס שטעכיקע בערשטן אי־בערן פעל, דאָס צוגעוויגענע און אויסגעמאָסטענע עסן און טרינקען!

פוי, ווי אומעטיק־טרויעריק דאָס איז, אַלע טעג פון לעבן צו גייִ אַפן זעלבן וועג אָן אַ ציל, אָן אַ ברעקעלע פרייד און פרייהייט, ווי קאַ־לאַמוטנע!

פונדעסטוועגן זיינען אַזוי פאַרביי עטלעכע חדשים — אַ גאַנצן ווינטער.

עס האָט אויסגעזען, אַז קאַסטאַניאַ האָט זיך שוין אונטערגעגעבן זיין גורל, זיין נייעם לעבן, אַז ער האָט זיך שוין צוגעוווינט צו די נייע מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, און אויך זיי צו אים.

נאָר אָט איז אָנגעקומען דער חודש אויגוסט (אין דרום־אַמעריקע איז דאָס דער לעצטער חודש פון ווינטער). פרישע, אייַלנדיקע, פריי־לינג־ווינטלעך האָבן גענומען לעבלעך בלאָזן און האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די אַראָמאַטן פון אויפגעוואַכטער, אָפּגעדעקטער, לעבעדיקער ערד, פון בלִיִונג און פון גראָזן און האָבן אין קאַסטאַניאַס זכרון אויפ־געוועקט די בענקשאַפט צו זיין אַלטער הייב.

אין איינעם אזא פרילינג־טאג, ווען דאס פנים פון דער זון האט זיך געגומען אנטבלויזן צווישן די העל־גרויע וואלקן־וואלן און אירע שטראלן האבן גענומען פארקערן יעדן שאטן און זכר פון ווינטער, האט קאסטאניא, וואס איז ארומגעלאפן איבער די פעלדער פון היפאדראם, אונטער זיין געיעג־רייטער, אויסגענוצט זיין אן אומפארזיכטיקייט און אים א שמיץ אראפ געטאן פון זיך, אז יענער האט אין אים אף א ווײַלע איינגאנצן פארגעסן.

קאסטאניא האט זיך געלאזט לויפן מיט אזא אימפעט און פוריע, אז קיינער פון די היפאדראם־דינער איז אים נישט בכח געווען צו פארהאלטן.

ער איז דורכגעלאפן דורכן טויער און זיך געלאזט איבער די שטאטישע גאסן.

ער איז אפגעלאפן אזוי צענדליקער און צענדליקער קווארטאלן און זיינע קלוגע און שארפע אויגן האבן אויסגעמיטן אויטאמאבילן, טראמווייען, מענטשן און קליינע קינדער.

זיין רויט־גאלדיקע פעל האט געבליצט איבער די גאסן. ער איז געלאפן פון גיהנום, פון דער שטאט ארויס, וווהין זיינע אויגן האבן אים נאר געטראגן. וואס ער וועט טאן הינטער דער שטאט האט ער נישט געוווסט, נאר דערווייל האט ער זיך פון איר געוואלט ארויסכאפן.

פלוצלינג האט אים א דורכגייער, וואס האט אים געוואלט כאפן, אזוי ראספאלאכעט (דערשראקן), אז ער איז אריבערגעשפרונגען איבער א ציקליסט (א רעדער־פארער, א וועלאסיפעדיסט). זיינע הינטערשטע פיס האבן זיך אבער פארטשעפעט אן דעם ביציקלעט און אומגעווארפן אים מיטן פארער.

קאסטאניא איז נאך ווייטער געלאפן, אבער שוין נישט מיט דעם פריערדיקן אימפעט און שנעלקייט, און דער פאליציי האט זיך איינגעגעבן אים צו פארהאלטן.

די פאליציילייט האבן אים אנגעטאן א צוימל אפן מויל און געפירט איבער דער גאס.

א גאנצע כאפטע קינדער, נייגעריקע און סתם לײַדיקגייער זיינען אים נאכגעגאנגען.

קאסטאניא איז געגאנגען איינגעקארטשעט מיט זיין קלוגן קאפ אראפגעלאזט. ער האט אויסגעזען א סך קלענער ווי געוויינטלעך.

פון זייט האט ער געכאפט א בליק און א ווונק צו די מענטשן, ווי ער וואלט זיי געזאגט: וואס זיינט איר זיך אזוי צוזאמענגעלאפן אפן בייזן וווּנדער, וואס האט איר דא נישט געזען?! איך בין נישט קיין פארברעכער! אהיים האט זיך מיר פארבענקט, נאך א ביסעלע פרייד, נאך א קאפעטשקע פרייהייט, אהיים וויל איך, אהיים!

צום סוף האט ער א שטארקן טרייסל געטאן מיטן קאפ, אן ענער־גישן פארשקע מיט די נאזלעכער, האט זיך אויסגעגלייכט און אוועק א שטאלצער, ווי ער וואלט אנגענומען א באשלום, אז ער וועט דאס זיי־ניקע אויספירן...

1947.

דער זיידע און די קעץ

בעניעלע און כּארעלע האָבן אַ זיידן.
ווי זעט אויס זייער זיידע?
— ווי אַ סך זיידעס פון פיל אַנדערע יִדישע קינדערלעך:
דער קאַרק געבויגן, די באָרד אַ ברייטע, אַ לאַנגע און געדיכטע, וואָס אַמאָל איז זי געווען שוואַרץ, איז געקומען די צייט און האָט איר געוואָלט אַפּווייסן, האָט זיך קענטיק דער זיידע געכאַפּט און זיך קעגנגעשטעלט.
איז זי שוין אַזוי פאַרבליבן, די באָרד, — שוואַרץ־ווייס, אָדער גרוי.
אויפן קאָפּ טראָגט ער שטענדיק אַ האַרטן קאַפּעליוש און מיטן מאַנטל שיידט ער זיך כמעט קיינמאָל נישט, סיידן אין די גאָר גרויסע היצן.
אין האַנט האַלט ער שטענדיק אַ שטעקן, מיט וועלכן ער קלאַפּט צו באַ יעדן טריט וואָס ער גיט.
דאָס קלאַפּן מיט זיין שטעקן, דאָס שאַרכען מיט דעם הינטערשטן טייל פון זיינע שיך, וואָס וואָלטן ווי שטענדיק געווען גרויס אַף אים, פאַלן זיך צוזאַמען מיט זיין גאַנג און מאַכן אים פון דער ווייטן נאָך קענטיקער.
דעם ערשטן וויזיט גאַנץ פרי פאַר אַכט נאָך, ווי ער ווערט נאָר רעכט מיטן דאַווענען, שטאַט ער אָפּ זיינע אייניקלעך, בעניעלען און כּאַרעלען.
הייסן הייסט עס, אַז ער קומט נאָכן דאַווענען טרינקען טיי צו זיין טאָכטער, זייער מאַמען, נאָר גלייך ווי ער קומט אַריין אין שטוב, כאַפּט ער זיך צוערשט אַריין צו זיינע אייניקלעך אין שלאָף־צימער.
אַז ער איז נאָך פון דער ווייטן, דערשפּירן שוין די חברה זיין זיידישן טריט און הייבן אָן צו טאַנצן אין די בעטן.

— „דער זיידע! דער זיידע!‟ — שרייט דער גרעסערער, בע־ניעלע.

— „דער זשייזשע! דער זשייזשע!‟ — קוויטשעט כּאַרעלע אַף זיין דין, אַנדערהאַלבן־יעריקן קולכעלע.

זיי טאַנצן, די חברה, כאָטש זיי ווייסן, אַז די מאַמע שרייט דער־פאַר, וואָס זיי „צעטאָפּטשען‟ דאָס בעטגעוואַנט און ווייל זיי קענען נאָך חלילה אַראָפּפאַלן.

וואָרום ווי זאָלן זיי דען נישט טאַנצן, אַז טאַנצן ווילט זיך סיי ווי סיי און דערצו נאָך קומט דער זיידע?!

דער זיידע זעצט זיך באַ די קינדער אַפן בעט און דערציילט זיי אַזעלכע משונהדיקע מעשׂיות, פון וועלכע די קינדער לאַכן, ביז די בייכ־לעך הייבן זיי אָן ווייי צו טאָן, און אים הייבן אָן טרערן צו רינען פון די אויגן.

אַז זייער מאַמע דערזעט נאָר דעם זיידן, איז דאָס ערשטע וואָס זי טוט נאָכן באַגריסן אים, באַקלאָגן זיך אַף מאַריען, דאָס דינסט־מיידל, אַף בעניעלען, וואָס שטיפט אַזוי פיל, אַף כּאַרעלען, וואָס לאָזט איר גאַנצע נעכט נישט שלאָפן, און אַף דער קאַץ, פון וועלכער מען קען שוין נישט אויסהאַלטן...

אַף די קינדער בייזערט זיך דער זיידע אָן: „אָ, איר יונגאַטשעס, איך וועל אייך געבן!‟, און קלאַפּט דערביי מיטן שטעקן, אַף דעם דינסט־מיידל, מאַריע, קען ער אַפילו נישט אָנשרייען, ווייל ער קען קיין שפּאַ־ניש נישט ריידן, נאָר מיט דער קאַץ רעכנט ער זיך אָפּ אַף אַן אכזריות־דיקן אופן.

ווען די קאַץ ליגט זיך אַזוי, אַן אויסגעשפּרייטע אַף אַלע פיר פיס־לעך און וואַרעמט זיך אַנטקעגן דער זון, אַ דרעמלענדיקע, חלומנדיק דערביי, די זיסטע חלומות, כאַפּט זיך דער זיידע אונטער הינטער איר ווי אַ קליין יינגל, נעמט איר אָן, וואַרפט איר אַריין אין אַ זאַק, טראָגט איר ערגעץ ווייט־ווייט אַוועק, פון וואַנען זי קומט שוין קיינמאָל מער נישט צוריק.

אין עטלעכע טעג אַרום ברענגט דער זיידע אַ קליין קעצל און דער־לאַנגט עס דער מאַמען.

דאָס קעצל האָדעוועט זיך אונטער, ווערט גרעסער, און אַז עס

ווערט שוין אזוי, „אז מען קען פון דעם נישט אויסהאלטן", טרעפט עס דער זעלבער גורל, וואס דעם פריערדיקן.

דורכן זיידנס האנט איז שוין דורכגעגאנגען נישט איין קאץ וואס „מען קען פון איר נישט אויסהאלטן", און שטענדיק האט ער געבראכט אנדערע קליינע קעצעלעך.

בעניעלע, וואס איז שוין א היבש יינגל, האט נישט איינמאל זיך פארטראכט וועגן דעם, ווי אזוי דער זיידע בייט עס אוים די גרויסע קעץ אף די קליינע...

איינמאל האט דער זיידע געבראכט א שווארצן גלאנציקן קאטערל, בא וועמען די אייגעלעך האבן ארויסגעפייערט ווי צוויי ברענענדיקע קוילן אין דער פינצטערניש פון דער נאכט.

די קינדער האבן אים טאקע גלייך א נאמען געגעבן: „שווארץ קאטערל".

דאס שווארצע קאטערל איז אונטערגעוואקסן און איז געווארן אזוי, „אז מען קען פון אים נישט אויסהאלטן". די מאמע האט שוין אויך אפגעטאן אירס, פארמסרט אים פארן זיידן. דער זיידע האט אים „מקים-פסק" געווען, ווי אלע פריערדיקע קעץ. נאר עס זיינען נישט פארביי קיין צוויי טעג, ווי דאס שווארצע קאטערל האט זיך ווידער אין דער היים באוויזן.

דער זיידע האט דעם שווארצן קאטערל ווידער אריינגעפאקט אין זאק אריין און האט אים נאך ווייטער פארפירט. דאס שווארצע קא־טערל האט זיך צו אלעמענס דערשטוינונג ווידער באוויזן אין שטוב אין א פאר טעג ארום.

און ווען דער זיידע האט אים צום דריטן מאל נאך ווייטער פאר־פירט און ער האט זיך אלץ אומגעקערט ווי פריער, נאר א סך מאגע־רער און האט אויסגעזען ליידנד ווי א וואנדערער, וואס האט זיך קוים צו זיין היים דערשלאגן, האט דער זיידע, ווען מען האט עס אים דער־ציילט, געזאגט: „אזוי גאר! אזא מאדים! אזא פוקס איז דאס שוואר־צע קאטערל, דארף מען אים אויב אזוי האלטן טייער!"

פון דאן אן איז דאס שווארצע קאטערל געבליבן בא די קינדער אין שטוב.

***

יעדן פרימאָרגן, נאָכן טיי טרינקען, זעצט זיך דער זיידע אוועק לעבן טיר אַנטקעגן דער זון זײַנע אַלטע ביינער צו דערוואַרעמען.

דער זיידע זאָגלט אָן זײַנע ברילן אַף דער נאָז.

די ברילן ליגן באַם זיידן תמיד אַפּן שפּיץ נאָז.

אַז ער קוקט אין אַ ספר אַרײַן, דאַרף ער שטאַרק די אויבערשטע אויגן־לעפּעלעך אַראָפּלאָזן.

דערפון, טראַכטן די קינדער, נעמט זיך דאָס, וואָס דער זיידע ווערט אַלע ווײַלע אַנטדרעמלט, ווען ער קוקט אין ספר אַרײַן...

ווען דער זיידע קוקט אַרויס פון ספר אַף עפּעס אַנדערש, קוקט ער אַריבער איבער די ברילן.

דאָס שוואַרצע קאָטערל זעצט זיך שטענדיק לעבן זיידן.

זיצט ער זיך אַזוי, דאָס שוואַרצע קאָטערל, לעבן זיידן און וואַרעמט זיך אַנטקעגן דער זון, צוגלייך מיט אים.

און אַז דער זיידע ברומט אונטער אַ נגונדל, אַרײַנקוקנדיק דערבײַ אין ספר אַרײַן, פאַרוויגט עס אים...

לאָזן זיך באַם זיידן אַראָפּ די אויגן־לעפּלעך און ער כאַפּט אַ דרעמל, דרעמלט אויך דאָס שוואַרצע קאָטערל.

און אַז דער זיידע גיט מיטאַמאָל אַ טרייסל מיטן קאָפּ... הייבט אַריבער זײַנע אויגן איבער די ברילן־גלעזער אַרויס און דערזעט דעם קאָטערל, גיט ער אים אַ קראַץ מיטן שטעקן און זאָגט דערבײַ:

— „עך ביסטו אַ מאַדים! ביסטו אַ פּוקס!"

און דאָס שוואַרצע קאָטערל ציט זיך פאַר גרויס פאַרגעניגן, ציט זיך און וואַרעמט זײַנע גלידער אַנטקעגן דער זון...

.1938

„די פרוי פון גאז"

קען דען זיין א פרוי פון גאז, אז גאז איז נאר א לופט־פליסי־קייט אזא און א פרוי באשטייט פון בלוט און פלייש, פון אדערן און ביינער, פון א מאסיוון קערפער?

איז טאקע די פרוי, פון וועלכער איך דערצייל אייך, נישט פון קיין גאז, נאר פון בלוט און פלייש — א מענטש מיט מענטשן גלייך...

„די פרוי פון גאז" האט איר נאר א נאמען געגעבן דער דריי־יע־ריקער קליינער לייבעלע.

און פארוואס ער האט איר אזוי א נאמען געגעבן, וועל איך אייך טאקע דא דערציילן.

די מעשה פון דעם איז נישט קיין פארכאפנדיקע און נישט קיין אויסגעטראכטע.

די מעשה וועגן דער פרוי פון גאז האט לייבלען קיינער נישט דער־ציילט, נישט זיין טאטע, נישט זיין מאמע, נישט זיינע עלטערע ברידער־לעך, נאר דאס לעבן אליין האט עס אים דערציילט.

לייבעלע וווינט אין א רייכן, ליכטיקן און זוניקן לאנד — אין טשילע.

אבער אין טשילע, ווי אין אנדערע רייכע לענדער, זיינען דא היימלאזע קינדער, מענער און פרויען, וואס זוכן באנאכט א שוץ פון די בייזע וואיענדיקע ווינטן און קעלטן אין די אויסגעהוילטע טויערן, אין די צייטונגס־קיאסקן און אונטער די בריקן.

עס פארשטייט זיך, אז לייבעלע האט פון דעם גארנישט געוווסט און נישט פארשטאנען.

מאכט זיך איינמאל, אין א פרימארגן, לייבעלע שפילט זיך אזוי, לעבן זיין שטוב.

זיין שטוב געפינט זיך אין א גרויסן דעפארטאמענטן־הויז. אין

דעם קאָרידאָר פון הויז איז דאָ אַזאַ קעמערל, ווו עס געפינען זיך די גאַז־זייגערס פון די שכנים פון הויז.

איז ווי לייבעלע שפּילט זיך אַזוי לעבן זיין שטוב, דערזעט ער פון דעם טירל פון קעמערל אַרויסרוקן זיך אַ צעפּאַטעלטן פרויען־קאָפּ, און נאָכדעם אַ גאַנצן קערפּער, איינגעוויקלט אין אָפּגעריסענע שמאַטעס.

לייבעלע האָט זיך פון דעם שטאַרק דערשראָקן און געמאַכט אַ גוואַלד.

די פרוי האָט זיך שנעל אַרויסגעבאַקומען פון דאָרטן און איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

די גרעסערע קינדער און די דערוואַקסענע, וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן אויף לייבעלעס גוואַלדן, האָבן גלייך די זאַך אויפגעקלערט:

די דאָזיקע פרוי מאַכט אין דעם גאַז־קעמערל איר נאַכט־לעגער.

לייבעלע האָט נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַרויִקט פון דער שרעק, גענומען שטעלן פראַגעס די אַרומיקע, זיינע ברידערלעך, זיין טאַטע־מאַמען:

— ווער איז די פרוי פון גאַז?

— צי האָט זי אַ שטוב?

— ווו איז איר בעט?

— פאַרוואָס שלאָפט זי אין דעם גאַז?

— ווו עסט זי?

מען ענטפערט אים אויף זיינע פראַגן און אויף יעדן ענטפער קומט אַן אַנדער פראַגע.

***

ביז דאַן האָט לייבעלע נאָר געוווּסט פון אויסגעטראַכטע שיינע מעשהלעך, וואָס זיין טאַטע האָט אים דערציילט, איז געקומען דאָס לעבן און האָט אים דערציילט עפּעס אַ מאָדנע מעשה, אַ מעשה פון דער פרוי פון דעם גאַז...

***

ווער עס קומט נאָר אריין צו לייבעלען אין שטוב, וואָס פאַר אַ נייעם מענטשן ער דערזעט נאָר אריינקומען באַ זיך אין הויז, דערציילט ער אים גלייך פון דער פרוי פון דעם גאַז.

ער דערציילט און פרעגט.

ער פרעגט, פאַרוואָס שלאָפט זי, ווו דער גאַז?

מען ענטפערט אים: ווייל זי האָט נישט קיין שטוב.

ער פרעגט ווייטער: פאַרוואָס האָט זי נישט קיין שטוב???

— ווייל זי האָט נישט!

אָבער, פאַרוואָס? אָבער פאַרוואָס? פאַרוואָס?! — הערט לייבעלע נישט אויף זיך און יענעם צו מאַטערן.

און טאַקע, פאַרוואָס?! פאַרוואָס?! פאַרוואָס?!!!

.1942

ניִשט ער, ניִשט ער!

עס איז געווען אַ זומערדיקער פֿאַרנאַכט. דער טאָג האָט זיך ערשט געגומען באַרויִקן פֿון זײַן הו־הא. די סירענעס פֿון די פֿאַבריקן זײַנען שוין אַנטשטומט געוואָרן. די באַוועגונג אין גאַס איז קלענער געוואָרן. ווי־ניט־ווי האָט זיך נאָך געהערט דער אײַנזאַמער רעדער־געקלאַפּ פֿון אַ פֿאַרשפּעטיקטער פֿור, באַ וועמענס זײַט עס איז געגאַנגען ווי נאָכשלעפּנדיק זיך דער בעל־עגלה, אַ פֿאַרמאַטערטער נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. קילע ווינטעלעך האָבן אָפּגעפֿרישט די לופֿט.

די זון האָט זיך ערשט באַוויזן אין איר גאַנצער פּראַכט. ערשט איצטער האָט מען געקענט אָנקוקן איר ליכטיקן פּנים...

די ביימער האָבן לײַכטער אָפּגעאָטעמט און מיט גרינעם, זאַפֿטיקן בלוט אָנגעפֿילט די אָדערן פֿון זייערע בלעטער.

די זון האָט זיך דורכגעריסן צווישן די צווײַגן פֿון די ביימער, וואָס האָבן באַצירט די ברעגן פֿון די טראָטוארן און באַגאָסן מיט פּאַסמעס העלע ליכט די גאַסן, איידער זיי זײַנען אײַנגעשלאָפֿן.

אַ שטילער פֿאַרבענקטער טשוויטשערן: „אַ היים, אַ היים” — האָט פֿון די ביימער־קרוינען אַראָפּגעזונגען.

איציקל איז ניִשט לאַנג פֿריי געוואָרן פֿון חדר. ער האָט זיך אַף אַ ווײַלע אַרײַנגעכאַפּט אינדערהיים צו דער מאַמען און פֿון דאָרטן לויפֿט ער, אונטערשפּרינגענדיק אַף איין פֿוס, לעבעדיק און לוסטיק ווי אַ לאָשעקל, וואָס איז אָקאָרשט באַפֿרײַט געוואָרן פֿון שפּאַן, אין קלויז אַרײַן.

ער האָט ליב אַלע פֿאַרנאַכט צו גיין אַהין. ער דאַוונט דאָרטן מנחה און מעריב לעבן טאַטן און הערט זיך אָן אַזעלכע שיינע מעשׂיות פֿון עין־יעקב און אַנדערע ספֿרים, וואָס אײַנגעהילטע אונטער די פֿליגלען פֿון דער בין־השמשותדיקער חשכות, וועלכע נידערט ביסלעכווײַז אַרונטער פֿון אונטערן באַלקן פֿון קלויז, באַקומען זיי, נאָך אַ מער אויסטערלישן אויסזען ווי זיי האָבן.

עס געפעלט אים אויך צו הערן דארטן די וועלט-נייעס און די פי־רושים איבער זיי פון די יידן, ווען זיי טוען דאס מיט אפגערייניקטע געווויסנס נאכן אקארשטיקן דאווגען.

די יידן זעען דאן אויס, ווי זיי וואלטן געקומען פון גאר אן אנדער וועלט, א העכערער און גערעכטיקערער און קענען נישט באגרייפן די מעשים, וואס טוען זיך אפ דא אף דער וועלט.

זיי טשמאקען מיט די ליפן, קנאקן מיט די צינגער, הייבן מיט די פלייצעס, גלאצן מיט די אויגן און זוכן אלע מיטלען, ווי אזוי זיך און אנדערע די געשעענישן מסביר צו זיין.

איציקל נעמט נישט ארונטער זיינע אויגן פון די יידן. ער לויפט מיט זיי נאך יעדער באוועגונג זייערער, זייער יעדער גרימאסע, זייער קער און ווענד און האלט אנגעשפיצט זיינע אויערן נישט צו פארלירן חס־ושלום א ווארט, אדער אפילו א קלאנג פון זייערע רייד.

פון דאווגען גייט איציקלס טאטע צוריק אהיים מיט באזאכטע אויסגעמאסטענע טריט, ווי זיינע פיס וואלטן טארמאזירט געווארן פון זיינע גדאנקען.

ער גייט פאמעלעך, ער זאל צייט האבן דורכצופירן דעם חשבון־הנפש זיינעם פון א טאג לעבן אף דער וועלט און אויך, כדי צו קענען צעקייען די נייעס פון טאג מיט זייערע פירושים.

ער גייט מיט פארלייגטע הענט אף הינטן און טאידעדאמקעט אונ־טער דערביי מיט א קרעכצעלע.

איציקל גייט אים נאך פון הינטן און פרובירט אים נאכטאן. דער טאטע פארגעסט זיך אפט, אז עס איז דא א איציקל אף דער וועלט, וואס גייט אים נאך.

איבערהויפט געפעלט איציקלען דאס אהיימקומען פון מעריב.

אין שטוב איז ליכטיק. דער בליץ־לאמפ, אקארשט א גערייניקטער און געפוצטער, פארשיינט מיט פרייליעכקייט און העלקייט דעם צימער פון קיך רייסן זיך ווארעמע געשמאקע ריחות פון מאכלים אין די נאז־לעכער אריין, גיבן א קיצל אין הארצן און דערוועקן דעם פארשלעפערטן הונגער.

איציקלען געפעלט ווי זיין מאמע קוקט אף אים מיט אזוי פיל

חשיבות, כמעט ווי אפן טאטן, פונקט ווי אויך ער וואָלט געווען א שותף אין איר צוקונפטיקער עולם-הבא.

אירע אויגן גלעטן אים, קושן אים אויס יעדן אבר און וואַרעמען אים מאַמיש דורך אַף דורך און דורך.

***

דעם היינטיקן פאַרנאַכט, וועגן וועלכן עס ווערט דאָ דערציילט, האָט איציקל געהאַט א פאַרשטערטן.

ווען ער איז אַזוי געגאַנגען און געשפרונגען, א האָפּערדיקער און מונטערער אין קלויז אריין, איז אים עפּעס, ווי פון הימל, אַן אייזערנע האַנט אַראָפּגעפאַלן און האָט אים הין און צוריק זיין ווייכן קינדערישן פּנים צעפּאַטשט.

פריער איז אים איינגאַנצן פינצטער געוואָרן אין די אויגן. נאָכדעם האָבן זיינע אויגן פונקען דערזען און ערשט אין א ווײַלע אַרום איז צוריק די וועלט א ליכטיקע פאַר אים געשטאַנען.

ער איז געקומען צו זיך. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַהין און אַהער און דערזען — צוויי ווייסע ראַנדן ציינער לאַכן אים אין פּנים אריין.

נישט ווייט פון אים איז געשטאַנען א געזונטער פערצן-יעריקער שגץ, אין דער באַגלייטונג פון א ייִדישן יינגל, אין איציקלס עלטער, פון א יאַר צען, מיט וועמען ער האָט זיך אין חדר צעשלאָגן.

איציקל איז אַוועק אין קלויז אריין ווי א צעחושטער.

דער פאַרדרוס זיינער האָט איינגעשלונגען זיין ווייטיק. ער האָט זיך געפילט נישט נאָר ווי זיין פּנים וואָלט צעפּאַטשט געוואָרן, נאָר ווי זיין נשמה, זיין וועזן, זיין גאַנץ לייב און לעבן וואָלטן צעפּאַטשט געוואָרן — ווי ער וואָלט דורכגעפּאַטשט געוואָרן אַף דורך און דורך.

קיין טרערן האָבן זיינע אויגן נישט אַרויסגעלאָזן, אָבער אינעווייניק, אין אים, האָט אַלץ פון באַליידיקונג געוויינט: „פאַרוואָס, פאַר־וואָס?!"

איציקל האָט שוין אין דעם אָוונט נישט געקענט דאַווענען, נישט קיין מנחה, נישט קיין מעריב. זיין קאָפּ איז אים שוין נישט געלעגן בא

די שיינע מעשיות פון עין־יעקב און אויך נישט בא די נייס. ער האָט זיך קוים דערוואַרט, זיין טאַטע זאָל שוין אהיים גיין. ער האָט זיך דאָס מאָל נאָכגעשלעפּט נאָכן טאַטן אַ טרויעריקער און דערנידעריקטער ווי אַ געשלאָגענער הונט.

און זיין טאַטע איז ווי תמיד פון מעריב געגאַנגען אינגאַנצן אַן אַריינגעטוענער אין זיך און האָט אים אפילו נישט באַמערקט.

***

ווי אַנדערש איז אַ מאַמע! ווי אַנדערש קוקן אויף דיר מאַמישע אויגן! זיי קוקן דיר נישט אַן בלויז פון אויבן אויף. זיי זעען נישט אַן בלויז דיין פּנים, נאָר זיי נעמען דיר דורך אויף דורך און טאַפּן דיר אוים מיט זיי יעדער פאַרבאָרגענע ערטעלע פון דיין נשמה, זיי ני־דערן אַראָפּ אין יעדער גריבעלע פון דיין וועזן און דערזעען דיין צער, וווּ ער זאָל נישט זיין פאַרבאָרגן.

— „וואָס איז מיט דיר דער מער?" — איז די מאַמע גלייך צוגעשטאַ־נען צו איציקלען — „עפּעס פילסטו זיך נישט גוט. אפשר ביסטו חלילה קראַנק?" און אַרומטאַפּנדיק איציקלען, האָט זי באַמערקט דעם שטעמפּל פון פינף פינגער, וואָס איז געלעגן אויף זיין פּנים.

— ווער האָט דיר שלעכטס געטאָן, מיין קינד? — האָט איציקלס מאַמע זיך געוואָלט דערוויסן, און אַן אויסגעגלייכטע, מיט מאַמישער שטאָלץ, אַ גרייטע ווי אַ לייבין צו פאַרצוקן יעדן איינעם וואָס וועט וואַגן אָנרירן איר קינד, האָט זי זיך געלאָזט גיין אין גאַס, פירנדיק איציקלען בא דער האַנט.

— קום, איציקל, פיר מיך ווייזן, ווער עס האָט דיר אומזיסט גע־פּאַטשט.

איציקל האָט זיין מאַמען אַרויסגעפירט אויף אַ גרויסן הויף, וווּ עס האָבן געוווינט צענדליקער משפחות. די פייערלעך דורך די פענצטער האָבן געווונקען מיט היימישער מאַגיע.

איציקלס מאַמע האָט זיך דערפרעגט אויף דעם הויז, וווּ דער שגץ האָט געוווינט.

אין איין רגע האָט זי אַרויסגעקלעטערט אַ דרייסיק טרעפּ. איציקל

נאָך איר. אַ טיר האָט זיך געעפֿנט פֿאַר זיי און פֿון יענער זייט שוועל האָט זיך באַוויזן אַ שלאַנקע עטלעכע-און דרייסיק-יעריקע פּוילישע פֿרוי אַ נעט־געקליידטע, באַצויגן, מיט אַ קורצן שניי-ווייסן פֿאַרטעכל.

די פֿרוי האָט זיי אַריינגעבעטן אינעווייניק.

דאָס שטיבל האָט געהאַט דעם אויסזען פֿון דער באַלעבאָסטע. די געוואקסטע דילן האָבן געשפּיגלט, נאָר דעם פּנים אָנצוקוקן. די ווענט האָבן געבלאַנקט פֿון ריינקייט און יעדער ווינקעלע איז געווען באַשיידן צוגעפּוצט.

איציקל האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערזען אַ גוייִשע שטוב. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַף אַלע זייטן און אַ חוץ אויסערגע־וויינטלעכער זויבערקייט דאָרטן גאָרנישט געפֿונען.

דער שגץ, וואָס האָט איציקלען געשלאָגן, איז געזעסן שטיל ווי אַ קאָטינקע באַם טיש, צוגרייטנדיק זיינע לעקציעס.

אַז ער האָט דערזען איציקלען מיט זיין מאַמען, האָט ער פֿאַוואָ־לינקע אויפֿגעהויבן זיין קאָפּ פֿון די ביכער. זיין פּנים האָט צונטער־רויט געברענט. ער האָט גלייך צוריק אַריינגעגראָבן זיינע אויגן אין די בי־כער, ווי ער וואָלט דאָרטן געזוכט אַ רעטונג פֿון עפּעס אַן אומגליק, וואָס דאַרף אָנקומען אַף אים.

די פּוילישע פֿרוי האָט איציקלען אָנגעוויזן אַפֿן שגץ און אים אַ פֿרעג געטאָן: „דאָס איז ער?"

— דאָס איז ער!

— פֿאַוולוש! — האָט די פֿרוי באַפֿעלעריש אַ רוף געטאָן.

פֿאַוולוש האָט זיך פֿאַוואָלינקע דערנענטערט צו זיין מאַמען און אַפֿן וועג געהאַלטן אין איין טענהן: „ניט איך, ניט איך!"

פֿאַוולושעס מאַמע האָט איר זון געקאַטעוועט אַפֿן נאַקעטן לייב מיט אַ רימען, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט, מיט דער זייט פֿון דער אייזערנער שפּראַנטשקע, ביז בלוט, און ער האָט מיט באַנומענע קולות געהאַלטן אין איין שרייען:

— מאַמושאַ, מאַמושאַ! ניט איך, ניט איך!

איציקל איז אַ ווייַלע געשטאַנען ווי אַ צעדולטער. נאָכדעם איז ער צוגעלאָפֿן צו דער פֿרוי, האָט איר אָנגעכאַפּט באַ די הענט און יאָמערלעך געשריען:

— „נישט ער! נישט ער!”

ביידע יינגלעך האָבן זיך אָנגעקוקט און אַראָפּגעלאָזט זייערע קעפּ. די מאַמעס האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט וואַרעמע בליקן און פון פיר פּאָר אויגן האָבן זיך געגאָסן ריינע לויטערע טרערן, וואָס האָבן ווי די בריליאַנטן אָפּגעגלאַנצט, אַראָפּפאַלנדיק אויף דער שיינענדיקער פּאַדלאָגע פון דער ערלעבער פּוילישער פרוי.

.1949

דאָס פייגעלע

חיימל האָט פון קינדוויין אָן געגאַרט צו האָבן אַ פייגעלע.

פאַר זיין גרעסטן גליק אַף דער וועלט האָט ער זיך אויסגעמאָלט צו האַלטן אין זיינע הענט אַ לעבעדיקע צאַפּלענדיקע פייגעלע, צוטוליען עס צו זיין העלדזל אונטערן קין־באַק, צו האַליובען, קושן עס און האַלדזן.

אָבער שטענדיק איז זיין גליק אַוועקגעפלויגן פון אים.

וויפיל ער האָט זיך נישט געסטאַרעט צו כאַפּן אַ פייגעלע, האָט זיך עס אים קיינמאָל נישט איינגעגעבן.

פריער פלעגט ער גלאַט אַזוי זיך נאָכיאָגן נאָך פייגעלעך. זיי פלעגן זיך, פאַרשטייט זיך, צעשפּרודשען און אַנטלויפן.

נאָכדעם האָט ער געפּרוווט פּאַוואָלינקע נאָכקריכן הינטער זיי, שטי־לינקערהייט אַף די שפּיץ פינגער און מיטאַמאָל אַ פאַל טאָן אַף זיי מיטן בויך אַראָפּ.

דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן. ער פלעגט זיך אַמאָל צעקלאַפּן דאָס פּנים, אָדער די קני און די פייגעלעך זיינען זיך צעפלויגן.

ער פלעגט וואַרפן אַף זיי אַ היטל. ער פלעגט אויך פּרובירן זיך אונ־טערגנבענען הינטער אַ גאַנצע טשאַטע פייגלען, וואָס זיינען געווען פאַר־טאָן ווער אין פּיקן אַ קערנדל, ווער אין אָפּדזשובען אַ גרעזעלע, אָדער גאָר אין אויפגראָבן אַ ווערימל פון אונטער דער ערד פּויזענדיק אַפן בויך, אַף אַלע פיר און אויסשטרעקנדיק זיין רעכטע האַנט, וואָס איז שוין דוכט זיך געווען אַזוי נאָענט, אָט־אָט באַם עק פון פייגעלע אָנצוכאַפּן, נאָר פּלוצ־לינג, ווי זיינע געדאַנקען וואָלטן דורך די פייגעלעך דערזען אָדער דער־הערט געוואָרן, פלעגן זיי זיך, די פייגעלעך אַרומקוקן, אַ טשוויטשער טאָן, אַ קלאַפּ טאָן מיט די פליגעלעך און נישט ווערן.

חיימל פלעגט לאַנג, לאַנג בלייבן ליגן מיטן בויך אַראָפּ אַף דער ערד, מיט די אייגעלעך פאַריסן צום הימל און צום סוף זיך אויפהייבן

מיט א האָפענונגס-שמייכעלע אַף זיינע ליפּן: „נשקשה, ער וועט נאָך אמאָל האַלטן א פויגעלע אין זיינע הענט!"

אז ער איז געוואָרן אביסל גרעסער, פלעגט ער מייסטרעווען אזעלכע פּאַסטקעס אַפן מיטן פעלד. ער פלעגט אויפשטעלן פיר וועגטלעך פון ציגל און אונטערשפּאַרן איבער דעם א דעכל מיט א שפּענדל. אינעווייניק פלעגט ער אָנשיטן קערנדלעך און געוואַרט, דאָס פייגעלע זאָל, עסנדיק די קערנדלעך, א פאַרטשעפּע טאָן זיך אָן דעם שפּענדל, דאָס שפּענדל זאָל אַנידערפאַלן און דאַן וועט זיך אַראָפּלאָזן דאָס דעכל און דאָס פייגעלע וועט זיין זיינס.

אָבער אויך דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. די פייגעלעך פלעגן זיך רויק אויפעסן די קערנדלעך, וואָס חיימל האָט פאַר זיי אָנגע־שאָטן אין פּאַסטקע און דאָס דעכל איז קיינמאָל נישט אַראָפּגעפאַלן.

אָבער זיין חלום צו כאַפּן א פייגעלע, צו האַלטן עס אין זיינע הענט, האָט חיימל אַלץ נישט אויפגעגעבן.

***

עס איז געקומען דער הארבסט, אָן אָנגעלאָדענער מיט זיסער מו־טערלעכער רייפקייט. פון אַלץ האָט געשמעקט מיט צייטיקייט.

די ביימער, געבויגענע אונטערן יאָך פון זייער אייגענער פרוכט־באַרקייט, האָבן זיך געבעטן: „באַפרייט, באַפרייט, כל־זמן עס איז נישט שפּעט, אַז נישט וועלן מיר איינגעבראָכן ווערן פאַר דער צייט!"

די ערד, די ביימער, די בלומען און גראָזן, דער גאַנצער אַרום האָט האַסטיקער און שטאַרקער געאָטעמט ווי באַם פאַרענדיקן אַן אויפגעגע־בענע אַרבעט.

די אויגן פון די שטעטלשע ייִדן האָבן זיך אָנגעגאָסן ווי די רייפע טרויבן, פול מיט אומעט און פאַרלאַנג פון פאַרגעבונג. קילע ווינטעלעך האָבן זיי אַריינגעשושקעט א סוד אַפן אויער: „אַלץ האָט א סוף, אַלץ גייט אונטער!"

די טאַטעס און מאַמעס זיינען געווען פאַרטיפט און אַריינגעטאָן אין זיך. די ימים-נוראים זיינען געקומען, דער יום-הדין האָט זיך דער־נענטערט.

פאַר די ייִדישע קינדער זיינען דאָס געווען די גליקלעכסטע טעג פון זייער לעבן. אין חדר גייט מען נישט. די השגחה פון די פרומע און גוטע לייט איז פון דיר אָפּגעטאָן און טאַטע־מאַמעס אויגן הענגען נישט אי־בער דיר און באַגלייטן דיר נישט אויף יעדן טריט און שריט. הכלל, עס איז אַ מחיה, מען איז פראַנק און פריי גאַנצע טעג.

אין די דאָזיקע טעג פלעגט זיך חיימל ליב האָבן צו פאַרקלייבן אַליין, אָדער מיט זיינע חברים, אין דער אַלטער פאַרלאָזענער שול פון שטעטל, וועמענס מערב־וואַנט האָט אַרויסגעקוקט צום בית־עולם.

די שול איז געשטאַנען יאָרן לאַנג טויט און פאַרלאָזן פון גאָט און פון מענטשן, מיט פאַרהאַקטע פענצטער און אָפענע טירן.

די זון האָט דורכגעזיפּט אירע שטראַלן דורך דעם לעכערדיקן דאַך פון דער שול און האָט דערמאָנט, אַז אין דרויסן איז דאָ אַ וועלט, איז דאָ אַ לעבן.

אין די ווינקלען פון שולדאַך האָבן פייגעלעך זייערע נעסטן פאַר־לייגט און פלעגן אַרומפליען איבער דער ברייטער שול־חורבה ווי בא זיך אין דער היים.

***

עס איז געווען ערב־יום־כפור אינדערפרי.

דער פרימאָרגן איז אויפגעשטאַנען אַ ליכטיקער און אַ לויטערער. די זון האָט דעם טאָג נאָך געוואָלט באַווייזן וואָס זי קען, אַז זי וויל נאָר, איידער זי גייט זיך איינוויקלען אין אירע ווינטערדיקע וואָלקנס. זי האָט זיך אַריינגעריסן דורך אַלע לעכער און שפּאַרונעס פון דער חרו־בער שול, האָט דאָרטן אויפגעזוכט חיימלען, וועלכער איז געלעגן אויסגע־צויגן אויף אַ באַנק, געגלעט אים מיט אירע פליגלען איבערן פּנים און שטערן און אים געוועקט אינמיטן פון זיינע אומקלאָרע חלומות, וואָס ער האָט געהאַלטן אין אויסשפינען.

חיימל האָט געעפנט זיינע אויגן. עס איז געווען ליכטיק און העל אַרום אים. אין זיין בוזים האָט ער געפונען זיין גליק: אַ פייגעלע האָט זיך דאָרטן מיט זיין קעפּעלע גענורעט.

און אַז חיימל האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז נישט קיין חלום, אַז ער האַלט אין זיינע הענט טאַקע אַן אמתע לעבעדיקע פויגעלע, וועמענס

וואַרעמקייט ער האָט אין זיין האַנט געשפּירט און פון וואַנען זי האָט זיך מיטן גרעסטן פאַרגעניגן איבערגעגאָסן איבער זיין גאַנצן קערפּער, האָט ער זיך געלאָזט לויפן פייל פון בויגן אַהיים.

אין דער היים זיינען אַלע געווען פאַרנומען מיט דער שרעק פאַר דעם פּאַרכטיקסטן פון אַלע טעג — יום־כּפּור, בא וועמענס שוועל זיי זיינען געשטאַנען און נישט געוווּסט, צי זיי וועלן איבער אים אַריבער־שפּרייזן מיטן רעכטן פוס.

חיימל האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט זיין גרויסן גליק. דאָס גליק איז געווען צו גרויס פאַר אים אַליין און מיט וועמען צו טיילן זיך האָט ער נישט געהאַט.

ווו זאָל ער אַהינטאָן, ווו זאָל ער באַהאַלטן זיין גליק?!

ער האָט געטראַכט און געזוכט אַן אָרט, געזוכט און געטראַכט און באַטראַכט: דאָס פייגעלע וועט ער דערווייל באַהאַלטן ביז מאָרגן, מוצאי־יום־כּפּור באַנאַכט, אין אַ גרויסער פּאַסטקע פאַר מייז, וואָס זיי האָבן געהאַט אין שטוב.

געטראַכט און געטאָן. חיימל האָט אַף שנעל אָנגעשאָטן קערנדלעך אין דער פּאַסטקע, האָט דאָרטן אַריינגעשטעלט אַ טעצעלע מיט וואַסער, פאַרהאַקט די פּאַסטקע און איר אַרויסגעטראָגן אין דער קראָם פון זייער שטוב, וואָס האָט געדאַרפט שטיין ביז מאָרגן באַנאַכט פאַרמאַכט.

„מאָרגן באַנאַכט" — האָט זיך חיימל געטראַכט — וועט ער, ווי ער וועט נאָר פון דאַווענען קומען, זיך נעמען צו סטראָיען אַ ריכטיקן שטייגל פאַר זיין פייגעלע, אָדער ער וועט ערגעץ־ווו אַזאַ קריגן.

**
*

נישט צו כּל־נדרי, נישט אַף מאָרגן צו שחרית, האָט חיימל געקענט דאַווענען ווי עס באַדאַרף צו זיין. זיין קאָפּ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דעם שטייגל פון דעם פייגעלע. דאָרטן האָט עס גערוט און אין זיין האַרצן האָט געפּיקט דאָס גליק מיטן שנאָבעלע פון דעם פייגעלע...

**
*

מוצאי־יום־כפור. חיימל האָט זיך קוים דערוואַרט אַריינצוכאַפּן אין קראָם און מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן זיך דערנענטערט צו דער פּאַסטקע, ווו ער האָט נעכטן פאַרשפּאַרט דאָס פייגעלע. די פּאַסטקע איז געשטאַנען אַ פאַרמאַכטע אױפן זעלבן פּלאַץ, וואָס ער האָט איר געלאָזן, אָבער דאָס פייגעלע איז דערין נישט געווען.

די גאַנצע נאַכט און יאָרן נאָכדעם האָט חיימל אַלץ נישט פאַרשטאַנען, ווו איז אַהינגעקומען זיין גליק, ווו איז אַהינגעקומען דאָס פייגעלע. אפשר איז דאָס אינגאַנצן אַ חלום געווען?!

***

יאָרן און יאָרן זיינען שוין פון דאַן אָן פאַרביי. פון חיימלען איז געוואָרן אַ חיים. ער חלומט נאָך אַלץ פון געפליגלטע זאַכן, וועגן דעם שווער־דערגרייכבאַרן גליק. ער גייט אַרום אױף דער ערד און זוכט זיין גליק אין דער הייך, אין די הייכן. און אַמאָל גיט זיך אים איין אַריינצוכאַפּן דאָס פייגעלע, דאָס גליק זיינס, אין דער פּאַסטקע פון זיין האַרצן און ער פאַרשפּאַרט עס דאָרטן, געפינט ער עס אָבער נאָכדעם ווידעראַמאָל אױף מאָרגן פּוסט און ער פאַרשטייט אַלץ נישט, ווי אַמאָל, ווי אַזוי עס האָט זיך פון דאָרטן אַרויסגעגליטשט, וואָס פאַר אַ מיסטעריעזע האַנט עס האָט אים פון דאָרטן אַרויסגעלאָזן.

אָבער ער הערט קיינמאָל נישט אויף צו חלומען. און שטענדיק זוכט ער זיין גליק אין דער הייך, אין דער הייך...

.1949

ד

בלוטיקע יאָרן

אַ שפּיי אין פּנים

העלמוט הארטמאַן האָט זיך אויפגעצויגן אין דער היטלער־יוגנט. פון קינדווייז־אָן האָט ער ערנסט און פלייסיק דורכגעשטודירט די נאַציס־טישע ליטעראַטור, די היטלער־תורה.

די צווייטע וועלט־מלחמה, וואָס היטלער האָט אָנגעפאַנגען, האָט האַרטמאַנען אָנגעטראָפן אַלס אַ רייפן נאַצי מיט אַ לייטענאַנט־ראַנג, וואָס איז „גרייט זיין לעבן אוועקצוגעבן פאַר זיין פאָטערלאַנד און פי־רער".

זיין לעבן האָט ער אָבער פאַר קיינעם און פאַר קיין זאַך ניט אַוועק־געגעבן. ער האָט דאָס לעבן בא אַנדערע גענומען.

לייטענאַנט העלמוט הארטמאַן האָט נישט געהערט צו די העלדן, וואָס גייען אין די ערשטע רייען פון קאַמף. ער איז נישט געגאַנגען דייטשלאַנדס שונאים צו באַזיגן. זייערע לענדער צו פאַרנעמען און באַ־צווינגען. ער איז געווען פון די העלדן, וואָס האָבן די באַצוואונגענע לענ־דער אונטעריאָכט און באַדריקט. ער איז געווען פון די, וואָס האָבן אין לעבן, אין דער פּראַקטיק געדאַרפט דורכזעצן די טעאָריע וועגן העכער־קייט פון דער דייטשישער ראַסע. און געטאָן האָט ער דאָס ווי זיינס גלייבן. ער האָט „דערהויבן" זיין ראַסע אפן חשבון פון אומברענגען, פאַר־ניכטן און דערנידעריקן אַלע אַנדערע ראַסן און פעלקער פון דער וועלט.

העלמוט הארטמאַן האָט נישט געהערט צו דער גרויער סאָלדאַטן־מאַסע. ער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ „באַוווּסטזיניקער" נאַצי. ער האָט געשאָכטן און געמאָרדעט, געזויפט און געפרעסן, און דערביי געדינט זיין „אידעאַל", זיין פאָטערלאַנד און פירער.

העלמוט הארטמאַן האָט אָנגעפירט מיט אַ באַטאַליאָן פון דער דייטשישער שטראָף־עקספּעדיציאָנעלער אַרמיי און איז נאָכגעקומען דער רעגולערער אַרמיי אין אַלע שטעט און לענדער, וואָס זי האָט פאַרנומען.

די אַלע שטראָפן, וואָס הארטמאַן האָט דורכגעפירט איבער די פאַר־ש ידענע באַפעלקערונגען, האָבן מיט גאָרנישט געווירקט אויף אים. ער האָט שטענדיק מיט מונטערקייט און פליכט־גרייטקייט דורכגעפירט די באַ־פעלן פון זיינע עלטסטע און האָט אַרויסגערופן אָנערקענונג בא זיינע שעפן און רעספעקט בא זיינע אונטערגעאָרדנטע.

העלמוט הארטמאַן האָט אזוי דורכגעמארשירט „זיגרייך" מיט זיין העלדישער פיגור און גלאַנציקן אוניפאָרם פארשיידענע לענדער, ביז ער איז אין 1941 אָנגעקומען אין ליטע־לאַנד. אין אַ קורצער צייט נאָך זיין אָנקומען אהין, איז ער פון די רייען פון דער דייטשישער אַרמיי אַרויס־געשטויסן געוואָרן.

באַזייטיקט געוואָרן פון דער אַרמיי איז ער נישט צוליב דיסציפּלין־ברוך. אויך האָט עס אים נישט געטאָן דעם שונאס קויל. אַרויסגעפאַלן פון דער דייטשישער אַרמיי איז ער גאָר צוליב אַן אַנדער זאַך! צוליב אַ מיאוסער געוואוינהייט, וואָס ער האָט באַקומען. פּלוצלינג, דאָס האָט גע־מעגט זיין בא אַ ראַפּאָרט אָדער אַ באַפעל אָפּגעבן, פלעגט ער באַקומען אַזא מין מאָדנעם מיאוסן אָנפאַל. ער פלעגט דאַן אזוי מאָדנע, מיט האַס און צאָרן נעמען גלאָצן זיינע אויגן, מיט די הענט רייבן זיינע באַקן מיטן גאַנצן כח, און דערביי שפּייען, שפּייען אָן אויפהער. שפּייען מיט עקל, ביז דער גאַל אויסצושפּייען.

מען האָט פריער געמיינט, אַז דאָס איז אַ פאַרבייגייענדיקע זאַך, אַ צופאַל, אַז דאָס וועט איבערגיין.

עס איז אָבער געשען פאַרקערט. וואָס ווייטער זיינען די דאָזיקע אָנפאַלן געוואָרן אַלץ אָפטער און אָפטער.

מען האָט הארטמאַנען געפּרוּווט שיקן צו דער פראָנט־ליניע. מען האָט געמיינט, אַז צוליב דער וויכטיקייט פון זיינע נייע פליכטן וועט ער אָן זיינע אָנפאַלן פאַרגעסן. עס האָט אָבער קיין זאַך נישט געהאָלפן. עס האָט געמעגט זיין אין רעכטן ברען פון דער אַטאַקע אפן פראָנט, ווען הארטמאַן האָט געדאַרפט קאָמאַנדירן מיט זיינע סאָלדאַטן, איז אים גאָר אינמיטן דערינען דאַן באַפאַלן דאָס שפּייעניש, און באַקן־רייסעניש און אוים באַפעלן צו געבן זיינע סאָלדאַטן. ביז מען האָט אים פון דער אַרמיי געמוזט באַזייטיקן, קיין דייטשלאַנד אָפּשיקן און דאָרטן פון מענ־טשן איזאָלירן.

איר ווילט דאָך מסתמא וויסן, פון וואַנען האָט זיך עס מיטאַמאָל גענומען צו הארטמאַנען דאָס דאָזיקע בייסעניש און שפּייעניש זיינע, זיין אויגן־גלאָצעניש? וועלן מיר עס אייך דערציילן. נאָר כדי דאָס צו טאָן, וועלן מיר מוזן אונדזער היטלער־העלד אַביסל איבערלאָזן איינעם אַליין, אַן אַיוואָלירטן. זאָל ער דאָרטן שפּייען אויף זיך, אויף זיינס גלייכן און אויף דעם גאַנצן היטלעריסטישן דייטשלאַנד. און מיר וועלן אייך דאָ דערווייל דערציילן פון אַן אַנדער העלד. נישט פון קיין שווערד און ביקסן־העלד וועלן מיר אייך דערציילן, נאָר פון אַ נאָדל־העלד.

ניט קיין שוסטער אָדער שניידער איז אונדזער צווייטער העלד געוועזן, נאָר אַ וויל־לערנער. פונדעסטוועגן איז ער געוועזן אַ נאָדל־העלד. ווייל ער האָט קונציק און מיט גרויסער העלדישקייט, מיט בראַוועקייט, מאַנעווירירט מיט דער נאָדל. דהיינו: אַז איר פלעגט מיטן שפּיץ פון אַ נאָדל אָנשטעכן אויף איין בלאַט פון דער גמרא, פלעגט ער אייך זאָגן, וואָס עס שטייט אויפן זעלבן אָרט, צוואַנציק אָדער דרייסיק זייטן ווייטער.

אָט וועגן דעם דאָזיקן נאָדל־העלד וועלן מיר אייך דאָס איצט דערציילן.

קיין סך צו דערציילן וועגן אונדזער צווייטן העלד איז ניטאָ. קיין אַוואַנטורעס האָט ער אין זיין לעבן נישט דורכגעמאַכט. קיין העלדישע מעשים האָט ער אויך נישט אָפּגעטאָן. די גאַנצע העראָישקייט זיינע, אַ חוץ דער נאָדל־העלדישקייט, איז דאָס, וואָס ער האָט געלעבט און איז געשטאָרבן ווי אַ ייד.

געהייסן האָט אונדזער צווייטער העלד, אַ צוועלף דרייצן יאָר פון זיין לעבן אַלטערל, און נאָכדעם ביזן סוף פון זיין לעבן רב אַלטערל.

גערופן האָט מען אים אַזוי יונג רב אַלטערל, ווייל ער האָט שוין דאַן צו צוועלף־דרייצן יאָר געשמט פאַר דעם הידוצישקער עלוי אין דער גאַנצער געגנט.

די לעבנס־געשיכטע פון רב אַלטערלען איז אַ קורצע און אַן אייגפּאַכע, ווי די געשיכטע פון אַ סך אַזעלכע זיינס גלייכן.

זיין לעבן איז געגאַנגען אויף אַ גלייכן אויסגעטראָטענעם וועג אָן שטרויכלונגען און אָן אָפּנויגונגען: דעם וועג, וואָס זיינע טאַטעס און זיידעס האָבן פאַר אים אויסגעלייגט.

זייער יונג איז רב אַלטערל מאַן און טאַטע געוואָרן און אויך רב.

רב אלטערל איז געווען מערער טאטע און מאן ווי רב. בלב ונפש איז ער געווען איבערגעגעבן זיין ווייב און קינדער. באנאכט, אז קיינער האט נישט געזען, האט ער וואסער און האלץ אין שטוב אנגעטראגן, די אויוונס איינגעהייצט און געהאלפן זיין ווייב מיט וואס נאר ער האט גע־קאנט. ער האט די דאזיקע אלע ארבעטן אויסגעפירט מיט דער זעלבער כונה, מיט דער זעלבער ליבע און איבערגעבנהייט, ווי ער וואלט די גרעס־טע מצוה אפגעטון. און מער פאר אלץ האט ער זיך אפגעגעבן מיט דער גרעסטער פון אלע מצוות, מיט תורה לערנען.

טאג און נאכט האט ער געהאלטן אין איין שווימען איבער די כוואַ־ליעס פון ים-התלמוד, און ווי א גרויסער שווימער האט פארגעניגן פון זיינע קונץ-שטיק, אזוי האט ער הנאה געהאט פון יעדן נייעם גאנג, פון יעדן נייעם איינפאל זיינעם אין לערנען.

א רודער האט זיך רב אלטערס לעבן געטאן, ווען ער איז געקומען אין די פערציקער יארן, ווען זיינע קינדער זיינען אונטערגעוואקסן. דאס לעבן זייערס איז דאן ארויס פון זיין גלייכגעוויכט. רב אלטערל איז דאן אינגאנצן ארומגענומען געווארן מיט זארג און פארשיידענע מחשבות, וואס האבן זיך באזעצט אין זיין קאפ, האבן אים נישט געלאזט רויק מתעסק צו זיין זיך אין תורה ועבודה.

זיין זארג איז געווען — זיינע קינדער, וואס האבן געוויבט פון זיין וועג, פון זיין טאטנס און טאטנס-טאטעס וועג.

די אנגעפיקעוועטע ספרים-שענק, וואס ער האט זיין גאנצן לעבן געהאלטן אין איין באררייכערן, זיינען פון זיינע קינדער נישט אנגערירט געווארן. דאקעגן האבן אנדערע ספרים, ספרים הצוניים געגומען מיט זיי קאנקורירן.

אין זיין הויז איז גאטס נאמען ווייניק דערמאנט געווארן, אויך נים די נעמען פון די תנאים, אמוראים און גאונים, וואס זיינען אים אזוי נאענט און אייגן געווען, נאר די נעמען פון מארקס, ענגעלס, לענין און אנדערע האבן זיך דארטן אנגעהויבן צו לאזן הערן.

זיינע קינדער און די, וואס פלעגן אריינקומען צו זיינע קינדער, האבן זיך געהאלטן אין איין פלפלען און מתוכח זיין, וועגן סאציאליזם, קאמוניזם, ציוניזם און אנדערע אזעלכע זאכן. די קינדער, רב אלטערס, פלעגן טענהן צו אים, אז קיין ריכטיקע גאטהייט קען נישט געמאלט זיין,

ווען מענטשן האָבן מורא פאַר מענטשן, ווען די, וואָס האָבן צופיל, רויבן אַוועק אַף אַן אומערלעכן אופן דעם ביסן ברויט און דעם געזונט בײַ דעם אָרעמען און זײַנע קינדער; אַז דאָס איז קעגן גאָט און זײַן געבאָט. די קינדער זײַנע האָבן אים באַוויזן, אַז אַפילו בײַ אים אין שול קען אויך נישט רוען די שכינה צווישן אַזוי פיל פאַלשקייטן און אומערלעכקייטן. אַז אַפילו בײַ אים אין שול שטייען נענטער צו גאָט, צום ארון־קודש, צום מזרח, נישט די אמתע, ערלעכע און כשרע ייִדן, נאָר די פאַרמעגלעכע, די רײַכע, מעגן זיי זײַן גלוחים און נישט מקים זײַן די דינים נישט „בין אדם למקום״ (צווישן מענטש און גאָט) און נישט „בין אדם לחברו״ (צווישן איין מענטש און דעם אַנדערן).

רב אַלטערל האָט פאַרשטאָפּט זײַנע אויערן פאַר זײַנע קינדערס רייד און פאַרגעזעצט זײַן לעבן, האָט פאַרגעזעצט צו גיין איבער זײַן אויסגעטראָטענעם וועג. ער איז נאָר ערנסטער און פאַרטראַכטער געוואָרן און געזוכט מער צו לערנען, מערער און בעסער צו דאַווענען, כדי אַ פאַר־געבונג אויסצובעטן בײַם רבונו של עולם פאַר זײַנע קינדער.

רב אַלטערל האָט מורא געהאַט פאַר זײַנע קינדערס דיבורים. ער האָט אין דעם קלענסטן שנוי אין לעבן געזען אַ סכנה, אַן אָנגריף אַף זײַן ייִדישקייט. זײַנע קינדער ריידן וועגן פרייהייט, וועגן פרייהייט פאַר פעל־קער און מענטשן און רב אַלטערלען דוכט זיך, אַז ייִדישקייט איז צו־נויפגעבונדן מיט ליידן, מיט גלות, מיט אונטערדריקונג. דורכגיין דורך די אַלע ענויים און יסורים און מקבל זײַן עס באהבה — אָט דאָס הייסט ריכטיק מקיים זײַן ייִדישקייט.

רב אַלטערל האָט נישט איין מאָל אַף זײַן אייגענער הויט און לייב איבערגעלעבט די יסורים פון צו זײַן אַ ייִד. ער איז נישט איין מאָל באַ־פאַלן געוואָרן פון רוסישע כוליגאַנעס, וואָס האָבן אים מבזה געווען אַלס מענטשן, אַלס ייִדן, אַלס רב, נאָכשרייענדיק אים „זשיד״, „ביילים״, און נאָכוואַרפנדיק אים מיט שטיינער. ער איז נישט איינמאָל אַף דער ערד געוואַלגערט געוואָרן דורך פוילישע פאַגראָמשטשיקעס, וואָס האָבן אים דערבײַ זײַן באָרד געצופּט און געריסן.

ער איז דאָס אָבער אַלץ אַריבער בשלום. ער איז נאָר אָפּגעקומען מיטן לײַדן אַביסל שרעק און בזיון. ער האָט זיך יעדער מאָל געראַטע־וועט מיט בעטן, רחמנות אַרויסרופנדיק בײַ זײַנע שלעגער. — און גע־

בעטן האָט ער נישט אַזוי מיט ווערטער פון זיין מויל, ווי מיט רייד פון זיינע אויגן, גרויסע, ליידנדיקע אויגן, וואָס זיינען שטענדיק פול געווען מיט רחמנות צו אַלע ליידנדיקע אַף דער וועלט.

נאָכדעם ווי ער האָט דורכגעלעבט אַזעלכע בזיונות, פלעגט זיין נשמה גיך געהיילט ווערן פון איר צעטרייסלונג. ער פלעגט גיך צו זיך קומען. ער פלעגט טראַכטן, אַז אַלע יסורים און בזיונות זיינען אַ גאָרניט לגבי דעם גרויסן כבוד און גליק פון צו זיין אַ ייִד און האָבן אַזאַ אוצר ווי דאָס איז די תורה.

***

ניט דעם שונאס קוילן האָבן העלמוטן פון די רייען פון דער דייטשישער אַרמיי אַרויסגעשטויסן, ניט קיין קראַנקייט, ניט קיין מגפה, נאָר אָט דער אַלטער, שוואַכער, גוטער און ענייוותדיקער רב אַלטערל.

עטלעכע און זיבעציק יאָר האָט רב אַלטערל אָפּגעלעבט אַף דער וועלט. אַלערליי רשעים אַף ייִדישע קעפּ און אַף זיינעם געזען און איבערגעלעבט, און דערלעבט זיך צו זען דעם גרעסטן רשע פון אַלע רשעים אַף דער וועלט, דעם גרעסטן צורר־היהודים, היטלערן.

רב אַלטערל האָט פאַרשטאַנען, אַז די היטלעריסטן געהערן ניט צו דעם מענטשן־מין, אַז פאַר זיי איז פרעמד די מדת־הרחמים, דאָס מיטליידס-געפיל, דאָס געפיל, וואָס אונטערשיידט דעם מענטשן פון דער חיה. נאָך איידער זיי זיינען אָנגעקומען צו אים אין שטעטל, אין אָסטרין, האָט ער זיך אָנגעהערט, ווי אַזוי דער היטלער־שונא האָט זיך איזדיעקעוועט איבער די ייִדן פון אַנדערע ערטער און נאָכדעם זיי געטויט.

ער האָט באַשלאָסן, זיך נישט מביש צו מאַכן פאַר דעם לעצטן שונא. קיין רחמנות בא דעם דאָזיקן מערדער נישט אַרויסרופן. מילא פריער איז, בדי אויפצוהאַלטן דעם לעבן, וואָס גאָט האָט אים געגעבן און פאַרזאָגט עס אָפּצוהיטן און טייער האַלטן, כדאי געווען זיך מבזה צו זיין אַף אַ ווײַלע, איז כדאַי געווען אָנצושטעלן אַ רחמנות פנים, וואָס בעטלט לעבן, אָבער איצטער וועט גאָט מוחל זיין, אַז ער וועט עס נישט טאָן, ווייל דאָס לעבן נעמט דאָך דער שונא סיי ווי סיי צו, צו וואָס נאָך מבזה זיין דעם צלם אלהים, צו וואָס נאָך מבזה זיין דעם ייִדישן נאָמען?!

און אַ מוטיקער, אַ שטאָלצער האָט רב אַלטערל געוואָרט צו באַגעגענען דעם טויט.

און דער מלאך־המות, אין געשטאַלט פון האַרטמאַנען, האָט זיך גיך צום אָסטרינער רב, רב אַלטערל, באַוויזן.

האַרטמאַן, וואָס האָט פריער קיין ייִדן כמעט נישט געקאָנט, וואָס האָט זיך נאָר וועגן זיי אָנגעלערנט אין דער נאַציִשער תורה, האָט דורכמאַרשירנדיק די ליטווישע שטעטלעך, זיך אָנגעשטויסן אָן זיי און האָט זיי אויסגעראָטן אָן רחמנות, ווי מען ראָט אויס שעדלעכע היישעריקן, ווי מען ברענגט אום בלוט־זויגערישע אינזעקטן.

ער האָט די דאָזיקע אַרבעט זייגע געטאָן ווי אַ פליכט־דערפילונג, אָן קיין שום ליידן פון געוויסן, אָן אַ ברעקל חרטה־געפיל.

האַרטמאַן איז געקומען צונעמען רב אַלטערלס נשמה פון שול אַרויס. אַ דאַוונענדיקן, אין טלית און תפלין, האָבן אים האַרטמאַנס סאָלדאַטן מיט די פריקלאָדן פון די ביקסן אין שול־הויף אַרויסגעשטויסן צוזאַמען מיט די איבעריקע ייִדן, וואָס זיי האָבן דאָרטן געפונען.

ווען די סאָלדאַטן האָבן זיך געספּראַוועט מיט די איבעריקע ייִדן, האָט זיך האַרטמאַן גענומען צו זיין הויפּט־קרבן, דעם רב, רב אַלטערלען, און ווי זיין רוטין איז געווען, האָט ער זיך פריִער אָנגעשפּילט מיט זיין קרבן, זיך איזדיעקעוועט איבער אים און אים באַליידיקט. ער האָט רב אַלטערלען געצוווּנגען צו זידלען און שימפן זיך אַליין און אַלע ייִדן. רב אַלטערל האָט זיך אַנטזאָגט זיין באַפעל אויסצופירן. דער נאַצי איז אַריין אין דער וויציהה און מיט זיין גאַנצן כח געשלאָגן דעם אַלטן רב.

רב אַלטע־ל איז מיט בלוט באַגאָסן געוואָרן און האָט האַרטמאַנען נישט געפאָלגט. אין האַרטמאַנען האָט זיך דערפון דער כעס נאָך מערער אָנגעצונדן און ער האָט מערדערלעך דעם אַלטן רב געשלאָגן.

פּלוצלינג האָט רב אַלטערל מיט זיין ציטערנדיקער האַנט אַ צייכן געגעבן. דער נאַצי האָט אַ צופרידענער, אַ זיגערישער געמיינט, אַז דער אַלטער ייִד גיט אים נאָך און פירט אויס זיין באַפעל. רב אַלטערל האָט געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג, ווי ער וואָלט עפּעס וועלן אַרויסברענגען פון זיין גוף אַרויס. זיין פּנים האָט זיך אַ מאָדנעם קרומען באַוועג געטאָן און מיט זיין לעצטן כח האָט ער פון זיין מויל עפּעס אַ מין פלייציקן גאָס אַריין געטין האַרטמאַנען אין פּנים. — ער האָט אים אין זיין פּנים אַריינגעשפּיגן מיט זיינע אויסגעהאַקטע ציינער, מיט זיין בלוט און מיט שטיקלעך פון זיינע אָפּגעהאַקטע אַלטע לונגען, און מיט אַ סך ביטערניש, מיט

גאָל, מיט גאַל און צאָרן פון זיין גאַנצן פיין-און גלות־לעבן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, פון אַ לעבן אַ פאַרענדיקטן אין נאַצישע לאַפּעס. ער האָט אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים און מיט די לעצטע כחות אויסגעשריגן: פאַר־שאָלטן זאָלסטו ווערן, דו עוכר ישראל, ימח שמו וזכרו!

הארטמאַנען האָט דער דאָזיקער פליציקער שפּיי פאַרגאָסן דאָס פּנים. די געדיכטע פליסיקייט, אַ געמיש פון בלוט און שטיקלעך אָפּגע־האַקטע לונגען, איז אים אין די אויגן פאַרקראָכן און אים אויף אַ ווײַלע בלינד געמאַכט. די אויסגעהאַקטע ציינער, מיט וועלכע ער איז פון רב אַלטערלען באַשפּיגן געוואָרן, האָבן זיך ווי אין זיינע באַקן איינגעשניטן. אַ צונטער־רויטער, אַ פאַרשעמטער, איז ער פאַר זיינע סאָלדאַטן געשטאַ־נען.

דער ייִד ליגט שוין טאַקע אַ טויטער, אָבער דעם שפּיי אין פּנים פון ייִדן האָט ער באַקומען.

הארטמאַן וויל די דאָזיקע געשעעניש מיטן אַלטן רב פאַרגעסן און קען ניט. זיין קללה באַגלייט אים אויף טריט און שריט.

זיינע אויסגעגלאָצטע אויגן, פול מיט האַס און צאָרן, שטייען פאַר אים לעבעדיקע און ער מוז זיי נאָכמאַכן. זיינע באַקן בייסן אים פון דער שאַרפקייט פון די ציינער, מיט וועלכע דער אַלטער רב האָט אים באַ־שפּיגן, זיינע באַקן ברענען אים אונטער דעם בלוט־פלעק, מיט וועלכן דער ייִד האָט אים באַנאָסן.

***

דערפון באַקומט עס הארטמאַן די אָנפאַלן, פאַר וועלכע מען האָט אים פון דער אַרמיי באַזייטיקט.

זיצט ער אַזוי אָן איזאָלירטער אין דייטשלאַנד און שפּייט. שפּייט אויף זיך, אויף זיינם גלייכן און אויף דעם גאַנצן היטלערישן לאַנד. שפּייט און רייבט זיינע באַקן. רייבט און רייבט, ווי ער וואָלט פון דאָרטן וועלן אָפּווישן אַ פלעק, וואָס לאָזט זיך נישט.

מע לאָמיר אים לאָזן אַזוי דאָרטן שפּייען, שפּייען און רייבן זיין פּנים פון דעם פלעק, פון דעם שפּיי אין פּנים, וואָס ער האָט באַקומען, ביז עס וועט אימיצער קומען און וועט אים אָפּרייבן דעם פלעק, צוזאַמען מיט דער באַק, צוזאַמען מיט דעם קאָפּ...

1942.

די געשיכטע פון א פלאַש וויין

יעדע זאַך קומט אַף דער וועלט מיט איר מזל, מיט איר גורל...

ניט נאָר מענטשן אָדער פעלקער ווערן געבוירן אונטער זייער באַזונדערן שטערן און שיקזאַל, נאָר אפילו באַשעפענישן און אויך קעגנשטאַנדן.

עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס ווערן געבוירן אין זיידענע העמדלעך און דאָס לעבן שמייכלט זיי שטענדיק אַנטקעגן.

זיינען זיי אַף דער גאַס, ווערן זיי געגלעט און געצערטלט דורך דער מילדער זון, דורך א ליבן ווינטעלע; קומען זיי צו זיך אין הויז אַריין, דערשפּירן זיי אַף זיך די וואַרימע אויגן פון א מאַמען, דעם גלעט פון א שוועסטערס האַנט, אָדער די צערטלעכקייט פון א געליבטער פרוי.

אַנדערע ווידער ווערן געבוירן אַף צרות.

וויפל זיי זאָלן פאַר דער וועלט נישט טאָן, גיט זי זיי, די וועלט, גאָרניט.

זיינען זיי אַף דער גאַס, שמייסט זיי דער רעגן אין פנים אַריין און די זון בראָט זיי און שטעכט... און אַז זיי קומען שוין אַריין צו זיך אין הויז, אויב זיי האָבן אַזעלכע, דערשפּירן זיי אין דער שטילקייט און רויִקייט פון זייער איינזאַמקייט און אַליינקייט, ווי קעץ וואָלטן זיך אין זייערע געדערים אַרומגעריסן און געוואָיעט, און די צאַנקערייען פון די פרעמדע שכנים וואָס אַרום זיי.

אַזוי איז אויך מיט פעלקער.

טייל פעלקער לעבן אין רחבות און אין שלום, און טייל פירן מלחמות. טייל ווערן איינגעשלונגען און אַנדערע דערוואָרגן.

דאָס גלייכן איז אויך מיט באַשעפענישן.

טייל פון זיי האָבן א דאַך איבערן קאָפּ און א באַלעבאָס׳ס א האַנט, וואָס גרייט זיי צו די קאָרעטע צו דער צייט און גיט זיי נאָך ווען ניט

ווען אויך א גלעט. אנדערע ווידער קענען נאָר דעם בייטש פון זייער האַר, דעם בריק פון זיין פוס און דאָס ביסל מאָגערע עסן, וואָס ער וואַרפט זיי צו, כדי צו דערהאַלטן זייער נשמה.

דאָס זעלבע פּאַסירט אויך מיט פלאַנצונגען און מיט אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אַף אונדזער וועלט.

הכלל, יעדע זאַך אַף דער וועלט האָט זיך איר גורל און אַמאָל אויך איר געשיכטע.

און איצט וועל איך אייך דערציילן די געשיכטע פון א פלאַש וויין...

***

די טרויבן, פון וועלכע די פלאַש וויין איז ארויסגעקומען, האָבן געשטאַמט פון גאָר גרויסן און פיינעם יחוס. נישט קיין אַנדערער ווי דער הר־הכרמל האָט זיי אַף זיך אויסגעטראָגן ביז זיי זיינען רייף גע־וואָרן און אַף דער וועלט געקומען.

יונגע יידישע מיידלעך, וואָס האָבן זייער בענקשאַפט און ליבע אָפּגעגעבן דעם יידישן לאַנד, ווּהין זיי זיינען געקומען פון דער גאַנצער וועלט, האָבן אָפּגערייניקט זייערע הענט פון גאָלד און צירונג און זיי מקדש געווען צו דער ארבעט. זיי האָבן דאָס די דאָזיקע טרויבן מיט זייערע ריינע ציטערנדיקע מיידל־הענט געצערטלט און צו דער זון ארויפגערוקט, זיי זאָלן זיך אָנעמען מיט וואָס מער וואַרעמקייט און לופט, כדי בעסער צו קענען פאַרדייען די בלוטיקע זאַפט און קראַפט, וואָס די וואָרצלען זייערע האָבן אריינגעזאַפּט אין זיך פון דער ערד, וועלכע האָט דורך טויזנטער און טויזנטער יאָרן אין זיך אריינגעשלונגען פון אזוי פיל העלדן...

אזוי זיינען פאַרגאַנגען טעג און וואָכן. באַטאָג האָבן די טרויבן געגלאַנצט און געקוואָלן אונטער דער שטראַלנדיקער גנעדיקער זון, וואָס באַדעקט דעם הר־הכרמל מיט באַזונדערער רחבות און באַנאַכט האָבן זיי זיך געבאָדן און געהילט אין דעם מחיהדיקן און דערפרישנדיקן טוי...

און אז די טרויבן זיינען שוין געווען אָנגעזעטיקט מכל־טוב און דערפילט זייער רייפקייט, האָבן זיי זיך מיט זייערע וואַגיקע קעפּ צו

דער ערד גענומען בוקן, ווי זיי וואָלטן איר געוואָלט אָפּדאַנקען פאַרן חסד, וואָס זי האָט מיט זיי געטאָן. דאַן האָבן זיך צו זיי דערנענטערט די זעלבע גערטנערנס און מיט געזאַנג אין זייערע מיילער זיי העגגלעכ-ווייז אַראָפּגענומען פון דער הייך און מיט מוטערלעכער צאַרטקייט זיי אין געפלאָכטענע קוישן געלייגט, זיי זאָלן זיך פון זייער מידקייט און זאַטקייט אַביסל אָפּרוען.

די טרויבן זיינען זיך אַזוי געלעגן אין די געפלאָכטענע קוישן אַ גאַנצע נאַכט און אַ טאָג און נאָך אַ נאַכט און צום סוף זיך פאַרבענקט נאָך דער באַטאָגיקער וואַרעמקייט פון די זונען־שטראַלן און נאָך דעם קילן, אָפּפרישנדיקן טויען־שפּריץ, וואָס זיי פלעגן יעדן פאַרטאָג באַקו-מען, און נאָך די מיידלשע געזאַנגען...

פונקט דעמאָלט, ווען די טרויבן האָבן זיך אַזוי געטוליעט איינע צו די אַנדערע, באַצערטע פון טיפער בענקעניש צום לעבן און פאַר שרעק, זיי זאָלן שוין אַף אייביק אַזוי פאַרוועלקט ווערן, האָט זיך די טיר פון שפּייכלער, ווו זיי האָבן זיך געפונען, ברייטלעך פונאַנדערגעעפנט און עס האָט אַף זיי פלוצלינג אַ שלאָג געטון מיט אַ שלל פון ליכטיקייט און וואַרעמקייט. די טיר איז אויפגעפּראַלט געוואָרן, און דורך איר האָבן זיך אַריינגעכאַפּט די באַקאַנטע צאַרטע און ליבע מיידלשע געזאַנגען.

די טרויבן האָבן זיך דערפרייט. אָט ווערן זיי פון דער פינצטער־ניש און ענגשאַפט באַפרייט. אָט ווערן זיי ווידער צו אַ ליכטיקער און פרייער וועלט, צוריק צום לעבן געבראַכט...

אָבער, אָ! וואָס פאַר אַן אַנטוישונג!

די זעלבע מיידלעך אונטער די זעלבע אויסגעבענקטע קלאַנגען און געזאַנגען האָבן די טרויבן אומברחמנותדיק פון די קערב און גרויסע באַלייעס גענומען וואַרפן און אַכזריותדיק, ווי באַנומענע פון אַ ניט גוטן, זיי אָנגעהויבן דריקן און קוועטשן, ביז די נשמה אויסצושפּייען, ביז די אינגעווייט פון זיי אַרויסצוקוועטשן, און ביז דעם לעצטן טראָפּן חיות פון זיי אַרויסצודריקן...

די טרויבן האָבן געכליפּעט, געוויינט און געקלאָגט, געזיפצט און געקרעכצט, און ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס קומט עס זיי: פאַרוואָס, סתם אַזוי אַכזריותדיק אומקומען, אָן אַ סבה, אָן אַ טעם, אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוואָס? פאַרוואָס? פאַרוואָס?!

דאָן, שוין באַ זייער יציאת־נשמה האָבן די מיידלעך אין זיי אַריינ־געזונגען און אַריינגעשעפּטשעט באַרויִקנדיקע רייד און טרייסטנדיקע לידער־געזאַנגען:

שטילער, שטילער זייט, ניט געוויינט און ניט געקלאָגט! ערשט איצט, נאָכדעם ווי איר ווערט געזייט און געלויטערט ווערן, ערשט איצט וועט איר כח און שטאַרקייט באַקומען, און אַ נײַ לעבן אָנפאַנגען. איר וועט אַ נײַ לעבן אָנהייבן און געהייליקט ווערן. איר וועט זיך אויף אַלע שמחות פון דער וועלט באַטייליקן. אַריבער אייך וועלן די מענטשנס פרומע ליפּן צו גאָט אַ לויב און געבעט זינגען, איבער אייך וועלן די מענטשן די הערלעכסטע און ליבסטע ווערטער איינער צו דעם אַנדערן אַריינשעפּטשען. איר וועט דעם מענטשנס האַרץ דערפרייען און צו גוטס טאָן באַוועגן. איבער אייך וועט מען קדוש און הבדלה מאַכן, און איר וועט דעם טרויער פון דעם מענטשנס פּנים אָפּווישן. און וואָס נאָך ווילט איר?! צי איז דען דאָס אַלץ נישט קיין תקון פאַר אייערע איצטיקע ליידן?...

און אַזוי איז טאַקע געווען. די טרויבן האָבן זיך אין ווײַן פאַר־וואַנדלט. דער ווײַן איז אין פלעשער צעגאָסן געוואָרן. די פלעשער ווײַן זיינען איבער דער גאַנצער וועלט צעשיקט געוואָרן, יעדערע מיט איר אָפּשטאַם־צייגעניש, יעדערע מיט איר יחוס־בריוו: כרמל־ווײַן, כרמל־ווײַן...

און יעדער ביסל ווײַן אין יעדער פלאַש, האָט פאַרשפּאַרטערהייט אומגעדולדיק געוואַרט אויף דעם געגאַרטן מאָמענט פון ווידעראויפלע־בונג, פון אויפלעבן כאָטש אויף איין רגע. יעדערע האָט געוואַרט אויף דער רגע פון „ווערן" דורך דעם „ניט ווערן", און, כדי אין דער לעצטער ווײַלע פון איר אויפלייזונג זאָל זי באַקומען איר שבר פון געלויבט און געריכט צו זיין: אָ! ווי זיס!, אָ, ווי געשמאַק! ווי עס צענעמט דאָס אַלע אבֿרים! אָ, ווי עס מאַכט קלאַפּן דאָס האַרץ, ווי עס מאַכט זידן די בלוטן און דערהייבן די נשמה, דעם גייסט!

***

אָבער ניט אַלע פלעשער ווײַן האָבן דעם זעלבן מזל, דעם זעלבן גורל. אַ סך פלעשער ווײַן, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון דעם זעלבן

יחום און זיינען געבוירן געוואָרן אין דעם זעלבן טאָג פון דעם געוויסן יאָר, האָבן שוין לאַנג אויסגעלעבט זייערע טעג און יאָרן. די ייִנגערע פון זיי זיינען אויסגעגאַנגען מיט וויניקער שבח אַף די ליפּן פון זייערע באַזינגער און פאַרערער, און די עלטערע מיט מערער לויב און רום.

און פון איין פלאַש פון דעם דאַזיקן וויין וואָס לעבט נאָך און וואָס וועט נאָך לעבן ווער ווייסט ווי לאַנג, דערצייל איך דאָס אייך...

די דאַזיקע פלאַש וויין איז שוין געשטאַנען צוזאַמען מיט אַנדערע חברטעס אַף איין שמחה־טיש, גרייט באַפּרייט צו ווערן פון איר געפענגעניש און אויסגעלעבט צו ווערן.

זי האָט מיט נייגיר געקוקט אַף אירע באַפּרייטע חברטעס. זי האָט זיי מקנא געווען פאַר יעדן קאָמפּלימענט, וואָס זיי האָבן באַקומען, און האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אַף דעם אויסערגעוויינטלעכן מאָמענט אויסצוגיין דורך דעם תענוג פון דעם בחיר-היצורים, דעם מענטש.

דער דאַזיקער פלאַש וויין איז אָבער קענטיק באַשערט געווען לאַנג, לאַנג צו וואַרטן און גאַרן אַף איר תקון אויפצולעבן, אומקומענדיק דורך גענוס, לויב און געזאַנג.

די פלאַש וויין, פון וועלכער מיר דערציילן אייך, איז אַריינגעפאַלן צו דעם ייִדישן יונגערמאַן יאָסל גאָלדבערג פון לאָדזש, צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע חברטעס.

יאָסל האָט געהערט צו די גליקלעכע מענטשן, צו די מזלדיקע. וואָס ער האָט אין זיין לעבן נישט געטאָן, איז עס אים אַלץ גוט אַרויס, וווּהין ער איז נישט געגאַנגען, האָט ער אַלץ געטראָפן.

יונגערהייט איז ער שוין רייך געווען און געטריבן אַ גרויסע פאַבריק.

דאָס גליק אין לעבן באַשטייט דאָך אָבער נישט פון רייכקייט און פאַבריקן...

ער איז אָבער יאָ גליקלעך געווען. גליקלעך איז ער געווען ווייל ער האָט געליבט. ער האָט געליבט זיין מירעלען, און מיט באַזונדערער פאַרטערלעכער ווארעמקייט זיין זונעלע, זיין חיימלען.

חיימל האָט געהערט צו די קינדער, וואָס בינדן זיך צו שטאַרקער און מערער צום פאָטער, ווי צו דער מוטער.

האָט דער קליינער חיימל דערשפּירט די טריט פון זיין פאָטער,

האָט ער דערהערט פון ווייטן זיין קול, האָט ער ווי אַן אויפגעוואַכטער פון אַ ווייטן חלום זיך אַ צאַפּל געטאָן, און מיט זיינע גרויסע בלויע אויגן אים גענומען אַרומזוכן פון אַלע זייטן, אָנשפּיצנדיק דערביי זיינע אויערלעך מיט דער גרעסטער שאַרפקייט.

עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט געווען, וואָס יאָסלס גליקלעכע לעבן איז באַהעלט געוואָרן מיט דער ליכטיקייט פון הימלס אייגעלעך. מיט דער מוזיק פון זיין קולכל האָט ער געחלומט און דאָס קיצלען פון זיינע בלאָנדע לעקעלעך האָבן אים גערעגט ביז אומבאַשרייבלעכער פרייד.

יאָסל האָט אין זיין דמיון שטענדיק באַטאַפּט זיין גרויסן גליק, ווי דער קאַרגער זיין אוצר. ער האָט איבער זיין גליק געציטערט, אים זיך אַליין נישט פאַרגונען, און וויפל מאָל צו זיך אַליין געטראַכט: פאַר וואָס קומט דאָס מיר אַזאַ גרויסער, גרויסער גליק?...

***

נאָר לאַנג האָט יאָסלס גליק ניט געדויערט. זיין לויכטנדיקער שטערן איז אויסגעלאָשן און פאַרטונקלט געוואָרן אונטערן חושכדיקן הימל, וואָס האָט באַדעקט זיין פאָלק.

יאָסלען איז אויסגעקומען צו לעבן און צו ליבן אין אונדזער צייט, ווען דאָס פּנים פון דער וועלט איז באַדעקט געוואָרן מיט שמוץ און מיט מכות, ווען די ערד איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט רויב און מיט גזלה, אין דער צייט, ווען דער דייטש איז געוואָרן דער אויסדרוק פון אַלדאָס בייז און רשעות, וואָס האָט זיך אין טויזנטער און טויזנטער יאָרן אָפּגעזעצט אַף דעם מענטשן־מינס נשמה.

אים האָט געטראָפן דער גרויזאַמער גורל פון זיין פאָלק, פון די מיליאָנען פון זיינע ברידער יידן. פריער ער, נאָכדעם זיין פרוי און קינד, זיינען געטריבן געוואָרן צום מויל פון מלאך המות, אין געשטאַלט פון גרויסן מאַסן־קבר. אים איז אויסגעקומען צו הערן דעם בצבורדיקן יאָמער־און נקמה־געשריי פון טויזנטער און די זאַלפן־שיסעריי איבער זיין קאָפּ. אַרום אים און איבער אים זיינען געפאַלן ווי די סנאָפּעס גאַנצע מחנות יידן, זיינע אָקאָרשטיקע פריינט און חברים. ער האָט גע-

מיינט, אַז דאָס איז שוין זיין סוף, דער טויט, דער דערלייזער, וואָס באַ־פרייט אים שוין אויף אייביק פון אַלע פיין און יסורים.

אָבער דער טויט האָט אים ווי אויף צו להכעיס אויסגעמיטן. און אין ווילדסטן פון אַלע קאָשמאַרן, וואָס קיין מענטשלעכע פאַנטאַזיע קען זיך דאָס נישט פאָרשטעלן, האָט ער דאָך דערשפּירט לעבן אין זיך. ער האָט פאַרט געפילט און נאָך מערער ווי שטענדיק, דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ און דעם געדאַנקען־גאַנג פון זיין מוח. ער איז געלעגן אונטער אַ באַרג נאָך נישט אָפּגעקילטע מתים, אַ באַוואַשענער פון דעם אַנגסטיקן שווייס און דעם הייסן בלוט, וואָס האָט פון די הרוגים נישט אויפגעהערט צו פליִיצן. ער איז אין גרוב זייער לאַנג געלעגן אָן אַ ווילן פון דאָרטן אַרויסצוקריכן אויף דער ליכטיק־חושכדיקער וועלט. נאָר ווען די נאַכט איז צוגעשוווּמען, אַ שטילע און באַרויִקנדיקע, האָבן אים די שטערן פון דעם הימל ווינקענדיק פון גרוב אַרויסגענאַרט און צום וואַלד געטריבן. ער איז אַהין ווי אַ משוגענער געלאָפן אָן אָפּרו און אָן אָפּשטעל.

אָ, ווי וואָלט ער זיך איצט אין אַ פאַרצוקנדיקער חיה פאַרוואַנדלט!

אין וואַלד איז ער אַזוי געלעגן אַ פּאָר טעג, אָן שפּייז און אָן פאַר־לאַנג צום לעבן, שוין כמעט אינגאַנצן אַ רעזיגנירטער.

איין געפיל האָט נאָך אים אונטערגעהאַלטן בײַ די כחות און גע־וועקט צום לעבן — דער נקמה־געפיל.

נקמה פאַר זיין ווייב און קינד, פאַר אַלע זיינע נאָענטסטע, נקמה פאַר זיין פאָלק האָט אַרויסגעשריגן פון דאָס לעצטע ביסל כחות, וואָס ער האָט נאָך אין זיך פאַרמאָגט. ער האָט זיך דורכדעם אויסגעניכ־טערט פון זיין טויטן־שלומער און אָן אַנטשלאָסענער געלאָזט זוכן די פּאַרטיזאַנער פון דעם געגנט, כדי זיך אָן זיי אָנשליסן און זיך פאַר־וואַנדלען אין אַ נקמה־נעמענדיקן ייִדן־מענטש...

דער ברענענדיקער נקמה־געפיל האָט זיך אין אים אַזוי צעצונדן, אַז ער איז אין אים געוואָרן שטאַרקער פון דעם טויט. ער האָט אים גע־געבן קרעפטן אויסצוהאַלטן הונגער, קעלט, דורשט און אַלע מלחמה־פּיינען.

טראָגנדיק בײַ זיך אין דמיון דעם געשטאַלט פון זיין פרוי און קינד, איז ער מיט דער ביקס אין האַנט שטענדיק געווען אין די ערשטע רייען פון פייער און קאַמף.

אין דער גרעסטער סכנה, אין דער סאַמע ברענענדיקסטער שלאַכט פון דער מלחמה, אין די שווערסטע מאָמענטן פון נסיון, האָט ער דער־שפּירט אַרום זיין האַלדז זיך קלאַמערן זיין קינדס צאַרטע, וואַרעמע הענטלעך און זיין ווייבס ליבנדיק־בעטנדיקע אויגן, וואָס האָבן שטיל און גוטערהייט געבעטן און געשריגן: נקמה, נקמה!

דער דאָזיקער שטאַרקער געפיל, וואָס האָט אים אין פייער גע־טריבן, איז אויך געווען דער אומזעבאַרער פאַנצער, וואָס האָט קעגן בראַנד און טויט אים געשיצט.

***

ווען יאָסל האָט מיט דער ביקס אין האַנט זיין שטאָט באַפרייט און צו זיין הויז געקומען, האָט אים זיין קריסטלעכע שכנה פון אַ באַ־העלטעניש אַנטקעגן געטראָגן אַ קישעלע און אַ פלאַש ווייַן.

— דאָס האָט מיר דיין פרוי פאַרן גיין צו דער שחיטה איבערגע־געבן, בעטנדיק מיר עס אָפּהיטן און אָפּגעבן דיר, טאָמער דו וועסט זיך אַמאָל אומקערן אַ לעבעדיקער.

דאָס איז געווען דער טייערסטער אָנדענק, וואָס זי האָט אים גע־קענט איבערלאָזן.

דאָס איז געווען ס'קישעלע, אויף וועלכן עס האָט גערוט זייער זונס בלאָנדער קאָפּ און די פלאַש ווייַן, וועגן וועלכער מיר דערציילן אייך אַזוי פיל.

דאָס איז געווען דער זעלבער ווייַן, וואָס איז צוזאַמען מיט אַ סך זיינס גלייכן פון ערגעץ וויַיט געקומען זיך צו באַטייליקן אויף דער שמחה, אפן ברית פון חיימלען, און וואָס האָט זיך אַזוי מתקנא גע־ווען אין די איבעריקע, פאַרוואָס מען באַפרייט אים נישט ווי זיי פון פלאַש. דאָס איז געווען דער ווייַן, וואָס יאָסל מיט מירלען האָבן באַ־שלאָסן צו באַהאַלטן ביז דער בר מצוה פון זייער זונעלע.

יאָסל האָט זיין ליבע פלאַש ווייַן דערקאָנט. וויפל מאָל האָט ער איר נישט געצערטלט, אַראָפּגייענדיק צו זיך אין קעלער, ציילנדיק דער־ביי דעם עלטער פון איר, צוזאַמען מיטן וואַקסן פון זיין קינד...

און איצטער איז ער צו איר צוגעפאלן, זי געקושט, צום הארצן געדריקט און דערביי ביטער און יאמערלעך געוויינט.

ער האט אין דער רויטקייט פון פלאש מער נישט געזען קיין וויינען־פארב, נאר דעם קאליר פון בלוט, פון דאס צאפלענדיקע, שרייענדיקע און אומשולדיקע בלוט פון זיין קינד, פון זיין עופהלע, פון זיין חיימלען...

און יאסל היט אפ די פלאש וויין, ווי דעם גרעסטן אוצר זיינעם, ווי זיין אויג אין קאפ און באהאלט עס פון א פרעמדן בליק.

אפטמאל פארשליסט זיך יאסל אין זיין צימער, צערטלט דארטן די פלאש וויין און דערוואַרעמט איר קאלטן גלאז־מעטאל מיט זיינע טרערן און קושן.

אמאל פארגעסט יאסל צוצומאכן די טיר פון זיין צימער. זיין קריסטלעכע שכנה באמערקט, וואס ער טוט דארטן. זי פארשטייט אבער ניט, וואס דא קומט פאר און באדויערט איר שכן מיט א מיטפילנדיקן און טרויעריקן שאקל מיטן קאפ: „דער ייִד האט זיך פאר צרות גענומען צום ביטערן טראפן".

דער ייִד, יאסל, ווייס אבער, אז ער טאר זיך נישט פארשכורן, — אז א ייִד טאר קיינמאל נישט זיין שכור, — אפילו ניט פאר צרות..

אפילו פאר צרות זעט יאסל אין פלאש ניט קיין וויין, נאר בלוט. בלוט, בלוט, בלוט!...

אזוי פיל טייכן, אזוי פיל ימען בלוט... וועט כאטש די וועלט ריינער ווערן, ערלעכער ווערן, באוואשנדיק זיך מיט אזוי פיל בלוט?...

און יאסל האט באשלאסן, קיינמאל די פלאש וויין נישט אויפצועפענען, נאר איר אפהיטן און איבערגעבן פון דור צו דור, צוזאמען מיט איר געשיכטע, צוזאמען מיט איר בלוטיקער געשיכטע. די רויטקייט פון דעם וויין זאל די וייטערדיקע דורות דערמאנען אן דער רויטקייט פון בלוט.

זאל די פלאש וויין דערציילן די קומענדיקע דורות איר געשיכטע, וואס זי האט אליין דורכגעמאכט און זאל זי זיי זאגן, אז זי וויל נאט און וועט נישט ארויס אף דער פריי, אין דער וועלט אריין, פאר תענוג פון דעם מענטשן, ביז אזוי לאנג, ווי וויית איר פארב וועט מער נישט

דערמאָנעז קיין מענטשלעכע, קינדערשע, אומשולדיק־פליצנדיקע בלוט.
אַז זי וועט ערשט אַרויסקומען אַף דער וועלט זיך צו פרייען מיט איר
באַנייונג, מיט איר באַפרייונג.

דאַן וועט דער נייער ייִד פון דעם קינפטיקן דור איר קעגן עפענען,
בענטשן איבערן ווײַן די נייע וועלט און פון אים טועם זיין...

.1945

אַנטקעגן דעם וואָס מען זאָגט ווי אַלט זיינט איר

טיף אין די בערג און צוגעטוליעט צו זייערע רוקנס ליגט דער קור-אָרט קאָלינאַ.

פון אַלע זייטן איז דער גרויסער האָטעל-הויף ארומגעצאַמט מיט ריזיקע בערג, וואָס טראָגן אין די קאַרבן פון זייערע שטערנס דורות-לאַנגע יאָרן.

פון די דאָזיקע קאַרבן ריזלען דאָס אַראָפּ די הייל-וואַסערן, בא וועמען די מענטשן קומען זוכן אַ רפואה.

אַ קליין פּיצל הימל זעט מען דאָ ארויס און די זון, וואָס הענגט איבער אים, פאַרטרינקט דעם האָטעל-הויף מיט ליכט און וואַרעמקייט ווי זי וואָלט נאָר געשיינט און געוואַרעמט פאַר דעם דאָזיקן ווינקל אַליין.

דער הימל איז דאָ תמיד באַזוימט מיט זילבערנע דינינקע וואָלקנדלעך, וואָס האַלטן זיך אין איין באַהעלטעניש שפּילן מיט דער זון.

רוקט זי זיך ארונטער, די זון, אַהינטער די בערג, קריכן פון דער אַנדער זייט אַרויס די וואָלקנדלעך, שווימט זי נאָר ארויס איבערן מיטן הויף, פאַרשווינדן די וואָלקנדלעך.

אַלע געסט מישן זיך דאָ אויס.

אַלע האָבן זיי נומערן פון צימערן און צאָלן דעם זעלבן טעגלעכן אָפּצאָל פאַר זיי.

די שטאַנדן ווערן דאָ פאַרלוירן און פון יעדערנס יחוס דערוויסט מען זיך ערשט אין עטלעכע טעג אַרום, ווען מען צעפאַרט זיך שוין אַהיים.

די בערג-ווענט פאַרשטעלן דאָ די גאַנצע וועלט פאַר דעם מענטשן, און די געסט וואַרפן דעריבער דאָ שנעל אַראָפּ פון זיך צוזאַמען מיט זייער יאָך אויך זייער ארויפגעצויגענע הויט פון פרעמדקייט און פאַר-ברידערן זיך שנעל.

פריער עסט מען צוזאַמען באַ איין טישל, מען מאַכט אַ קורצן שפּאַציר, נאָכדעם שפּילט מען צוזאַמען אין קאָרטן אָדער דאָמינאָ און צום סוף הייבט מען זיך אָן צו דערווייסן איינער באַם אַנדערן די וויכטיקסטע דאַטן פון יעדערנס לעבן, מען טוישט זיך וועגן דעם מיט אַנדערע געסט און עס שאַפט זיך אַ גאַנצע וועלטל.

אין די פאַרנאַכטן, באַם זון־אונטערגאַנג, ווערן די געשפּרעכן אינטימער, פריינטלעכער און נאָענטער.

זיינען מיר זיך אַזוי געזעסן אונטער די שאָטנס פון די פּאַלמען אַ געמישטע גרופּע מענער און פרויען פון פאַרשיידענעם עלטער און פעלקער־אָפּשטאַם.

די שפּאַניאָלקע, ענריקעטאַ ראַמירעז, אַ פריילעכע מיטליעריקע פרוי, וואָס איז געוווינט געווען אין מיטן איר ריידן אָדער אַן אַנדערנס מיט אַ זמרל אַריינצופאַלן, ווען אַ וואָרט פון דעם געשפּרעך האָט איר נאָר דערמאָנט אָן אַ לידל, וואָס הייבט זיך אויך אָן מיט דעם זעלבן וואָרט, האָט דערציילט אַן עפּיזאָד פון איר יוגנט.

איינער פון דער קאָמפּאַניע, וועמענס טבע איז געווען שטענדיק איבערצורייסן דעם וואָס רעדט מיט אַ באַמערקונג אָדער אַ וויץ, האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך אָנצוכאַפּן פאַר דעם פאָדעם פון איר דערציילונג און אַ פרעג געטאָן: אין וועלכן יאָר איז דאָס געשען?

די שפּאַניאָלקע האָט אים דרייסט אָפּגעענטפערט:

— איך האָב נישט קיין סבה, פאַרוואָס צו פאַרלייקענען מיינע יאָרן. איך בין אַלט 54 מיט אַ האַלב, כאָטש מיין עלטערע טאָכטער וויל נישט ליידן וואָס איך דערצייל ווי אַלט איך בין.

און אַז דער שמועס איז שוין אַריבערגעפירט געוואָרן אַף אַזאַ גליטשיקן באָדן, האָט איינער אַ געניטער מיטשמועסער איבערגענומען דעם געשפּרעך אונטער זיין אָנפירונג און אַנשטאָט צו פרעגן באַ דער פרוי, וואָס איז געזעסן לעבן אים און וואָס איז שוין לאַנג אַריבערגעשפּרונגען דעם פופציקער, האָט ער איר פאַרכאַפּט און אַ זאָג געטאָן: אמת, איר זיינט אַלט 45 יאָר?

די פרוי האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן און מיט פרייד געזאָגט: איר האָט פונקט געטראָפן. מיט צוויי מאָנאַטן צוריק בין איך אַלט געוואָרן 45 יאָר.

ווען די רייזע איז געקומען צו א הויך־געבויטן און באַליבטן מאַן, האָט ער זיך אָפּגערופן: אנו, טרעפט, ווי אַלט איך בין.

א יונגע פרוי איז אַרויסגעשפּרונגען: צוויי און פופציק!

אַזוי! — האָט מיט באַדויערן זיך אָפּגערופן דער דאָזיקער מאַן — זע איך טאַקע אויס פון 52 יאָר און איך בין נאָר אַלט 50. און עס האָט אויסגעזען, ווי די ניט קיין ריכטיקע אָפּשאַצונג פון דער יונגער פרוי וואָלט אים אין לעבן געגאַנגען.

די לעצטע פון דער שורה, וואָס האָט געדאַרפט דערציילן פון איר עלטער, איז געווען א פרוי.

איר אויסזען האָט ניט געטראָגן אַף זיך קיין חותם פון וועלכער עס זאָל נישט זיין ראַסע.

איר פּנים איז געווען א שאַרפס. דער קין עקשנותדיק פאַרשפּיצט, ווי זי וואָלט אים יאָרן לאַנג געהאַלטן אין איין אונטערוקן אונטער די האַמערס פון לעבן און זיי האָבן איבער אים אַזוי לאַנג געקלאַפּט, אַז פון דאָרטן איז ער שוין אַרויסגעקומען אַף אייביק אַזוי צו פאַרבלייבן ווי ער איז, גאָרניט ענדערנדיק זיך מער.

אינגאַנצן גענומען האָט זי אויסגעזען פאַרעלטערט, נאָר די אויגן אירע האָבן ווידערגעשפּעניקט איר פּנים און אָפּגעלייקנט איר עלטער.

אויגן האָט זי געהאַט בלויע און יונגע, כמעט קינדערשע.

געקוקט האָבן אירע אויגן אַף דער וועלט צעשפּוזשעט, צעשראָקן און אַרויסרופנדיק.

דאָס זיינען געווען אויגן, וואָס אַנטלויפן פון א שרפה, אויגן, וואָס זיינען תמיד גרייט אויפצונעמען א שלאַכט, וואָס מען ווייס ניט ווען און פון וואַנען זי וועט קומען, אויגן פון איינעם, אַף וועמען עס לויערן פון אַלע זייטן סכנות און ער דאַרף זיך זיי אַנטקעגן שטעלן און ביי־קומען.

גערופן האָט מען איר „לאַ פּאַלאַקאַ".

דער התוך־הדבור אירער איז געווען א שאַרפער, א שניידנדיקער, ווי מיט מעסערס.

ווען וואָס זי זאָל נישט האָבן גערעדט, איז אויסגעקומען ווי עס וואָלט איר דער ענין אין לעבן געגאַנגען.

בעתן ריידן שפּילט זיך איבער איר פּנים דער חוזק מיטן טרויער

אינאיינעם און ווען זיי גיסן זיך צוזאמען, באקומט זיך א פיל-זאַגנדי־קער מאָדנער שמייכל אַף אירע ליפּן, פון וועלכן עס ווערט אומהיימ־לעך.

איז ווען עס איז געקומען צו איר ריי, האָט זי ארויסגעשאָסן: 55!

אירע ווערטער זיינען געווען באגלייט פון דעם באקאנטן שמייכע־לע אירן.

קיינער האָט איר באהויפּטונג נישט אָפּגעלייקנט. א שטיל-שוויי־געניש איז געבליבן הענגען אין דער לופטן. דער געשפּרעך האָט זיך שוין מער נישט געקלעפּט, און מיר זייגען זיך רויק פונאנדערגעגאנגען צו זיך אין די צימערן.

*
* *

ווען איך בין אַף מאָרגן אינדערפרי אויפגעשטאנען און זיך גע־לאָזט גיין פון מיין צימער מיט פאריסענע אויגן צום ליכטיקן הימל ארויף, א פארטראכטער, האָט מיר א פרויען-שטימע אויפגעוועקט פון מיינע מחשבות:

— אזוי שפּעט שטייט איר אויף? און איך האָב זיך שוין לאנג בא־וויזן צו באָדן! —

איך האָב זיך ארומגעקוקט. פאר מיר איז געשטאנען די „פּאָלאַ־קאַ". איך בין געבליבן שטיין איבערראשט. איר שטימע האָט דאָס מאָל געקלונגען מילדער ווי תמיד.

די דאָזיקע פּאָר ווערטער זיינען נאָר געווען ווי אַן הקדמה, ווי א פּעדימל, אַף וועלכן צו פארציען דעם ריכטיקן געשפּרעך. קאָנטיק, אז א גאנצע נאכט האָט איר געעקבערט און נישט געלאָזט רוען דער געדאנק, וואָס קיינער האָט איר נישט אָפּגעלייקנט, אָדער דערווידערט, ווען זי האָט געזאָגט, אז זי איז אַלט 55 יאָר.

עס איז איר אפשר אזוי נישט געגאנגען אין דעם, וואָס זי זעט אויס אזוי אַלט, ווי אין דעם, וואָס זי קען פאר אבי וועמען נישט אויפ־קלערן, פארוואָס זי זעט אזוי אויס. זי וועט דאָך פאר א ליאָדע איינעם, וואָס וועט איר ניט פארשטיין, ניט אָפּבינדן אירע ווונדן.

פאר מיר האָט זי זיך אָבער יאָ פארטרויט.

פריער ווי אַלץ איז זי איבערגעגאנגען אַף יידיש:

— נעכטן, ווען איך האב אייך געזאגט, אז איך בין אלט 55 יאר, האט איר מיר געגלויבט — האט זי צו מיר געטייטלט מיט איר „קאר־נעט" (פאליציי־צייגעניש) אין האנט —

— נאט זעט! איך בין אינגאנצן 33 יאר אלט!

דער ציפער 1915, דאס יאר, וואס זי איז געבוירן געווארן, האט זיך ווי א פייער צעצונדן אנטקעגן דער זון, און האט אפגעבריט מיין פנים מיט חרפה, פונקט ווי איך וואלט געווען שולדיק אין דעם שווערן לעבן, וואס די „פאלאקא" האט דורכגעמאכט.

און אף שנעל האט מיר די „פאלאקא" דערציילט איר לעבנס־געשיכטע:

רייכע עלטערן. אן איינייניקע טאכטער. געשטודירט הומאניסטיק און פעדאגאגיק. ביז 17 יאר האט זי איר פאטער אין שול באגלייט. נאכדעם האט זי איר געליבטער און שפעטערדיקער מאן באגלייט.

און צום סוף איז זי אליין געגאנגען...

דריי יאר געשקלאפט אין געטא. אליין אין אשוויענטשים געגאנגען, אליין אין די וועלדער און גריבער זיך געוואלגערט און אליין די ליבטיקע שיין דערזען... דער מאן איז אין געטא געפאלן, דאס טעכטערל פארברענט.

„איצט איז שוין גוט" — זאגט זי צו מיר — „איצט זע איך שוין אוים מיט מענטשן גלייך, אבער ווען די רוסן האבן מיר באפרייט, האב איך ווי א זקנה אויסגעזען. באבושקא (באבע) האבן זיי מיר גערופן, ווען זיי האבן מיר פון א גרוב ארויסגעצויגן".

„וואס זאל איך אייך פריער דערציילן" — האט זי צו מיר געטענהט, און איבערייסנדיק איין געשיכטע דערציילט א צווייטע.

זי האט מיר דערציילט, וויאזוי א דייטש האט, רייסנדיק די היי פון דעם סטויג, אונטער וועלכן זי איז געלעגן באהאלטן, אויך געריסן די האר פון איר קאפ, וויאזוי א גאנץ שטעטל איז אוועק מיטן פייער, אויסער די כאדאבע פון דעם גוי, בא וועמען זי איז געלעגן באהאלטן אין א גרוב, ווי אזוי זי האט פון דער ערד צוריק אויפגעגראבן די פארפוילטע קארטאפל, וואס זי אליין האט אפן באפעל פון די דייטשן באגראבן און באגאסן מיט קלארא, כדי צו שטילן דעם הונגער, וויאזוי מען האט איר איבערגעוואלט מיט קלעפ באנאכט ארויסגעווארפן פון א

בלאָק, ווייל עס האָט פּינקטלעך געמוזט שטימען דער צאָל פון זיינע איינוווינער און אויף מאָרגן זיינען אַלע פון דעם דאָזיקן בלאָק פאַרברענט געוואָרן.

זי האָט מיר דערציילט און דערציילט...

אַז זי האָט דערציילט, האָט זי עס געטאָן מיט אימפּעט, גיך, גיך. האָט דערביי נישט אַרויסגעלאָזן קיין איין טרער. נאָר ווען איך האָב איר גענומען עפּעס דערציילן פון דעם לעבן פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן, וואָס איך האָב ערגעץ געלייענט, האָבן אירע אויגן גענומען רעגענען מיט טרערן און האָבן ריין אַנטקעגן דער זון געגלאַנצט.

דערביי האָב איך באַמערקט, אַז איין שוואַרצאַפּל פון אויג איז בײַ איר גרעסער פון דעם אַנדערן.

ווען איך האָב דאָס איר באַמערקט, האָב איך געזען, אַז מיין אויפמערקזאַמקייט צו איר האָט איר געשמייכלט, אָבער איך האָב זיך אויך דערוווּסט די געשיכטע פון איר שוואַרצאַפּל, א געשיכטע, וואָס פאַרדינט מען זאָל איר באַזונדער דערציילן.

אַוועק פון דער „פּאַלאַקאַ" בין איך מיט ליבע צו איר ווי צו א קינד און מיט דרך-ארץ נישט ווי צו א פרוי פון 55 יאָר, נאָר ווי צו א מענטשן, וואָס איז אַלט 1000 יאָר, וואָס איז אַלט אַן אייביקייט, ווי צו א מענטשן, וואָס האָט באַזיגט דעם מלאך-המות און האָט נישט מער קיין באַגריף וואָס דאָס איז אַזוינס טויט...

.1949

און קיין ברויט האָט זי שוין קיינמאָל מער ניט געגעסן

ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, איז עלאַ אַלט געווען 16 יאָר. זי איז געווען אַ קליין-געוויקסיקע, האָט זיך אָקאָרשט פון דער ערד אויפגעהויבן און ערשט גענומען שפּראָצן. איר קערפּער איז יעדן טאָג אָנגעגאָסן געוואָרן מיט נייער יוגנט-רייפקייט. דאָס פּנים האָט זיך מיט פערזענלעכקייט געשטאַלטיקט און בליענדיק געראָזט. איר חן-פּינטל אויפן באַק האָט מיט באַזונדערער גלאַנציקער שוואַרצקייט געשימערירט, כדי בעסער צו באַווייזן די אַלבאַסטער-קלאָרקייט פון איר געזיכט. עס האָט איר געצויגן צום וואַקסן אַרויף, אַרויף, העכער, העכער... און דאָ אינמיטן, אומגעריכט, האָט דאָס לעבן, די וועלט, נישט פרעגנדיק באַ איר, זי צו דער ערד גענומען בייגן, אין דער ערד אַריין געטריבן.

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ צו דער ערד, פון בזיון און דעם יאָך דעם שווערן, איז זי געגאַנגען אין שפּאַן פון וואָגן צוזאַמען מיט איר פּאָטער. זיי האָבן אין דעם וואָגן געפירט זאַמד אין דער געטאָ, כדי צו פאַרדינען עפּעס אַף אונטערצוהאַלטן די נשמה.

אַז זי האָט געשפּרייזט באַ דער זייט פון איר פּאָטער דעם גבר, איינגעשפּאַנט אין אַ דיקער שטריק, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום וואָגן, האָט זי אויסגעזען ווי אַ יונג לאָשעקל, וועמען מען געוווינט צו צום יאָך און ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס.

לאַנג האָט אָבער עלאַ נישט געקענט בלייבן נאָענט לעבן איריקע, אפילו נישט אין שפּאַן, אפילו נישט אונטערן יאָך.

ווי אַ שטורעמווינט מיט אַן אָפּגעבראָכענעם צווייגל פון בוים, אַזוי האָט זיך דאָס לעבן מיט עלאַן געשפּילט.

יאָ, אָפּטמאָל האָט זיך טאַקע עלאַ געשפּירט איינזאַם, אַליין, ווי אַן אָפּגעבראָכענער צווייג פון שטאַם, וואָס איז פאַרמשפּט צו פאַרלאָרנקייט און אומקום.

דאָס ערשטע איז פון איר אָפּגעריסן געוואָרן דער שטאַרקסטער פון איר משפּחה, דער פאָטער. ער האָט פון זיך געקענט אַרויסברענגען אַ שלל מיט ענערגיע און כח, אָבער ער האָט אויך געדאַרפט האָבן מיט וואָס צו שפּייזן דעם שטאַרקן גוף זיינעם. ער, איר פאָטער, איז געווען דער ערשטער פון איר פאַמיליע, וואָס איז געפאַלן פון הונגער.

איר מוטער, אירע ברידער האָט דער טויט פון פאַרשיידענע ערדן צו זיך געבראַכט צו שלעפּן.

און זי, עלא, האָט זיך איינגעעקשנט: זי וויל ניט שטאַרבן!

זי האָט אין איר קליינעם גוף איצט געטראָגן נישט נאָר איר חיות, דאָס צוקונפטיקע לעבן פון אַ מענטשן און פון דורות, נאָר אויך דאָס לעבן פון אירע געליבטע, פון איר פאָטער און מוטער, פון אירע ברידער און פריינט...

כל-זמן זי לעבט נאָך, האָט זי געטראַכט, לעבן זיי דאָך אויך, זאָל כאָטש זיין אין איר זכרון, אָבער מיט איר טויט וועט אָפּגעמעקט ווערן דאָס געדעכעניש פון איר גאַנצער משפּחה, פון איר שטאַם.

דאָס איז געווען דער שטאַרקסטער כח, וואָס האָט אויפגעהאַלטן און געגנערט דעם שוואַכן גוף פון דער קליינער עלאן.

עלא איז געוואָרפן געוואָרן פון איין לאַגער צו דעם אַנדערן ווי אַ וואָגלדיקע געטריבענע חיה און איז קיינמאָל פון דער ריי ניט אַרויסגעפאַלן. דעם הונגער, דעם פּיין, די שמיץ און בזיונות האָט זי אַנטקעגן געשריען:

— „איך וויל לעבן! איך מוז לעבן! איך דאַרף לעבן!"

דאָס ערגסטע פאַר עלאן איז געווען בערגען-בעלזען.

ווען אין די אַנדערע לאַגערן האָט דער טויט גלייך זיינע קרבנות אַריינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס און זיי פאַרצערט, האָט זיך דער מלאך-המות אין בערגען-בעלזען פאַרטייעט הינטער זיי און געלעקט פון זיי דאָס חיות ביסלעכווייז, טראָפּנסווייז...

**
*

שווערע טעג און נעכט זיינען אָנגעקומען פאַר די בערגען-בעלזען-לאַגערניקעס.

אין דער לופט הענגט שוין די מפּלה איבער היטלערן און זיינע חילות. דאָס דייטשישע מיליטער איז צוזאַמענגעבראָכן.

אין לאַגער פון בערגען-בעלזען ליגן אָבער מענטשן פאַרחלושטע, פאַרשמאַכטע, דורשטיקע און הונגעריקע. שוין עטלעכע טעג, אַז מען טרייבט זיי אפילו ניט צום „אַפּעל". אָבער קיין וואַסער און ברויט ברענגט מען אויך נישט.

דער טויט וואַרט נישט. ער האָט קיין געדולד נישט. ער האָט קיין צייט נישט. ער מוז אַריינכאַפּן וואָס ער קען נאָר, איידער דער טאָג פון באַפרייונג קומט אָן. ער שניידט דערווייל די מענטשלעכע לעבנס ווי מיט אַ קאָסע.

עלאַ ליגט צווישן די פאַרחלושטע. זי האָט לענגער אויסגעהאַלטן. זי האָט שטענדיק שטיקלעך לעבן אַף שפּעטער אָפּגעשפּאָרט. זי האָט אַלעמאָל ערגעץ־וווּ אַרום איר אויסגעדאַרטן, ביינערדיקן גוף פאַרשטעקט אַ שטיקל ברויט, אַ סקאָרינקע. זי האָט זיך נישט ווי אַנדערע „פרעסער" צוגעכאַפּט צו איר פּאָרציע ברויט און זי מיטאַמאָל אויפגעגעסן, נאָר געגאַנגט דערפון צו פּיצעלעך, ווען דאָס חלשות פלעגט איר אָנפאַלן.

לעבן איר ליגט די חברטע אירע ביאַנקאַ. ביאַנקאַ איז פאַר עלאַן געווען דאָס איינציקע וואָס זי האָט פאַרמאָגט. איין גורל האָט זיי צוזאַמענגעטריבן און נישט אָפּגעשיידט גאַנצע פיר יאָר.

פון צוויי טויזנט יידישע מיידלעך, וואָס זיינען פון לאָדזשער געטאָ אַרויס, זיינען אין בערגען-בעלזען נאָר צוויי פאַרבליבן — עלאַ און ביאַנקאַ.

און כאָטש ביאַנקאַ איז מיט גאַנצע צוויי יאָר עלטער געווען פון עלאַן, איז זי, עלאַ, געווען דער אָנשפּאַר פאַר ביאַנקאַן.

— „זע ביאַנקאַ טייערע, ליבינקע, האַלט זיך, לאָז זיך נישט אָפּ! מיר מוזן לעבן, מיר דאַרפן לעבן, מיר וועלן לעבן!" — האָט זי צו איר געשריען און געוואַלט אַריבערשרייען דאָס פּויקן אין די שלייפן בא ביאַנקאַן און באַ איר.

***

און אָט איז דער געגאַרטער און געחלומטער טאָג געקומען. דער געחלומטער און נישט אויסגעחלומטער. ווייל קיינער האָט זיך אים ניט

געקענט פֿאָרשטעלן ווי ער וועט אויסזען, אַז דער דאָזיקער גרויסער טאָג, דער טאָג פֿון באַפֿרייונג.

א פֿאַרנעפּלטער איז ער געשוווּמען, דער דאָזיקער טאָג, אין דער פֿאַנטאַזיע פֿון די געפּייניקטע לאַגערניקעס, א פֿאַרהוילענער אונטער די דיקע וואָלקנס פֿון יאוש און פֿאַרצווייפֿלונג. צוויי טויזנט מאָל האָבן זיי אַף אים, אומגעדולדיקע, געוואַרט, און ער איז נישט געקומען. און אַז ער איז שוין איצט יאָ געקומען, אַט דער דאָזיקער אויסגעבענקטער טאָג, האָט קיינער זיין בשורה נישט אָנגעזאָגט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן א טאָג ווי אַלע טעג אין לאַגער. דער פֿרימאָרגן האָט זיך אויסגעשיילט פֿון דער נאַכט-פֿינצטערניש און איז געוועקט געוואָרן פֿון די קרעכצן און ווייען, פֿון די פֿאַרחלושטע און גוססדיקע.

מיט איין קליינער ענדערונג האָט זיך נאָר דער היינטיקער טאָג אין לאַגער אַריינגעכאַפּט. ער איז נישט דורכגעגאַנגען די נאַצי-וואַך...

די ערשטע האָבן דאָס באַמערקט די שטאַרקערע לאַגערניקעס, די, וואָס האָבן נאָך כח געהאַט אַף די פֿיס צו שטיין.

ווען זיי האָבן דערזען, אַז בא דער טיר פֿעלט די וואַך, האָבן זיי מיט גרויס פֿאָרזיכטיקייט פֿריער דעם קאָפּ פֿון דער טיר אַרויסגעשטעקט, נאָכדעם האָבן זיי פּאַוואָלינקע א פֿוס אַף יענער זייט אַרויסגעשטעלט, נאָכדעם א צווייטן און — אָ, גאָט! וואָס פֿאַר א וווּנדער! די זון שיינט דאָך ווי אַלע מאָל, ווי פֿאַראַיאָרן, ווי פֿאַר צוויי יאָרן, ווי פֿאַר צען יאָרן. נאָר זעט וואָס פֿאַר א נס! איר פּנים ווערט איצט נישט פֿאַרשטעלט, ווערט נישט פֿאַרטונקלט דורך די דייטשישע פּרצופֿים ווי זי איז דאָס יאָרן געווען... זייער ביסל פֿאַרבליבענע בלוט ווערט מער נישט געזויגן דורך די שטעכיקע אויגן זייערע.

די דאָזיקע געזונטע לאַגערניקעס האָבן נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז דאָס איז ער טאַקע, דער טאָג, דער גרויסער טאָג, וואָס אין אים איז קאָנצענטרירט געווען זייער ביזהיינטיקע לעבן און דאָס לעבן פֿון זייערע ווייטערדיקע טעג אַף דער ערד. קען דאָס זיין? איז דאָס ווירקלעך, אַז מיט אַזעלכע שטילע טריט קומט ער אָן דער געהאָפֿטער טאָג? קיין וועלטן קערן זיך גאָרנישט איבער? אפֿשר איז דאָס אינגאַנצן א חלום? א זיסער ליבער חלום, פֿאַר וועלכן זיי וועלן טייער און בלוטיק באַצאָלן?

זיי האָבן ביסלעכווייז דערשלייכט מיט זייערע שווערע פֿיס צום

פארקאן פון לאגער, צום טויער. קיינער טשעפּעט זיי נישט! זיי זיינען פריי! פריי! געראטעוועט! מען זעט איבער די גאסן אמעריקאנער טאנקען און סאלדאטן.

זיי לויפן אין לאגער אנזאגן די בשורה, די פארחלושטע ברידער און שוועסטער זייערע. די האלב־טויטע און פארשמאכטע גלויבן זיי נישט. אזוי פיל מאל האט ער אפּגענארט, דער דאזיקער טאג. קען דאס זיין, אז דאס מאל איז ער טאקע געקומען?!

עלאס א שכנה וועקט זי פון פארחלושטקייט: עלא, עלא! שטיי אויף! שטיי אויף! מיר זיינען פריי!

„גיי שוין, גיי! עס איז א ליגן! עס קען ניט זיין!" — שעפּטשעט קוים ארויס עלא — „עס קען ניט זיין!" און פאלט ווידער אריין אין אומאכט. אבער די שכנה אירע הערט זי נישט אויף צו מינטערן, טאר־קען און וועקן: „ס'איז אן אמת! ס'איז אן אמת! ס'איז אן אמת!"

עלא וויל אויפשטיין, קען זי נישט. אבער, אז זי זעט, ווי אלע אין לאגער באוועגט זיך, הייבט זי אן צו קריכן, צו פויזען אף אלע פיר. זי דערקריכט אזוי קוים־קוים ביז צו דער טיר. בא דער טיר בלייבט זי ווי־דער ליגן א פארחלושטע. פון יענער זייט שוועל ווינקט צו איר אריין די זון. א פרילינג־ווינטעלע טשוכעט איר, מינטערט זי: „עלא, עלא, האלט זיך! דו מוזט לעבן! דו דארפסט לעבן! דו וועסט לעבן! דו האסט דאך אף דעם דאזיקן טאג אזוי געוואַרט. האלט זיך, עלא! האלט זיך!"

עלא קלייבט צונויף די לעצטע כחות אירע. מיטביידע הענט נעמט זי ארום די קני פון איין פוס אירן און שטופּט אים ארויס אף יע־נער זייט שוועל. נאכדעם טוט זי אזוי מיט דעם אנדערן און פאלט צו צו דער אנגעווארעמטער ערד, טוליעט זיך לאנג צו איר, דרייט זיך ווי א שלאנג פון ליבע צו דער מוטער־ערד, גלעט זי, קושט זי און באזאפּ־טיקט איר מיט אירע הייסע מיידל־טרערן...

זי ליגט אזוי א ווײלע און ווערט געוועקט פון א זיסן געטלעכן גע־זאנג. דורך א הויך־רײדער הערט זי דעם קול פון אן אמעריקאנער. ער רעדט צו די לאגערניקעס: „האלט זיך, געפאנגענע", — שרייט ער — „אייער לעבן איז געראטעוועט! מיר קומען צו אייך מיט ברויט און וואַ־סער!"

ב־רוי־ויט, וואס־ס־סער! וואס־ס־סער, ב־רוי־ויט! א! וואס פאר א

זיסע ווערטער דאָס זיינען! וואָס פאַר אַ געטלעכע מוזיק! וואָס פאַר אַ שיינער חלום!

ברויט, וואַסער, ברויט, וואַסער! זאָג דאָס נאָכאַמאָל, ליבער, טייע־רער אומבאַקאַנטער! ברויט, וואַסער, ברויט!

פּלוצלינג האָט זיך עלאַ אַ כאַפּ געטאָן, געשמיסן פון דעם פאַרוואורף, פאַרוואָס זי טיילט נישט דאָס גרויסע גליק מיט איר איינייגציקער ביאַנקאַן. זי האָט אויפגעקליבן אירע לעצטע כחות און אַ געשטאַרקטע פון דער ליכטיקער בשורה, וואָס זי האָט אין זיך געטראָגן, האָט זי זיך געלאָזט צו איר חברטע.

***

אונטער אַ בינטל שמאַטעס איז געלעגן דער זכר פון דער צאַרטער ביאַנקאַן. פון האַלדז און ווייטער האָט זיך אַרויסגעזען איר אויסגעפּיי־ניקטער פּנים. פון אונטער איר סקעלעטן־שטערן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ דעכל איבער אַ חרובן שטיבל, האָט אַרויסגעלויכטן דער לעצטער פונקען־פייער פון אירע זיך אויסלעשנדיקע אויגן־לאַמטערנעס.

ביאַנקאַס אויגן האָבן אַרויסגעבליקט צו דער וועלט מיטן לעצטן סך־הכל, וואָס זי האָט אונטערגעפירט צווישן זיך און דעם לעבן...

ביאַנקאַן האָט שוין כח פאַרפעלט אויפצושטיין אַנטקעגן אים, דעם באַפרייונגס־טאָג, וואָס איז געקומען.

ווען עלאַ האָט ביאַנקאַס אויער געצערטלט מיט דער שעפּטשענדי־קער בשורה פון ברויט און וואַסער, האָט זי פון אירע ליפּן, וואָס האָבן געשמייכלט מיט ווירדיקן בטול, שאַרף אַרויסגעבראַכט: „איך וועל שוין קיין ברויט נישט עסן, איך וועל שוין קיין ברויט קיינמאָל מער נישט עסן!"

***

דאָס ערשטע, וואָס מען האָט אין לאַגער געבראַכט, איז געווען וואַ־סער. פולע קעסלען מיט וואַסער זיינען געשטאַנען אינמיטן דער געביידע. מען האָט געקאָנט נישט נאָר טרינקען דאָס וואַסער, נאָר אויך אָפּ־

פרישן דאָס פּנים מיט אים, זיך אַרומוואַשן און הערן דעם פּליעסק זיי־נעם, פילן אים צווישן די פינגער...

די פּאַרזיכטיקע האָבן זיך צום וואַסער מיטאַמאָל נישט צוגעכאַפּט. פריער די ליפּן באַנעצט, נאָכדעם אים טראָפּנסווייז געשלוקט.

ביאַנקאַ האָט זיך אָבער נישט געקענט באַהערשן. זי האָט זיך צום וואַסער צוגעכאַפּט מיט דער בענקעניש צו דעם לעצטן פאַרגעניגן, פון וועלכן זי האָט נאָך אין איר לעבן געקענט געניסן...

זי האָט מיטן וואַסער געוואָלט דערשטיקן דעם בראַנד, וואָס האָט געשרפהט אין אירע גדערים.

אומזיסט איז געווען עלאָס קלאַמערן זיך אָן איר, איר בעטן: „הער אויף, גזלן, הער אויף, ביאַנקאַ, טרינק נישט אַזוי פיל!"

ביאַנקאַ האָט באַ די אַרומיקע דאָס וואַסער געבעטלט מיט אירע מאַ־נענדיקע אויגן, מיט אירע פאַרשמאַכטע ליפּן, און מיט אירע לעצטע קו־לות.

ביאַנקאַ האָט דאָס וואַסער געטרונקען, געטרונקען און זי האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו ברענען, ביז אירע לעצטע טראָפּנס בלוט זיינען פון פייער פאַרצערט געוואָרן.

***

די ערשטע נאַכט פון דער באַפרייונג זיינען די לאַגערניקעס איינ־געשלאָפן מיט דער זיסער האָפענונג פון ברויט, מיט זיין טעם אויף די ליפּן.

אַנדערע האָבן פון שלאָף געשמאַק געקייט און באַלעקט די ליפּן.

און ווירקלעך, אין צווייטן טאָג פון דער באַפרייונג זיינען די לאַ־גערניקעס געוועקט געוואָרן פון דעם זינגענדיק־סקריפּענדיקן גערויש פון די געפלאָכטענע קוישן, וואָס האָבן זיך פול־אָנגעפּאַקטע געוויגט אויף די אַקסלען פון געזונטע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן.

עלאַ האָט דערוואַכט און איז געלאָפן כאַפּן צוויי ברויטן, איינעם פאַר איר און דעם צווייטן פאַר איר חברטע.

זי איז געלאָפן מיט פרייד און נצחון צו איר ביאַנקאַן.

— „ביאַנקאַ, ברויט, ברויט!" — האָט זי איר אַריינגעזונגען אין אויער.

אָבער ביאַנקאַ האָט זי נישט געהערט. אירע אויגן האָבן זי מער נישט באַגריסט. און אירע ליפּן זיינען פאַרשלאָסן געווען אין אַן אויסגע-קרימטן צייכן, וואָס האָט געפרעגט און געמאָנט: פאַרוואָס, פאַרוואָס, פאַרוואָס?!!!!

עלאַ האָט שוין פיר יאָר נישט געוויינט, אין קאָנצענטראַציע־לאַגער וויינט מען נישט.

נאָר דאָס מאָל האָט זי זיך יאָמערלעך צעשריען:

— „ביאַנקאַ, טייערע מיינע, ביאַנקאַ, ליבינקע, וועסט שוין קיינ־מאָל מער קיין ברויט נישט עסן! קיינמאָל נישט! קיינמאָל נישט!"

.1948

צווייטער טייל

רייזע־פאַרצייכענונגען

א

טשילע

די יידן פון קונקאָ

טיף, טיף אין ווייטן דרום פון דעם ווייטן, ווייטן טשילע, בא די טויזנט קילאָמעטער פון סאַנטיאַגאָ ליגט דאָס שטעטעלע פריירע.

רחבותדיק־ברייט זיינען די גאַסן פון פריירע, און עניוותדיק־קליין שטייען איבער זיי די הייזלעך צעשטעלט.

ליגט די זון א גאַנצן טאָג צעלייגט איבער דער גאַנצער ברייט פון דער פריירער גאַס. נישטאָ קיין ברעקל שאָטן וואָס זאָל איר פאַרשטעלן. בראָט זי און סמאַליעט אַף וואָס די וועלט שטייט. זעט מען קיין לעבע־דיקן נפש ניט אָן פאַר די אויגן אַף די גאַסן פון פריירע. אַלע באַהאַלטן זיך אויס אין זייערע שטיבלעך און ביידלעך פאַר דער היץ וואָס אין דרויסן.

ליגט זיך פריירע אַזוי רויִק און שטיל, ווי א קליין יידיש שטעט־טעלע שבת נאָכן טשאָלנט.

נאָר יעדן פאַרנאַכט, ווען די זון הייבט זיך אָן אַף אַהינטערוויילעכס צו פאַרוקן אַהינטער די בערג, ווערט איר רו געשטערט...

סאָפּענדיק און פּיכענדיק, מיט רעש און רוגזא, מיט דער רוגזא פון אַן אמתן גזלן, לויפט אַלע פאַרנאַכט אָן אַהער די שטאָלענע חיה — דער באַן.

זי שטעלט זיך אָפּ אַף א ווײַלע, וואַרפט אַרויס פון איר לאַנגן עק עטלעכע פאַרשוין, מיט זייערע זעקלעך און פעקלעך, כאַפּט אַף שנעל א שלוק וואַסער, אָטעמט שטאַרק אָפּ און לויפט ווייטער. זי אָטעמט אָבער אַזוי שטאַרק און הילכיק אָפּ, אַז זי רודערט דערמיט אויף דאָס גאַנצע שטעטל.

אין די הייזלעך הייבט זיך אָן צו רודערן. פון די שטיבלעך הייבן אָן אַרויסצוקריכן מענטשן מיט זייערע קלומעקלעך און פעקלעך און לאָזן זיך גיך לויפן צום קליין־באַן, וועלכער נעמט זיי צונויף צוזאַמען מיט די

נאָר-וואָס אָנגעקומענע און פירט זיי אַלעמען איינעם אוועק צו די וועגן, וועלכע פירן צו די אוראַלטע וועלדער, מיט וועלכע זיי פירן אָן אַ האַרט־נעקיקן קאַמף, באַזיגן זיי און פאַרוואַנדלען זיי אין ליכטיקע העל-באַזונטע פעלדער.

זעלטן, זעלטן זעט איר אין טשילע אַזעלכע ברייטע פעלדער, אַזאַ ברייטן האָריזאָנט ווי דאָ. אייער אויג ווערט מיטאַמאָל באַפרייט פון דעם געבערג-צוים, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע טשילענער טעריטאָריע. וווּ־ניט-ווו סטאַרטשעט דאָ נאָך פונדעסטוועגן אַרויס אַ רינגעלע פון די טשי־לענער קייטן־בערג — די קאָרדיללערן.

די ערד, וואָס איז דאָ טויזנטער יאָרן געשטאַנען אַ טונקל-באַאָדער־טע און האָריקע, שטייט איצט אַ נאַקעטע אונטער דעם העלן שטרויען־קאָליר פון די אָפּגעשניטענע זאַנגען.

די פעלדער ליגן נאָך דאָ אָבער איינגעהילט אין זייער פרימיטיווער שטילקייט. די קי און קעלבער צעלויפן זיך אין דער טיף פון די וועלדער, דערשפּירנדיק דעם אָנקום פון באַן, ווי זיי וואָלטן די גרעסטע סכנה דער־פילט, ניט קוקנדיק וואָס דער באַן גייט דאָ יעדן טאָג אַדורך.

וואָס טיפער מיר פאָרן אַריין אין די געוועזענע וועלדער, אַלץ מער שטויסן מיר זיך אָן אָן דעם קאַמף, וואָס די מענטשן האָבן פאַרפירט מיט דער נאַטור. די אָקאָרשט געוועזענע וועלדער זעען אויס ווי אמתע שלאַכט־פעלדער.

ביימער ליגן דאָ אויסגעצויגן ווי די הרוגים. אַנדערע ביימער שטייען מיט אַרומגעסמאַליעטע צווייגן און קאָרע ווי פאַרליטענע, אויסגעדאַר־טע זקנים, וואָס האָבן אַלץ שוין דורכגעמאַכט אין זייערע יאָרן און דאָך געבליבן לעבן...

בכלל זעט אויס דער וואַלד ווי נאָך אַ פּאָגראָם, בעת וועמען מען האָט אוועקגערויבט זיין גאַנץ פאַרמעגן, די יונגע ביימער זיינען די צווייגן און די בלעטער.

אין אַנדערע ערטער זעט עס אויס האָט דער מענטש דעם קאַמף פאַרלוירן. ער האָט זיך פאַר מידקייט, אונטערגעגעבן, און געלאָזט שטיין אַ שטיק וואַלד אומבאַרירט.

אפשר האָט ער עס נאָר אויף אַ ווייַלע געטאָן דעם אָטעם איבערצו-

כאפן, אדער אפשר האט ער עס בכיוון געטאן זיך א זכר פון וואלד געלאזן.

די דאזיקע שטיקער איבערגעבליבענע וועלדער זיינען זייער געדיכטע. די ביימער שטייען דארט נאענט, נאענט צוגעטוליעט איינער צו דעם אנדערן און ווי פאר שרעק פארגליווערטע.

עס זעט אוים ווי זיי וואלטן, צוזעענדיק, וואס מיט זייערע שכנים האט פאסירט, זיך איינער צו דעם אנדערן אזוי שטארק צוגעפרעסט און צוגעטוליעט, אז קיינער וועט זיי שוין קיינמאל, קיינמאל נישט פונאנדערנעמען, און אז אזוי וועלן זיי שוין מוזן פארבלייבן שטיין, אף אייביק, אייביק.

אונדזער באן, הייבט אן דורכצורייסן די געדיכטע רויך־וואלקנס, און פאר די אויגן אונדזערע שיילט זיך ארוים דאס שטעטעלע קונקא מיט די ביז צו דער ערד געבויגענע שטיבעלעך.

אט דאס דאזיקע צוויי זילביקע אינדישע ווארט קונקא איז דאס דער ערשטער פאדים, פון וועלכן עס האט זיך דא פארוועבט און פארבונדן די לעגענדע פון א ניי־אנטדעקטן יידישן שבט אין טשילע.

ווער האט עס אנטדעקט אט דעם נייעם יידישן שבט, וואס געפינט זיך אין די טיפע אוראלטע וועלדער, צווישן די אינדיער, אין דעם וויטן דרום?

קיינער האט אים אייגנטלעך נישט אנטדעקט. פארקערט, זיי, די קונקער יידן, האבן אונדז, די אמתע יידן, אזוי צו זאגן, אנטדעקט.

די, וואס קענען די געשיכטע פון אונדזער יונגן יידישן ישוב, ווייסן, אז מיט אן ערך פופצן, זעכצן יאר צוריק האט זיך א טשילענער דעלעגאציע פון זיד־געגנט געווענדט צו דעם דעמאלסטדיקן ציוניסטישן לאנד־קאנגרעס, מען זאל איר אויפנעמען.

און ווי דערשטוינט דער דעמאלסדיקער קאנגרעס איז געווארן, דערהערנדיק פון די טשילענער, אז זיי זיינען יידן און דערצו נאך ציוניסטן.

גערעדט האבן זיי וועגן יידן און ארץ־ישראל מיט נביאישן פייער און עקסטאז. פון דעמאלט אן איז שוין יעדער היגער ציוניסטישער לאנד־קאנגרעס פארטראטן מיט אט־די דאזיקע יידן פון קונקא. און א חוץ דעם, וואס זיי זיינען פארטראטן אין די ציוניסטישע קאנגרעסן, זיינען

זיי די בעסטע שוקלים־ותורמים און די דיסציפלינירטסטע ציוניסטן פון טשילע.

ווער זיינען זיי אָט די דאָזיקע קונקער יידן? צי זיינען זיי טאַקע אמתע יידן, מזרע אברהם, יצחק ויעקב? ווי אַזוי געפינען זיי זיך אין קונקאָ? וועלכע זיינען זייערע מנהגים? אויף די און אַנדערע פראַגעס וועל איך נישט ענטפערן, נאָר דערציילן. (ווייל איך וויל, אויף זיך נישט נעמען די אחריות צו זיין אַ פּוסק אין אַזאַ ענין).

אַלזאָ אָנגעקומען קיין קונקאָ בין איך ווי אַ פרומער ערלעכער ייד ערב־שבת פאַר שקיעת־חמה. איך האָב געוואָלט זען, ווי די קונקער יידן זיינען מקבל־שבת.

אַן אינטריגירטער און נייגעריק־אויפגערעגטער צו טרעפן דאָ, אין דעם טיפן דרום פון דעם וויטן טשילע, יידן, וועלכע האַלטן זיך אויף לויט מיין השערה נאָך הונדערטער יאָרן אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט, האָב איך, קוים אַראָפּשטעלנדיק מיינע פעקלעך אין ערשטן האָטעל, זיך געלאָזט זיי זוכן.

נאָכגעפרעגט אויף זיי האָב איך זיך בײַ דעם ערשטן צוועלף־יעריקן יינגל, וואָס איך האָב אויף דער גאַס געטראָפן. צי ווייס ער ניט, האָב איך אים געפרעגט, וווּ עס געפינט זיך דער טעמפל פון די, וואָס היטן אָפּ שבת?

דער יינגל האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ זייטיקן געסל. איך האָב מיך אַהין געלאָזן. קומענדיק צום סוף געסל, וווהין עס האָבן שוין אַריינגעוונקען פון הינטערן שטאָט די גרינע ביימער, האָב איך דערזען איבערן טויערל פון אַן איינפאַכער הילצערנער שטוב אַ שילד מיט אַ גרויסן מגן־דוד אינדערמיט.

דער מגן־דוד איז געווען האַלב־קיילעכדיק, אַרומגענומען פון אויבן און פון אונטן מיט די ווערטער „איגלעסיא איזראַעליטאַ״, וואָס אויף יידיש זאָל עס באַדייטן יידישער קלויסטער.

דאָס שילד איז געווען אַזוי קאָמבינירט, אַז די ערשטע „אי״ האָט געניצט סיי פאַר דאָס וואָרט „איגלעסיא״, ווי אויך פאַר „איזראַעליטאַ״.

דאָס גלייכן האָט די לעצטע „א״ אויך געדינט פאַר דער פאַרענדיקונג פון די ביידע אָנגעוויזענע ווערטער.

איך האָב מיך מיט אַ כיוון אָפּגעשטעלט געניו אַף דעם אויסער־לעכן אויסזען פון שילד און אַף דער קאָמבינאַציע פון דער „אי״ מיט דער „א״, ווייל ווער ווייסט צי הייסט נישט אַמאָל דאָס געבעט־הויז פון די קונקער ייִדן דוקא מיט דעם אַזוי קאַטוילישן נאָמען „איגלעסיאַ״, און ניט סינאַגאָגאַ, אָדער „טעמפּל״ לכל הפּחות, ווי עס הייסן דאָ אַפילו די עוואַנגעלישע קירכעס, צוליב דעם „קינסטלערישן״ איינפאַל פון דעם שילדן־מאָלער, וואָס איז זיכער געווען אַן אַמאַטאָר און אפשר טאַקע נאָך אַ „ברודער״ אויך דערצו. (די קונקער ייִדן רופן זיך צווישן זיך „ברודער״ אָדער „שוועסטער״).

דעם דאָזיקן ייִדישן „קלויסטער״ האָב איך געפונען געשלאָסן. באַ אַ צווייטער טיר פון דער זעלבער געביידע זיינען געשטאַנען אַ פּאָר פרויען. ברייטלעך פאַרלייגט די הענט אַפן האַרצן, האָבן זיי געפירט זייער געמיטלעכן בין־השמשותדיקן שמועס.

איך האָב זיך באַ זיי גענומען נאָכפרעגן, ווען עס וועט זיך עפע־נען דער קלויסטער. איינע פון די פרויען האָט מיר אַנשטאָט צו ענט־פערן דורכגעדרונגען מיט די בליקן, און האָט מיך באַלד פאַרבעטן אינע־ווייניק צו איר אין שטוב אַריין.

— דו ביסט אַ ייִד? — האָט זי מיר, אונטערוקנדיק אַ שטול, גע־פרעגט. און איך האָב איר גאַנץ ייִדישלעך אָפּגעפרעגט: „און דו?״

— זיכער — זאָגט זי — און הייבט אָן אַריינצוגיין אין התפּעלות ווי אַזוי זי דערקענט אַ ייִדן אַזש פאַר אַ מייל.

— ווען איך האָב דיר נאָך געזען פון יענעם עק גאַס, האָב איך גלייך דערקאָנט אַן אונדזעריקן, נישט קוקנדיק וואָס עס איז שוין געווען פינצטערלעך.

אין שטיבל איז שוין געווען גאַנץ טונקל. דאָס דיקלעכע פּנים פון מיין מיטשמועסערן האָט זיך מיט גליקזעליקייט און ליבשאַפט צע־שמייכלט, און אירע טונקל־ברוינע אויגן האָבן זיך איבער אים מיט פרייד און פייערלעכקייט צעצונדן...

עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך זיץ דאָ ניט ערגעץ אין אַ פרעמדן וויטן לאַנד, נאָר איך געפין זיך אין אַ היימישן שטעטל, אינעם נידעריקן שטיבעלע פון אַ ליבער גוטער מומען, וועלכע נעמט מיך אַזוי

פריינטלעך אויף, ווי עס האָבן דאָס אַמאָל געקאָנט טאָן אונדזערע מו-מעס...

איך האָב פּאָרזיכטיק גענומען פּאַרנאַנדערפרעגן בײַ דער דאָזיקער פרוי, ווער זיינען די דאָזיקע קונקער ייִדן, פון וואַנען קומען זיי און ווי אַזוי לעבן זיי.

זי האָט מיר אַף אַלץ קלאָר און דייטלעך געענטפערט. איך האָב זיך דערנאָך דערוווּסט, אַז די דאָזיקע פרוי הייסט מאַריאַ דע לאַ כארא, און אַז זי איז איינע פון די „נשים צדקניות" פון קונקאַ. אַ חוץ דעם איז זי אַ גאַנצע למדנטע. (בכלל שטייגן די קונקער ייִדישע פרויען אַרי-בער זייערע מענער אין הלכות לומדות).

ריידן רעדט זי אַ שיינעם שפּאַניש, צוגעווירצט מיט ביבל-מליצה, און דערציילט האָט זי מיר אָט וואָס:

— מיר זיינען ייִדן. פון וואַנען ווייסן מיר עס? דאָס גייט שוין בײַ אונדז איבער אַ מסורה פון דור צו דור. איך האָב פּאַר אַזעלכן געקאָנט מיין טאַטן. — מיין טאַטע האָט געהאַט אַן אמתן אויסזען פון אַ ייִדן: אַ בלייכן פּנים, איינגערוימט אין אַ טונקעלער באָרד. — מיין טאַטע האָט אַזוי געקאָנט זיין טאַטן. איצט אונדזערע מנהגים: ערשטנס היטן מיר שטרענג און פייערלעך אָפּ דעם שבת און יום-כּפּור. אַ חוץ דעם האַלטן מיר פון פּסח, סכּות, ראש-השנה און אַנדערע יום-טובים. מיר זיינען זיך נישט מתחתן מיט קיין גוים א.א.א.

— מיט וועמען זשע האָט איר זיך מתחתן געווען און ווי האָט איר זיך אָפּגעזוכט איינער דעם אַנדערן? ווי לאַנג זענט איר אָרגאַניזירט און ווו געפינט איר זיך, האָב איך איר געפרעגט.

און דאַן האָב איך פון אירע איבעריקע רייד אַרויסגעדרונגען, אַז דאָס אָפּזוכן זיך איינער דעם אַנדערן, דאָס צונויפריידן זיך, איז זיי נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען.

דער קאַטאָליציזם דאָ אין לאַנד איז אַמאָל געווען אַ סך שטאַרקער און שטרענגער ווי איצט. זייערע אורעלטערן, וואָס זיינען אַהער אָנגע-קומען אַלס שפּאַנישע קאָלאָניסטן, זיינען שוין אין שפּאַניע צוגעוווינט געווען זיך נישט אַרויסצוגעבן, ווער זיי זיינען. און דאָ האָבן זיי דאָס אייגענע פּאָרגעזעצט. זיי זיינען געווען, ווי עס ווייזט, פון די מאַראַ-נען. האָבן זיי די ערשטע צייט זייערע דינים און מנהגים אָפּגעהיט און

אָפּגעריכט פאַרבאַרגענערהייט. נאָכדעם, אַז עס איז דאָ געוואָרן אַ בי־סעלע פרייער, עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אַנדערע רעליגיעס אין לאַנד, אַ חוץ דער קאַטױלישער, האָבן זייערע עלטערן אַלץ מער אָפּגע־בער און אָפענער אָנגעהויבן אָפּצוהיטן זייערע מנהגים און דורך דעם האָבן זיי זיך אויך לייכט דערקענט.

דער ארבעט ניט שבת, דער האַלט זיין געשעפט געשלאָסן שבת, דער עסט נישט קיין חזיר, דער היט אָפּ פונקט יום־כפור, — האָט מען געכאַפּט אַ שמועס איינער מיט דעם אַנדערן און מען האָט זיך דער־קענט.

איך האָב זיך פון דער דאָזיקער פרוי דערוווּסט, אַז אחוץ אין קונ־קאָ, געפינען זיך פון דעם זעלבן מין ייִדן אויך אין לאַסטאַריאָ, קוראַ־קאַטין א. א. וו.

אַנדערע פון זיי וווינען אויך דערווייטערט פון די שטעטלעך. זיי פאַרנעמען זיך מיט אַגריקולטור. אָרגאַניזירט זיינען זיי, די דאָזיקע ייִדן, אונטערן נאָמען „היכאָס דע ציון" (בני־ציון) אַן ערך דרייסיק יאָר.

— אָט גייט נאָך אַ ייִד, — זאָגט צו מיר, די יונגע, בלאָנד־שיינע און גראַציעזע ראַקעל, דער באַלעבאָסטעס אַ פּלימעניצע, וועלכע האָט זיך די גאַנצע צייט מערער צוגעהערט ווי באַטייליקט אין אונדזער שמועס, אָנווייזנדיק דורך דער אָפענער טיר, אויף אַ ברייט־ביייניקן, פעסט־געבויטן יונגנמאַן, וועמענס פאַרברוינטער פּנים עס האָט זיך קוים אַרויסגעזען פון אונטער דער ברייטער שטרויענער הוט.

— רופט אים ביטע אַריין, איך וויל זיך מיט אים באַקענען — האָב איך מיך צו ראַקעלן געווענדט, און זי האָט עס העפלעך געטאָן.

דער יונגערמאַן איז אַרייַנגעקומען. מען האָט אונדז פאַרגעשטעלט: סעניאָר פּ., אַ ייִד פון סאַנטיאַגאָ, סעניאָר מאַרטין מארין, אונדזערער אַ ייִד.

לאָזט זיך אויס, אַז דער דאָזיקער סימפּאַטישער און שטאַרק גע־בויטער מאַרטין מארין איז אַ פלאַם־פייערדיקער ייִד און ציוניסט. זיין ייִדישקייט טראָגט ער מיט דעם גרעסטן שטאָלץ און לאָזט נישט אויס קיין איין געלעגנהייט צו פאַרטיידיקן דעם ייִדישן כבוד אין דעם וויטן זידן (הײנט דאַרף מען דאָס שוין אין טשילע אויך). זיינע צוויי טעכ־טערלעך הייסן מיט די עכטע ייִדישע נעמען: יהודית און הדסה. דער

לעצטער האָט ער געוואָלט אַ נאָמען געבן אסתר, נאָר אסתר קלינגט שוין פאַר אים ניט גענוג יִדישלעך, האָט ער איר בעסער הדסה אַ נאָמען געגעבן.,

דער זעלבער מאַרטין מאַרין איז אַ גאַנצער געזעלשאַפטלעכער טוער פון דעם שטעטל קונקאַ. ער איז אויך אַ ספּאָרטסמאַן: אַ פייערלעשער, אַ באָקסירער א. א. וו.

ווען ער טרעט אַרויס אין אַן עפנטלעכן מאַטש, האָט ער מיר דערציילט, איז זיין ספּאָרט־אַנצוג אויסגענייט מיט אַ ווייס-בלויען מגן־דוד.

— „איך שטאָלציר מיט דעם, וואָס איך בין אַ יִיד" — האָט ער מיר פייערלעך געזאָגט.

דערווייל איז צוגעפאַלן די נאַכט. דאָס שטיבל, ווו מיר זיינען געזעסן, איז באַלאַגערט געוואָרן מיט אַלץ געדיכטערע פינצטערע זיילן, ביז עס איז אינגאַנצן פינצטער געוואָרן. דער יונגערמאַן, מאַרטין מאַרין, האָט גענומען אָפּשייד פון אונדז, ווי ער וואָלט זיך געאיילט צוליב עפּעס.

איך האָב גענומען פרעגן מיין מיטשמועסערין, מאַריאַ דע לאַ כאַרא, צי קומען זיך היינט צונויף די קונקער יִדן מקבל־שבת צו זיין, ווייל איך וואָלט גריילעך געוואָלט בייזיין בּאַ זייערע תפלות. זי האָט מיר געענטפערט, אַז היינט נישט, בעסער זאָל איך קומען מאָרגן (ד"ה שבת) צווי אַזייגער באַטאָג. אין איר ענטפער האָב איך באַמערקט, עפּעס אַ דיסקרעטקייט, ווי זי וואָלט וועלן אָפּלייגן מיין באַזוך בּאַ די קונקער יִדן בעת זייערע תפלות. (שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי האָט עס געטאָן מיט אַ כונה. זי האָט געוואָלט צוגרייטן דעם עולם, ער זאָל אין מיין אָנוועזנהייט נישט אַרויסווייזן זיין פּסול אין יִדישקייט: דעם צומיש פון קריסטלעכקייט.). איך האָב מיך וואָרעם פאַראָפּשיידט פון דער ליבער און פריינטלעכער מאַריאַ דע לאַ כאַראַן און בין אַוועק צו זיך אין האָטעל.

נאָך נאַכטמאָל האָב איך אָבער נישט געקענט איינזיצן אין מיין האָטעל. עפּעס האָט מיך געצויגן צום עק פון דער זייטיקער געסל, ווו עס געפינט זיך די „איגלעסיאַ איזראַעליטאַ".

איך האָב געשפּירט, אַז מאַריאַ דע לאַ כאַראַ האָט מיר גענאַרט, ווען זי האָט מיר געזאָגט, אַז זיי קומען זיך היינט נישט צונויף. „זיינען זיי

ייִדן״ — האָב איך מיר געטראַכט — „מוזן זיי הײַנט, פּריוויטיק־צו־נאַכט, זיך צונויפֿקומען אין זייער געבעטס־הויז״.

און אַזוי איז טאַקע געווען. וואָס מער איך האָב מיך דערנענטערט צום עק געסל, ווו דער „ייִדישער קלויסטער״ האָט זיך געפֿונען, אַלץ מער האָבן זיך צו מיר דערנענטערט די תּפֿלות־געזאַנגען.

באַ דער טיר פֿון געבעטס־הויז בין איך אומאַנטשלאָסן שטיין געבליבן: אַרײַנגיין? איז מיר שווער געווען מעיז פּנים צו זײַן מאַריאַ דע לאַ כאַראַן, וועלכע, ווי איך האָב פֿאַרשטאַנען, וויל ניט איך זאָל קומען. אָבער האָב איך איר דערבײַ געדאַרפֿט כאַפּן באַ אַ ליגן. נישט אַרײַנגיין? איז דאָך מיר געווען אַ שאָד דורכצולאָזן די געלעגנהייט צו זען ווי די קונקער ייִנגען מתפּלל אומגעשטערטערהייט פֿון קיינעם.

קווענקלענדיק זיך אַזוי, האָב איך מיך דערווײַל צוגעהערט צו דעם געזאַנג, וואָס האָט זיך אַרויסגעטראָגן פֿון דעם געבעט־הויז און זיך אַריבערגעגאָסן אין דער געדיכטער פֿינצטערניש פֿון די קונקער געסלעך.

קיין נאָענטע באַקאַנטע ניגונים האָב איך אין דעם געזאַנג נישט באַגעגנט. עס איז גיכער געווען דער שאַבלאָנער געמישטער מענעריש־ווײַבערישער געזאַנג פֿון די אַזוי באַקאַנטע עוואַנגעלישע תּפֿלות.

פּלוצלינג האָט זיך דאָס געזאַנג אָפּגעשטעלט. און איך האָב באַשלאָסן דאָך אַרײַנצוגיין אין געבעטס־הויז.

צום באַדויערן האָב איך זיך מיט די מתפּללים אָנגעטראָפֿן באַם שוועל פֿון זייער טעמפּל.

די עטלעכע מנינים מתפּללים, מענער און פֿרויען, האָבן אויסגעזען ווי ניט קיין פֿרעמדע צווישן זיך, נאָר ווי אַ גרויסע משפּחה. זיי האָבן זיך, צוליב מײַן כּבוד וועגן, צוריק אין געבעטס־הויז אומגעקערט, כּדי צו כאַפּן מיט מיר אַ שמועס.

דאָס געבעטס־הויז פֿון די קונקער געפֿינט זיך אין אַן אויבערשטיבל (סאַלקע) און זעט אויס ווי אַ לאַנגער שמאָלער קאָרעדאָר פֿון זעקס מעטער די ברייט און צען מעטער די לענג. לענגאויס די זײַטיקע ווענט שטייען צוויי פּשוטע לאַנגע הילצערנע בענק. אין הינטער־גרונט געפֿינט זיך דאָס אײנציקע פֿענצטער. אַ צוויי מעטער פֿון דער הינטער־וואַנט שטייט אַ קליין טישל, וועלכער דינט פֿאַר דעם אַלטאַר און דער בימה אײנעם. איבער דעם דאָזיקן טישל הענגט אַ בלומען־און גראָזן־קראַנץ,

ווי עס זיינען איינגעפלאָכטן די ווערטער: „דיאָס עס אמאָר" (גאָט איז — ליבע). פאַרן טיש ליגט אַ שמאָלער לענגלעכער טעפּיך ווי אַ מין סטעזשקע (דאָס האָט מיר געבראַכט אַפן געדאַנק, אַז די קונקער קניען באַ זייערע תפלות). דאָס איז די גאַנצע מעבל און אויסשטאַטונג, וואָס דער קונקער ייִדישער קלויסטער פאַרמאָגט. אין אַלגעמיין מאַכט דער לאָ־קאַל פונעם געבעטס־הויז דעם איינדרוק פון אַ קליין־שטעטלדיקער אַלט־מאָדישער ווייבערשער שול.

דער שמועס, וואָס איז געפירט געוואָרן צווישן מיר און די קונקער, איז געווען וועגן ייִדישע רעליגיעזע ענינים.

זיי האָבן באַ מיר זיך אַלץ געוואָלט דערוויסן וואָס מערער און מע־רער ייִדישע דינים און מנהגים, און איך האָב דערווייל געזען זייער בקי־אות. פאַרשטייט זיך, אַז זיי ווייסן און האַלטן מערער פון די „דיני דאור־ריתא". זיי האַלטן און היטן אָפּ שבת, ראש־השנה, יום־כפור, סכות און פסח. די אַלע יומים־טובים היטן זיי ניט אָפּ שטרענג־דאָגמאַטיש, נאָר מערער מיט אינערלעכער רעליגיעזיטעט. אַזוי, צ"ב, רוען זיי שבת, האַלטן געשלאָסן זייערע געשעפטן, קאָכן נישט אום שבת א. א. וו. אָבער פון ניט שרייבן אום שבת, למשל, אָדער ענלעכע עבירות ווייסן זיי ניט.

פסח, צ"ב, עסן זיי ניט קיין ספּעציעלע כשרע מצה, נאָר לזכר־וועגן באַקן זיי אַזעלכע קיכלעך. פון סכות האַלטן זיי זייער שטאַרק. זיי בויען סכות און זיצן אין זיי. און יום־כפור, פאַרשטייט זיך, זיינען זיי יוצא לכל־הדעות, ווייל פאַסטן, פאַסטן דאָך אַלע גלייך...

ווען איך האָב זיי אויפמערקזאַם געמאַכט, פאַרוואָס הייסט באַ זיי זייער געבעטס־הויז דווקא „איגלעסיאַ" (קלויסטער) און ניט טעמפּלאָ (טעמפּל), האָט מיר איינער פון זייערע אָנפירער, כואן דע דיאָס לאַ טאָררע, געזאָגט, אַז די אויסערלעכקייט איז נישט דער עקר... (שפּע־טער, לאָזט זיך אויס, האָב איך אים דערקענט אַלס דעם קריסטלעכסטן צווישן זיי). אַף מיין פראַגע, צי זיי נוצן וועלכע עס זאָלן נישט זיין גע־בעטס־ביכער, האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז קיינע ניט, אַז זיי בעטן דאָס, וואָס זיי פעלט און דאָס, וואָס עס קומט זיי אַפן זינען. (נאָכדעם האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זיי געברויכן יאָ אַ רעפאָרמירטן קריסטלעכן הימן־בוך, פון וועלכן זיי באַנוצן זיך מיט אַ דריי־פיר הימנס דורך זיי

אָפּגעקליבן). בכלל האָבן זיי זיך לכתחלה געסטאַרעט ניט אַרויסצוווייזן פאַר מיר זייער פּסול אין יִידישקייט, זייער קריסטלעכקייט.

אין מיינע פראַגעס בין איך אָפּטמאָל געווען אַביסל צודרינגלעך און דירעקט. אַז ניט וואָלט איך פון זיי זיך נישט דערוווּסט דאָס ביסל, וואָס איך בין יאָ דערגאַנגען אין דער קורצער צייט, וואָס איך האָב מיט זיי פאַרבראַכט.

אַזוי צ״ב האָב איך גאַנץ יִידישלעך אַרויסגענומען, זאָגנדיק דערביי, ווי עס פּירט זיך נאַטירלעך: „קאָן סו פּערמיסאָ" (מיט אייער דערלויבע־ניש), פון די הענט פון זייערן אַ נכבד, דעם אויבנדערמאָנטן כּואַן דע דיאָס לאַ טאָררע, דעם בוך, וואָס ער האָט געהאַלטן.

דאָס איז געווען דער אַלטער מיט דעם גייעם טעסטאַמענט צוזאַמען געבונדן אין שפּאַניש. בלעטערנדיק איבער די ביבל, האָב איך דאָרטן גע־פונען אַ פּאַפּירל, אַף וועלכן עס איז געווען אָפּגעדרוקט מיט אַ שרייב־מאַשינקע עפּעס אַ מין תּפלה אָדער אַ הימן. די דאָזיקע תּפלה, לאָזט זיך אויס, ווערט שטאַרק פּראַקטיצירט באַ די קונקער און איז איינע פון זייערע פּאָפּולערסטע הימנס. די תּפלה הייסט: „פּערדאָן, פּאַדרע מיאָ, סי פּערדאָן" (מחלה, פּאָטער מיינער, יאָ מחלה). אין דער דאָזיקער תּפלה, וואָס באַשטייט אינגאַנצן פון פיר סטראָפעס, האָב איך געטראָפן דערמאָנט פיר מאָל יעזוס־קריסטוס אַ חוץ דעם וואָרט „עמנואל", וואָס לויט דער קריסטלעך־רעליגיעזער טערמינאָלאָגיע איז דאָס אויך דער סי־נאָנים פון קריסטוסן.

אַז איך האָב דאָס דערזען, בין איך אַביסל אַנטוישט געוואָרן אין דער יִידישקייט פון די קונקער...

דאָ וועל איך די לעזער באַקענען מיט דער אויבנדערמאָנטער תּפלה, אין איר שפּאַנישן טעקסט, און אין איר יִידישער איבערזעצונג:

PERDON, PADRE MIO, SI PERDON

Perdón, Padre mío, sí perdón,
reconozco, gran Dios, que te ofendí,
se, que es grande, mi negro borrón,
pequé con ardiente frenesí.

Mas imploro, Señor, tu bendición,
y levanto las manos a Ti,
contrito de todo corazón.

Jesús, bondadoso Salvador,
pan de Dios, Santa vara de David,
fuente eterna de vida y amor,
sed Tú, mi maestro y adalid.
Sólo Tú, Jesucristo, mi Señor,
si me llevas contigo a la lid,
harás que yo vuelva vencedor.

Habita mi triste corazón,
que hasta hoy en tinieblas conservé.
Santo espíritu, ciélico don,
aviva mi poca y débil fe.
Haz que crea con santa devoción.

Dios, Padre, devuélveme Tu amor,
Jesucristo, intercede junto a ti.
Santo espíritu dadme vigor,
llévame a vivir con Emanuel,
Gracias doy a Jesús, mi salvador,
que me lleva al divino Vergel,
Hosanna al glorioso Salvador.

אין יידישער איבערזעצונג:

זיי מוחל, פּאַטער מיינער, זיי מוחל

זיי מוחל, פּאַטער מיינער, זיי מוחל.
אַז איך האָב דיר באַליידיקט, אנערקען איך, אַ גרויסער גאַט!
כ׳וויים, אַז גרוים און שווארץ איז מיין פלעק
און ברענענדיק, תאוהדיק איז מיין זינד, איז מיין חטא.

דערפאַר, מיין האַר,
מיט תחנונים אָן אַ שיעור,
דיין ברכה איך בעט
און הייב מיינע הענט צו דיר

מיט אַ האַרץ פול פון צער.
יעזוס, רעטער, גנעדיקער,
פון דודס שטאַם, דעם הייליקן,
דער קוואַל פון ליבע און לעבן, דעם אייביקן,
זיי דו, מיין לערער און מיין פירער,
נאָר מיט דיר, יעזוס, מיין האַר,
אַף מלחמה, ווען איך נידער,
בין איך פריי פון יעדן געפאַר.

באַוויין מיין האַרץ, מיין טרויעריקס,
וואָס איך האָב ביז היינט אין טונקלקייט באַהאַלטן.
אָ, גייסט דו הייליקער, דו הימלישע מתנה!
באַלעב מיין גלויבן, מיין שוואַכן, מיין קאַלטן,
און מאַך, איך זאָל גלויבן מיט הייליקער אמונה
אין די נסתרות, וואָס זיינען פאַר מיר פון אייביק אָן פאַרבאָרגן.
מיין נשמה ניט פאַרזינק אין פיין און אין זאָרגן.

טאַטע־פאָטער, דיין ליבע קער מיר אום!
יעזוס־קריסטוס, לעבן דיר, זאָל עס פועלן.
כח גיב מיר, אָ גייסט דו הייליקער!
לעבן וויל איך מיט עמנואלן.
אַ לויב און אַ דאַנק יעזוסן, מיין רעטער.
נעם מיך מיט אין הימלשן גן־עדן.
הושע־נא, דו הימלישער רעטער...

**
*

אונדזער שמועס האָבן מיר אַלץ פאַרגעזעצט. פון דעם טיפן און ערנסטן געשפּרעך זיינען מיר אַריבער צו אַן אינטימן, היימישערן און

גלייכצייטיק לעבעדיקערן שמועס. מען האָט גערעדט ווי דער שטייגער איז פריער פאַר אַלעמען וועגן די דייטשישע ייִדן. זיי האָבן דערביי אַרויסגעזאָגט די זעלבע מיינונג, וואָס אַ סך אונדזערע ייִדן זאָגן אַרויס באַ דער געלעגנהייט: אַז אַזוי ווי די דייטשישע ייִדן האָבן זיך געזען איינגאַנצן צו פאַרלייקענען, איז געקומען היטלער און האָט זיי דערמאָנט זייער ריכטיקע אָנגעהעריקייט צו ייִדן.

דערנאָך איז מען איבערגעגאַנגען אַף דער ליבסטער פאַר זיי טעמע — ארץ-ישראל.

אָ, מיט וואָס פאַר אַן עקסטאַז, מיט וואָס פאַר אַ ברען און התלה-בות זיי האָבן וועגן ארץ-ישראל גערעדט! ווי וואָלטן זיי אַהין געלאָפן!

נאָכדעם ווי דער שמועס האָט זיך פאַרענדיקט, בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו איינעם פון זייערע פירער, דעם אויבנדערמאָנטן כּוהן דע דיאָס לאַ טאָררע, אַף טיי.

דאָרט האָבן זיך געפונען, אַ חוץ לאַ טאָררען און זיין פרוי, וואָס איז אַ גרויסע למדנטע און בקיאה אין אַלטן און נייעם טעסטאַמענט און אַ באַגרינדערן פון זייער רעליגיע (אַ געמיש פון יודאַיִזם און קריסטיאַ-ניזם), אויך דאָס פריילן מאַטוס, און ברודער און שוועסטער פולגאַר, אויך ניט קיין קלענערע, און אפשר נאָך גרעסערע, לומדים פון זייער תורה.

אין משך פון פיר שעה צייט, פון 10 באַנאַכט ביז 2 פאַרטאָג, האָט מען מיט מיר איינגעקנעלט תורת-קוקנער ייִדן...

אין משיחן, האָבן זיי מיר דערקלערט, גלויבן זיי, און אַזוי ווי אונ-דזערע ייִדן, ד"ה, אַז ער וועט נאָך קומען. נאָר, גיבן זיי צו, דאָס וועט ער שוין קומען צום צווייטן מאָל, ווייל דעם ערשטן מאָל האָבן די ייִדן אים, משיח-יעזוסן, אָפּגעשטויסן און ניט אויפגענומען. איצט אָבער, אַז ער וועט קומען צום צווייטן מאָל, וועלן אים שוין די ייִדן אָנערקענען און ער וועט זיי אויסלייזן און פירן קיין ארץ-ישראל.

די אַלע ראיות וועגן יעזוסעס קומען און אַוועקגאַנג און דאָס ווי-דער קומען, שעפּן זיי פון פסוקים פון תנך, לויט זייער אויסטייטשונג, פאַרשטייט זיך, און הברית החדשה.

אין אַנדערע שטעלן פון תנך האָב איך זיך געפּרוּווט אָפּדינגען מיט זיי, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן נאָר בדרך משל, בדרך מליצה, אַז דאָס

זיינען נאָר פּאָעטישע פאָרמען, מיט וועלכע דער נביא דריקט זיך אויס. אין אייניקע שטעלן האָט עס מיר געהאָלפן. אין אנדערע אָבער זיינען זיי געשטאַנען שטאַל און אייזן פאַר זייערע אויסטייטשונגען און דערקלערונגען, און אַזוי ווי איך בין אַהין ניט געקומען מיט קיין מיסיאָנערישן צוועק, האָב איך געמוזט, צוליב איידלקייט וועגן, לאָזן מיינס איבערגיין און אויפגעבן די דיסקוסיע.

די ראיות און מקורים פאַר זייער גלויבן אין קריסטוסן זיינען מסתמא נישט קיין נייע און זיינען פאָלגנדיקע:

1) ישעיה ז׳ פסוק יד׳: „לכן יתן ה׳ הוא לכם אות, הנה העלמה הרת ויולדת בן, וקראת שמו עמנואל״. (דעריבער גיט אייך גאָט אַ צייכן: די יונגפרוי וועט שוואַנגער ווערן און געבוירן אַ זון, וואָס וועט הייסן עמנואל).

דעם זעלבן פסוק ברענגט אויך דער הברית החדשה אין מתתיהו א׳ פסוק כג׳.

2) מיכה ה׳, פסוק א׳: „ואתה בית לחם אפרתה צעיר להיות באלפי יהודה, ממך לי יצא להיות מושל ביהודה ומצאתיו מקדם מימי עולם״. (און דו, בית-לחם, אפרת, זייענדיק דער יינגסטער פון יהודהס הארן, וועט פונדעסטוועגן פון דיר אַרויסגיין דער הערשער איבער ישראל, זיין אַרויסגאַנג (אָפּשטאַם) איז פון אָנפאַנג פון אייביק).

דער דאָזיקער פסוק ווערט אויך געבראַכט אין הברית-החדשה, מתתיהו, ב׳ פסוק ו׳, נאָר פאַרקריפּלטערהייט: „ואתה בית-לחם, ארץ יהודה, אינך צעיר באלפי יהודה, כי ממך יצא מושל, אשר ירעה את עמי ישראל״. (און דו, בית-לחם, ארץ-יהודה, ביסט נישט דער יינגסטער פון יהודה, ווייל פון דיר וועט אַרויסגיין אַ הערשער, וואָס וועט פיטערן מיין פאָלק ישראל).

נאָכדעם קומט ישעיה סא׳ פסוק א׳ און ג׳ וואָס ווערט אויך געבראַכט אין הברית-החדשה לוקס יח׳, יט׳, זכריה ט׳ פסוק ט׳ און אין הברית-החדשה, מתתיהו כא׳ פסוק ה׳ א. א. וו. א. וו.

צום סוף דערגייען זיי, אַז ירושלים איז חרוב געוואָרן און די ייִדן זיינען צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט פאַר זייער נישט אויספאָלגן קריסטוסן און פאַרן בעטן פאַר זיין טויט.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די ייִדן זאָלן זיין אין גלות פון

70טן יאָר ביז 1917, ווען באַלפור צוזאַמען מיט דער פעלקער־ליגע האָבן אַרויסגעגעבן אַ דעקלאַראַציע וועגן דעם ווידער אומקערן ארץ־ישראל די ייִדן, און לויט ווייטערדיקע אויסרעכענונגען זייערע, וועלכע זיי האָבן מיר אגב ניט דערקלערט, דאַרף די פולקאָמע גאולה קומען פאַרן ייִדישן פאָלק אין 1944, און יעזוס־משיח וועט דאַן ווידער אויפלעבן אַלס ייִדי־שער מלך. (דער געשפּרעך איז פאָרגעקומען אין 1935).

אַף מאָרגן, שבת, צוויי אַזייגער באַטאָג, האָב איך ווידער געהאַט די געלעגנהייט בייצוזיין אַ צוזאַמענקונפט פון די קונקער ייִדן. דאָס מאָל האָב איך שוין אויך בייגעוווינט זייערע תפילות.

פונקט צוויי אַזייגער איז זיך דער עולם צונויפגעקומען, מענער און פרויען.

די פרויען זיינען געווען איבערגעדעקט מיט שוואַרצע וואַלן אַף זייערע קעפּ. ווער־ניט־ווער פון די מתפּללים האָט געהאַט בײַ זיך עפּעס אַ געבעט־בוך, אָדער ביבל אין דער האַנט.

מען איז גלייך ניט צוגעטראָטן צו די תפילות. פריער האָט מען זיך באַגריסט איינער מיטן אַנדערן, געבענדיק זיך די הענט, דערנאָך האָט מען געכאַפּט אַ ברידערלעכן, פריינטלעכן שמועס און נאָכדעם איז מען צו־געטראָטן אָפּצוריכטן די תפילות.

פאַרן אָנפאַנגען די תפילה, האָט מיר פולגאַר געפרעגט, ווי וואָלט איך וועלן די תפילה זאָל אָפּגעריכט ווערן, קניענדיק אָדער שטייענדיק? (אין אַ פריערדיקן שמועס האָבן מיר געהאַט גערעדט, אַז ייִדן בוקן זיך ניט בײַ די תפילות).

איך האָב געוויינטלעך געענטפערט, אַז צוליב מיר דאַרפן זיי זיך נישט שטערן און זיי זאָלן זייער תפילה אָפּריכטן אַזוי, ווי ווען איך וואָלט דערביי ניט געווען.

— לאָמיר היינט אָפּריכטן די תפילה שטייענדיק, האָט זיך פולגאַר, וואָס האָט אַריינגעפירט אין דער תפילה, געווענדט צו די מתפּללים און אַלע זיינען גלייך מיט יראת־הכבוד אויפגעשטאַנען און גאַטספאַרכטיק זיך גרייט געמאַכט.

די מענער געבויגענע און ערנסטע, די פרויען מיט ערנסטע מינעס און מיט אַראָפּגעשאַרטע וואַלן איבער זייערע קעפּ, זיינען געשטאַנען

גרייט אויסצוהערן די ערשטע תּפילה, וועלכע פולגאַר האָט אימפּראָוויזירנדיק אָנגעהויבן.

אין דער תּפילה האָט ער געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט אונדז געגעבן דעם הייליקן טאָג שבת צו רוען, און האָט געבעטן אַ וואָך פון פּרנסה, פון שלום, פון ברכה און יראת־שמים. ער האָט געבעטן מחילה פאַר די זינד פון דער פאַרגאַנגענער וואָך, האָט געבעטן פאַרן כּלל ישׂראל און איבערהויפּט האָט ער געבעטן בײַ גאָט פאַר די דײַטשישע ייִדן, וואָס לײַדן אַזוי פיל. ער האָט געבעטן גאָט, ער זאָל שוין דערנענטערן די גאולה און צונויפקלײַבן די ייִדן פון אַלע עקן וועלט. ער האָט אויך ניט פאַרגעסן צו דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט זיי מיין מינדערוויכטיקייט אַלס גאַסט געבראַכט.

בײַ דער הערשנדיקער שטילקייט אין הויז האָבן זיך פון צײַט צו צײַט נאָר געהערט די איינציקע הסכּמה־אויסרופן פון די מתפּללים אַף די רייד פון זייער שליח־צבור, צ״ב ווען דער שליח־צבור האָט געזאָגט: „מיר זיינען זינדיק", האָבן זיך אייניקע פון די מתפּללים אָפּגערופן: „עקזאַקט". ווען ער האָט פאַרענדיקט אַ זאַץ מיט „זיי מוחל, פאַטער"! — האָבן זיי זיך אָפּגערופן: „זיי מוחל!" א. א. וו.

נאָכדעם ווי פולגאַר האָט פאַרענדיקט זײַן אימפּראָוויזירטע תּפילה, האָבן די מתפּללים אַף זײַן אָנווייזונג פאַרצויגן אין כאָר דעם פריער אָנגערופענעם תּפילה־הימן: „זיי מוחל, פאַטער, זיי מוחל".

נאָכדעם האָט אָפּגעריכט אַ צווייטע אימפּראָוויזירטע תּפילה כואַן דע דיאָס לאַ טאָררע. און אין דער צײַט, ווען פולגאַר האָט אין זײַן לענגערער תּפילה קיין איין מאָל ניט דערמאָנט קריסטוסן, האָט כואַן דע דיאָס לאַ טאָררע זײַן קורצע תּפילה פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „און אויב דו קענסט עס, גאָט, ניט טאָן פאַר אונדזערטסוועגן, טאָ טו עס צוליב דעם ריינעם און הייליקן בלוט, וואָס קריסטוס, אונדזער רעטער, האָט פאַר אונדזערטסוועגן פאַרגאָסן".

נאָכדעם קומט ווידער אַ געזאַנגס־תּפילה אין כאָר, וואָס לויטעט אַזוי:

OID UN SON DE ALTA ESFERA

Oid un son en alta esfera,
En los cielos gloria a Dios:

"Al mortal paz en la tierra"
canta la celeste voz.
Con los cielos alabemos
Al eterno rey cantamos,
A Jesús, nuestro bien,
Con el coro de Belén,
Canta la celeste voz:
En los cielos gloria a Dios,
El Señor de los Señores,
El ungido celestial,
A salvar los pecadores
Bajo el seno virginal.
Loor al verbo encarnado,
En humanidad velado,
Gloria al santo de Israel,
Cuyo nombre Emanuel,
Canta la celeste voz:
"En los cielos gloria a Dios".

Príncipe de paz eterno,
Gloria a Ti, a Tí, Jesús,
Entregando el alma tierna,
Tú nos traes vida y luz.
Has tu majestad dejado,
Y buscarnos te has dignado,
Para darnos el vivir,
a la muerte quiere ir.

Canta la celeste voz:
"En los cielos gloria a Dios".

אין יידישער איבערזעצונג:

הערט אַ קלאַנג אין דער הימלשער הויכקייט

אין די הימלשע הויכקייטן הערט אַ קלאַנג!
הערט אין די הימלען אַ רום צו גאָט.
„דער שטערבלעכער רו אױף דער ערד ער האָט",
זינגט דער הימלשער געזאַנג.
מיט די הימלען צוזאַמען לויבן מיר.
צום אייביקן מלך זינגען מיר.
צו יעזוסן אונדזער גנאָד.
מיטן כאָר פון בית-לחם, אין געזאַנג,
זינגט דער הימלשער קלאַנג:
„אין די הימלען אַ רום צו גאָט".

דער האַר פון די האַרן,
דער געזאַלבטער פון גאָט,
אום צו רעטן די זינדיקע, האָט
אין שוים פון דער יונגפרוי געענידערט.
אַ רום צו דעם, וואָס זיין גייסט אין גוף געקליידט האָט
און אין דער גאַנצער וועלט געהייליקט ווערט.
אַ רום צו דעם הייליקן פון ישראל,
וועמענס נאָמען איז עמנואל.
אין די הימלען אַ שטימע מען הערט:
„אין די הימלען אַ רום צו גאָט".

אַ, פרינץ פונעם שלום, דעם אייביקן,
אַ רום צו דיר, צו יעזוס, דעם הייליקן!
אָפּגעבנדיק דיין נשמה, די צאַרטע,
ברענגסטו אונדז לעבן און ליכט, די געגאַרטע.
האָסט זיין מאַיעסטעט פאַרלאָזן
און אונדז זוכן זיך אַראָפּגעלאָזן,

כדי אונדז לעבן צו געבן,
ביסטו צום טויט געגאנגען.
אין די הימלשע הויכן קלינגען די געזאנגען:
„אין די הימלען א רום צו גאט".

נאך דעם דאזיקן הימן, האט איינער פון די מתפללים מארטין מארין, זיך דערנענטערט צו דעם בימה־טישל און האט אנגעהויבן צו דרשנען מעגינא דיומא אף א קאפיטל תנך פון ירמיה לא. פסוק לד., לה., ווו עס ווערט געזאגט פאלגענדיקעס: לד.) כה אמר ה., נותן שמים לאור יומם, חקות ירח וכוכבים לאור לילה, רגע הים ויהמו גליו, ה. צבאות שמו". (אזוי האט גאט געזאגט, דער וואס גיט די זון צו באלייכטן דעם טאג, דער וואס האט איינגעשטעלט די געזעצן פון דער לבנה און שטערן צו באלייכטן די נאכט, דער וואס שטורעמט דעם ים און מאכט רוישן זיינע כוואליעס, גאט דער הערשער איז זיין נאמען). לה.) אם ימשו החוקים האלה מלפני, נאום ה., גם זרע ישראל ישבתו מהיות גוי לפני כל הימים" (אויב עס קענען זיך אפטאן די דאזיקע געזעצן פון פאר מיר, זאגט גאט, אזוי וועלן אויך קענען אויפהערן די קינדער פון ישראל פון צו זיין א פאלק פאר מיר אלע טעג פון לעבן).

פון די דאזיקע פסוקים האט ער געדרשנט דעם „נצח־ישראל" און האט געזאגט, אז עס וועלן נים העלפן נים קיין היטלערס, נים קיין אנדערע ענלעכע רשעים, וואס ווילן אומברענגען דאס יידישע פאלק.

דאס יידישע פאלק — האט ער געזאגט — מוז לעבן און וועט עקסיסטירן אזוי לאנג, בל־זמן עס וועט לעבן און עקסיסטירן די וועלט מיט אירע נאטירלעכע געזעצן.

נאך דער דאזיקער דרשה האט מען ווידער געזונגען א הימן. דער לעצטער איז אבער נים ווי די פריערדיקע ארויסגענומען געווארן פון אן עוואנגעלישן הימן־בוך, נאר איז אן אריגינעלע פארפאסונג פון זייערן אייגענעם מחבר, וואס הייסט פעדעריקא מארטינעז.

דאס ליד הייסט, „טרייסט מיין פאלק" און אין אריגינאל לויטעט עס אזוי:

CONSOLAD MI PUEBLO

Por FEDERICO MARTINEZ

Consolad mi pueblo
Dice nuestro Dios
Porque el cautiverio
Ya se terminó.
Congréguese el pueblo
Dice el Señor...
Adelante y sin temor.

Coro:

Adelante es la orden de Adonoy
Adelante, no te detengáis,
Adelante marcha Israel,
Adelante a tu amada patria, con tu Rey.

Tocar la trompeta,
Hija de Sión
Y llama a tu pueblo
A congregación.
La patria está libre
Del cruel opresor.
Adelante y sin temor.

Adonoy nos llama
Del monte de Sión
Dígalo Israel,
De cada nación,
Recoge al anciano
Y al niño menor.
Adelante y sin temor.

אין יידישער איבערזעצונג:

טרייסט מיין פאָלק
פון פעדעריקאָ מאַרטינעז

טרייסט מיין פאָלק!
זאָגט אונדזער גאָט,
ווייל צו דער שטראָף
האָט שוין לאַנג גענומען אַן עק.
פאַרייניק זיך, פאָלק!
זאָגט אונדזער גאָט,
פאַרוים אָן שרעק!

כאָר:

אָן שרעק, פאָרויס!
ניט פאַרהאַלט זיך, פאָרויס!
פאָרויס זאָל ישראל מאַרשירן,
צו זיין פאָטערלאַנד זיין מלך זאָל אים פירן.

בלאָז אין טרומפּייטן,
דו טאָכטער פון ציון,
דיין פאָלק רוף צענויף!
דיין פאָלק זאַמל אויף!
דאָס פאָטערלאַנד איז פריי!
פון דעם טיראַן איז עס פריי.
פאָרויס, אָן שרעק!

עס רופט אונדז אדוני,
פון באַרג ציון:
הער אויס, ישראל!
פון יעדן לאַנד באַפריי,
דעם זקן און דעם קינד
און גיי און שריי:
פאָרויס, אָן שרעק!

נאָכן אָפּזינגען דאָס איבערגעמאָנטע ליד, האָב איך זיי געמוזט זאָגן עטלעכע ווערטער און מיטן זינגען נאָכדעם די התקוה, אין שפּאַניש, האָבן זיי זייער רעליגיעזן אַקט געשלאָסן.

דער עולם איז זיך אָבער נאָך ניט פונאַנדערגעגאַנגען. מען האָט ווי־דער געכאַפּט אַ נאָענטן פריינטלעכן שמועס. אינמיטן האָט גאָר איינער פּאָרגעלייגט צו מאַכן אַ זאַמלונג פאַרן קק"ל, וועלכע איז אָפּן שטעל דורכגעפירט געוואָרן און אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע אָנ־וועזנדיקע.

נאָך דעם דאָזיקן צוזאַמענקונפט האָב איך זיך נאָך באַגעגנט אין משך פון שבתדיקן טאָג מיט אַ סך קונקער ייִדן. ניט אַרבעטנדיק דעם טאָג, האָבן זיי געשפּאַצירט איבער דער שטעטלשער „פּלאַסע" (גערטנדל) און איבער די גאַסן.

דאָ האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו כאַפּן מיט זיי איינציקווייז אַ שמועס. איך האָב אַלץ געוואָלט דערגיין בײַ זיי סימנים פון זייער ייִדישער גענעאָלאָגיע. איך בין דאָס אָבער ניט דערגאַנגען.

כמעט יעדער פון זיי האָט מיר דאָס זעלבע געענטפערט: „מײַן גע־נעאָלאָגיע ווייס איך ניט. וועגן מיר בין איך אָבער זיכער, אַז איך בין אַ ייִד. איך ווייס עס און שפּיר עס. אין מײַן בלוט פּיל איך עס".

מיט מאַרטין מאַרין האָב איך לענגער גערעדט, און אין זײַן טאָן, בײַ זײַן פאַרזיכערן מיר וועגן זײַן ייִדישן אָפּשטאַם, איז געלעגן אַזוי פיל זיכערקייט און קלאָרקייט, אַז בײַ דעם מיסטרוילעכסטן מענטשן האָט געקענט פאַרפאַלן ווערן יעדער שפּור פון חשד בנוגע זײַן עכטער ייִדיש־קייט.

— און וואָס איז מכוח דאָס קריסטנטום, וואָס אין אייך שטעקט? איך האָב דאָך געזען קריסטלעכקייט אין אײַערע תפילות? און אייניקע פון אײַערע אָנפירער זײַנען אַפילו התלהבותדיקע פאַרטיידיקער פון קריסטלעכקייט.

— יאָ — האָט ער מיר געזאָגט — צווישן אונדז הערשט אין דעם ענין אַ חלוקי דעות, נאָר צוליב דער גאַנצקייט פון אונדזער פאַריין „היר־כאָס דע סיאָן" (בני־ציון) זײַנען מיר נאָכגיביק צו די פאַרטיידיקער פון קריסטלעכקייט.

אַזוי ווי זיי האָבן געוווּסט, אַז מיך אינטערעסירן זייערע תפילות,

האָט מיר איינער פון די קונקער יִדן איבערגעגעבן אַ סוכות־ליד, וואָס איז אויך אַן אָריגינעלע פאַרפאַסונג פון זייערן אַ מחבר, מאַרטין אַלאַ־וואָז, און הייסט: „דער יום־טוב פון סוכות". אין אָריגינאַל:

FIESTA DE LAS CABAÑAS

Por MARTIN ALAVOZ

Fiesta de las cabañas,
Justicia del Señor.
Sois santa alegría
Del pueblo de Sión.
Aquí, bajo los ramos
Y frutos del amor,
Cantamos, te adoramos,
A Ti, mi Salvador.

Coro:

Mi Dios, mi Dios,
Mi buen Señor.
Tus hijos obedecen
Esta fiesta de amor.

Fiesta de las cabañas,
Ordenada por Dios,
Sois gozo y alegría
Al pueblo del Señor.
Aquí el pueblo santo,
El Israel de Dios,
Bendice y glorifica
A cristo el Redentor

Fiesta de las cabañas,
Sois gloria del Señor.
Anuncia la venida
Del Rey de Salvación.
Con ángeles gloriosos
Vendrá el Salvador,
Para llevar al pueblo
Al reino del amor.

אין יִדישער איבערזעצונג:

דער יום-טוב פון סוכות

פון מאַרטין אַלאַוואַז

יום-טוב פון סוכות!
געבענטשקייט דעם האַרם.
ביסט אַ פרייד, אַ הייליקע,
פאַר ציונס פאָלק.
דאָ, אונטער די צווייגן
און ליבעס-פרוכטן,
זינגען מיר, רימען מיר
דיר, אונדזער רעטער.
כאָר:
גאָט, מיין גאָט,
מיין גוטער האַר!
עס פאָלגן דיינע קינדער,
פון ליבע, דעם יום-טוב.

דער יום יום-טוב פון סוכות,
פאַראָרדנט דורך גאָט,
איז אַ פאַרגעניגן און פרייד
פאַר דעם פאָלק פון דעם האַר,

דאָס פאָלק, דאָס הייליקע,
בענטשט און רימט דערפאַר
קריסטוסן דעם דערלייזער.

יום-טוב פון סוכות,
דער רום פון האַר דו ביסט.
דאָס אָנקומען זיי מבשר,
פון דעם מלך, דעם רעטער.
מיט הימלשע מלאכים,
עס וועט קומען דער רעטער
און נעמען ער וועט דאָס פאָלק,
אַהין, ווו ליבע הערשט.

שבת צו נאַכט האָב איך נאָך באַזוכט כואַן דע דיאָס לאַ טאָררע, כדי זיך צו געזעגענען מיט אים. בא אים אין שטוב האָט מען באמת גע־קאָנט מאַכן די ברכה פון „המבדיל בין קודש לחול". דעם דיסאַנאַנס פון שבת ביז וואָך איז געווען אָנצוטאַפּן מיט דער האַנט.

אין דער שטוב, ווו עס האָט אַ גאַנצן טאָג געשוועבט הייליקע רו און מנוחה, האָט די נאַכט מיט זיך אַריינגעבראַכט דעם וואָכעדיקן אומרו און די טרחה.

די שרייב-מאַשינקעס האָבן אײַלנדיק און רוישנדיק געקלאַפּט ווי זיי וואָלטן וועלן דערכאַפּן דעם פאַרלוירענעם טאָג וואָס איז פאַרביי.

דער באַלעבאָס האָט אַ טרודיקער און מיט אומרו אין די אויגן אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער און האָט אַרויסגעגעבן זיינע פאַראָרדע־נונגען צו זיינע אָנגעשטעלטע, וועלכע זיינען אַלע באַשטאַנען פון זייערע ייִדן.

איך האָב מיך וואַרעם און פריינטלעך צעזעגנט מיט דער פאַמיליע לאַ טאָררע און מיט זייערע אָנגעשטעלטע און האָב געמיינט, אַז איך וועל שוין מער ניט זען פאַר מיין אָוועקפאָרן קיין קונקער ייִדן, ווייל איך האָב געדאַרפט אַוועקפאָרן פון דאָרטן זונטיק מיטן ערשט צוג.

ערשט גאַנץ פרי, אַ זייגער זיבן, איז צו מיר געקומען זיך געזעגע־נען אין דער באַגלייטונג פון איר פלימעניצע ראַקעל מאַריאַ דע לאַ כאַראַ.

לאָזט זיך אויס, אַז זי האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט מיט מיר זיך צו געזעגענען שבת, איז זי דאָס יעצט געקומען טאָן (זי איז געווען פאַר־נומען מיט אַ חולה־מסוכן. זי איז אַ קראַנקן־שוועסטער).

מיט דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער פאַרשטייערן פון די קונקער יידן האָב איך געכאַפּט דעם לעצטן שמועס.

זי האָט מיט אַזוי פיל האַרץ, מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט גערעדט וועגן די ליידן פון יידישן פאָלק, האָט מיט אַזוי פיל האָפענונג און גלויבן גערעדט וועגן דער גאולה פון דעם יידישן פאָלק, און דערביי זיינען אירע גרויסע, ברוינע אויגן באַפינקלט געוואָרן מיט אַ פּאָר ריינע בריליאַנטענע טרערן, אַז עס האָט געקענט רירן דעם האַרטסטן, דעם קאַלטסטן און אומ־גלויביקסטן.

זי האָט זיך דערביי באַקלאָגט אויף דער אָפּגעריסנקייט פון זייער גע־מיינדע פון אַ יידישן צענטער, אויף דאָס פעלן פון אַ ריכטיקן מורה־דרך, צוליב וואָס מען פאַרבלאָנדזשעט אָפט...

זי האָט זיך געקלאָגט אויף די קינדער, וואָס גייען אַוועק און פאַר־לאָזן זיי.

זי האָט מיר אַרויסגעבאַגלייט צום באַן, ווי מען באַגלייט אַרויס עפּעס דעם ליבסטן, נאָענטסטן און זעלטנסטן גאַסט.

אירע גרויסע אויגן, באַצירטע מיט די פּאָר פינקלענדיקע טרערן, האָבן מיר ווייט, ווייט באַגלייט. זיי האָבן מיר באַגלייט דאַן, ווען דער באַן האָט שוין גערירט, זיי האָבן מיר באַגלייט, ווען איך האָב איר שוין לאַנג ניט געזען.

און געטראַכט האָב איך בעת־מעשה: אויב דער כוס פון יידישע טרערן איז נאָך אַלץ ניט פאַרפולט, דאַרף ער איבערגעפולט ווערן מיט מאַריאַ דע לאַ באַראַס הייליקע, ריינע טרערן...

.1935

דורכן באַן־פענצטער

דער פרימאָרגן האָט זיך אויפגעהויבן אַ פרישער און אַ מילדער. אין דער לופט האָט זיך געטראָגן אַ געמיש פון ריינע קילינקע ווינטעלעך, וואָס האָבן מיט זייער שאַרפקייט דערטראָגן אַ גרוס פון די אַלטע גרייז־ווייסע אנדן־בערג, פון פעלד־ריחות, פון בלומען, פון פרוכטן און פון גלעטנדיקער ים־פייכטקייט.

דאָס אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעמישט אינאיינעם און האָט געמאַכט באַוועגן די לונגען, ווי דעם בלאָז־זאַק אונטער דער געניטער האַנט פון שמיד.

די מענטשן האָבן זיך באַוועגט, ווי עס האָט אויסגעזען, מונטערער ווי אַלע מאָל.

פונקט ווי ניט נעכטן האָבן זיי דאָס געהאַט אַזאַ גיהנומדיקן הייסן טאָג, נאָר מיט יאָרן, יאָרן לאַנג צוריק...

טראַמווייען האָבן ערשט גענומען אַרויסקריכן פון זייערע נאָרעס און פויזענדיק געשלעפּט זיך איבער די ליניעס אָן איבעריקן רעש און חוצפּה: זיי האָבן נאָך צייט, דער גרויסער טאָג שטייט נאָך פאַר זיי.

אין אַזאַ פרימאָרגן האָב איך די שטאָט פאַרלאָזט, איידער זי האָט זיך נאָך פונאַנדערגעוויגט.

און אָט בין איך שוין אין פעלד און זע, ווי דאָ וויקלט זיך פונאַנדער אַ טאָג פון לעבן.

דער הימל שטייט אַ הויכער און בלויער. באַם האָריזאָנט נאָר, דאָרט וווּ ער לאָזט זיך אַראָפּ, טוליענדיק צו דער ערד, דאָרט נאָר איז ער באַצויגן מיט שטיקלעך אָפּגעריסענע דורכזיכטיקע וואָלקנדלעך, ווי מיט שטיקלעך ווייסע דורכזיכטיקע וואַלן. די זייטן פון דעם וועג, דורך וועלכן אונדזער באַן טראָגט זיך דורך, זיינען באַצירט מיט שלאַנקע ביימער, מיט זונען־רויזן, מיט גראָז און מיט בלומען.

בייכיקע קי, אָפּגעפּרעסענע און זאַטע, ליגן פּאָר מידקייט אויסגע־שפּרייטע אַף די לאָנקעס מיט פּאַריסענע מאָרדעס צום הימל, דעריוואָרע־מענדיק זייערע רוקנס אַנטקעגן דער זון, וואָס הייבט אָן אַרויסצוקריכן פון הינטער די בערג. צווישן די שעפּסן איז געוואָרן אַ בהלה. זיי האָבן זיך גערדיכטערהייט געלאָזן לויפן. דאָס האָט אַ פערד זייער מנוחה גע־שטערט און זיי פון זייער אָרט צעטריבן. דאָס פערד האָט זיך פון ווויל־קייט צעיושעט און מיט אַלע פיר אין דער סטאַדע שעפּסן אַריין.

איך פיל מיך גליקלעך און צופרידן פון אַזאַ ליכטיקן און העלן פרי־מאָרגן. דערצו פיל איך נאָך דעם טעם פון פאָרן „ווי אַ מענטש”, אין ערשטן קלאַס.

איך פיל דאָס ווי דער הונגעריקער דעם טעם פון ברויט, ווי דער דורשטיקער דעם טעם פון וואַסער.

איך פאָר מיט אַ טוריסטן־בילעט. דער וועג איז אָבער אויך ניט פריי פון קיין „סאַוסעס זשאַראָנעס (אַ בוים אַזאַ, וואָס מען רופט אים „די וויינענדיקע סאַוסעס”). די „סאַוסעס זשאַראָנעס”, איינגעבויגענע דערלאַנגען מיט זייערע ברינדזשענדיקע צווייגן ביז צו דער ערד אַראָפּ. זיי מאַכן אַ וויינענדיקן איינדרוק און דערמאָנען מיר אָן אַזוי פיל איינ־געבויגענע רוקנס, פון וועלכע עס הענגען אַראָפּ ברידנזשענדיקע שמאַ־טעס, וועלכע איך האָב געלאָזן אין שטאָט. זיי דערמאָנען מיר אויך ניט ווייניקער אָן אַ סך מאחינו בני־ישראל. וויפל פון זיי לויפן זיך דאָס אָן אין אַ היציקן טאָג?! שמאַיען, האַוועו... וויפל יאָגענישן, לויפענישן, האַריץ־קלעמענישן, זאָרגן, דערנידערונגען און באַליידיקונגען דאַרף דאָס אויסשטיין איינער פון זיי, ביז ער בייט עס אַלץ אויס אַף זיין שטיקל מאָגערער חיונה?!

איך האָב דורכן פענצטער דערזען דעם גלאַנציקן ליכטיקן אַספאַלט־וועג, איבער וועלכן עס האָבן זיך געגליטשט די לוקסוס־אויטאָמאָבילן, און בײַ דער זייט פון די דאָזיקע אַספאַלט־וועגן זיינען געשטאַנען ראַנ־טשעס” (ביידלעך), וועמענס אָפּגעריסענע דעכלעך עס האָבן זיך צו דער ערד געבויקט. ראַנטשעס, אַנטקעגן וועלכע אַ יידישע סוכה איז אַ פּאַלאַץ.

איך האָב גענומען טראַכטן, אַז אומעטום איז איין וועלט, הינטערן שטאָט ווי אין שטאָט, אַז אומעטום גייען אומעט און פרייד האַנט בײַ האַנט און מישן זיך ניט צונויף, אַז אומעטום באַגעגענען זיך די קאָנ־

טראַסטן און גייען זיך דאָך ניט צוזאַמען. און אַז מען הייבט אָן צו טראַכטן, פילאָזאָפירן, הייבן דיר אָן אַזעלכע געוויסן־ווערימלעך צו בייסן און פייניקן און עס ווערט דיר אַזוי אומעטיק און טרויעריק אַפן האַרצן...

אויפגעוועקט פון די דאָזיקע עצבותדיקע געדאַנקען, האָט מיר דער באַן־קאָנדוקטאָר. איידעלערהייט האָט ער זיך געהייסן ווייזן דעם בילעט, און נאָך איידעלערהייט, באַנוצנדיק דערביי איינפאַל, האָט ער זיך אי־בערצייגט, אַז איך בין דער ריכטיקער באַלעבאָס פון דעם טוריסטן־בי־לעט. ער האָט זיך ניט געהייסן סתם־אַזוי, פשוט ווייזן דעם קאַרנעט, נאָר כּלאחר־יד, אַ פרעג געטאָן בא מיר, צי עס שטימט דער נומער פון מיין קאַרנעט מיט דעם נומער, וואָס איז אָנגעגעבן געוואָרן אין מיין בילעט. עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך גלייך אינסטינקטיוו געכאַפּט צו דער וועסטל־קעשענע, פון דאָרטן אַרויסגעכאַפּט דעם קאַרנעט, און פאַר־גלייכנדיק דעם נומער פון טוריסטן־בילעט מיטן נומער פון קאַרנעט, האָב איך זיי ביידע דעם קאָנדוקטאָר צו דער נאָז אונטערגעטראָגן.

איך האָב באַוווּנדערט די איידלקייט, דעם נאָבעלן כאַראַקטער פון טשילענער. מעג זיין גוף זיין אָנגעצויגן מיטן שטייפסטן מיליטערישן מונדיר, מיט דער באַן־אוניפאָרם אָדער אַנדערע אוניפאָרמען, מעגן זיינע אַקסלען טראָגן אויף זיך וועלכע עס זאָלן ניט זיין שליפעס, זיינע אַרבל בענדלעך און זיין קאָפּ אַ קוקאַרדע־היטל, בלייבט ער אַלץ אונ־טער זיי דער זעלבער אַדלמאַן, דער זעלבער נאָבעלער מיטן פיין־פילנ־דיקן האַרץ און קלוגן קאָפּ.

און ווי קען מען דען אַנדערש זיין, דערצויגן אונטער אַזאַ שיינער און רייכער נאַטור, לעבנדיק אונטער אַזאַ ליבן מילדן און גלעטנדיקן קלימאַט?

און אַ טרייסט האָב איך געפונען פאַר זיך און פאַר אַ סך אַנדערע ווי איך, וואָס קלאָגן זיך אַזוי אָפט אויף דער ענגער סביבה, צווישן וועל־כער עס קומט אויס צו לעבן. נאָר צוליב אַזאַ וווּנדערבאַרער רייכער און פראַכטפולער נאַטור, נאָר צוליב אַזעלכע גאָלדענע שכנים, האָב איך זיך געטראַכט, קען מען זיך דאָך דאָ גליקלעך פילן און גליקלעך לעבן. און אַ דערמונטערטער פון די נייע געדאַנקען, האָב איך זיך ווידער אַריינגע־לאָזן אין די עולם־הזהדיקע געפילן. און ווי זאָל מען זיך ניט גליקלעך

און צופרידן פילן, אַז די גאַנצע נאַטור איז אויסגעגאָסן פאַר דיר אין אַ ליבלעכער האַרמאָניע:

גאָלדן־העל שיינט די זון און גאָלדן־העל באַלייכט זי די זאַמדיקע וועגן און די בערג־רוקנס. פערדלעך, געשפּאַנט אין וועגעלעך לויפן האָפּ־קעגדיק־זיך איבערן ליכטיקן וועג ווי זיי וואָלטן גאָר אין שפּאַן נישט געגאַנגען, נאָר ווי זיי וואָלטן אַ טאַנץ געגאַנגען, אַ טאַנץ, פאַרוואָס זיי האָבן אַזאַ ליבן טאָג דערלעבט. בלימלעך און שמעטערלינגען שמייכלען און ווינקען אייך אַנטקעגן פון דער ווייטן, און שטיין הינטער אייך בלייבן דיביימער, ווי עס בלייבן שטיין שטומע פריינט, וואָס האָבן זיך מיט אייך אָקאָרשט אָפּגעזעגנט און אייך האָט די באַן פון זיי, ווי אַ שטורעם אַ שלעפּ אַוועק געטאָן. די באַן לויפט און די רעדער קלאַפּן צו צום טאַקט:

טראָג זיך, טראָג זיך, גיכער, גיכער!
טראָג זיך, טראָג זיך, ווי אַ וויכער!

און דער באַן פאָלגט און טראָגט זיך נאָך שטאַרקער און דאָס אויג מיינס זויפט די שיינקייט, זויפט און זויפט און קען זיך נישט באַפרי־דיקן. נעבן מיר ליגן די טאָג־צייטונגען אומבאַרירטע. אין איין אויס־גוס שטייען פאַר מיינע אויגן די שוואַרצע אותיותלעך, וואָס פאַרשוועכן דעם אמת. איך בין צופרידן פון דער באַן, וואָס זי דערווייטערט מיך פון דער גאַנצער וועלט.

איין זאַך שטערט אייך נאָר: די טעלעגראַפן־דראָטן קריכן אייך אין די אויגן. ווער דאַרף זיי, אָט דאָ־אָ, די דראָטן?...

עס ווייזט אויס, ווי די באַן מאַכט גאָרניט איר אָנגעצייכנטן וועג פון שטאָט צו שטאָט, נאָר ווי זי וואָלט אייך עקסטרע געפירט ווייזן: „נאַט, זעט, וואָס אַף גאָטס וועלטל טוט זיך“...

און אַזוי פאָלט ביסלעכווייז צו די נאַכט. די זון באַהאַלט זיך הינ־טער די בערג אַרונטער. די נאַטור ווערט מיסטעריעזער. מיר זיינען שוין אַריבערגעפאָרן סאַן־ראַפאַעלאַ. דער האָריזאָנט ווערט שמעלער. פון איין זייט בערג און בערג, און פון דער אַנדער זייט דער טייך ביאָ־ביאָ, וואָס שווענקט און לעקט די צופוסנס פון די אַנטקעגנאיבערדיקע בערג.

עס שטייען אויך שטיקלעך אָפּגעריסענע פעלדזן אינמיטן טייך,

וואָס זעען אויס ווי אונטערגעגאַנגענע שיפן, וועלכע זיינען פאַרמשפּט געוואָרן קיינמאָל פון אָרט זיך נישט צו רירן.

פון צייט צו צייט בליצט אויף אַ פייערל פון באַרג, פון אַריבער יענער זייט טייכל. וואָס זאָל דאָס זיין? צי בליצט עס אויף אַ גלי־ווערימל, וואָס האָט זיך דאָרטן פאַרקליבן, אין די בערג, אָדער אַ מענטש־ווערימל, וועמען עס איז ענג די גאַנצע וועלט, האָט זיך אַהין, אין די בערג־שפּאַלטן און פעלדזן־לעבער, פאַרקליבן, און שיינט פון דאָרט אַרויס, מיט דעם פייערל, וואָס ער האָט דאָרטן פאַרלייגט?...

און די לבנה, אַ האַלבע נאַר, שטייט און קאָקעטירט זיך און שפּיגלט זיך אין טייך. אַ האַלבע שטייט זי נאַר, די לבנה, און דאָך קאָקעטירט זי, און שפּיגלט זיך מיט רעכט. זי אַליין באַזילבערט דאָך אים, דעם טייך, און באַלייכט אים, מעג זי דאָך זיך כאָטש אין אים אָנשפּיגלען אַ ביסל...

פּלוצלינג הייבט די לבנה אָן שווימענדיק אונדז נאָכיאָגן. און אַזוי לויפט זי נאָך נאָך אונדז וויאָרסטן און וויאָרסטן, מיילן און מיילן.

מיטאַמאָל באַהאַלט זי זיך צווישן עקאַליפּטן־ביימער, און מיר מיינען, אַז מיר האָבן שוין איר פאַרלאָרן, נאָר זי בליצט דאָך אַרויס פון דער ווייטן און זאָגט: וואַרט נאָר, אָט בין איך ווידער דאָ!

עס זעט אויס, ווי אַ וועט־געיעג, צווישן דער לבנה און דער באַן: ווער וועמען וועט איבעריאָגן, די לבנה אויבן שווימענדיק, אָדער די באַן אונטן פאָרנדיק?

לויפט די באַן, שטרענגט אָן אַלע כוחות, לויפט, בראַזגענדיק און קלאַפּנדיק, און זי, די לבנה, אַ רויִקע, שווימט זיך איבער בערג און וועלדער.

אָט דוכט זיך אייך, אַז איצט האָט זי שוין זיכער פאַרלאָרן דעם געוועט. אַ הויכער באַרג האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג. נאָר באַלד דערזעען זיך גאַנצע בונטן העלע פּאַסמעס און נאָכדעם שווימט זי אַליין אַרויס אָניאָגנדיק אונדז.

און יאָגנדיק זיך אַזוי מיט דער לבנה, זיינען מיר קיין קאָנסעפּסיאָן אָנגעקומען.

.1935

קאָנסעפּסיאָן

קאָנסעפּסיאָן, וועלכע רעכנט זיך פאַר דער דריטער שטאָט פון טשילע, לויט איר גרויס נאָך, מאַכט אָבער לויט איר שטילקייט, לויט איר רויִקייט נאָך, דעם איינדרוק פון אַ גרויסן שטילן דאָרף.

דער פאַרגלייך איז נאָך ניט אינגאַנצן קיין ריכטיקער. אין דאָרף צעקלאַפּט כאָטש אַמאָל פאַרטאָג דער האָן זיינע פליגלען און צעקרייט זיך, אַזוי הויך אפן קול, אַז ער מאַכט כאָטש אָן אַ שטיקל רעש, אַ טומל און וועקט אַלעמען אויף פון שלאָף, אין דאָרף צעשלאָגן זיך כאָטש אַמאָל אַ פּאָר פּויערים און עס ווערט טומלדיק, לעבעדיק, לוסטיק, דאָ דאָס אויך ניט.

אין קאָנסעפּסיאָן איז רויִק, שטיל, אַ מחיה. כאָטש קום און רו זיך דאָרט אויס אַביסל, קום און רו אויס דיינע אָנגעשטרענגטע נערוון.

איבער די קאָנסעפּסיאָנער גאַסן גליטשט זיך פּאַוואָלינקע ווי פון אויבן אויף נאָר דער טראַמוויי, מורא האָבנדיק צו שטאַרק די ערד אָנ־צורירן, ווי עס האָט מורא אַ דאָרפישער פּויער פּעסט אָנצוטרעטן דעם געוואַקסטן דיל באַם פּריץ...

אין צענטר פון קאָנסעפּסיאָן שטייט אונטער אַ דעכל אַ „קאַראַבי־נעראָ”, (אַ פּאָליציימאַן) און מאַכט אַף אַלע זייטן מיט אַ שטעקעלע. דאָס זאָל בלומרשט הייסן, אַז ער פירט אָן מיטן גאַסן־פאַרקער. אויסזען, זעט ער אָבער אויס ווי אַן אויטאָמאַטיש שפּילכל. אין בעסטן פאַל ווי אַ יינגל וואָס קרימט נאָך אַ „קאַראַבינעראָ”, וועמען ער האָט געזען אַזוי מאַכנדיק, ווען ער איז געווען אין דער גרויסער שטאָט, אין סאַנטיאַגאָ.

אין קאָנסעפּסיאָן שרייט מען ניט, ליאַרעמט מען ניט. אַלץ ווערט דאָרטן אָפּגערעדט און אָפּגעהאַנדלט בסודי־סודות. עס זעט אויס ווי גאַנץ קאָנסעפּסיאָן וואָלט געלעגן איינגעהילט אין אַ שטילן סוד.

שטייט דאָרטן דער אַראַבער, דער טעמפּעראַמענטספולער אַראַבער, וועלכער איז אַזוי געוווינט צו וואַרפן זיך, זשעסטיקולירן, און מיט הארץ אַריינריידן אין זיין קליענט, שטייט ער זיך אַזוי געלאַסן אונטער זיין „מועסטראַדאָר” (טאָמבאַנק) און ציילט געלאַסן זיינע ווערטער. ציילט

זיי, מעסט זיי און וועגט יי, ווי ער וואָלט געשטאַנען לפני מלך־מלכי־המלכים. ציילט ער זיי און לאָזט זיי אַרוים אַזוי קאַרג, זיינע ווערטער, ווי קאַרג ער ציילט אָפּ, מעסט אָפּ און לאָזט אַרויס די מעטערס שטאָף פון זיינע הענט.

אַזוי רויִק שטייען אויך אונטער זייערע „מועסטראַדאָרן", די נער־וועזע ייִדן, די באַרדעוודיקע שפּאַניאָלן, די בלוטפולע איטאַליענער און די באַוועגלעך־רירעוודיקע יאַפּאַנעזער. ווער רעדט שוין די ענגלענדער, די דייטשן, זיי זיינען דאָרטן אין זייערע ריכטיקע ראָלן: שטייען אומ־באַוועגלעכע ווי די אויסגעצויגענע מומיעס.

די צייטונגס־פאַרקויפער און שיך־פוצער, וואָס דאַרפן שוין שרייען, צו וועמענס געשרייען מען איז שוין צוגעוווינט, שרייען אויך ניט אין קאָנסעפּסיאָן, ווי זיי וואָלטן נישט וועלן איבערייסן, מפסיק זיין, די הייליקע שטילקייט, וואָס הערשט אַרום אייך.

גייען זיי אייך נאָענט פאַרביי און רוימען אייך אַריין אַ סוד אין אויער: „על מערקוריאָ", „לאַ נאַסיאָן", „דיאַריאָ" (נעמען פון צייטונגען), אָדער: „לוסטראַר אמאַריזשאָ, קאַבאַזשעראָ" (פוצן אָפּ געל קאַוואַליר)...

די קאָנסעפּסיאָנער גאַסן קענען דוכט זיך אַפילו ניט קיין קינדערשע געשרייען. אַלע האָבן זיך דאָ אויסגעלערנט שווייגן.

און עס איז קיין ווונדער ניט, וואָס קאָנסעפּסיאָן איז אַזוי שטיל און שווייגנדיק. זי האָט עס געלערנט בײַ דער נאַטור, וואָס אַרום איר, בײַ די בערג, וואָס באַפעסטיקן איר און בײַ די וואַסערן, וואָס גאַרטלען איר אַרום.

אין דעם דאָזיקן שטילן און רויִקן קאָנסעפּסיאָן האָבן אויך געפונען אַ מקום־מנוחה פאַר זייערע פאַרוואָגלטע קעפּ אַ דרייסיק משפּחות פון דעם גאָר ווייניק רויִקן פאָלק, דעם ייִדישן.

שטיל און רויִק לעבן דאָרטן די עטלעכע צענדליק ייִדישע משפּחות. און זיינען דאָך ניט פאַרוויגט און אַנטשלאָפן געוואָרן אָף אייביק...

די דאָזיקע עטלעכע מנינים ייִדן האָבן געוואָרפן די זוימען פאַר אַ נייער ייִדישער קהלה אין קאָנסעפּסיאָן. די זוימען האָבן זיך אָנגענומען, און אַ ייִדישע קהלה אין דער ווייטער דרום־שטאָט איז אַנטשטאַנען, אַ קהלה מיט אַלע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, וואָס די דרום־אַמערי־

קאַנער ישובים בכלל פאַרמאָגן, מיטן ביסל אייגנאַרטיקן טשילענער קאָלאָריט דערצו.

קאָנסעפּסיאָן האָט אין מיניאַטור אַלץ דאָס, וואָס אונדזער מעטראָפּאָליע, אונדזער עיר־ואם־בישראל סאַנטיאַגאָ האָט:

אַ יידישן הייליקן אָרט, אַ „סאָסיעדאַד" (געזעלשאַפטלעכע הויז) מיט אַלע זיבעצן זאַכן, אַ שול מיט ספרי־תורות, אַ קלוב, להבדיל, אַ גרויסן סאַלאָן מיט אַ בינע, פאַר בײַלעס (טענץ) און פאָרשטעלונגען, אַ ביבליאָטעקל, אַ קינדער־שול, א.א.וו. א.וו.

דער דאָזיקער יידישער צענטער פון קאָנסעפּסיאָן, וואָס איז אין זיך דאָס אַלץ כולל, הייסט אפילו ניט מיט זיין ריכטיקן אַנטשפּרעכנדיקן נאָמען. ער הייסט: „ציוניסטישער צענטער דר. עפּשטיין", בעת ער דאַרף אין דער אמתן טראָגן דעם ברייטערן נאָמען זיינעם — יידישער צענטער. אָבער ניט וועגן נאָמען האַנדלט זיך דאָך דאָ, נאָר וועגן תוכן, און דער תוכן איז אַ ברייטערער, אַ יידישער. און אויך די ארומיקע שכנים קענען אים פאַר אַזאַ.

און אַז מען גיט זיך אַ טראַכט, אַז אין דער צייט פון גייסטיקן און עקאָנאָמישן קריזיס פאַר די יידישע מאַסן אין די אַלטע היימען זייערע, אין דער צייט פון אייגענער און פרעמדער פאַרנייגונג, אין דער צייט פון „בכל מקום עומדים עלינו לכלותנו", אַז אין דער זעלבער צייט שפּראָצן אויף נייע יידישע קהלות אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען, אפילו אין דעם פאַרוואָרפנסטן פון אַלע לענדער, טשילע, כאַפּט אייך אַרום אַ פאַרוואונדערונג און אַן ערעפורכט פאַר דעם גרויסן פאָלק...

און ווי אַ רעטעניש זעט עס אויס פאַר דיינע אויגן: וועלכער כח שפּייזט עס אָט־אָ דעם הייפעלע יידן, אָן אָפּגעריסענער צענדליקער יאָרן פון זיינע טראַדיציעס, פון זיין קולטור און פון זיינע נאָענטע? פון וועלכן כח שפּייזן זיך דאָס אָט די עטלעכע צענדליק יידן, וועלכע האָבן מיט צענדליקער יאָרן צוריק, ווען זיי זיינען אַהער אָנגעקומען, זייער אַ קליינעם גייסטיקן באַגאַזש מיט זיך מיטגעבראַכט?

פון וואַנען זשע שעפּט דאָס דער קאָנסעפּסיאָנער ייִד כח צו בלייבן אַ לעבעדיקער נערוו, אַ לעבעדיקער גליד פון דעם גאַנצן יידישן גוף?

אַ רעטעניש — נישט צו באַשיידן, אַ רעטעניש אָבער וואָס גיט צו מוט, רופט אַרויס באַוואונדערונג און יראת־הכבוד...

1935.

וואַלדיוויא און אָסאָרנאָ

ניט קוקנדיק, וואָס מיר זיינען, דוכט זיך, צעבוצקעט מיט די דייטשן, ניט שוה-בשוה מיט זיי, האָבן מיר דאָך די טבע צו ריידן מיט גוזמא וועגן זייער אַרבעטסזאַמקייט בפרט און וועגן זייערע מעלות בכלל. אָט אַזוי, צ. ב. קען זיך קיין איין ייִד ניט געניג אָפּזינגען און אָפּלויבן פון די דייטשישע אויפטוען אין דרום.

אין דער אמתן אָבער זיינען דאָך דאָס ניט קיין דייטשישע אויפ־טוען, דאָס וואָס דער דרום איז אַזוי פּרעכטיק, שיין און רייך אין אַלער־ליי פּירות, נאָר די ברכה פון דעם לאַנד.

ריידנדיק אפילו וועגן דער דייטשישער „סטאָליצע" אין טשילע, וועגן וואַלדיוויא, איז אויך ניטאָ וואָס אַזוי נתפּעל צו ווערן.

וועלכע זיינען דאָס די גרויסע דייטשישע דערפינדונגען און אַנט־דעקונגען אין לאַנד? וואָסערע רויע כחות פון אונדזער רייכן לאַנד האָבן זיי דאָס אַזוי אַף אַ באַזונדערן אופן אויסגענוצט? וואָס האָבן זיי דאָס אין וואַלדיוויא פאַר אַזאַ גרויסע אינדוסטריע געשאַפן?

וואָס האָבן זיי דאָרטן מער אַ חוץ אַ פּאָר שוך־פאַבריקן און אַ גרויסע ביר-ברויעריי?

די גאַנצע גרויסקייט זייערע ליגט אין דער לאַנדווירטשאַפט. און דאָס איז אויך נאָר אין פאַרגלייך מיטן איינגעבוירענעם, איבערהויפּט מיט דעם אינדיער.

און די גרויסקייט זייערע אין דער לאַנדווירטשאַפט איז אויך נאָר אַ כמותדיקע. זיי האָבן פּשוט זייער גרויסע שטחים ערד און ווייסן, ווי צו מאַכן אַרבעטן אַנדערע אַף זיי און צו ציען די נוצן פון זיי.

אַ סך פון די איצטיקע דייטשישע ערד-אייגנטימער אין דרום פון לאַנד האָבן שוין פאַרלאָרן זייער אייגנטימלעכן קאָלאָניסטישן כאַראַק־טער און האָבן זיך שוין לאַנג פאַרוואַנדלט אין גרויסע גוטבאַזיצער, אין לאַטיפונדיסטן.

די מיטלען, מיט וועלכע זיי, און איבערהויפּט זייערע עלטערן און אורעלטערן, האָבן די ערד דערוואָרבן, זיינען, ווי מען זאָגט, ניט ביז גאָר קיין ערלעכע און כשרע...

איין זאַך ווייסן די דייטשן — ריכטיק אָפּצושאַצן דעם ווערט פון זייער ערד. זיי פאַרלאָזן איר ניט און פאַרבייטן איר ניט אַף קיין שערבלעך, אַנטלויפנדיק אין שטאָט אריין.

און האָבן זיי אַ באַדערפעניש געהאַט פאַר אַ שטאָט, האָבן זיי איר אַרום זייערע ערדן געשאַפן — וואַלדיוויא.

וואַלדיוויא איז כמעט אַ ריין דייטשישע שטאָט. יעדערער גרעסערער דייטשישער ערד־באַזיצער פון יענעם געגנט האָט אַ חוץ אין זיין גוט, אויך אַ הויז אין וואַלדיוויא. דאָרטן, אין וואַלדיוויא, לערנען זיך זיינע קינדער אין דער דייטשישער שול און דאָרטן פאַרברענגט זיין פאַמיליע דריי פערטל פון יאָר.

די שטאָט וואַלדיוויא פאַרמאָגט נאָך איר באַזונדערן חן. זי איז געבויט געוואָרן מיט דער רחבות פון דעם פעלד־מענטשן.

די הייזער־פּאַלאַצן, גרויסע, ליגן אויסגעצויגן טיף אין די הויפּןגערטנער, באַהאַלטנדיק זיך, און טויכן זיך קוים־קוים אַרויס פון דעם ים גרינסן, אין וועלכן זיי טובלען זיך.

לעצטנס אָבער הייבט וואַלדיוויא אָן צו פאַרלירן אויך איר אָריגינעלן חן. די הייזער האָבן זיך מיט חוצפּה אָנגעהויבן אַרויסצורוקן אין פאָדערגרונט און האָבן גענומען פאַרייסן די קעפּ זייערע אין הימל אַריין. אומברחמנותדיק ווערן די אידילישע הייזער, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט זייערע ווירטנס טעג און וואָכן־לאַנג אַף זייערע באַלעבאַטים געוואַרט, אַראָפּגעוואָרפן, און אַף זייערע פּלעצער שטייען אויף פינף־זעקס־שטאָקיקע „אַמעריקאַנקעס”.

ווער רעדט אָסאָרנאָ, די צווייטע דייטשישע שטאָט אין דרום, מיט איר, מיט אָסאָרנאָ, איז זיך גאָר ניטאָ וואָס צו באַרימען און איבערנעמען.

אָסאָרנאָ זעט אויס שרעקלעך גראָ, נאָך מער ווי גראָ, שוואַרץ. די הייזער אָפּגעריסן, די וועגן פון די גאַסן גריבערדיקע, ניט קיין ברוקירטע. פון טראָטואַרן קיין זכר ניט. די שטיבער פאַרחושכטע. לעבן זיי קיין ברעקל גרינס ניטאָ. וווּ איז דאָס דער דייטשישער קולט פאַר אויסצוננוצן

יעדעס פיצעלע ערד ארום זיך? מסתמא איז דאָס נאָר אַ מצות־ארץ אום צו פאַרגרעסערן דאָס פּאַטערלאַנד. אַף חוץ־לאַרץ איז זי, די מצוה, ווייזט אוים ניט חל...

געוויינטלעך האָט דער צענטער פון אַסאַרנאַ בחפזונדיק אַרויפגעצויגן אַף זיך אַ שטיקל אַספאַלט אַרום דער „פלאַסע" נאָר. זי האָט אויך געגומען צורעכט מאַכן די „פלאַסע" וואָרום אפילו קיין רעכטע „פלאַסע" האָט אַסאַרנאַ ניט.

וואָס איז אָבער שייך אויפהאַלטן זייער נאַציאָנאַלן קיום, אויסלעבן זיך אין זייער קולטור און שפּראַך, מעגן מיר, ייִדן, גיין נעמען אַ לעקציע בא זיי, די דייטשן.

זיי האָבן זיך נישט געבויגן פאַר דער לאַנדס־שפּראַך און איר קולטור, נאָר האָבן פאַרקערט די טשילענער באַפעלקערונג פון יענע געגנטן צו זיך געמאַכט בויגן.

זיי האָבן דאָרטן גרויסע שול־נעצן, אָנפאַנגער און מיטעלע, וועלכע ווערן באַזוכט ניט נאָר פון די דייטשישע קינדער, נאָר אויך פון די טשילענער.

דייטשישע קינדער פון פינפטן דור ריידן נאַטירלעך דייטש און לערנען ערשט שפּאַניש, ווען זיי קומען אָן אין שול.

איך האָב זיך צו אַ זעקס יעריק דייטשיש קינד, וועמענס באָבע עס איז שוין אין טשילע געבוירן געוואָרן, געווענדט אַף שפּאַניש, האָט עס מיר ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. די באָבע פון קינד האָט מיר באַלד דערקלערט: „עס רעדט נאָך קוים דייטש, ווילסטו עס זאָל שוין אויך שפּאַניש קענען?"

דער פאָטער פון קינד האָט באַמערקט מיין פאַרווונדערונג, מיין שטוינונג, און האָט מיר געפרעגט: „און אייערע קינדער?"

איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרלעגנהייט, האָב אָנגעהויבן מיטן צונג צו בעבענען און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. איך האָב מיך, ווי אַ פאַרשולדיקטער, גענומען פאַרענטפערן, אַז מיר זיינען נאָך דאָ, אין טשילע, אַ קליינע קאָלאָניע, און האָבן נאָך נישט קיין געהעריקע שולן. דער דייטש האָט מיר אָבער אָפּגעגאָסן מיט אַ גאַנץ גרויסע פאַרציע מוסר:

— וואָס הייסט ניט האָבן קיין שולן?! קינדער דאַרפן וויסן ווער זייערע עלטערן זיינען. מען קען זיין אַ גאַנץ גוטער טשילענער פּאַטריאָט

און קענען די שפּראַך און די געשיכטע פון דעם פאָלק, פון וועלכן מען שטאַמט אַרויס. איר מוזט, איר מוזט האָבן אַ שול פאַר אייערע קינדער, — האָט דער דייטש געשריגן, ווי עס וואָלט זיך דאָ האַנדלען ניט וועגן ייִדישע קינדער, נאָר וועגן דייטשישע.

און געטראַכט האָב איך זיך:

„אמת, מיר זיינען טאַקע צעבוצקעט מיט די דייטשן, מיר זיינען טאַקע מיט זיי ניט שוה בשוה, נאָר דער וואַלדיוויאַנער דייטש איז דאָך פאָרט גערעכט, אַ שול פאַר אונדזערע קינדער דאַרפן מיר, מוזן מיר האָבן!"

.1935

אינדיער

זייער אויסזען און הילוך

צען יאָר בין איך אַפּגעוועזן אין טשילע און קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט צו זען די אינדיער, וואָס געפינען זיך אין זידן פון לאַנד. און ווי האָב איך זיי געוואָלט זען!

דאָס איז געווען דער נייגיר, וואָס האָט אין מיר נאָך געטליעט פון די קינדער־יאָרן אָן, ווען איך האָב אין אַ געאָגראַפּישן ביכל געזען די פיגור פון אַ צעשויבערטן אינדיער מיט די גלייך־שטייענדיקע האָר אויף זיין פּנים און קאָפּ ווי די סכך־נאָדלען און מיט דעם ביז די ברעמען פאַר־וואַקסענעם שטערן. דעמאָלסט, ווען איך האָב די דאָזיקע אינדיער־פיגור געזען אין ביכל האָט די מעגלעכקייט צו זען אַן אינדיער אין דער ווירק־לעכקייט אויסגעזען ווי אַ ווייטער, ווייטער חלום. און אַט איז דער חלום מקוים געוואָרן.

איך פאָר קיין טעמוקע, אין וועמענס אומגעגנט עס געפינען זיך די אינדיער.

פאַרביי מיינע אויגן טראָגן זיך דורך די שענסטע לאַנדשאַפטן: בערג און טאָלן, פעלדער, לאָנקעס, וועלדער און טייכלעך, און איבער דעם אַלע־מען הענגט אַ טיפער בלויער הימל, פון וועלכן עס צעגיסט זיך אַ ליב־טיקייט, וואָס נעמט אַרום די בערג, צעפליסט זיך אין די טאָלן און שפּיגלט אָפּ די שפע פון די פאַרבן אין די קריסטאַל־ריינע טייכלעך וואָס אַרום.

נאָר ווער האָט עס געדולד מיט דעם אַלעמען זיך אָנצוזאַפּן, אַז דו ביסט אינגאַנצן פאַרנומען מיט דעם פאַרלאַנג צו זען מיט דיינע אייגענע אויגן די אינדיער.

וויקטאָריא.

— „דאָ שטייגן מיר אַראָפּ“! זאָגט צו מיר מיין חבר — „דאָ וועסטו באַלד זען די אינדיער“.

אינדערפרי איז דאָס געווען. מיין חבר האָט מיך אַוועקגעפירט צום אַריינגאַנג פון דער שטאָט.

גרופּעסווייז זיינען אָנגעקומען אין שטאָט אַריין אינדיאַנערנס און האָבן זיך באַגריסט מיט דעם צאַרט־קלינגענדיקן „מאַי־מאַי“, (אַ באַגריסונג אַזאַ אַף זייער לשון), וואָס האָט אַזוי האַרמאָניזירט מיט דער נאַטור וואָס אַרום.

די אינדיאַנערנס להיפּוך צו זייערע מענער זיינען הויך־ און ברייט־געוויקסיקע. די פּנימער באַ זיי ווי באַ די מענער זיינען ביינערדיק־בולטע, דער שניט פון די אויגן אַ מאַנדל־פאָרעמדיקער. זיי זיינען אַ סך ענלעך צו דער מאָנגאָלישער ראַסע. אָנגעטאָן גייען זיי אין טונקל־ברייטע, מערסטנס שוואַרצע, רעק. דער אויבערשטער האַלבער קערפּער זייערער איז איינגעוויקלט אין אַ ברייטן שוואַרצן אָדער טונקל־בלויען טוך, צוגעשפּיליעט פון פאָרנט איבער דער ברוסט מיט אַ ברייטער מעטאַלענער באַצירונג אין דער פאָרם פון די לוחות. פון די האָר זייערע, וואָס זיינען געפלאָכטן אין צעפּ, הענגען אַראָפּ צו ביידע צעפּ צוגעפלאָכטן פאַרשיידענע זילבערנע מטבעות איינע אין די אַנדערע געקייטלט. אַנדערע, די רייכערע קענטיק, טראָגן אפן קאָפּ אַ גאַנצע קרוין און פון זייערע אויערן הענגען אַראָפּ שווערע רונדע גילדענע אוירינגלעך. זיי זעען אויס ווי די ביליק־געמאָלענע מלכות. די דאָזיקע לעצטע טראָגן אויך הויכע רויטע שיך מיט שרייענדיקע קאָלירטע זאָקן. (די מערסטע פון די אינדיאַנערנס גייען באָרוועס).

דער אינדיער, דער מאַן, אונטערשיידט זיך אין זיין הילוך כמעט מיט גאָרנישט פון דעם געוויינטלעכן אָרעמען טשילענער פּויער.

אין אַן אינדישן געריכט.

וויקטאָריאַ איז אַ ליכטיקע, שיינע און ריינע פּראָווינץ־שטאָט. ניט וויט פון דער „פּלאַסע“, אַף אַ ברייטלעך־צעלייגטן איינשטאָקיקן הויז, לייען איך איבער אַ שילד: „געריכטס־הויז פאַר אינדיער“. איך גיי אַריין אַהין. באַ אַ טישל זיצט אַ מיטל־וווּקסיקער מענטש, אַ טונקל־הויטיקער, מיט אַ נידעריקן שטערן, אַ קורצע נאָז, בולטע קינען, און איך וואָלט גע־

שוואָרן, אַז ער אַליין איז אַן אינדיאַנער. דאָס דאַרף זיין דער ריכטער. ער זיצט און פאַר אים שטייט אַ נידעריקער טרויעריקער אינדיער מיטן היטל אין די הענט. ער קוקט אַף אים פון אויבן אַראָפּ. ער פרעגט אים אויס. דאָס אויספרעגן איז גיכער אַ מין בייזערן זיך. דער אינדיער פאַר־שטייט אים ניט און דער פּאַרטיער, אויך אַן אינדיער, איז דער טאָלמע־טשער.

— „ווי הייסטו?" — גיט אַף שנעל זיך אַ בייזער דער ריכטער, און דער טאָלמעטשער גיט עס אַ זאָג איבער אַף מאַפּוטשאַ (אַזוי הייסט די שפּראַך פון די אינדיאַנער אין טשילע), אין דעם זעלבן טעמפּ און טאָן ווי דער ריכטער און אַזוי אַלע איבעריקע פראַגעס. דער אינדיער ווערט צע־טומלט און אַז עס קומט צו אויסלייגן זיינע טענות וועגן אַ שטיק ערד, וועלכע מען האָט בײַ אים אויסגענאַרט אַף אַ כיטרען אופן, הייבט ער אָן צו שטאַמלען.

דער ריכטער בייזערט זיך אָן אַף אים: „איר זייט אַלע אַ בינטל גנבים, ליגנערס און אומפאַרשעמטע", און דער באַעולטער אינדיער שטייט שוין הינטער דער טיר.

ער גייט נאָך אָבער פון דאָרטן ניט אוועק. ער וויל צו זיך קומען און פאַרשטיין, פאַרוואָס געפינט ער ניט קיין גערעכטיקייט. ער ווייס דאָך פאַר זיך, אַז ער איז גערעכט. באַשר ער האָט ניט קיין קאָנטראַקט.

מײַנע בליקן זיינען מיט באַדויערונג געפאַלן אַפן אינדיער.

דער ציוויליזירטער אינדיער, דער טאָלמעטשער, האָט שוין אויך ניט געקענט בלייבן רויִק אַף זיין אָרט. ער איז אַרויס צו מיר און האָט מיר געגעבן אַ גאַנצע לעקציע וועגן דעם, אַז מען דאַרף ניט האָבן קיין צו־פיל צוטרוי אַף דער וועלט. „אַזאַ וועלט איז היינט" — זאָגט ער צו מיר — „מען דאַרף קיינעם ניט געטרויען, אפילו ניט דאָס אייגענע ווייב". דערמיט האָט ער געוואָלט פאַרענטפערן יענעמס עולה, און ער האָט עס באַלד די זעלבע לעקציע פון „ציוויליזאַציע" איבערגעגעבן דעם אינדיער אַף מאַפּוטשאַ־לשון.

מען קוקט אַף די אינדיער ווי אַף אַ נידעריקערער ראַסע.

די היגע איינוווינער, די טשילענער, קוקן אַף די אינדיער, ווי אַף אַ נידעריקערער ראַסע, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס זיי, די אינדיער, זיינען

די אמתע טשילענער, די ריכטיקע באַלעבאַטים פון לאַנד, פון וועמען זיי, די טשילענער, שטאַמען אַרויס.

מיר פאָרן אין באַן. דער דריטער קלאַס איז געפּאַקט. דאָרטן זיינען פאַרטראַטן אַ סך אינדיער. אַנטקעגן מיר זיצט אַ יונג מיידל, אַ גימנאַזיסטקע אין איר אוניפאָרם. לעבן איר זיצט אַן עלטערע אינדיאַנערן. די גימנאַזיסטקע האַלט אין איין קרימען מיט דער נאָז אין דער זייט פון דער אינדיאַנערן. זי זאָגט צו איר שכנטע פון דער צווייטער זייט, אַז זי באַשטייט בעסער פון היינט און ווייטער צו פאָרן איין מאָל אַ חודש זיך צו זען מיט אירע עלטערן, איידער צו פאָרן אַזוי־אָ, און גיט ווידער אַ קרים מיט דער נאָז אין דער זייט פון דער אינדיאַנערן. אַזאַ געטרייע טאָכטער איז זי דאָס, די ציוויליזירטע גימנאַזיסטקע, פון וועמענס פּנים דער מאַפּוטשע־חותם איז נאָך גאָרנישט אָפּגעווישט.

.1937

קיין וואַלפּאַראַיסאָ

איר פאַרלאָזט די שטאָט און לאָזט זיך האַרט צווישן די בערג. אייער אויג ווערט מיד פון פעלדזן-שטיינער-האַרטקייט.

ציט זיך די באַן, לויפט און יאָגט זיך צווישן די בערג־ווענט, ווי איינער וואָס וויל זיך באַפרייען פון ענגשאַפט, פון תפיסה און וויל דערזען די ליבע, שיינע און ליכטיקע וועלט.

גאָר אינגיכן קומט ער טאָקע אַרויס אַף דער פריי, אין דער ליכטיקייט.

די ליכטיקייט, די העלקייט, גיט אייך אַזוי פּלוצלינג אַ שפּרונג אין די אויגן און מיט אַזוי פיל שפע פון אַ זון אַ פולער, אַ צעשטראַלטער, אַז עס מאַכט אייך אויפשפּרינגען פון אָרט...

און אַן אויסטערליש-מאָדנע איז זי, די זונען-העלקייט און ליכטיקייט.

וואָרום הויכע באַיאָרנטע טונקל-פאַרביקע בערג האָבן ווי שומרים געטרייע זיך אין אַן עגול געשטעלט און לאָזן ניט אַדורך אַריבער יענער זייט פון זיך די שטראַלן פון דער זון.

האָט זיך אַ זון אַ גאַנצע אין אַ טאָל אַראָפּגעלאָזט, טאָ ווי זאָל אַ ליכטיקייט אַזאַ פון אָרט ניט מאַכן אויפשפּרינגען?!

ערגעץ-דאָרטן ווייט אין טאָל, באַם צופוסנס פון אַ בערגל, שטייען צעשפּרייטע און אין עסן אַריינגעטונקטע ציקעלעך, ווייסע, וואָס אַז זיי באַוועגן זיך ניט, זעען זיי אויס ווי מצבות אַף אַ ייִדישן קליינשטעטלדיקן בית-עולם.

אַ ביסל נאָך ווייטער פיטערן זיך, צעזייט אין דער שיטער, טונקל-וואָליקע שעפּסעלעך, וועלכע זעען אויס פון דער ווייטן ווי אונטערגעהאַקטע ביימעלעך פון אַ יונגן ניט דערוואַקסענעם וועלדל.

דערנאָך ווידער בערג און בערגלעך:

בערג, וואָס האַלטן אין איין טובלען קאָפּ און רוקן אין דאַמף פון איבערגעריסענע וואָלקנס, און בערגלעך וואָס טוליען זיך דערנעבן זיי.

און די צווישן־בערג זעען אויס, ווי מיסטעריעזע באַהעלטענישן, פון וועלכע, דיר דוכט זיך, וועסט באַלד דערזען אַרויסשטעקן אַ ליבן, מילדן געשטאַלט, מיט אַ פּאָר גלעטנדיקע אויגן, וועלכן דו קענסט אַזוי גוט און האָסט אים אין דער אמתן קיינמאָל ניט געזען און וועסט עס אים אויך קיינמאָל ניט.

***

אַ טאָל אַ באַגרינטער און באַהעלטער: אַ גן־עדן־התחתון, ווו קיין מענטשן־פוס האָט, דוכט זיך, קיין זכיה נישט געהאַט צו באַטרעטן.

נאָר אַן אויפשריפט „סינסאַנאַ" וועקט דיר פון דיין חלום און דער־מאָנט דיר אָן דערווירקלעכקייט...

דערמאָנט דיר, אַז דו זיצסט אין באַן, וואָס רייסט זיך מיט זיין שטאָלן־ברוסט, מיט דער גאַנצער ווילדקייט און שנעלקייט וואָס ער קען נאָר.

עס ציט אים גיך צו קומען און דיר צו ברענגען צו ביידנס שטאָט־פּלאַץ — די שטאָט.

און המצאהדיק, מיט שפּיצלעך און איינבּאָלן, זוכט ער און געפינט אַן אויסוועג ווי זיך אַרויסצודרייען פון צווישן די בערג, פון וועלכע דיר דוכט עס איז קיין אַרויסגאַנג נישטאָ.

און אַמאָל, אַז עס איז טאַקע קיין אויסוועג נישטאָ, רייסט ער זיך אַריין אין די געדערים און אינגעווייד פון באַרג און קומט אינגיכן אויף דער פריי, אין דער ליכטיקייט.

וואַלפּאַראַיסאָ!

די שטאָט וואַלפּאַראַיסאָ האָט זיך טאַקע צעלייגט אין איינעם אַזאַ ליכטיקן טאָל, פון דריי זייטן אַרומגענומען דורך בערג אין דער פאָרם פון אַ בויגן, און פון דער פרייער זייט פאַרצויגן מיטן ים.

און אַז די איינוווינער פון וואַלפּאַראַיסאָ האָבן זיך צעפּרוכפּערט און פאַרמערט, האָבן זיי ביסלעכווייז גענומען אַרויפקלעטערן אויף די בערג און האָבן דאָרטן בהדרגהדיק העכער און העכער זייערע היימען געבויט.

זעען אוים די פארבויטע בערג, פון וועלכע א גרויסער טייל פון וואל־פאראיסא באשטייט, ווי ברייט צעלייגטע טרעפ.

און באנאכט, ווען די עלעקטרישע אויגן-לעמפלעך צעשטראלן זיך אין דער בערג־טונקלקייט, שימערירן זיי פון דארטן ארויס ווי גלאנצנ־דיקע ווערט-שטיינער פון א טונקעלער בערגל־פארעמדיקער קישעלע, וואס אין א צירונג־שאכטל...

וואלפאראיסא האט א באפעלקערונג פון אן ערך דריי הונדערט טויזנט איינוווינער.

אלס א פארט־שטאט האט זי א פארשיידנפעלקערישע איינוווינער־שאפט.

אויך א פאר הונדערט יידישע משפחות האבן דארטן פאר זיך זייע־רע היימען געבויט און א מקום מנוחה געפונען.

כמעט אלע פארנעמען זיי זיך מיט האנדל. די מער ארויפגעארבע־טע פון זיי האבן מעבל, שניידער- און פוטער־געשעפטן. די איבעריקע פארנעמען זיך מיט פעדלעריי.

און א וואונדער: וואלפאראיסא, א פראווינץ שטאט מיט אינגאנצן א פאר הונדערט יידישע איינוווינער, און אויך דארטן עקזיסטירט א יידיש קהלה-לעבן מיט אלע פיטשעווקעס.

די וואלפאראיסער יידן פארמאגן אן אייגענע פרעכטיקע געביידע, וואס געפינט זיך אין צענטער שטאט, האבן דארטן אן אייגענע שול, א שול און א ביבליאטעק.

אז איר גייט אריין אין זייער ביבליאטעק־זאל, ווערט אייך עפעס אזוי היימיש־ווארעם...

פון די ווענט פון ביבליאטעק־זאל שמייכלט צו אייך מיט שטאלץ אראפ שלום־עליכם: ווי געפעלט אייך, אזא המצאה?!

„אזוי ווייט, הינטער שטעט און לענדער, הינטער ימים און בערג, ערגעצוואו אין דעם לאנד פון די הרי־חושך, האבן זיי מיר אראפגעבראכט, איך זאל זיי שמייכלען מאכן, און שמייכלענדיק, אן זיך זיי ניט לאזן פארגעסן"...

און ארום אים, מענדעלע, דער זיידע, י. ל. פרץ, פרישמאן און אנ־דערע פאטאקעווען מיט פארגעניגן: „טאקע אזוי, טאקע אזוי..."

.1932

נאָך קאַרטאַכענאַ

(די טשילענער פּלאַזשע)

א סאָפּע, א קרעכץ, די באַן־מאַשין נעמט זיך אָן מיט קראַפט. א צי פון אָרט די שווערע משא און גלייך פאַרשנעלערט זי אירע ריזן־טריט.

אין איין הרף־עין ווערן פאַרלוירן פון אויג געביידעס, פראַכטפולע בנינים, און די לעצטע צווישן שטאָט און פעלד, טשוטשונקער נעגנט.

אין איין רגע פאַרשווינדט עס אַלץ פון אויג צוזאַמען מיט א גאַנצער לאַנגער שורה פראַכט־וואַגאָנעס, וואָס דאָס אויג קען דעם סוף אירן ניט דערכאַפּן, ווען ניט דורכלויפנדיק טאַקע מיט דער באַן.

שטייען זיי אַזוי די וואַגאָנעס ניט קיין אויסגעלאָדענע, מיט דער משא אויף זייערע רוקנס, ווי פאַרמאַטערטע פון שווערן וועג און וואַרטן מיט שטומען אייזערנעם געדולד אויף זייער באַפרייונג.

נאָך איין מאָמענט. דער לעצטער סמן פון שטאָטישן קנעכטישן לעבן. א ציגעלניע, אַרום וועלכער עס פאַדיען אַרום א פּאָר צענדליק ברייטביי־ניקע פאַרהאָרעוועטע אַרבעטער, באַרוועסע און האַלב־נאַקעטע, און עס לויפט אָן אַנטקעגן אייך אַן אַנדער וועלט.

פעלדער ברייטע הויך־גראַזיקע, מיט פּיראַמידן־ביימער און אַן־פּאָרעמדיקע, צעצווייגטע און אַנדערע ווי אין א קאַראַהאָד צום טאַנצן אויסגעשטעלטע.

צווישן דעם הויכן ווילד־צעוואַקסענעם גראָז ווי פון א באַהעלטעניש זעען זיך קוים אַרויס, צעשפּרייטע אין דער שיטער, פערד, קי און חזי־רים, וואָס עסן זיך אַזוי זאָרגפעלטיק און בנעימותדיק זייער פרייש באַ־טעמטן מאכל...

ווען איר זעט זיי אַזוי, די באַשעפענישן, קענט איר מיינען, אַז זיי געהערן צו קיינעם ניט, נאָר צו זיך און דעם פעלד דעם ברייטן... עס

זעט אוים, ווי זיי קענען ניט קיין באַלעבאָס איבער זיך ווערן דאַנקבאַר צו זיין פאַרן שטאָל און קאַרעטע און דערפאַר דאַרפן אָננעמען פאַר ליב זיין יאָך דעם אַרויפגעלייגטן.

די הייכע גרויסע בערג, וואָס שטייען זיי הינטערן רוקן און פאַרן פּנים, מאַכן זיי עפּעס ווי היימישער דעם פעלד, ווי זיי וואָלטן זיי אויס־געצאַמט אַ שטיקל היים, זיי זאָלן זיך ניט דאַרפן פילן ווי פאַרלוירן אין דער ברייטער אָן־סופיקער וועלט...

ווען ניט די קליינע סטאַנציעס, וואָס רייסן זיך דורך פון צייט צו צייט און אַן אויטאָבוס, וואָס לויפט פאַרביי אויף דעם זייטיקן וועגל, ווי אַן איבעריקער טאַקע, זעט איר דאָ פאַר זיך ניט קיין סמן און ניט קיין זכר פון מענטש און מענטשן־האַנט. די ערד איז דאָ אַזוי רחבותדיק און גרויס, אַז דער מענטש האָט זיך זיינע ברויט־פעלדער און וויין־גערטנער געקענט דערווייטערן פון מענטשן־אויג, וואָס איז אַזוי גרויס...

עס לויפט פאַרביי אַ שעה און צוויי און דריי אין דעם שיינעם וועג.

אַנטלאָפן, פאַרשוווּנדן פון וועג זיינען פעלד און וואַלד, באַגראָזטע און באַבלומטע. פּאַוואָלינקע, מיט סטאַט, מיט דרך־ארץ, ווי אַ מאַן אַן עלטערער אַ מיושבדיקער, האָט זיך דער באַרג אָפּגערוקט, און דאָס אויג, וואָס איז פריער געווען געצוימט און געקאָנט קוקן נאָר ביז וואַנען מען האָט עס געלאָזט, איז מיטאַמאָל פריי געוואָרן, פריי ביז פאַרבלאָנדזשעט צו ווערן... און ניט נאָר דאָס אויג, נאָר די נשמה, דער גאַנצער וועזן, הייבט אָן צו בלאָנדזשען אין אַ וועלט פון בלויקייט...

בלוי איז דער ים, בלוי איז דער הימל. טונקט זיך הימל־בלוי אין בלוי פון ים. טוליען זיי זיך און האַליובען איינער דעם אַנדערן, און ווערן נישט אויסגעמישט...

***

טםם... טםם... טםם... — עס גיט די גיגאַנטישע מאַשין דעם לעצטן סאָפּע, דעם לעצטן קרעכץ, גלייך ווי איינער וואָס אָטעמט שווער אָפּ באַם פאַרענדיקן, באַם פּטור ווערן פון אַ שווערער אַרבעט, און זי שטעלט זיך אָפּ.

קאַרטאַכענאַ.

אין איין רגע, באַפרייטע פון דער ענגשאַפט, זיינען שוין די רייזנדע

אַף דער פרייער לופט. מיט גרוים חשק, ווי אַ דורשטיקער באַ אַ וואַסער־קוואַל, אַזוי זויפּן די לונגען די פרישע, קילע ים־לופט.

נאָך אַ פּאָר מינוט און איר שטייט אַף דער טעראַסע, אונטער וועל־כער עס שפּרייט זיך אוים פאַר אייער אויג אַ ווּנדערבאַרע פּאַנאָראַמע: אַ פּיל־פאַרביקע מאַסע, איינגעהילט אין נאָך מער פאַרביקע, שרייענדיקע קאָלירן פון זייערע זונען־שירעמס, געצעלטן־ביידלעך, באָד־מאַנטלען, באָד־אַנצוגן, גומענע היטעלעך און קאָפּ־טיכלעך.

אַלץ שיצט זיך פון דער זון, וואָס „אַרבעט אַף אַלע כּלים״.

און אָן אויסמיש פון פרייד־געשרייען, סתם קולות פון פאַרשיידע־נע שפּראַכן, אַ מישמאַש פון טענער, קינדערשע קולעכלעך, דינע פרויען־שטימען און באַסאָווע מענער־שטימען, באַגלייט פון וואַסער־פּליעסק און כוואַליע־שמיץ, — דאָס אַלץ אינאיינעם גיסט זיך צוזאַמען אין איין גרויסן און מעכטיקן אויסגעשריי, ווי פון אַ מאַן אַ שטאַרקן, אַ גבר, וואָס ער לאָזט אים אַרויס, ווען ער דערפילט זיין גרעסטע לוסט־באַפרידיקונג...

און די זון, אַ צעשמייכלטע, זעט אוים, ווי זי האָט אים באַפרידיקט געלאָזט...

.1930

טשילענער קאַליפאָרניע

גאָלד, גאָלד, גאָלד! מינעס, מינעס! — הערט אייער אויער ניט אויף צו הערן איבער דער גאַנצער מיטל־נאָרד־זאָנע פון טשילע. איבער־הויפּט אין די פּראָווינצן קאָקימבאָ, וואַללענאַר און קאָפּיאַפּאָ.

טראָגט איר זיך אין באַן, וואָס ציט זיך אױף דער שמאָלער נאָרד־ליניע איבער די שפּועים פון די בערג ווי אַ געניטער אַקראָבאַט, זיינען דאָס רוב רייזנדע גאָלד־וועשער, גאָלד־גרעבער, מעטאַל־כימיקער, גרוב־אינזשעניערן און מינען־אייגנטימער, און אַלע רעדט און רעדט:

— גאָלד, גאָלד, גאָלד!

און די רעדער פון באַן קלאַפּן צו:

— גאָלד, גאָלד, גאָלד!

זיצט איר אין האָטעל בײַ די טישלעך, הערט איר:

— גאָלד, גאָלד, גאָלד!

און די גלעזלעך, גאָפּל־לעפל־מעסער קלאַפּן צו:

— גאָלד, גאָלד, גאָלד!

גייט איר אין די דאָזיקע שטעט שפּאַצירן איבער די „פּלאַסעס" (גערטנער), קלינגט עס פון אַלע געשפּרעכן אַרויס:

— גאָלד, גאָלד, גאָלד!

און די מוזיק שפּילט צו:

— גאָלד, גאָלד, גאָלד!

איז קיין וווּנדער ניט, וואָס די עטלעכע פּראָווינצן האָבן אויפגע־לעבט. ווו איז אַן אַרבעטסלאָזער, איז אַוועק וואַשן אָדער גראָבן גאָלד. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ מינע, וואָס ער האָט איר קיינמאָל נישט עקספּלואַ־טירט, האָט זיך איצט, אַ דאַנק דעם וואָס ער באַקומט גאַנצע הויפנס פּע־זעס פאַר יעדן קערנדל גאָלד און צאָלט כמעט דעם זעלבן אַרבעטס־לוין ווי אַמאָל, גענומען צו איר.

האָבן קרעמער פונאַנדערגענומען זייערע צעמאַליעטע סחורות און פאַרמילבטע שפּייזן און עס אָפּגעזעצט צווישן דער פאַרהונגערטער און נאַקעטער באַפעלקערונג, וואָס האָט אָנגעהויבן אויפצולעבן, און האָבן גענומען נייע פרישע סחורה פאָדערן.

אַלץ האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן און אַקטיוו ווערן.

און די איינוווינער פון מיטל־נאָרד האָבן די זאָנע אָנגעהויבן צו רופן:

— די טשילענער קאַליפאָרניע.

די גאָלד־מינעס

די גאָלד־מינעס ווערן דאָ ניט עקספּלואַטירט מיט קיין ברייטן פאַר־נעם, נאָר אַף אַ גאַנץ פּרימיטיוון שטייגער. די מינעס ווערן דאָ ניט באַ־אַרבעט דורכן גרויס־קאַפּיטאַל, אויך ניט דורך קיין אַקציען־געזעלשאַפטן, נאָר דורך אינדיווידועלער איניציאַטיוו און אחריות.

און דעריבער זאָלט איר זיך ניט פאַרשטעלן, אַז אַ היגער גאָלד־מינע־אײנהאַבער דאַרף זיין אַ מיליאָנער אָדער אַ גביר־אדיר לכל־הפּחות. איר קענט דאָ אָפט, גאַנץ אָפט, טרעפן אַ ריכטיקן טיפּישן „ראָטאָ" (אָפּ־געריסענעם), ער זאָל האָבן אַ גאָלד־מינע.

ווערן אַ מינען־אײנהאַבער איז דאָ איינע פון די לייכסטע זאַכן. איר דאַרפט נאָר אָפּזוכן אַ שטיקל ערד, אין וועמענס געדערים עס ציען זיך די גאָלדענע אָדערלעך, מאַכן דעם געהעריקן אַנאַליז פון דער ערד, לאָזן דאָס אויסמעסטן פון אַ באַרג־אינזשעניער, צושטעלן דערפון אַ באַריכט דער רעגירונג און איר ווערט דערמיט אַ מינען־אײנהאַבער.

עס טרעפט אויך אַ סך מאָל, אַז דער מינען־דערפינדער האָט אפילו ניט אַף אַט די קליינע הוצאות צו מאַכן און מוז זיך אָפּזוכן אַ צוטרויונגס־מענטש, ער זאָל אים אויסלייען אַ פּאָר הונדערט פּעזעס, און דערפאַר ווערן אַ שותף צו דער מינע זיינער, וועלכע קען זיי ביידן רייך מאַכן.

די אַרבעט אין די מינען איז אַ גאַנץ איינפאַכע. דער אייגנטימער פון דער מינע דינגט זיך עטלעכע צענדליק אַרבעטער. זיי גראָבן די ערד כסדר, ווי עס גייט. די אויסגעגראָבענע זאַמד ווערט אָפּגעשיקט צו אַ צענטראַלן פּונקט, וווּ עס ווערט אָפּגעקויפט פון אויסלענדישע קאָמפּאַ־

ניעס און דורך זיי אָפּגעשיקט קיין אויסלאַנד. דער פּרייז פאַרן זאַמד ווערט געצאָלט נאָכן אַנאַליז נאָך. און ערשט אין אויסלאַנד באַקומט מען אַרויס דעם חלק גאָלד, וואָס אונדזער טשילענער ערד פאַרמאָגט.

אין די גאָלד־געוועשן

מיר פאָרן אָנקוקן די גאָלד-געוועשן „סאַנטיאַגאָ” און „לאַס היגע־ראַס”, פערציק און זעכציק קילאָמעטער פון וואַלדענאַר.

דער וועג וואָס פירט אַהין איז אַ ווילדער, אַ ניט קיין באַטראָטענער, פון דערנער און שטיינער געשטרויכלט צו ווערן.

דער וועג איז ניט קיין אינטערעסאַנטער. מיר זיינען אָבער היימ־לעך פון די וואַרעמע זונען־שמייכלען און פון דעם קליינעם ברוינעם שאָ־פער, פון וועמענס פּנים עס לאַכט תמיד אַרוים זיין קורץ נעזל און זיין ווייס־ציינערדיקער מויל.

אָט זיינען מיר געקומען צו די גאָלד-געוועשן. אַ טאָל. אַ טאָל אינ־גאַנצן פאַרטרונקען מיט זון. די לופט איז דאָ אַזוי העל ווי אין ערגעץ ניט. עס דוכט זיך, אַז די זונען-שטראַלן טרעפן זיך דאָ אָן מיט די גאָל־דענע ערד־קערנדלעך און שיינען דעריבער פיל־פאַכיק, אָדער די ערד, אָנזאַפּנדיק זיך מיט אַזוי פיל זונען־גלאַנץ, מוז אַרויסגעבן פון זיך גאָל־דענע קערנדלעך...

פון ביידע זייטן טאָל צוויי לאַנגע שורות ביידלעך-סוכות.

סוכות?! — סוכות זיינען פּאַלאַצן-בנינים אַנטקעגן די דאָזיקע שטרויענע ביידלעך. אין די דאָזיקע ביידלעך וווינען אַלע גאָלד-וועשער מיט זייערע פאַמיליעס. די דאָזיקע שטרויענע ביידלעך שטעלן פאָר מיט זיך אַ ישוב מיט אַלע זיינע אַנשטאַלטן און איינריכטונגען. אין די דאָזיקע ביידלעך געפינען זיך: קראָמען, יאַטקעס, רעסטאָראַנען, שענקען, אפילו ליבע־האַנדלס־הייזער...

בײַ דער אַרבעט פון דעם גאָלד־וועשער

ניט אומזיסט איז גאָלד אַזוי טייער. ניט נאָר איז דער גאָלד-מעטאַל איינער פון די שווערסטע אויף דער וועלט, נאָר ער איז אויך פון די שווער־סטע צו געפינען.

דאָס גאָלד זוכן איז אַ מאַרודנע און פאַרמאַטערנדיקע אַרבעט. מען

דאַרף דערצו האָבן אַן אייזערנעם געדולד. ניין, אַ גאָלדענעם געדולד...

עס איז אַזוי שווער צו געפינען אַ גאָלדן קערנדל, אַ געל־רויט שטויבעלע צווישן זיינע איבעריקע ברידער־זעמדעלעך, ווי עס איז שווער צו געפינען אַ רויט־האָריקן פויער אין אַ טשילענער דאָרף.

דאָס גאָלד ווערט געוואַשן אין אַזאַ הילצערנעם אַפּאַראַטל וואָס איז ענלעך צו אַ וויגעלע.

פריער דאַרף מען די ערד אָנגראָבן. נאָכדעם דאַרף מען פון זייער ווייט וואַסער ברענגען. נאָכהער הייבט זיך ערשט אָן אַ סדרה: שיט זאַמד און גיס וואַסער. ארויפגיסנדיק פּאַוואָלינקע דאָס וואַסער מיט איין האַנט, וויגט דער וועשער מיט דער אַנדערער דאָס וויגעלע. דאָס זאַמד, אויסמישנדיק זיך מיטן וואַסער, פליצט אַראָפּ און גייט אַרויס פון צווישן די שפּאַלטן פון דעם הילצערנעם אַפּאַראַטל, און די שווערע זעמדעלעך, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אויך די גאָלדענע, בלייבן אָפּגעזעצט.

אָט דאָרטן נישטערט עס זיך דער גאָלד־וועשער, און אַנטקעגן שיין פון דער זון געפינט ער ווען־ניט־ווען אַ גאָלדענעם שטויבעלע.

ניט קוקנדיק וואָס דעם גאָלד־וועשער קומט אָן אַזוי שווער צו אויסגעפינען דאָס ביסעלע גאָלד, איז ער דאָך ניט גאָלד־גייציק.

ווי ער באַקומט נאָר דאָס ביסל גאָלד, בייט ער עס גלייך אויס אַף עטלעכע פּאַפּירלעך און געניסט דערפאַר, וואָס ער וויל און וואָס ער קען נאָר דערמיט דערגרייכן.

.1933

אַ טאָג מיט סאָוועטישע מענטשן

צום ערשטן מאָל איז צו די ברעגעס פון ווייטן טשילע צוגעשוווּמען אַ סאָוועטישע שיף — דער אייזברעכער „מיקאָיאַן".

פאַראַנקערט האָט די שיף אין דעם קליינעם פּאָרט פון דעם מינען־שטעטל לאָטא.

צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן האָבן די מינען־אַרבעטער פון לאָטא דערזען פלאַטערן די רויטע פאָן מיטן סערפּ און האַמער אויפן מאַסט־בוים פון אַ שיף, און די הערצער זייערע האָבן אויך גענומען פלאַטערן פאַר פרייד און עמאָציע.

די ידיעה וועגן דעם אַריינקומען פון דער סאָוועטישער שיף האָט זיך שנעל צעשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל.

די אַרבעטער־מענטשן האָבן זיך געלאָזט באַגעגענען די רויטע ים־לייט מיט בלומען, מיט פרוכט, מיט עופות און מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקענט פאַרנעמען מיט זיך.

שנעל איז אויך די ידיעה פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד. דעלעגאַציעס פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך זיינען געקומען אַנקוקן די סאָוועטישע וווּנדער־מענטשן.

מיר, די איינוווינער פון דער הויפּטשטאָט סאַנטיאַגאָ, זיינען מקנא געווען די גליקלעכע פּראָווינץ פון לאָטא און אַרום.

נאָר פּריווילעגירטע האָבן זיך געקענט אַרויסלאָזן פון סאַנטיאַגאָ צו באַגעגענען און קומען אין קאָנטאַקט מיט די סאָוועטישע מענטשן, די וואָס האָבן געקאָנט פאָרן אין אַווינען, ווייל די שטרעקע קיין לאָטא איז אַ ווייטע און מיטן באַן האָט מען די שיף געקענט פאַרשפּעטיקן.

אָבער אויך פאַר סאַנטיאַגאָ, איבערהויפּט פאַר וואַלפּאַראַיסאָ, איז געקומען דער טאָג.

פּלוצלינג, אין איינעם אַ באַנאַכט, איז צעטראָגן געוואָרן איבער־

גאַנץ סאַנטיאַגאָ די ידיעה, אַז דער „מיקאַיאַן" קומט פאַרטאָג אַריין קיין וואַלפּאַראַיסאָ.

אין קיין צייטונג איז די דאָזיקע נייעס ניט געגעבן געוואָרן. די ראַדיאָ האָט איר אויך ניט פאַרשפּרייט. פונדעסטוועגן האָבן זיך אומצאָליקע דעלעגאַציעס אַף מאָרגן פאַרטאָג געלאָזן נאָך וואַלפּאַראַיסאָ, מיטפירנדיק מיט זיך פּעק מיט מתנות.

עוזר פאָרט אויך קיין וואַלפּאַראַיסאָ

ווער איז עוזר? איר קענט אים ניט? — אין סאַנטיאַגאָ קען מען אים אויך ווייניק. ער איז אַ הויכער און אַ שלאַנקער. מיט זיינע לאַנגע פיס האָט ער שוין צום דריטן מאָל אַריבערגעשפּרייזט די אַנדן־בערג. צוויי מאָל איז ער שוין דאָ געווען, אין טשילע. האָט קיין „פּעקל" אַף די אַקסלען ניט גענומען. פּעק אַף די פּלייצעס, טישן און אַנדערע מעבל אַפן קאָפּ האָט ער אָבער יאָ געטראָגן... עלנט און פאַרשטויסן האָט ער זיך דאָ געפילט. ווי אַף אַ „ניט דערבאַקענעם" האָבן די ייִדן אַף אים געקוקט:

— „זעט נאָר, קיין שענערע און בעסערע זאַך ווי אַ טרעגער צו זיין האָט אַ ייִד אין טשילע שוין זיך נישט געקענט אָפּזוכן!"

אַליין און אָן פריינט קען דאָך אַ מענטש ניט לעבן אַף דער וועלט, האָט ער דעריבער צוויי מאָל פאַרלאָזן טשילע.

צום דריטן מאָל אין טשילע, האָט שוין עוזר געפונען פריינט, און איז דאָ פאַרבליבן.

פריינט האָט ער געפונען, און אַ פריינט איז ער געוואָרן...

אַ פריינט איז ער איצט פון דער אַרבעטער־צייטונג „על סיגלאָ", אַ פריינט פון ראַטנפאַרבאַנד, די גאַנצע וועלט איז אים ליב, און חשוב איז ער אויך אַליין געוואָרן באַ זיך...

ווי ער ווערט נאָר פריי פון דער אַרבעט, און פריי ווערט ער ווי ער פאַרדינט נאָר עטלעכע פּעזעס אַף דורכצוקומען דעם טאָג, לויפט ער שוין אַרום אַ באַגייסטערטער און פאַרשפּרייט צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער, פּלעטן א. א. וו.

דער טאָג וואָס איך האָב זיך געלאָזט נאָך וואַלפּאַראַיסאָ צו באַגע־

גענען דעם „מיקאָיאן", איז געווען אַ אַ זונטיקדיקער. עס איז געווען אַ פרישער האַרבסטיקער פרימאָרגן, וואָס די זון האָט אים ערשט גענומען דערוואַרעמען, באַלויכטן און צום לעבן צו ברענגען.

אויפן וועג צום באַן האָב איך עוזרן באַגעגנט מיט שפּורן פון שלאָף אויף די באַקן און אין די אויגן.

ביז שפּעט באַנאַכט האָט ער זיך פאַרנומען מיט גאַסן־פּראָפּאַגאַנדע, און איצט, נאָך עטלעכע שעה שלאָפן, לויפט ער שוין אַרויסנעמען דעם „סיגלאַ" צו פאַרשפּרייטן. זונטיק מוז דער „סיגלאַ" דאָפּלט פאַרשפּרייט ווערן.

איך גיב אים איבער די נייעס פון „מיקאָיאן", און אַז איך פאָר אים באַגעגענען, און ער הייבט אָן צו ציטערן פון איבעראַשונג.

קען ער דען דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט אַ קליינפּיצעלע טייל פון אָט דער נייער וועלט, צו וועלכער ער שטרעבט אַזוי און פאַר וועלכער ער איז גרייט, יעדע מינוט זיין לעבן אָפּצוגעבן?! וואָס זאָל ער אָבער טאָן, ער האָט נעכטן באַנאַכט זיך אונטערגענומען צו פאַרשפּרייטן הונדערט ציימונגען? און קיין רייזע־הוצאות האָט ער אויך ניט?

איך האָב אים שנעל אַרויסגענומען פון דער פאַרלעגנהייט. איך האָב אים געגעבן דעם היתר דאָס מאָל די ציימונגען ניט צו פאַרשפּרייטן און אויסגעליגן די הוצאות.

ווער עס האָט דאַן עוזרן ניט געזען, האָט אין זיין לעבן קיין גליקלעכן מענטשן ניט באַגעגנט, און נעבן אים האָב איך זיך אויך מיט גליק אָנגענומען...

די שיף „מיקאָיאן" און אַרום איר

די שיף „מיקאָיאן" האָט אויסערלעך גאַנץ וואָכעדיק אויסגעזען — אַ מאַסיוו־ברייטע און אויף טונקל געפאַרבט.

די פאָן אירע איז אפילו ניט צונטער־רויט, נאָר אָפּגעבליאַקירט און צעשמיסן פון דעם ים־ווינט און דער זון.

אינעווייניק אין שיף איז אָבער יום־טובדיק, און אַרום איר נאָך מערער.

צענדליקער טויזנטער אויגן זיינען געווענדט פון קילאָמעטערס ווייט

צו איר און דערוואַרטן שוין מיט אומגעדולד, אַז זי זאָל פון איר אינגע־וויייד אַרויסלאָזן די זעלטזאַמע מענטשן. יעדערער פון דער טויזנט־קעפּי־קער מאַסע איז נייגעריק זיי אָנצוקוקן, איז גערן זיי אָנצורירן, זיין נאָענט נעבן זיי.

און אַט איז דער געגאַרטער מאָמענט אָנגעקומען.

פון שיף האָבן זיך פריילעך און לעבעדיק אַרויסגעלאָזן אַ הונדערט יונגע מענטשן, אַלע עלעגאַנט ציוויל־געקליידט, אַ חוץ דעם קאַפּיטאַן און נאָך אַ פּאָר עלטסטע.

איך האָב מיך געפילט גליקלעך, ווי אַ נאָענטער מחותן אויף אַ זעל־טענער גרויסער שמחה. איך האָב אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ צוואַנציק יאָר און נאָכמאַרשירנדיק זיי, געכאַפּט מיט דעם און יענעם אַ שמועס.

דער אַרומיקער עולם האָט דורך די שפּאַרונגען פון די צוימען אַרום פּאָרט געשטרעקט צו זיי די הענט, שיעור די פלויטן ניט צעבראָכן. די יובל־אויסגעשרייען האָבן אויפגעריסן די לופט און קיינער איז ניט געווען בכח דעם עולם איינצוהאַלטן, ווען די סאָוועטישע מאַטראָסן זיינען אַרי־בער דעם טויער פון פּאָרט און אַרויס אויפן גאַס.

פרויען, קינדער און מענער האָבן זיי אַרומגענומען, זיי מיט בלומען באַשאָטן, געביטן זיך מיט מטבעות א. א. וו.

אויף מיין ערשטער פראַגע, בײַ דעם ערשטן ים־מענטש, וואָס איך האָב געכאַפּט, צי גייט אים גוט? — האָב איך באַקומען אַ מונטערן רו־סישן ענטפער — גוט, נאָך בעסער ווי גוט.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך נאָכדעם פאַרבראַכט מיט די סאָוועטישע ים־לייט, מערסטנס זיינען זיי געווען יונגעלייט פון 20 ביז 30 יאָר. אַלע זיינען זיי געווען אַלזייטיק געבילדעט. גערעדט מיט קענטעניש וועגן מו־זיק, ליטעראַטור און אַנדערע געביטן פון דער קולטור.

עס איז געווען צו באַוואונדערן, וויאַזוי אין משך פון 25 יאָר האָט רוסלאַנד באַוויזן אַרויסצוגעבן פון זיך אַזאַ נייעם מין מענטשן, ניט צו פאַרגלייכן מיט קיינעם פון די ציוויליזירטסטע פעלקער אפילו.

און אויב די פּראָפּאַגאַנדע קעגן רוסלאַנד איז תמיד געווען פאַנ־טאַסטיש־איבערגעטריבן, קען מען זאָגן, אַז די פריינטלעכע ידיעות און אַרטיקלען איבער ראַטנפאַרבאַנד האָבן שטאַרק אונטערגעשעצט די רעאַלע ווירקלעכקייט.

צווישן די סאָוועטישע מאַטראָסן האָט זיך געפונען אַ היבשער פּראָצענט ייִדן.

איך האָב מיך באַקענט מיט דעם 25 יעריקן אינזשעניער זלאַטניק, וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט צוויי פאַקולטעטן און באַהערשט אַ 6-5 שפּראַכן.

דער אינטערפּרעטער פון דעם „מיקאָיאַן" איז אויך געווען אַ ייִד, וואָס וויצלענדיק זיך האָט ער דערקלערט, אַז ער איז דערפאַר אינטערפּרעטער, ווייל ער קען די וועלט-שפּראַך ייִדיש.

די ייִדן אין וואַלפּאַראַיסאָ האָבן געקלעפּט אַרום די רוסישע מאַטראָסן ווי פליגן אַרום האָניק. האָבן זיי באַגלייט אויף טריט און שריט און אַלץ מערער זיך געוואָלט דערוויסן באַ זיי וועגן דעם לעבן אין רוסלאַנד.

איינער אַ ייִד האָט פּשוט „סעקוועסטרירט" 6 מאַטראָסן און זיי אַוועקגעפירט צו זיך אַהיים.

עס איז גלייך דאָרטן געוואָרן ששון-ושמחה, אַ גאַנצער יום-טוב. ער און זיין פרוי האָבן זיך גענומען דערמאָנען פאַרשיידענע רוסישע לידער. מען האָט געזונגען, געגעסן, געטרונקען און אויך אָן פריינט ניט פאַרגעסן.

זיין טעלעפאָן האָט געהאַלטן אין איין קלינגען, אָנזאָגנדיק די גוטע פריינט די בשורה, אַז באַ אים אין שטוב זיינען דאָ סאָוועטישע מאַטראָסן און מען זאָל צו אים קומען.

דער עולם האָט גענומען פאַרשיטן די מאַטראָסן מיט פראַגעס. אויבנאָן איז געזעסן אַ בחור'ל פון אַ יאָר 19, וואָס האָט מיט זיינע פוכקע שמייכלענדיקע בעקעלעך נאָך ייִנגלשער אויסגעזען.

אָנקוקנדיק אים, האָט מען געקענט מיינען, אַז ער קען קיין צוויי נישט ציילן.

— פון וואַנען זיינט איר? — פרעגט אים איינער.

— פון וואַנען? פון ראַטנפאַרבאַנד. און דער ראַטנפאַרבאַנד איז באַ אונדז אַ גרויסער, פון גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד בין איך.

— פאַרוואָס פאַרגעטערט איר אַזוי סטאַלינען?

— מיר פאַרגעטערן קיינעם ניט, ווייל מיר האָבן ניט קיין געטער. סטאַלינען אָבער האָבן מיר ליב און רעספּעקטירן אים, ווייל מיר ווייסן, אַז זיין גאַנצן לעבן ווידמעט ער פאַר אונדז, פאַר אונדזער פאָלק. זיין גאַנצע זאָרג איז, ווי אַזוי בעסער און שענער צו מאַכן אונדזער לעבן, און

ער טוט עס אויך. דערפאר האבן מיר אים ליב. דאס איז די ליבע פון קינדער צו א פאטער.

א לעקציע אין געאגראפיע און נאציאנאלער פראגע

אין א שמועס מיט א מאטראס דריק איך אוים מיין באדויערונג וועגן דעם גורל פון מיינע נאענטע, איבערהויפט פון די עלטערע מענטשן, איך דערצייל אים, אז איך בין פון ווילנע און אז איך בין א ייד.

ער קארעגירט מיר באלד, אז איך בין ניט פון ווילנע, נאר פון ווילניאוס, ווייל ווילנע איז די הויפטשטאט פון ליטע און אזוי איז איר נאמען אף איר נאציאנאלער שפראך. מיינענדיק, אז איך וויים גארניט, וואס עס טוט זיך אין ראטנפארבאנד, קנעלט דער יונגער בחור מיט מיר איין א קאפיטל פון דער נאציאנאלער פראגע אין רוסלאנד, ווי אזוי אלע פעלקער האבן דאס רעכט זיך אויסצולעבן אין זייערע שפראכן און אין זייערע קולטורן און אז אלע נאציאנאליטעטן ווערן אלציינס באהאנדלט. ער טרייסט מיר וועגן דעם גורל פון מיין משפחה מיט דער האפענונג, אז זיי האבן זיך זיכער עוואקוירט, און וואס איז שייך מיט די עלטערע מענטשן, זאגט ער, לייגן מיר פיל אכט אפן אלטן דור. מיר פארלאזן ניט דעם מענטשן אף דער עלטער. בא אונדז, זאגט ער, איז דא א שפריכווארט:

— „פאר דער יוגנט דער וועג איז אן אפענער, פאר דער עלטער תול איז דער וועג מיט רעספעקט".

וועגן דיסציפלין צווישן די רוסישע מאטראסן

אף א באנקעט, וואס איז געגעבן געווארן לכבוד די סאוועטישע ימלייט אין שפאנישן קלוב פון וואלפאראיסא, איז אויך געווען א טשילענער עקס־קאפיטאן פון א האנדלס־שיף. אים האבן זייער אינטערעסירט די רעגלען און די דיסציפלין אף דער שיף.

— פרעגט אים — האט ער מיר געבעטן — צי עקזיסטירט א יעראַרכיע אף דער שיף?

— עס זיינען בא אונדז דא פארשיידענע ראנגען, האט מיר א יונ-

גער מאַטראַס געענטפערט. בא אונדז ווערט דערוויל דער מענטש באַ-לוינט נאָך דער קוואַליטעט און קוואַנטיטעט פון דער אַרבעט און ניט לויט דער באַדערפעניש פון יעדן איינעם. דאָס וועט נאָכדעם קומען.

— איז דאָ אַן אונטערשייד אין אַרט לעבן פון אייער עלטסטן און אַן איינפאַכן מאַטראָס? צ.ב. די קאַבינעס, דאָס עסן?

— די קאַבינעס זיינען די זעלבע פאַר אַלעמען — ענטפערט דער מאַטראָס — דער עלטסטער פאַרנעמט אָבער אַליין אַ קאַבינע און די מאַנשאַפט צו צוויי און מערער. דאָס עסן איז פאַר אַלעמען גלייך און צוזאַמען.

ווערט בא אייך באַנוצט שטראָף פאַר דיסציפּלין-ברוך אָדער אַנ-דערע פאַרברעכנס?

— מיר האָבן פאַר אַ לעמע — ניט שטראָפן, נאָר לערנען, איבער-דערציען. צום ערשט ווערט אַזאַ איינער גערופן צו אויפמערקזאַמקייט, מען איבערצייגט אים אין זיין פעלער און אַז דאָס העלפט ניט, באַשטייט די שטראָף אין פאַרקלענערן דעם ראַנג, ביז יענער רעהאַביליטירט זיך ניט.

אַזוי זאַכלעך און קלאָר האָט דער יונגער צוואַנציק-יעריקער בחור גע-ענטפערט אויף אַ סך פראַגעס, שוין ניט וועגן מאַטראָסן-לעבן, וואָס די אַרומיקע האָבן אים דורך מיין פאַרמיטלונג געשטעלט.

ענלעך צו טימאָשענקאָן

די מאַטראָסן פון „מיקאיאַן" זיינען אַלע אויפגענומען געוואָרן דורך די טשילענער מאַסן. אינדערפרי איז אויפגענומען געוואָרן איין גרופּע און באַנאַכט די צווייטע. אין דער צווייטער גרופּע האָבן זיך געפונען צוויי עלטערע מענטשן, אין די פופציקער יאָרן. איינער פון זיי איז שטאַרק ענלעך געווען צו טימאָשענקאָן.

יעדערער, וואָס האָט אים נאָר געזען, האָט אויסגעשריגן: טימאָ-שענקאָ, טימאָשענקאָ!

ווען איך האָב אים דערקלערט, דאָס מען זאָגט וועגן אים, אַז ער איז ענלעך צו טימאָשענקאָן, האָט ער פריילעך און שטאָלץ אויסגעשריען: נו, גוט, זאָל זיין ווי טימאָשענקאָ. און שלאָגן וועל איך ווי טימאָשענקאָ!

ער האָט מיט זיין נאַיִוויטעט ניט געקענט פאַרשטיין איין זאַך: „ווי באַלד" — האָט ער געטענהט — „איר זיינט אַזעלכע שונאים פון די פאַשיסטן, טאָ פאַרוואָס נעמט איר זיך ניט צונויף אין די טויזנטער און גייט ניט האַלטן מלחמה קעגן זיי?"

אַ רוס איז קיינמאָל ניט שכור

מען קען שוין מבטל זיין דאָס יידישע ווערטל: „אַ ייד איז קיינמאָל ניט שכור", ווייל עס איז שוין אויך חל אַף אַ רוס...

נאָכן באַנקעט האָט די מאַנשאַפט פון „מיקאָיאַן" באַקומען פריי-הייט.

אַ סך האָבן זיך באַטייליקט אין די טענץ, וואָס איז פאַר זייער כבוד וועגן איינגעאָרדנט געוואָרן, אַ סך האָבן געכאַפּט אַ שפּאַציר און איינ-קע אויך אַ שנעפּסל און אַ צוביים.

אָבער ווי קאָרעקט זיי האָבן זיך געהאַלטן אין קאַנטינע פון קלוב! קיינער פון זיי האָט ניט איבערגעכאַפּט די מאָס... זיי האָבן צווישן זיך דערבייַ חבריש און אינטערעסאַנט געשמועסט.

איינער האָט, ניט קענענדיק די שפּראַך, אַף שטום-לשון געוואָלט אויפקלערן דעם באַלעבאָס פון בופעט, אַז מען האָט אים צופיל רעשט גע-געבן. און אַז איך האָב אים דערבייַ אַרויסגעהאָלפן, האָט ער מיר דער-קלערט, אַז לויט ווי זיין חבר האָט באַצאָלט, פאַרשטייט ער, אַז דער באַלעבאָס האָט אַ טעות געהאַט.

ווי אַזוי הייסט איר? — איך בין אַן אַרמיאַנין

צווישן אַ גרופּע מאַטראָסן פון „מיקאָיאַן" האָט איינער געוואָרפן מיין אויפמערקזאַמקייט מיט זיין אויסזען: אַ ברונעט, מיט אַ פּאָר טיפע אָנ-מעטיקע און קלוגע אויגן און מיט אַן אָדלער-נאָז דערצו. איך האָב אים אָנגענומען פאַר אַ יידן און ניט וועלנדיק דירעקט אים פרעגן, צי ער איז עס, האָב איך אים צום לעצטן מאָל באַטראַכט און אַ פרעג געטאָן, ווי אַזוי זיין פאַמיליע-נאָמען איז.

ער האָט צו מיר אַ קלוגן שמייכל געטאָן און אנשטאָט צו ענטפערן,

ווי ער הייסט, האָט ער מיר געזאָגט: „פּאָ נאַציאָנאַלנאָסטי יאַ ארמיאַנין״ (לויט דער נאַציאָנאַליטעט בין איך אַן ארמיאַנין).

א פאַרוווּנדערטער, ווי אַזוי ער האָט מיינע געדאַנקען געטראָפן, האָב איך אים דערציילט, אַז איך האָב אים אָנגענומען פאַר א ייִדן. באַלד האָט א צווייטער חבר זיך אָפּגערופן: „אַ, יאָ, צווישן אונדז זיינען דאָ ייִדן אויך״, און האָט א רוף געטאָן: „נאַטאַן מאָסעיעוויטש, חבר סיאָמע!״

די צוויי יונגעלייט האָבן זיך פאַר מיר העפלעך פאָרגעשטעלט, איינער א מאָסקווער און דער צווייטער פון אוקראַינע.

נאַטאַן מאָסעיעוויטש, האָט גערעדט א שוואַכן ייִדיש, סיאָמע קליין — א בעסערן.

דער לעצטער האָט זיין שמועס געפירט וועגן דער ראָל פון דעם אינטעלעקטואַל אין ראַטנפאַרבאַנד און האָט אָנגערופן די נעמען פון א סך שרייבער און קינסטלער, וואָס נעמען אויך אַן אָנטייל אין דער פירונג פון דער מלוכה.

***

איין טאָג צייט האָב איך מיט די סאָוועטישע מענטשן פאַרבראַכט. געטראַכט וועגן זיי האָב איך אָבער א סך.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט מיין קאָפּ קיין אַנדער געדאַנק ניט געקענט פאַרנעמען ווי די וווּנדער-פראַגע:

ווי אַזוי האָט עס געקענט א לאַנד, אין אַזאַ קורצער צייט, אַרויסגעבן פון זיך א נייעם מין מענטשן, וואָס וואָלט ווי צו אַן אַנדער פּלאַנעט געהערט?

און צעשיידט מיט די מענטשן האָב איך מיך א מונטערער, א האָפענונגס-פולער און א גלייביקער, אַז אַזאַ פאָלק קען מען ניט און מען וועט ניט באַזיגן...

.1943

ב

נאָרד-אַמעריקע

אונטערוועגס

בײַ די ברעגן פֿון וואַלפּאַראַיסאָ

דער לעצטער קלונג, די לעצטע קושן, אומאַרמונג און צוווינטשונגען. דער לייטער פֿון ברעג ווערט אָוועקגענומען. פֿון ברעג צום שיף און פֿון שיף פֿלאַטערן ווייסע טיכלעך. צווישן ביידע פֿלאַטערן ווייסע מעוועס. די הערצער פֿון ביידע זייטן פֿלאַטערן אויך. איבער אַלץ און אַלעמען שיינט און לויכט אַ העלע ליכטיקע זון. די לעצטע אויסרופֿן פֿון אונטן אַרויף און פֿון אויבן אַראָפּ ווערן איבערגעריסן מיט די אָרקעסטער־קלאַנגען פֿון דעם טשילענער פֿרייהייט־הימן און דער פֿראַנצויזישער מאַרסעליעזע און פֿון הוראַ־אויסגעשרייען.

די בלומען־פֿאַרקויפֿערן, אַ טאָכטער פֿון טשילענער פֿאָלק, וואָס האָט פֿאַרנומען דעם עולם מיט אירע אַקראָבאַטישע קונץ־שטיק, אַרויפֿוואַרפֿנדיק אין דער הייך, אױפֿן דעק פֿון שיף, בינטלעך בלומען, פֿאַר וועלכע זי האָט באַקומען צוריק אַראָפּגעוואָרפֿן צעזייטע „טשאַוטשעס" (טשילענער מטבעות, ביליקע), האָט מיטאַמאָל אַוועקגעוואָרפֿן דאָס קערבל בלומען, די „טשאַוטשעס" און האָט זיך געלאָזן טאַנצן אַ „קועקאַ" (אַ טשילענער נאַציאָנאַלן טאַנץ). דער עולם האָט עס באַלד אויפֿגעכאַפּט און אָנגעהויבן צו באַגלייטן מיט דעם כאַראַקטעריסטישן האַנט־פּליעסק.

דער אָרקעסטער האָט דאָס זייניקע געטאָן. אַלץ האָט מיטגעטאַנצט און די זון האָט זיך ברייטלעך צעשמייכלט.

ווידער הוראַ־אויסגעשרייען. די הוראַ־אויסגעשרייען, דאָס יובלען איז געקומען פֿון די טשילענער פֿאָלקס־מאַסן, וואָס זיינען געקומען אַרויסבאַגלייטן זייער געליבטן פֿאָלקס־פֿירער, איינעם פֿון די טשילענער העלדן פֿון דער איינינקייט ג. ג. וו., וואָס פֿאָרט קיין פֿראַנקרייך אַלס טשילענער אַמבאַסאַדאָר. אויף דעם זעלבן שיף געפֿינט זיך אויך דער סאָציאַליסט מ. ה., וואָס פֿאָרט קיין מעקסיקע אין דער זעלבער שליחות.

דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער טשילענער געשיכטע, וואָס אי־רע דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער רעפּרעזענטירן מיט זיך ניט נאָר זייערע רעגירונגען, נאָר אויך דעם טשילענער פאָלק, די טשילענער דעמאָקראַטיע. זיי פאָרן אין די אָנגעוויזענע לענדער ניט נאָר דורך אַ דעקרעט פון דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, נאָר אויך מיט אַן אורלויב־שיין פון די טשילענער פאָלקס־מאַסן פאַר זייער לאַנגיעריקער אומדערמידלעכער אַר־בעט, איבערהויפּט ג. ג. וו., וועלכער איז אין טשילע געווען דער שטאַב־שעף פון דעם פּאַרייניקטן פאָלקס־פראָנט און וואָס האָט דעם גרעסטן חלק אין דעם נצחון פון דעם טשילענישן פאָלק פון דעם 25טן אָקטאָבער. (דאָס איז דער 25טער אָקטאָבער פון 1938טן יאָר, ווען עס האָט געזיגט דער קאַנדידאַט פון דעם פאָלקס־פראָנט פּעדראָ אַגירע סערדא). דער־פאַר איז דאָ ניט פאָרגעקומען קיין טראַדיציאָנעלע דיפּלאָמאַטישע צע־רעמאָניאַלע ארויסבאַגלייטונג פון די אַמבאַסאַדאָרן, נאָר אַ צעשיידונג מיטן פאָלק.

און ניט נאָר האָט די הויפּטשטאָט, סאַנטיאַגאָ, אזוי פייערלעך ארויסצולאָזן ג. ג. וו., ניט נאָר וואַלפּאַראיסאָ, די ערשטע טשילענער פּאָרט־שטאָט, נאָר בײַ יעדן טשילענער פּאָרט, ווו די „אָרביטאַ" האָט נאָר געאַנקערט, איז ער געווען דער אָביעקט פון פייערלעכע מאַניפעס־טאַציעס. איבערהויפּט אין אַנטאָפאַגאַסטאַ, די גרעסטע ארבעטער־פּראָ־ווינץ, ווו די שיף איז געשטאַנען אַ טאָג און אין וועלכער מען האָט אים געמאַכט פיר אויפנאַמעס.

אף צוויי פון די אויפנאַמעס בין איך בייגעווען און צוזאַמען מיט דער פרייד, וואָס איך האָב דורכגעלעבט און וואָס האָט מיך ארומגענו־מען, בין איך אויך געווען פאַרנומען מיט אַ צווייפל:

צי מעג זיך דערלויבן אַזאַ אויטאָריטעטע אָנפירנדיקע פּערזענלעכ־קייט, ווי ג. איז, צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואָס איז נאָך שטענדיק און־טערגעוואָרפן אונטער אַלערליי סכנות, אונטער די אַטאַקעס פון אירע אי־נעווייניקסטע שונאים, די פריערדיקע פּריווילעגירטע, וואָס ווילן נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן מיט זייער אומגעריכטער מפּלה און ווילן צוקומען צו־ריק צום רעגירונגס־רודער פאַר יעדן פּרייז, אפילו פאַר דעם טייערסטן, אַרייַנצושלעפּן דאָס לאַנד אין אַ בירגער־קריג.

באטאג אזוי געטראכט און באנאכט א קלאנג אפן שיף: אן אויפשטאנד אין סאנטיאגא.

אין עטלעכע שעה ארום האט זיך אבער ארויסגעוויזן, אז די איינוניקייט אין טשילע איז א געזיכערטע, אז זי איז ניט אפהענגיק פון קיין פירער, נאר אז זי איז טיף פארווארצלט באם פאלק. דאס העלדישע און מונטערע טשילענישע פאלק האט נאכאמאל באוויזן, אז נישט נאר איז עס פעיק געווען צו געווינען די מאכט דורך וואלן, נאר איז אויך פעיק זי צו פארטיידיקן און איינהאלטן. דער ראדיא האט אנגעזאגט, אז דאס גאנצע פאלק און אלע פאלקס־פראנט־פארטייען האבן זיך גלייך געשטעלט אף די פיס, גרייט צו פארטיידיקן די רעגירונג און אז דער אויפשטאנד איז גלייך דערשטיקט געווארן.

ייִדן אפן שיף

אונדזער שיף גייט צוריק נאך אייראפע. זי גייט כמעט ליידיק. מלחמה־שטימונג אין אייראפע. ווער וויל דאס קריכן אין פייער אריין?! עס פארן נאר זיד־אמעריקאנער פאסאזשירן פון פארט צו פארט. דאך געפינען זיך אפן שיף ייִדן־וואנגלער.

עס פארט א ייִד פון טשילע קיין פערו. דער ייִד איז שוין אויסגעווען אין א צענדליק לענדער פאר די צען יאר, וואס ער געפינט זיך אין זיד־אמעריקע. לעצטנס האט ער זיך באזעצט אין טשילע. לויט ווי ער זאגט האט ער נאך אלץ געזוכט א ריכטיקן ייִדישן ישוב. אלם אזא ישוב האט ער זיך טשילע פארגעשטעלט. ער וואלט שוין פון טשילע אויך געגאנגען. ער האט זיך אנטוישט אין דער „ריכטיקייט" פון טשילענער ייִדישן ישוב. האט זיך שוין זיין פרוי איינגעשטעלט: מער גייט זי ניט! הייסט מען זי אבער גיין. וואס איז? ארייגעפארן קיין טשילע פון פערו זיינען זיי מיט א טוריסטן־וויזע. האט זיך געענדיקט דער טערמין, מוזן זיי פארלאזן טשילע. פארט דער ייִד איצט צוריק קיין פערו, צו פועלן דארטן באם טשילענער קאנסול א שטענדיקע וויזע פאר טשילע. ער האט זיך שוין אין טשילע דערווייל איינגעארדנט מיט א קליינער אינדוסטריע. איז ער פארצווייפלט, דער ייִד, טאמער קריגט ער ניט די וויזע.

אין אריקא — דער טשילענער טראנזיט־פארט פאר באליוויע —

שטייגן ארויף נאָך צוויי וואַנדער-ייִדן און אַ „גויִשער ייִד" (ייִדישע גויִם זיינען קיין גיים ניט). דער לעצטער איז אַ פּאָליאַק, וואָס האָט זיך גע-לאָזט אַריינשרייבן אין זיין טשילענער טראַנזיט-וויזיע אַלס ייִדישער אָפּשטאַמלינג, אַלס ייִדיש-גלויביקער און אויף דעם סמך אויסגענוצט ייִדי-שע הילף, ווי עס האָט זיך נאָר געלאָזן.

די פּוילישע ייִדן האָבן זיך געלאָזט זוכן קיין באָליוויע דאָס, וואָס אין פּוילן האָט זיי געפעלט: פרייהייט און ברויט, און האָבן דאָס אַלץ דאָרטן ניט געפונען; קערן זיי זיך אום אַהיים. אַ שלעכטע, אַ שטיפמאַ-מישע היים, אָבער דאָך אַ היים.

אין באָליוויע הערשט אַ קריזיס צווישן די ייִדישע אימיגראַנטן. עס זיינען מיטאַמאָל אַריינגעקומען עטלעכע טויזנט ייִדן פון דייטשלאַנד און פּוילן. דאָס לאַנד איז אָפּגעשטאַנען, דער קלימאַט אַ שווערער, אַ סך אי-מיגראַנטן שטאַרבן אויס, האָבן זיי באַשלאָסן זיך אומצוקערן אין פּוילן אין די לעצטע טעג פון אויגוסט, ווען איירָאָפּע וויגט זיך אויפן וואָג-שאָל צווישן שלום און מלחמה און די צווייטע זייט וועגט אַריבער.

די צוויי ייִדן פאָרן פאַרביטערטע און פאַרצווייפלטע. זיי קומט אויס צו גיין, ווי מען זאָגט אויף מאַמע-לשון, פון פייער אין וואַסער, אָדער אומגעקערט.

דער פּאָלאַק, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן אַלס ייִד, דערגייט זיי נאָך מער די יאָרן. ווי ער איז נאָר ארויף אויפן שיף, האָט ער גלייך געגעבן צו וויסן די עטלעכע פּאַסאַזשירן אויף זיין שלעכטן שפּאַניש, אַז ער איז אַ „ריכטיקער" פּאָליאַק און די אַנדערע זיינען „כודיאָס" (ייִדן).

ווען די פּאַסאַזשירן, אַלע זיד-אַמעריקאַנער, האָבן אויפגענומען די דריי „פּאָלאַקאָס" ווי העלדן, וואָס קערן זיך אום צו פאַרטיידיקן זייער לאַנד קעגן דייטשלאַנד, האָט דער „ריכטיקער" פּאָלאַק זיי דערקלערט, אַז נאָר ער איינער איז אַזאַ, אַז די אַנדערע צוויי זיינען ייִדן, אַז זיי פאָרן און האָבן מורא.

פון צווישן אַלע פּאַסאַזשירן אויפן שיף קערן זיך אינגאַנצן אום פינף קיין איירָאָפּע: די 73 יאָריקע ענגלענדערן, וואָס האָט אָפּגעווינט עט-לעכע און צוואַנציק יאָר אין טשילע און פאָרט איצט פאַרענדיקן איר לעבן אויף איינגענער ערד, אַ יוגאָסלאַווישע פרוי אין דער זעלבער לאַגע, און די

דריי „העלדישע" פּאַלאַקן, וואָס פאַרן פאַרטיידיקן זייער לאַנד קעגן דעם דייטשישן אַנגריף...

„ארביטאַ", פּאַרט טשיקאַמאַ, פּערו, 31טן אויגוסט 1939טן יאָר.

יאָך בייט איך, זוגט מיר, וויאַהין פור יאָך?

אונדזער שיף האָט געאַנקערט אין אריקאַ, דעם לעצטן פּאָרט פון טשילע. עס זיינען דאָרטן אַראָפּגעשטיגן עטלעכע געציילטע פּאַסאַזשירן און נאָך וויניקער אַרויפגעשטיגן.

עס איז שפּעט באַנאַכט. שיטער האָבן געווונקען די קליינע פייער־לעך צו אונדז פון דער קליינער פּאָרט-שטאָט. אָרעם און ווי פאַרלאָזט האָבן זיך געצויגן אַ פּאָר קליינע שיפלעך מיט פּאַסאַזשירן פון ברעג.

אפילו די לויפער, די ערד-זוכער, די פּאַסאַזשירן, וואָס דערפרייען זיך מיט יעדן פיצל ערד, וואָס זיי קענען שפירן אונטער זייערע פיס, אפי־לו זיי האָבן זיך דאָס מאָל ניט געלאָזן שווימען צום ברעג. „עך" — האָבן זיי מבטל געווען — „אריקאַ! עס לוינט זיך ניט, אַ קליין, מיאוס שטעטל!"

אין דער אמתן אָבער איז אין דעם געווען שולדיק דער אומגעהויערער אומעט, וואָס האָט די פּאַסאַזשירן אַרומגענומען. יעדערער איז געווען פאַרנומען מיט זיך. אין דער לופטן האָט שוין געשמעקט מיט מלחמה. דאָס איז געווען דעם 28טן אויגוסט 1939.

מען דאַרף זיך שוין געזעגענען מיטן ליבן און טייערן לאַנד טשילע, און ווער ווייסט ווען און צי מען וועט אים נאָך זען נאָכאַמאָל. קיינער האָט ניט געוווּסט זיין זיכערן גורל. מענטשן זיינען געפאָרן קיין פראַנק־רייך, ענגלאַנד, דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער. די פּאַסאַזשירן האָבן דעריבער געמאַכט נאַכט. אויך איך האָב דאָס זעלבע געפּרווּוט טאָן. איך בין אַוועק צו מיין שטייג, די קאַבינע פון דריטן קלאַס (אַנדערש קען מען זי ניט אָנרופן די קאַבינע פון דריטן קלאַס), זיך אויסגעצויגן אויף דער נאַ־רע און געפּרווּוט איינשלאָפן. די טיר פון קאַבינע איז געשטאַנען אָפן, אפשר וועט דאָך זיך אריינכאַפּן אַ ביסל לופט, כדי ניִשט דערשטיקט צו ווערן.

די שיף האָט זיך שוין אַרויסגעשקאַראַפּקעט פון ברעג. די מאַשינען־וואַלצן האָבן שוין אויפגעהערט צו רודערן און קלאַפּן אַזוי. די שיף האָט זיך אויפגעהערט צו וואַרפן ווי די ערד, ווען זי ציטערט. איך האָב גע־וואָלט איינשלאָפן און ניט געקענט.

אָט דאָ, בא דעם גרעניץ פון טשילע, ווו איך האָב אָפּגעלעבט פּופצן פון מיינע בעסטע יאָרן, האָב איך דערשפּירט, ווי שווער עס איז זיך צו שיידן מיט דעם דאָזיקן ליבן לאַנד, מיט זיין צערטלענדיקער זון, מיט זיי־נע מילדע ווינטעלעך, וואָס קושן און גלעטן דיך יעדן בין־השמשות, מיט זיינע ריזן־בערג, וואָס באשיצן דיך און מיט זיינע ליבע מענטשן־קינדער, וואָס באגעגענען דיך שטענדיק שמייכלענדיקע ווי די זון און גרייטע ווי די ערד מיט עפּעס דיך צום דינען. איך האָב פון דער ווייטן ריכטיק געגומען אָפּשאצן די פריינטשאַפט און ליבע פון די, וואָס האָבן מיך תמיד ארומגערינגלט. איך האָב מיט מיר געמאַכט אַ חשבון און געזען, אַז איך האָב נישט ווייניק פריינט פאַר דער צייט פון מיין לעבן אין טשילע זיך דערוואָרבן און אָפּגעשפּאָרט.

פאַר מיינע אויגן האָט אויפגעלעבט דאָס לעצטע בילד פון צעשיי־דונג: אַ גרופּע חברים און פריינט, וואָס האָט מיך באגלייט אַזש ביז דער פּאָרט־שטאָט וואַלפּאַראַיסאָ.

די שיף רוקט זיך אָפּ פון זיי און זיי פאָכען מיט די הענט, הייבן די פויסטן און קוקן ארויף מיט אויגן אַזעלכע ליבע... מיין קליינע פרוי, אויך צווישן זיי. אירע אויגן!... נו, איך האָב זיי שוין אַ סך מאָל געזען אַזעלכע, בא פאַרשיידענע אַנדערע צעשיידונגען. איר זעט מען שוין נים. זי איז שוין ווייט, ווייט געבליבן און ווערט אַלץ קלענער און קלענער. עס גלאַנצט נאָך ארוים איר שאַטענען־קאָפּ, איבערקעמט, אין דער מיט מיט אַ שרונט און ווערט צום סוף אויך פאַרשוווּנדן. אָבער די אויגן אירע ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער. זי ווערט אינגאַנצן פאַרוואַנדלט אין אויגן... אין אויגן, וואָס באָדן זיך אין אַ פינקלענדיקן טוי...

דאָס מאָל האָב איך איר אויך אַזוי געזען, נאָר דער שאַטענען־קאָפּ איז דורכגעשאָטן געווען מיט גרוי און פון ביידע זייטן האָבן זיך שטאַרק צוגעקלעפּט צו אירע פּיס און היפטן מיינע צוויי זינדלעך.

עס איז שוין געוואָרן באַנג אַזוי און ווייטיקדיק פון די בילדער און בענקעניש. דאַן זיינען מיינע מחשבות איבערגעריסן געוואָרן פון אַן אומ־פּעטיקן באַוועגן זיך און אַ הויך ריידן.

איך האָב ליכטיק געמאַכט אין מיין קאַבינע. די שפּראַך פון דעם ריידנדיקן איז עפּעס אַ באַקאַנטע. יאָ, פּויליש.

— ווי קומט אהער אין אריקא פוילישº? מסתמא האָט זי א ייִד אהער פאַרשלעפּט.

כך-הוה.

דער הויך־ריידער האָט פאַרענדיקט זיין שרייען און פילדערן, האָט זיך שוין ווי עס איז איינגעהאווירט אין זיין קאַבינע מיט זיינע שכנים, און האָט גענומען אַרומשפּאַצירן אַן אומרויִקער איבערן קאָרידאָר.

געפונען מיין קאַבינע אָפן און ליכטיק, האָט ער אריינגערוקט א האַלבן גוף אינעווייניק און אָנגעהויבן צו ריידן מיט מיר דייטש (אזא טבע האָט ער געהאַט. האָט ער געטראַכט וועגן אימעצן, אַז יענער איז א ייִד, האָט ער צו אים דייטש גענומען ריידן).

ווען איך האָב אַף זיין דייטש מיט א פּשוטן ייִדיש געענטפערט, האָט ער גלייך פאַרלוירן זיין אָפיציאַליטעט, איז אריין צו מיר אין קאַבינע און זיך אוועקגעזעצט צופוסנס פון מיין בעט.

געווען איז ער א נידעריקער טרוקענער מענטשל פון א יאָר 38. זיין אָפּגעצערטער פּנים איז געווען אָפּגעברענט פון דער זון און אויגן האָבן פון זיין פּנים אַרויסגעקוקט גרויסע אַזעלכע; גרויסע, גלאָציקע און אומרויִקע. גערעדט האָט ער מיטן גאַנצן האַרצן. גערעדט פאַר צען און דערביי באַוועגט מיטן גאַנצן קערפּער. מיט זיינע הענט האָט ער געפאָכעט ווי מיט ווינט־מיל־פליגלען. און ער אַליין? דאָ האָט ער זיך אויסגעצויגן אין דער הייך, דאָ איז ער אונטערגעשפּרונגען, און אַמאָל האָט ער זיך איינגעבויגן. עס האָט זיך אַלץ געוועגדט נאָך דעם אינהאַלט פון זיין ריידן. און דערביי האָט ער אכזריותדיק געביסן זיינע נעגל.

איך האָב נאָכדעם פאַרשאָלטן דעם מאָמענט, וואָס איך האָב אָנגעצונדן די ליכט אין מיין קאַבינע אין יענער נאַכט.

פון דאַן אָן איז דער יונגערמאַן געווען מיין שאָטן, מיין „דאָפּלט־איך".

געווען איז ער א פּויליש־ייִדישער דענטיסט. געפאָרן זוכן א בעסערן לעבן אין באָליוויע און עס דאָרט ניט געפונען, קערט ער זיך אום צוריק קיין פּוילן. זיין רייזע־חבר איז געווען א פּאַלאַק. נישט קוקנדיק, וואָס ער איז געווען א מענטש מיט העכערער בילדונג, איז ער פאַרבליבן א חוגדערט פּראַצענטיקער חסיד מיט אַלע תּנועות און העוויות.

***

די מלחמה האָט זיך שוין אָנגעהויבן. אפן שיף האָבן זיך געגומען טראָגן טרויעריקע קלאַנגען וועגן פוילן. אין אַ פּאָר טעג אַרום, נאָכדעם ווי די מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען, זיינען שוין געקומען באַריכטן פון חרוב געוואָרענע פוילישע שטעט. דער יונגערמאַן איז נאָך אומפעטדיקער און אומרויִקער געוואָרן. ער האָט אויפגעהערט צו גיין, נאָר לויפן. ער איז אַרומגעלאָפן איבערן שיף, ווי אַ חיה; ווי אַ חיה, וואָס מען רייסט זי אָפּ פון איר משפחה און מען פאַרשפּאַרט איר אין אַ שטייג.

ער איז אַרומגעלאָפן איבערן שיף. געביסן נאָך אכזריותדיקער זיינע נעגל, ווי פון דאָרטן וואָלט ער געשעפּט זיינע רייד, און יעדער ווײַלע צו מיר צוגעלאָפן זיך אויסטענהן.

די טענות זיינען אַלעמאָל געווען די זעלבע. דערביי פלעגט ער מיר יעדעס מאָל שטורכען אין די אָרעמס ביז בלויע צייכנס.

— „זוגט מיר, יאַך בייט אייך, וואַהין פור יאַך, וויאַהין?!!! מיין שטאָט איז שוין חרוב. מיין פרוי מסתמא ערגעץ אַנטלאָפן. אונדזער היים צעשטערט. איך וועל דאָך אפילו ניט באַווייזן איר צו זען. איך וועל דאָך גלייך אַריינגעצויגן ווערן אין מיליטער. אָט דער ערל — ווייזט ער מיר אָן אָף זיין שיפס-ברודער, דעם פּאָליאַק, וועט נאָך מיר דאָרטן דערגיין די יאָרן. מאַלע וואָס? אפשר האָב איך זיך עפּעס אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט וועגן פוילן".

ער רעדט אַזוי צו מיר, שטורכעט מיר אין די אָרעמס, הענגט אָן אָף מיר זיינע גלאָציקע טרויעריק-גרויסע אויגן און עס טוט אַזוי ווי פון זיינע רייד, אַז דו פאַרגעסט אָן דעם ווייטיק פון די שטורכעס. עס ווילט זיך אַנטלויפן. אָבער וווהין? וווהין?!!!

ער באַגלייט מיר אומעטום. ער באַגלייט מיך סיי באַטאָג, סיי באַנאַכט. ווען איך זוך אויס אַ ווינקל צו שלאָפן אפן דעק, — צוליב דער שטיקנדיקער היץ אין קאַבינע, — זוכט ער מיר אויך דאָרטן אָפּ. ער לאָזט אויס צו מיר זיינע טענות, שטורכעט מיר אָן, לויפט ווידער אַרום איבערן שיף, בייסט זיינע נעגל אָן, און ווידעראַמאָל צו מיר מיט דער זעלבער טענה:

— „יאַך בייט אך, זוגט מיר, וויאַהין פור יאַך, וויאַהין?!!!..."

* * *

עס איז שוין פאַרביי אַ לענגערע צייט, ווי איך האָב מיך צעשיידט פון דעם דאָזיקן יונגנמאַן. מיינע אָרעמס טוען מיר נאָך אַלץ וויי פון זיינע שטורכעס... זיינע אויגן הענגען נאָך אַלץ איבער מיר. און אין מיין קאָפּ באַמבלט זיך נאָך אַלץ ארום זיין פראַגע:

— „וואוהין פאָר איך, וואוהין?!!!...

***

זאָגט מיר, איך בעט אייך, זאָגט איר מיר, אפשר ווייסט איר, וואוהין איז ער געפאָרן?...

ניו־יאָרק, יאַנואַר 1940.

דאָס יידישע ניו-יאָרק אין די ערשטע טעג נאָך דעם קריג-אויסברוך

דערזען האָב איך דאָס ייִדישע ניו-יאָרק שוין דורך די פענצטערלעך פון אויטאָ, וואָס האָט מיר געפירט פון ניו-יאָרקער פּאָרט קיין ברוקלין.

אָנגעקומען קיין ניו-יאָרק בין איך אין אַ יום-טובדיקן טאָג, ראש-השנה.

ס'איז געווען אַ ליכטיקער זומער-טאָג. די זון האָט מיט ברייטקייט און פולער האַנט געשאָטן מיט גאַנצע גאַרבן שטראַלן, וואָס ניט אַפילו די וואָלקנקראַצערס זיינען געווען בכוח זיי צו פאַרהאַלטן.

די גאַסן זיינען געווען באַגאָסן מיט ליכטיקייט און וואַרעמקייט. אונטער די זונען-שטראַלן האָבן די פעטע קדוש-לבנה-אותיות אויף די רעקלאַמעס פון די שולן און פאַרשיידענע מנינים נאָך בולטער אַרויסגעשטאַרטשעט, גערופן זייער אויפמערקזאַמקייט און געלייגט דעם שטעמפּל אויף דעם ייִדישן ניו-יאָרק.

דער נוסח פון די רעקלאַמעס איז געווען דער אַלט-באַקאַנטער און היימישער: „לשמוע אל הרנה ואל התפלה" אאַ"וו.

אויפן גאַס, אַרום די שולן און מנינים, זיינען אַרומגעלאָפן ייִדישע יאַטלעך מיט פולע קיילעכדיקע רויטע בעקלעך, וואָס האָבן זיך אונטער דער זונען-וואַרעמקייט נאָך מערער צעפלאַמט און האָבן אויסגעזען ווי צייטיקע עפּל. אויף די קעפּלעך האָבן די ייִנגלעך געהאַט אַרויפגעזעצט קליינע קיילעכדיקע יאַרמלקעס, וואָס האָבן בײַ אַ נייעם צושויער אַרויסגערופן נייגעריקייט און פאַרוווּנדערונג. (נאָכדעם האָב איך זיך דערוווּסט די סבה פון אַזוי פיל יאַרמלקעס, וואָס ווערן אין נאָרד-אַמעריקע געברויכט: קליינוואַרג און יוגנט קומען צולויפן אין שול אָן היטלען, באַקומען זיי דאָרטן בײַם אַריינגאַנג, צוזאַמען מיט אַ סדור, אָדער אַ מחזור, אַ יאַרמלקע).

די צייט, וואָס איך בין אָנגעקומען קיין ניו-יאָרק, איז געווען אַ שטורמישע — דעם 15טן סעפּטעמבער, 15 טעג נאָך דעם קריג־אויסברוך און 18 טעג נאָך דעם רוסישן-דייטשישן אָפּמאַך.

צו ניו־יאָרק האָבן זיך דורך ראַדיאָ דערטראָגן די לעצטע גסיסה-קלאַנגען פון דער חרובער פּוילן, און צו דעם ייִדישן ניו־יאָרק די ווייגעשרייען פון דעם חרובן ייִדישן פּוילן. עס איז דעריבער קיין חדוש ניט, וואָס אַלץ און אַלע האָבן דאָן דיסקוטירט, איבערהויפּט די ייִדן.

אַרום די שולן און מנינים האָבן זיך דעריבער געזען גרופּעס ייִדן, וואָס האָבן זיך היים מתוכח געווען און ענערגיש זשעסטיקולירט.

אַפן צווייטן טאָג נאָך מיין אָנקומען, נאָך אַלץ אַ יום־טובדיקער טאָג, אין וועלכע די מערסטע טייל ייִדישע אַרבעטער זיינען געווען פריי פון זייערע באַשעפטיקונגען, האָב איך געזען אַ גראַנדיעזן און זעלטענעם ספּעקטאַקל: אַפן בראַיטן-בידזש, (אַ געגנט אין ברוקלין, וואָס ליגט באַם ים), זיינען מיטן ברעג פון ים (פּלאַזשע), אַף קילאָמעטערס די לענג, געשטאַנען אין קופּקעלעך מענטשן און דיסקוטירט, און ווו איר האָט ניט צוגעיִלייגט אַן אויער, האָט איר געהערט אַלץ די זעלבע טעמע:

דער רוסיש־דייטשישער אָפּמאַך.

די דיסקוסיעס זיינען געווען היציקע און שטורמישע. די פּאַרטייִדיקער פון דעם רוסיש־דייטשישן אָפּמאַך זיינען ממש געגאַנגען אַף מסירת־נפש.

די פּסיכיק פון די יידישע מאַסן איז געווען צוגעגרייט דערצו, אַז די מלחמה וועט אויסברעכן צווישן די דעמאָקראַטיעס, מיט דער הילף פון ראַטנפאַרבאַנד, קעגן היטלערן, און אַז דאַן וועט היטלער אין איין „שמע-ישראל” דערשטיקט ווערן. איבערהויפּט האָבן זיי געהאָפּט, אַז דער ראַטנ-פאַרבאַנד וועט זיך אַריינלאָזן אין דער מלחמה, אין אַ מין מלחמת־מצוה צו באַפרייען די גאַנצע וועלט און ממילא די ייִדן.

און מיטאַמאָל איז גאָר סאָוועטן-רוסלאַנד געבליבן אויסער דער מלחמה און טרעט נאָך אַרויס בפירוש קעגן איר!

אָט דעם סענטימענט פון די מאַסן און די גאַנצע טרויעריקע מלחמה-סיטואַציע מיט אירע קאָנסעקווענצן האָט די ייִדיש-סאָוועטיש־פיינטלעכע פרעסע מיטן „פאָרווערטס” בראש אויפגעכאַפּט, עקספּלואַטירט, און ניט אויפגעהערט צו העצן קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד.

דער העץ-קאמפיין איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז אין טעקסט פון די טעלעגראמעם פלעגט ארייננעשטעלט ווערן די מיינונג פון דער אדער יענער סאוועטיש-פיינטלעכער צייטונג.

אין די רעדאקציעס פון אייניקע יידישע צייטונגען זיינען פארגעקומען גאנצע „רעוואלוציעס". אזוי צ"ב איז ב. צ. גאלדבערג פארן „טאג" געווארן צו ווייניק כשר און זיינע קאלומס וואס האבן שטענדיק פארנומען א בכבודיקן פלאץ און האבן זיך תמיד געדרוקט אפן שפיגל-זייט פון דער צייטונג, בשכנות מיט לייט-ארטיקלען, זיינען מיטאמאל אריבערגעטראגן געווארן אף די ווייניקער אנזעעוודיקע זייטן פון דער צייטונג און די טעמעס זיינע זיינען מיטאמאל געווארן אזעלכע „אומשולדיקע"...

זשיטלאווסקיס ארטיקלען, ארום וועלכע עס איז ארומגעגאנגען א לעגענדע, אז זיי זיינען פארברענט געווארן, זיינען, אויב ניט פארברענט געווארן, דערשטיקט געווארן...

א חוץ דעם בין איך זיך משער (דאס איז א מיינונג, וואס איז ניט געבויט אף קיין שום קוועלע, נאר אף פערזענלעכער אינטואיציע), אז די ארטיקלען פון זשיטלאווסקין, אין וועלכע ער האט ארויסגעבראכט די שטעלונג פון „א דריטן צד", זיינען דאס געווען די זעלבע ארטיקלען, ארום וועלכע עס זיינען ארומגעגאנגען די קלאנגען, אז זיי זיינען פארברענט געווארן. ווי עס ווייזט אויס האט זיי דער „טאג" פריער ניט געוואלט דרוקן, נאר נאכדעם, אין אנהייב נאוועמבער, ווען די געמיטער האבן זיך אביסל בארויקט, זיינען די ארטיקלען דערשינען, אין מיטן פון א ראם פון פעטיט-שריפט, גרעסער פון די ארטיקלען אליין. דאס האבן געזאלט זיין די באמערקונגען פון דער רעדאקציע.

דעם אויבנאן פון די יידישע צייטונגען, א חוץ קליינע אויסנאמען, האבן אנגעהויבן דאן צו פארנעמען די זשורנאליסטן און שרייבער, וואס האבן מיט זייער טינט מערער געקענט פארשפייען און פארפלעקן ראטנ-רוסלאנד.

און ניט נאר סתם זשורנאליסטן האבן זיך דאן אנגעהויבן עוסק צו זיין אין דער דאזיקער מלאכה, נאר אפילו פראמינענטע דיכטער.

אזוי צ"ב, האט זיך דאן לייוויק דורך א ליד ארומגעקריגט מיט זשיטלאווסקין. ער האט דארטן געמוסרט זיין לערער, וואס איז אראפ פון „גלייכן" וועג.

מאני לייב, דער צארטער דיכטער, דער גרעסטער און שטרענגסטער אנהענגער פון קונסט-לשם-קונסט, האט מיטאמאל פארבויגן זיין שטה און האט אנגעשריבן א ליד אין „פארווערטס" וועגן דער רויטער פאן, וואס סטאלין האט „פארפלעקט". לעיעלעס-גלאנץ האט עס געטאן אף א זשור־נאליסטישן אופן או"וו, א"וו.

די שטורמישקייט פון דער צייט, די היציקע שטימונג האט אויך גע־בראכט דערצו, אז א גרויסע טייל פון פראמינענטע יידישע שרייבער זאלן ארויסטרעטן פון „איקוף", ניט זייענדיק אין אזא צייט געגוג קאלט און איבערגעלייגט צו מאכן אזא שריט, וואס האט נאר געבראכן די יידישע קולטורעלע פאזיציעס פון נארד-אמעריקע, וואס זיינען אזוי אויך ניט גע־ווען צו שטארק.

עס זיינען ניטא קיין גענוגנדיקע און באגרינדעטע מאטיוון און אר־גומענטן, וואס זאל זייער שריט בארעכטיקן.

זייער האנדלונג קען נאר כאראקטעריזירט ווערן מיטן קלוגן יידישן ווערטל: „אז מען איז אין כעס אפן חזן, ענטפערט מען ניט קיין אמן".

אגב האט מיר איינער פון די גרעסטע און באוווּסטע יידישע שריי־בער, וועמען איך וויל ניט פורש בשמו זיין, דערקלערט זיין ארויסטריט פון „איקוף", אף א זייער אריגינעלן אופן:

דער שרייבער, זאגט ער, דארף זיין אומבארירבאר. דאס פאלק דארף קוקן אף אים מיט רעספעקט, מיט יראת־הכבוד, און ער האט דעריבער ניט געקענט בלייבן אין „איקוף", ווייל ער וואלט דאן געבליבן אויסגע־שטעלט, ווי אן אביעקט, קעגן וועלכן עס זיינען געווענדט פארשיידענע זלזולים, אנפאלן אד"גל.

***

אזוי האט דאס יידישע ניו־יארק דאן אויסגעזען. אין די שולן, קא־פעען, אף די פארזאמלונגען און עפנטלעכע פלעצער, אומעטום איז געווען: הימל און ערד און דער סאוועטיש-דייטשישער אפמאך...

.1940

איסט-בראָדוויי

איסט-בראָדוויי איז דאָס האַרץ פון דער ייִדישער געגנט, בעסער געזאָגט, פון דער ייִדישקייט אין ניו-יאָרק.

פון רעכטן צענטער פון איסט-בראָדוויי אילומינירט אַרוים באַנאַכט דער צען-שטאָקיקער „פאָרווערטס-בילדינג" (פאַרוואָס מען רופט עס ניט „פאָרווערטס"-געבײַדע, נאָר „בילדינג" — בילדינג הייסט געבײַדע — איז טאַקע די שולד פון „פאָרווערטס" אַליין, וואָס האָט אַ גרויסן חלק אין דער ייִדיש-פאַרדאַרבונג אין נאָרד-אַמעריקע), און באַטאָג לאָזט ער זיך סתם אָנזען.

אין שכנות מיטן „פאָרווערטס" געפינט זיך „דער טאָג", ניט ווײַט — דער „מאָרגן-זשורנאַל", און אַרום און אַרום — פאַרשיידענע אינסטיטוציעס פון וועלטלעכן כאַראַקטער און נאָך מערער פון אַלט-ייִדישן, אָרטאָדאָקסישן שטייגער, ווי ישיבות, קלייזלעך און שולן.

דאָרט געפינט זיך אויך דער ייִדישער ביכער-מאַרק.

אַף דעם ביכער-מאַרק איז באמת ניט ווי אַף אַ מאַרק. עס ראַשט זיך דאָרטן ניט אַזוי. קיינער אײַלט זיך ניט און לויפט ניט זוכן קיין ייִדישע ביכער, באָטש מען אײַלט זיך אַזוי אין ניו-יאָרק.

אַפן ספרים-מאַרק איז שוין אַביסל לעבעדיקער.

לויט די שויפענצטער פון די בוך-קראָמען זעט מען אַף וואָס די נאָכפראַגעס זײַנען.

צווישן טליתים, תפלין, מחזורים, סדורים, חומשים און אַנדערע ספרים זעט איר אויך... אַ ביכל ייִדישע אַנעקדאָטן, אַ ייִדיש-ענגלישן ווערטער-בוך, אָדער סתם אַ טשיקאַווע מעשה...

אפילו בײַ יאַנקעוויצן, וואָס נעמט ניט אָן צו פאַרקויפן קיין בוך, ווו עס שרײַבט זיך קעגן ראַטנפאַרבאַנד, אפילו בײַ אים איז די נאָכפראַ-

גע אַף אַ מחזור, אין ענגלישער איבערזעצונג, אַ יִדיש-ענגלישן לערן־ביכל אַ סך גרעסער, ווי אַף די מאָדערנע אָדער מאַרקסיסטישע ביכער.

יומים-נוראים־צייט איז דאָרטן דער יריד פון אתרוגים.

איר קענט דאָרטן זען ווי יִדן האַנדלען און דינגען זיך אַרום אַן אתרוג נאָך אַן ערנסטער בדיקה, ער זאָל חס־ושלום קיין פּגימה ניט האָבן.

דאָרטן, אַף איסט-בראָדוויי, איז אויך די בירזשע פון די יִדישע שרייבער.

יִדישע שרייבער, וואָס זיינען איצט אָנגעקומען פון דער גאַנצער וועלט, טראָגן זיך דאָרטן אַרום איבער די רעדאַקציעס מיט זייערע אַר־טיקלען און מאַנוסקריפּטן, ווי גאָט מיט דער תורה. זייער צוזאַמענקונפט־פּונקט איז די קאַפע־מילער, וואָס געפינט זיך הארט לעבן „טאָג” און „פאָרווערטס”.

אין קאַפע-מילער זעט איר זעלטן אַ פּשוטן, שטערבלעכן בשר-ודם. דאָרטן זעט איר נאָר שרייבער, פון קלענסטן ביזן גדול־הדור.

און ניט נאָר האָט זיך דאָרטן, אַף איסט־בראָדוויי, באַזעצט די יִדישקייט, נאָר אויך דער יִדישער האַנדל און וואַנדל.

ווען איר קומט דאָרט אַרויף, דוכט זיך אייך, אַז אַהער האָט זיך דאָס אַריבערגעקליבן די גאַנצע היימישע יִדישקייט. איר דערשפּירט דאָרטן די אַטמאָספער פון ווילנער שול-הויף, אין אַן אַמעריקאַנער אויפ־לאַגע...

האָט זיך דאָך אַפן ווילנער שול-הויף אויך געפונען די סטראַשון-ביב־ליאָטעק, און לעבן שול־הויף — די מאָדערנע און רעליגיעזע ביכער־קראָמען.

אַפן ווילנער שול-הויף איז דאָך אויך געווען דער קאָנצענטראַציע־פּונקט פון די פאַרשיידנסטע טשיקאַווע טיפּן פון דער יִדישער ווילנע. און אַרום שול-הויף איז דאָך געווען די יִדישע גאַס מיט איר גאַנצן האַנדל און וואַנדל.

דאָס זעלבע איז מיט דער איסט-בראָדוויי.

ניט ווייט פון די צייטונגען און ישיבות זעט איר דעם פּושקאַרטן־מאַרק (אַ מאַרק, וווּ מען פאַרקויפט אַף האַנט-וועגעלעך און די פאַרקוי־פער זיינען אויסשליסלעך יִדן), ווו איר קריגט אַלע מציאות פון דער גאַנצער וועלט.

דאַרטן קומט אויך פאַר דער גרעסטער האנדל מיט אַלטוואַרג.

דער פושקאַרטן-מסחר איז נאָך א רייכקייט, א לוקסוס אנטקעגן דעם האנט-האַנדל.

איר זעט דאָרטן „סוחרים", וואָס זייער גאַנצע „קראָם" באַשטייט פון אַן אַלט אונטער־קליידל, אַ פּאָר אַלטע קראַוואַטן, און אַן אַלטע פּאָר שיך.

אַנדערע האַלטן זייער סחורה אין קופּקעלעך אַף דער ערד, און די זון באַשיינט זייער דלות.

אַנטקעגן דער „פאָרווערטס־בילדינג" געפינט זיך אויך דער „איסט־בראָדוויי־פאַרק".

פון אַ פּאַרק האָט ער נאָר דעם נאָמען.

ביימער האָט ער עטלעכע אַף אַ רפואה.

בכלל איז מען אין ניו־יאָרק צוגעוווינט צו רופן פּאַרק יעדן אָפּגע־צוימטן פלעצל, וואָס האָט עטלעכע שיטערע ביימער.

די דאָרטיקע פּאַרקן האָבן ווייט ניט דעם חן פון אונדזער אַ זייד־אַמעריקאַנער „פּלאַסע", וואָס איז אַזוי פול מיט שיינקייט און בנעימות־דיקייט.

אין דעם דאָזיקן „פּאַרק", קומען עס „נעמען" אַ שפּאַציר און פרישע לופט (אין אַמעריקע „נעמט" מען אַלץ, מען נעמט דאָרטן אַ שפּאַציר, אַ „שעיף", אַ באָד, אַ באַנקעט א"וו, א"וו) די שכנים פון דער נאכבאר־שאפט.

אַף די בענק זיצן דאָרטן אויסגעזעצט יידענעס מיט און אָן פּאַרוקן און ריידן וועגן יידישע צרות, מענער מיט האַרטע קאַפּעליושן און אין סורדוטן, און עס שטייען שטענדיק גאַנצע רעדלעך, טאַקע ווי אפן ווילנער שול־הויף און דיסקוטירן וועגן פּאָליטיק.

מען דיסקוטירט וואָרעם, היציק, יידישלעך, מיט די הענט, מיט פאַר־קאַטשעטע אַרבל, מען הייבט די פויסטן און מען וואַרפט אַ פאַראַכטנדיקן בליק אַף דעם „פאָרווערטס־בילדינג", אפן „טאָג".

זיי שאַנעווען ניט די מיטאַרבעטער פון די צייטונגען.

רובינשטיין הייסט בא זיי רובינשטיינקע, אַב קאַן — אַב קאַנ־קע, אא"וו.

מערסטנס פון די דיסקוטאַנטן זיינען אַרבעטסלאָזע.

אין צענטער פון איסט-בראָדוויי-פּאַרק שטייט אַ קיילעכדיקע געביי־דע, וואָס דינט פאַר אַ טואַלעט און פאַר אַן אומזיסטער באָד. די געביידע פאַרמאָגט אַ ווערענדע, אַ מין טעראַסע. אויף דער ווערענדע זיצן ייִדן און שפּילן אַ דאַמע, אַ שאַך און ברומען דערביי אונטער אַ גמרא-ניגון.

איר קענט דאָרטן זען שטענדיקע געשוואָרענע באַזוכער.

עס זיינען דאָרטן דאָ מענטשן, וואָס היטן אָפּ דאָס קומען אַהין עט־לעכע מאָל אַ טאָג, ווי פרומע ייִדן, וואָס היטן אָפּ צו קומען דריי מאָל אַ טאָג אין שול.

זייער מיסיע איז פּריידיקן דעם סאָציאַליזם און פאַרטיידיקן סטאַ־לינס פּאָליטיק קעגן אַזויפיל קאָמוניסטן-פּרעסער.

זיי קומען דאָרטן יעדן טאָג, כדי צו געבן אַן ענטפער אויף די אַרטיק־לען פון די ייִדישע צייטונגען, מיט וועלכע זיי זיינען ניט מסכים.

אַרום פּאַרק דרייען זיך אַרום בעלי-מלאכות פון אַלערליי סאָרטן און ליינען פאַר זייער דינסט.

— צי דאַרפט איר אַ „קאַרפּינטער?"

רעדט איינער אין מיר אַריין.

און ווען איך פרעג אים: אַ? מיינענדיק, אַז ער וועט מיר איבער־חזרן זיין אָנבאָט אויף אַ ריינעם ייִדיש, דענקט ער, אַז איך פאַרשטיי ניט קיין ייִדיש און חזרט איבער זיין אָנבאָט איינגאַנצן אויף ענגליש.

איך בין משיח

צווישן די טשיקאַווע טיפּן, וואָס דרייען זיך אַרום אויף דער איסט־בראָדוויי, האָט זיך לעצטנס באַוויזן אַ גלות מיט אַ פּאָר דיקע רוסישע וואָנצעס, וואָס טראָגט אַ סטאַנדאַרט מיט דעם אויפשריפט: „איך בין משיח".

אַנדערע ייִדן, אַז זיי זעען אים, קאָכן זיי זיך, זאָגן, אַז עס איז אַ חרפּה, אַ בזיון: באַ לייטן וואָלט מען אַזאַ אויסגעפּאַטשט, פאַרשטיינערט. אַנדערע טענהן, אַז אַמעריקע איז אַ פרייע „קאַנטרי".

און ניט קוקנדיק, וואָס די וועלט איז אַזוי זשעדנע נאָך אַ גואל, אַ רעטער, אַ משיח, פאַראינטערעסירט זיך דאָך קיינער כמעט ניט מיט אים. אפילו דאָס רעדל אַרום אים איז אַ קליינער. ער זאָגט, אַז יעדער נאַכט

אנטפלעקט זיך צו אים א קראַפט, וואָס טרייבט אים אויסצולייזן די וועלט.

ווען דאָס רעדל וואָס אַרום אים רופט די אויפמערקזאַמקייט פון פּאָליצמאַן, דערנענטערט ער זיך צו אים, פרעגט אים זיין נאָמען און פרעגט אים, צי ער איז ניט געווען אַמאָל אין אַ הייל־אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע.

דער פּאָליצמאַן, אַ דורכגעטריבענער גוטמוטיקער יונג, איז טויט־ערנסט, נאָר דער עולם אַרום שיסט אויס מיט אַ געלעכטער. דער פּאָליצ־מאַן פאָראָרדנט „משיחן" קורסירן. ער פילט אויס זיין באַפעל, מאַרשירט אַוועק מיט זיינע קליינע ניט דרייסטע טריט, די הענט אויפגעהויבן אין דער הייך, און דער סטאַנדאַרט פון דער הייך שרייט אַראָפּ אין יִידיש און אין ענגליש: איך בין משיח!

ער גייט אַוועק אַליין. קיינער פאָלגט אים ניט נאָך. וואָלט ער, „משיח", געווען שענער, אימפּאָזאַנטער, וואָלט ער אפשר געהאַט אָנ־הענגער, נאָכפאָלגער, אַזוי אָבער גייט ער אַן איינזאַמער, דער „משיח", און פאַר די אַרומיקע דינט ער נאָר אויף אַ שפּאַס צו מאַכן.

דאָס רעדל צעגייט זיך. נאָר איינע פון רעדל, אַ יונגע קליין־געוויקסי־קע פרוי, מיט גרויסע טיפע און גוטע אויגן בלייבט שטיין אַ פאַרטראַכ־טע. זי רופט זיך אָפּ צו די אַרומיקע: אפשר?

אפשר האָט ער פאַרט עפּעס צו זאָגן?

אַ שרייבערן־פּיקעטן

ניט ווייט פון „משיחס" סטאַנדאַרט הייבט זיך אַרויס אַ צווייטער, אויף אים לייענט זיך: „באַיקאָטירט די יִידישע צייטונגען"!

די טרעגערן פון דעם דאָזיקן סטאַנדאַרט איז אַ דיקע פרוי אין די פופציקער.

אַ חוץ וואָס אויפן סטאַנדאַרט זאָגט זיך שוין, מען זאָל באַיקאָטירן די יִידישע צייטונגען, זאָגט זי נאָך דערצו אַרויס פון זיך אַ פּיזמון מיט אַ טרויעריקן מאַנאָטאָן־אומעטיקן טאָן:

— אַ שניידער, אַ שוסטער, טיילט זיין טאָג אַרבעט מיט זיין חבר, אַ שרייבער ניט. שרייבער פאַרנעמען צו צוויי און דריי „דזשאָבן", זיצן און

פרעסן ביפן, זויפן וויין, און זייערע ארבעטסלאזע חברים לאזן זיי שטארבן מיט זייערע פאמיליעס פון הונגער.

א פאר פון די דורכגייער זאגן: — נאך א משוגענע!

דאס איז אבער ניט קיין משוגענע! דאס איז די ארבעטסלאזע שרייבערן יענטע סערדאטסקי.

***

פארנאכט צו, ווען די זון הייבט זיך אן צו זעצן און פארבאהאלטן הינטער די וואלקן-קראצערס, ווערט דער רעש און טומל פון דער איסט-בראדוויי אלץ קלענער און קלענער, ווערט געדעמפטער און פארענדיקט זיך, צוזאמען מיטן טאג, מיט דעם אומעטיק-ווייטיקלעכן אויסגעשריי פון א גרינס-הענדלער, אנגעטאן אין א יארמלקע, וואס שטופט א מידער און געבויגענער זיין וועגעלע צו דער ריכטונג פון זיין ארעמער היים.

.1939

צווישן ליטעראטן

זען ניו־יאָרק, זען דאָס יידישע ניו־יאָרק און ניט זען די יידישע ליטעראטן, איז ווי מען וואָלט געזען רוים און דעם פויפסט ניט געזען, בפרט נאָך פאַר איינעם, וואָס האַלט אַליין אויך אַ פען אין האַנט.

אין דער פאַנטאַזיע צו זען דאָס גרויסע רייכע ווונדערבאַרע לאַנד, די פאַראייניקטע שטאַטן פון נאָרד־אַמעריקע, דאָס לאַנד, וואָס איז כולל אין זיך די וועלט, ווערט אויך אַריינגערעכנט בא אַן אונדזעריקן דער גרויסער פאַרלאַנג צו זען און קומען אין קאָנטאַקט מיט די גרעסטע יידישע שרייבער און וואָרטזאָגער פון דער יידישער וועלט.

דערפאַר בין איך אפן צווייטן טאָג נאָך מיין אָנקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן גלייך געגאַנגען זיך זען און טרעפן מיט די יידישע שרייבער.

ווו זעט מען, ווו קען מען זיך טרעפן מיט יידישע שרייבער, ווי אַזוי קומט מען מיט זיי אין קאָנטאַקט?

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס ערשטע בין איך געגאַנגען באַזוכן די רעדאַקציעס פון די יידישע טעגלעכע צייטונגען, דעם „פאָרווערטס", „טאָג", „מאָרגן זשורנאַל" און די „מאָרגן־פרייהייט".

איך הייב מיך אַרויף אין „עלעווייטער" צום ניינטן שטאָק פון דער „פאָרווערטס"־געביידע, ווו עס געפינט זיך די רעדאַקציע. איך גיי אַריין אין „אָפיס", שטעל זיך פאָר פאַר אַ גוט־אָפּגעגעסענעם, צופרידענעם יונגנמאַן. דער יונגערמאַן מאַכט גיכער דעם איינדרוק פון אַ טיפּישן אַמעריקאַנער „אָלרייטניק", איידער פון אַזאַ, וואָס האָט אַ שייכות צו שרייבעריי. ער רופט מיר אָן אַ נאָמען פון אַ „ספּעץ", און ווען מען האָט איך זאָל זיך איבערגעבן, אפשר וועט ער קענען עפּעס מאַכן פון מיר...

דערווייל באַטראַכט איך דאָס פּנים פון דעם מענטשן, וואָס איך האָב געפונען אין אָפיס, שטייענדיק באַם זעלבן שרייב־טיש, און וואָס צוליב מיין אַריינקומען אהין האָט ער געהאַט אָפּגעשטעלט דעם געשפּרעך מיטן זעלבן יונגנמאַן.

— „אַ באַקאַנטער פּנים... יאָ, דאָס איז ער! אַ לאַנדסמאַן. נאָך מער, אַז איין גאַס זיך אויסגעהאָדעוועט".

דאָס איז געווען דער פּעדאַגאָג און שול־טוער חיים פּופּקאָ, וואָס איז געקומען מיט עטלעכע יאָר צוריק קיין נאָרד־אַמעריקע אין שליחות פון „צישאָ" (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע) און איז שוין דאָרטן פאַרבליבן. איך האָב אים דערקאָנט נאָך ניינצן יאָר ניט זען אים. איצט איז ער דער סעקרעטאַר פון דעם דאָרטיקן „ציקאָ".

ווי איך שמועס אַזוי, אין אַ זייט פון „אָפּיס", מיט ח. פּופּקאָ, קומט אַריין אַן עלטערער מאַן, אַ מיטלוווקסיקער, אַ דאַרער, (צוליב זיין דאַרקייט זעט ער כמעט אויס הויך), דער רעכטער אַקסל אַ סך העכער פון לינקן און די רעכטע אויג אַ סך מער אָפּענער פון דער לינקער. די לינקע אויג האַלט ער כמעט אינגאַנצן פאַרמאַכט. ער גייט אַריין, דער מאַן, אָן אַ גוט מאָרגן, קוקט דוכט זיך אַף קיינעם ניט און זעט דאָך (ווער איז יענער, אַז ער זאָל אַף אים קוקן), און גייט צו צום שרייב־טיש. דער דיקער יונגערמאַן שטייט אויף און גיט אים איבער עפּעס ווי אַ ראַפּאָרט.

דערווייל זאָגט מיר אַפּן אויער ח. פּופּקאָ: „דאָס איז אַב. קאַהאַן".

אָט אַזוי זעט עס אויס דער דיקטאַטאָר פון „פאָרווערטס"?! דאָס איז זיין געשטאַלט? ער איז דאָס דער געשפּענסט פאַר אַ סך יידישע שרייבער? אַ דאַרער, אַן איינגעהויקערטער מאַן מיט אַ פאַרקרימטן פּנים, וואָס קאָן קיינעם אין די אויגן גלייך ניט קוקן? אָט דער האָט עס דעם כוח צו האַלטן אין זיינע הענט ניט נאָר דעם רודער פון דער גרעסטער יידישער צייטונג, נאָר האָט אויך די פאַרדאַרבנדיקע השפּעה אַף טויזנטער און טויזנטער לייענער? אָט דער האָט עס דעם גרעסטן חלק אין דער פאַרדאַרבונג פון דער יידישער שפּראַך, יידישער ליטעראַטור, און טעאַטער פון נ.־אַמעריקע?

און איך האָב אים זיך אַ סך אימפּאָזאַנטער פאָרגעשטעלט!...

נאָך צוויי מאָל האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען אַב. קאַהאַנען. איינמאָל איז דאָס געווען אין „עלעווייטער".

דער „עלעווייטער", אַ געפּאַקטער מיט מענטשן, האָט זיך געהאַלטן אין אַראָפּלאָזן פון צענטן שטאָק. פּלוצלינג האָט ער זיך פאַרהאַלטן בא איינעם פון די שטאָקן. דער זעלבער טרוקענער, איינגעהויקערטער און פאַרקרימטער מאַן, איז דאָרטן אַריינגעשטיגן. און ווי אַנטווישט בין איך געוואָרן, אַז אַנשטאָט דער „עלעווייטער" זאָל פאָרזעצן זיין גאַנג אַף אַראָפּ, האָט ער זיך צוריק אויפגעהויבן, מיט אַלע מענטשן צוזאַמען, אין דער הייך.

קיינער האָט אַף דעם ניט געלייגט קיין אַכט. מסתמא איז דאָס גע־וועזן אַ געווייינטלעכע זאַך פאַר די מענטשן, וואָס זיינען דאָרטן געווען. נאָר איך, אָפּגעבוזייק זיך חשבון, וואָס דאָ קומט פאָר, האָב זיך ניט גע־קענט איינהאַלטן פון צו פּראָטעסטירן און האָב אויסגעשריגן:

אָ-האָ! אַלץ צוליבן אדון-הגדול!

אַלע האָבן מיר מיט באַוווּנדערונג און שטילער הנאה אָנגעקוקט.

דער „עלעווייטער"-פירער, אַן עלטערער ייִד, אַן אויסגעדינטער בונד־„געגנאָסע" האָט, איבערלאָזנדיק אַב. קאַהאַנען, ווי ער האָט געדאַרפט, נאָכדעם געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— „יעס, גוד! דער אדון-הגדול, דער אדון-הגדול"...

***

נאָכאַמאָל האָב איך געזען אַב. קאַהאַנען, ווען איך בין געקומען אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" וועגן אָפּזוכן קרובים פון טשילענער ייִדן, וואָס געפינען זיך אין די פאַרייניקטע שטאַטן.

איך האָב געהאַלטן אין דיקטירן די מאַשינקע-שרייבערן די ליסטע פון די קרובים. דאַן איז צו איר צוגעגאַנגען אַב. קאַהאַן און אָנגעהויבן ריידן צו איר עפּעס אין ענגליש. דאָס מיידל האָט אים געבעטן וואַרטן איין מאָמענט און ער האָט זיך אַ בייזער אָפּגערוקט אָן אַ זייט. שטיין בלייבן אַף דעם זעלבן פּלאַץ און וואַרטן האָט ער קענטיק ניט מיר און ניט דעם מיידל דעם פאַרגעניגן געקענט פאַרשאַפן... איך האָב זיך מיט אַ כיוון גוקם געווען אָן דעם אומסימפּאַטישן אַב. קאַהאַנען און צוגענומען אַב־זיכטלעך אַ פאָר איבעריקע מינוטן בײַ דער אָנגעשטעלטער...

איך האָב דאָ געבראַכט די דאָזיקע לעצטע באַגעגעניש מיט אַב. קאַ־האַנען נאָר ווי אַ גבית-עדות קעגן אים, כדי צו באַווייזן, ווי לעכערלעך דאָס איז (מער ווי לעכערלעך), אַז אַ ייִדישער רעדאַקטאָר רעדט צו זיין ייִדישער ביוראַליסטן, צו זיין ייִדישער מאַשינקע-שרייבערן, דווקא ענגליש.

***

גאַנץ אַנדערש איז די אַטמאָספער, דער גייסט אין „טאָג". דאָרטן פילט איר זיך היימישער, די סביבה אַ וואַרעמערע, ניט קיין אָנגעצוויגענע. אגב האָב איך זיך אין „טאָג" געטראָפן מיט ניגערן, וועמען איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו קענען פון טשילע.

ניגער האָט מיר אויך איינגעלאַדן אַף אַ פאַרזאַמלונג פון דעם י. ל.

פרץ־שרייבער־פאריין. אף דער דאזיקער פארזאמלונג האבן זיך געפינען די גרעסטע גדולי־הדור. פון דער פארזאמלונג בין איך ארויס אביסל אנטוישט.

דערוואַרט האָב איך, אז יעדעס וואָרט וואָס וועט ארויסגיין פון זיי, פון די באוווסטע שרייבער, וועט זיין געמאָסטן און געוואוגן, יעדער געדאנק גוט דורכגעטראַכט און צום סוף האָבן זיי זיך געהאַלטן ווי פשוטע, איינפאכע בשר־ודמס. אלע האָבן גערעדט מיטאמאל און א סך האָבן איבערגעחזרט די געדאנקען פון זייערע חברים.

די פארזאמלונג האָט אייגנטלעך געטראָגן א פאַכמענישן כאראַקטער, — און דער פאריין אליין, דרך־אגב, איז אויך ניט קיין פאריין פון סתם ייִדישע שרייבער, נאָר ער גרופּירט ארום זיך נאָר די מיטארבעטער פון די צייטונגען.

אינטערעסאַנט איז צו פארצייכענען, אז באַם שליסן די פארזאמלונג, האָט איין „פארשיידנס" איינער פון די פארזאמלטע אריינגעטראָגן א פאָרשלאָג צו מאָדלען די פאריינס־מיטגלידער, וואָס זיינען נאָך ניט ארויסגעטראָטן פון „איקוף", אנגעבנדיק כלומרשט א פּראָפעסיאָנעלן מאָטיוו, אז זייער אָנגעהעריקייט צום „איקוף" שאדט די אינטערעסן פון די צייטונגען.

פון דער פארזאמלונג איז דער גאַנצער עולם געגאַנגען אין קאפע־מילער, דער זאמל־פונקט פון די ייִדישע ליטעראַטן.

איך בין געגאַנגען אין דער באגלייטונג פון א יונגער דאמע און האָב איר איינגעלאָדן אריינצוגיין אין דער זעלבער קאפע פארברענגען א ביסל אין דער געזעלשאפט פון ייִדישע ליטעראַטן.

די דאמע האָט זיך געקווענקלט. זי האָט זיך פיינט צו נודיען אין דער געזעלשאפט פון גרויסע מענטשן, האָט זי געטענהט. סוף־כל־סוף האָט זי איינגעוויליקט אריינצוגיין אין קאפע־מילער.

גלייך באַם אריינגאַנג, לעבן דעם איינציקן גרויסן פענצטער, וואָס די קאפע־מילער פארמאָגט און וועלכער קוקט ארויס צו דער איסט־בראָדוויי, איז געזעסן אברהם רייזין אין דער מסבה פון עטלעכע דיכטער און שרייבער, צווישן זיי א. לוצקי, יאפע, באַסין, ביאַלעסטאָצקי א"א.

מיט א. רייזינען האָב איך זיך געהאַט באַקענט אָקאָרשט אף דער פארזאמלונג. ווי מיר זיינען ארײַן, האָט אונדז אברהם רייזין גלייך פארבעטן צו זיין טיש.

ווער ווייס אין וועמענס און אין וועלכן זכות? צי אין דעם זכות,

וואָס איך קום פון אזא ווייטן לאנד, אזש פון טשילע, און בין דורכדעם אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עקזאָטישער פרי, אָדער צוליב דעם זייער אינטערעסאַנטן אויסזען פון מיין באַגלייטערן...

מיין באַגלייטערן איז געווען אַ פרוי אין די דרייסיקער. מען האָט איר אָבער אויך געקענט געב צוואַנציק יאָר.

געגאַנגען אָנגעטאָן איז זי איינפאַך. אפן קאָפּ האָט זי געהאַט אַרויפגעזעצט אַ „בוענא" (אַ קעפּקע), פון אונטער וועלכער עס האָבן זיך עקשנותדיק און מיט שטאָלץ אַרויסגעגנבעט געדיכטע טונקעלע און גלאַנציקע לאָקן, וואָס האָבן זיך פעביק געשפּיגלט אַנטקעגן דער שיין פון דער רויט־רייפער זון פון אינדישן זומער.

פון אירע גרויסע טיפע אויגן, פון אירע קלוגע ליפּן און אפילו פון דעם פאַריסענעם נעזל אירס, האָט אַרויסגעשטראַלט אַ שמייכעלע, אַ ממזריש געלעכטערל, וואָס איר האָט ניט געקענט אונטערשיידן, צי עס לאַכט פון אייך אָדער מיט אייך...

רייזין האָט דערווייַלע אויפגעשניטן די בלעטער פון מיין בוך, וועלכן איך האָב אים אָקאָרשט געשענקט און האָט, ווי זיין שטייגער איז, אָנגעהויבן צו שיטן מעלות. האָט שוין דערווייַלע אַף דעם חשבון לוצקי גענומען נאָכמאַכן, ווי אַזוי רייזין נעמט אויף און הערט אוים יונגע שרייבער.

אגב זיינען אַ סך שרייבער מבטל רייזינס קריטיק און זיינען אפילו אַף אים ברוגז דערפאַר.

— אויב אַן אָנפאַנגער, אָדער סתם אַן אומבאַקאַנטער שרייבער, ווערט מען רייזין אַנטדעקט, איז גוט, גרויס, אָריגינעל אא"וו, טאָ וואָס זשע זיינען דאָן זיי?...

בכלל מערקט זיך אַ שטאַרקע עמפינדלעכקייט בא די באַזוכער פון דער ליטעראַרישער קאַפע. דער טאָן פון גוט-מאָרגן און גוט-יאָר איז אַ געמאָסטענער און די גרעניצן צווישן ליבן און קיבעצן ווערן פאַרלוירן...

איז ווי מען זיצט אַזוי געמיטלעך אַרום רייזינס טיש און מען חכמעט זיך, פאַרשטייט זיך אַף יענעמס חשבון, קומט אַריין אַ הויכער מאַן, עלעגאַנט געקליידט, די הוט פאַצעטיש פאַרוקט אביסל אַן אַ זייט. דער מאַן גייט גלייך צו צו רייזינס טישל. אַלע אַרום טישל, רייזין בתוכם, האָבן זיך אַ שטעל אויף געטאָן.

— „שלום־אַש, אַ ייִדישער שרייבער אַזש פון טשילע", האָט אונדז רייזין פאָרגעשטעלט.

שלום אַש זעט נאָך אויס יונג פאַר זיינע יאָרן. די פּלייצע, וואָס בייגט זיך אים שוין, פאַרמסרט נאָר זיין עלטער.

ש. אַש האָט זיך ניט צוגעזעצט צום טישל. האָט אַביסל גערעדט וועגן פּוילן, וועגן דער מלחמה, אַלץ אַדרעסירט צו רייזינען, און אַלע אַרום זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען.

פּלוצלינג דערשפּיר איך אַ ציבאַ דער פּאַלע. איך קוק זיך אום, מיין דאַמע זיצט לעבן מיר. איך האָב איר נאָכגעפאָלגט און די איבעריקע נאָך מיר.

שלום אַש האָט זיך דאַן אָפּגעזעגנט פון אַלעמען מיט אַן אַלגעמיינעם „גוד־ביי" און איז אוועק.

ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון קאַפע־מילער, זאָגט צו מיר מיין באַגלייטערן: „זיי געפעלן מיר ניט, אייערע ליטעראַטן, זיי זיינען אַביסל דעגענערירט". וואָס איז? זיצנדיק באַם טישל, האָט דערווייל איינער פון די דיכטער ניט פאַרלאָרן קיין צייט און זיינע דורשטיקע ליפּן האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט איבערן אָרעם פון דער אינטערעסאַנטער דאַמע.

— „וואָס פעלט אייך איין?! דיכטער זיינען ניט קיין פּשוטע מענטשן. דאָס וואָס אַן איינפאַכער מענטש קען אין זיך דערשטיקן, קען דאָס אַ דיכטער ניט. זיין אויפברויז מוז קומען צום אויסדרוק, אויב ניט דורך ווערטער, איז דורך אַ שטומען געזאַנג..." —

— אַזוי האָב איך געזאָגט דער דאַמע, אָבער באַ מיר אין קאָפּ באַמבלען זיך נאָך אַלץ אירע ווערטער: „זיי זיינען דעגענערירט. אייערע שרייבער".

אָבער ניט דערפאַר, טראַכט איך, זיינען זיי דעגענערירט, ווייל אַ דיכטער האָט געקושט דעם אָרעם פון אַ שיינער דאַמע, נאָר דערפאַר, וואָס אין אַזאַ ברויזנדיקער עפּאָכע, אין אַן עפּאָכע, וואָס די אומרויִקע און פאַרצווייפלטע ייִדישע מאַסן, די ייִדישע לייענער, מאָנען באַ זייערע שרייבער אַן ענטפער אויף די טאָג־טעגלעכע אומגעהויערע דערשיינונגען און פּאַסירונגען, וואָס פאַרלויפן און קומען פאָר, וואָס אַנשטאָט זיך צוצוהערן צו זייערע טענות און פאַרלאַנגען, אַנשטאָט דעם הערן זיי זיך צו און מעסטן דעם טאָן פון זייערע גוט־מאָרגנס און פון זייערע מיינונגען איינער איבער דעם אַנדערן...

אין קאַפע „ראָיאַל"

אויב אינעם קאַפע מילער קומען זיך צוזאַמען די ייִדישע שרייבער, איז דאָס נאָר ווי אין אַ בירזשע-קאַפע. דאָרטן דערביי זיינען זייערע אַרבעטס-פּלעצער, די רעדאַקציעס, און אין קאַפע-מילער כאַפּן זיי זיך נאָר אַריין אויף אַ ווײַלע איבערכאַפּן עפּעס.

אַנדערש איז די קאַפע „ראָיאַל". די קאַפע „ראָיאַל" איז שוין אַ מער יום-טובדיקערע. דאָרטן קומען די שרייבער פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט און פאַרברענגען בנעימותדיק ביז אין דער ווייטער נאַכט אַריין.

אין קאַפע „ראָיאַל" איז אויך דער זאַמל-פּונקט פון די ייִדישע אַקטיאָרן. זי איז כמעט אָפּגעזונדערט אין צוויי טיילן: רעכטס זיצן די אַקטיאָרן און לינקס די שרייבער.

די קאַפע „ראָיאַל" האָט שוין אונטער איר דאַך און צווישן אירע פיר ווענט אויפגענומען די גרעסטע ייִדישע טעאַטראַלע- און וואָרט-קינסטלער.

און וואָלטן ווענט געהאַט ניט נאָר אויערן, נאָר אויך אַ מויל, וואָלטן זיי אונדז געקענט דערציילן דעם שיחת-חולין פון אונדזערע גרויסע פּערזענלעכקייטן און אַ סך פון זייערע אינטימע און שוואַכע זייטן, וואָס וואָלטן אונדז געדינט, ווי אוויכטיקער ביישטייער פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון אונדזערע גרויסע שרייבער און קינסטלער.

ניט איין ליד, דערציילונג, עסיי, אָדער סתם אַרטיקל, ווערט אויף מאָרגן געשריבן אויפן סמך פון אַ נעכטן-באַנאַכט-אַרויסגעזאָגטן געדאַנק, אָדער אָנרעגונג פון אַ געשפּרעך אין קאַפע-„ראָיאַל".

דער עולם איז דאָ — ניט ווי אין אַנדערע קאַפעען — אַ צופעליקער, נאָר אַ באַשטימטער.

אייניקע באַזוכער זיינען דאָ אַפילו אויך שטענדיקע, טאָג-טעגלעכע. זיי פאַרפעלן דאָרטן ניט קיין איין טאָג ווי אַ פרומער ייִד פאַרפעלט ניט די שול.

באַ אַנדערע פון די באַזוכער איז די קאַפע „ראַיאַל" זייער צווייטע, און אפשר טאָקע די ערשטע היים.

די מערסטע טייל פון די באַזוכער אירע זיינען ליטעראַטן, שרייבער און אַרטיסטן. עס זיינען אָבער אויך דאָ קליינע אויסנאַמען פון סתם-מענטשן, וואָס קומען זיך נאָר וואַרעמען אין די תלמידי־חכמישע קוילן, אין זייערע וואַרעמע פונקען...

מיט איינעם אַזאַ געשוואַרענעם „ראַיאַל"-באַזוכער האָב איך זיך דאָרטן באַקענט באַ מיין ערשטן מאָל אַריינקומען אַהין, און האָב אים שוין נאָכדעם שטענדיק געטראָפן, ווען איך בין נאָר אַהין געקומען. זיין נאָמען געדענק איך שוין ניט. איך געדענק נאָר, אַז ער איז אַ צאָן־דאָקטאָר און אַ פועלי־ציוניסט.

דער דאָזיקער מענטש האָט זיין צייט געטיילט אין דרייען: אַף אַרבעט, שלאָפן, און קאַפע „ראַיאַל". (עסן, עסט ער שוין אין „ראַיאַל". אין די פּאַרייניקטע שטאַטן זיינען די קאַפעען אויך רעסטאָראַנען).

מיין ערשטן וויזיט אין קאַפע-„ראַיאַל" האָב איך געמאַכט אין די שטורמישע טעג, גלייך נאָכן קריג-אויסברוך.

איך האָב געצויגן די אויפמערקזאַמקייט צו זיך ניט נאָר מיט מיין פרעמדקייט, נאָר אויך מיט מיין געוואַגטקייט צו טראָגן פון אויבן אויף אַ „מאָרגן-פרייהייט".

די סביבה איז דאָרטן געווען ניין און ניינציק פּראָצענט קעגן דער „מאָרגן-פרייהייט", און קעגן דער ריכטונג, וואָס זי האָט פאַרטראָטן. איבערהויפּט דאַן, ווען דער ענין רוסיש־דייטשער אָפּמאַך איז נאָך געווען שפּאָגל-ניי.

ניט נאָר איז דער עולם דאָרטן געווען אַ קעגנערישער צו אַ פאַרטיידיקער פון דער שטעלונג פון „מאָרגן-פרייהייט", נאָר איז אפילו געווען אַגרעסיוו צו אַזאַ איינעם.

קיין פאַרטיידיקער פון דעם אויבנדערמאָנטן אָפּמאַך זיינען דאָרטן כמעט ניט געווען. קענטיק, אַז די שרייבער פון דער דאָזיקער ריכטונג האָבן אויפגעהערט צו קומען אַהין, אין אַזאַ פיינטלעכער פאַר זיי סביבה.

דער איינציקער, וואָס איז מיר געקומען „צו הילף", איז געווען טשאַרלי יאַפע, דער שאַך־מאַט-מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגנפרייהייט". הערנדיק מיך ריידן, האָבן זיינע שוואַרצע אויגן גענומען פינקלען

מיט יוגנטלעכן גלאַנץ און ברען און האָבן פאַרייִנגערט זיין פּנים אונטערן גרייזן קאָפּ.

זיין באַשיידענער קול האָט געקלונגען מוטיקער און פון זיין מויל האָבן די רוסישע ריישן מיט מער פעסטקייט זיך געקייקלט.

איך האָב אים נאָכדעם שטענדיק דאָרטן געטראָפן. אַלע מאָל איז ער אויסגעוואַקסן לעבן מיר מיט אַ צופרידענעם שמייכל.

יעדן טאָג האָט ער געהאַט אַנדערע „איינפאַלן" מיט וואָס צו באַרעכטיקן די פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד. אָבער געפילט האָט ער זיך דאָרטן ווי אַ פרעמדער. עס איז געווען קענטיק, ווי ענג אים איז דאָרטן געווען. עס איז אים געווען ענג און ניט היימלעך פון די רחמנות־בליקן אַף אים. מען האָט אַף אים געקוקט ווי אַף אַ פאַרפירטן. אָבער אַוועקגיין האָט ער אויך ניט געקענט. גיי נעם און פאַרלאָז אַ היים, און נאָך אַף דער עלטער!...

עס פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלע באַזוכער זיינען געווען אויסגעשפּראָכענע שונאים פון דעם ראַטנפאַרבאַנד. אַ סך האָבן זיך געלאָזט אַוועקשלעפּן פון ניט קיין קאָנטראָלירטע שטימונגען. אַזוי צ״ב איז דער אויבנדערמאָנטער דענטיסט צוגעגאַנגען צו מיין טישל אַרום ענדע סעפּטעמבער, ווען די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען האַלב פון געוועזענעם פּוילן און האָט געלאָזט אָפּן די גרעניצן פאַר צענדליקער טויזנטער ייִדן פון נאַציש פּוילן און מיר געזאָגט: „איר ווייסט, איך האָב מיין שטעלונג צו ראַטנפאַרבאַנד געביטן".

שפּעטער אַביסל האָט ער ווידער זיין שטעלונג געביטן בעת מעשה־פינלאַנד, און אין אַן אָוונט פון יענער צייט האָט ער זיין גאַנצן כעס צו מיר אויסגעלאָזן...

ווער ווייסט, וויפל מאָל ער און זיינס גלייכן האָבן פון דאַן זייער שטעלונג געביטן און וועלן נאָך בייטן, אָבער קיין שונאים זיינען זיי ניט...

1940

באַ אַ טישל אין קאַפע „ראָיאַל"

איך זיץ זיך אַזוי אין קאַפע „ראָיאַל" צוזאַמען מיט דער פרוי פון אַ יונגן יִדישן שרייבער פון ניו־יאָרק. צו אונדזער טישל זעצט זיך צו זוני מאוד.

די גאָלדענע האָר פון מיין באַגלייטערן צעפלאַקערן זיך אַנטקעגן דעם פעכיקן קאָנטראַסט פון זוני מאודס קאָפּ.

זוני מאוד האַלט אין דער האַנט עפּעס אַ זאַך ענלעך צו אַ קאַנ־טשיק. דאָס איז אַזאַ מין האָלץ, פון וועלכן זוני שניצט אַ קייט. ער האָט שוין פיר חלקים פון דעם אָריגינעלן שניצן, פאַרענדיקט. פיר חלקים פון אַ הילצערנעם שטעקן זיינען שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָראַפּהענ־גענדיקער הילצערנער קייט. זעט דאָס אַראָפּהענגענדיקע פאַרענדיקטע טייל אויס, ווי אַ קאַנטשיק און דאָס שטיקל ניט פאַרענדיקטע האָלץ, ווי אַ הענטל פון אַ קאַנטשיק.

זיצט ער אַזוי, זוני, באַמבלט מיט זיין ליבלינג־שאַפונג איבערן טישל און שיט פון זיין מויל מיט געדאַנקען איינער שאַרפער פון דעם אַנדערן. דו זיצסט און קוקסט אויף אים: פון וואַנען נעמט ער זיי, די גע־דאַנקען אַזוי שנעל? צי ניט אַמאָל פון זיין קייט, אין וועלכער ער האָט זיי פון פריער אַריינגעטאָן? שיסט ער מיט זיינע שאַרפע געדאַנקען און זיינע אויגן צעגליען זיך דערביי, צעצינדן זיך. זיינע ברענענדיקע אויגן זוכן זיך אָפּצוקילן אין דער טיפער בלויקייט פון מיין באַגלייטערנס אויגן. טובלט זיך די שוואַרצקייט פון זונים אויגן אין דער בלויקייט פון די אויגן, וואָס אַנטקעגן אים און קומען אַרויס נאָך צעצונדענער...

איז ווי מיר זיצן זיך אַזוי, עפנט זיך מיטאַמאָל פונאַנדער ברייט־לעך די טיר פון קאַפע און עס לאָזט זיך אַריין אַ מענטש, אַ נידעריקער, אין שוואַרצן אָנגעטאָן, מיט אַ ראָק, לענגער ווי געוויינלעך, מיט אַ שוואַרצער צעפלאָנטערטער באָרד, וואָס איז דורכגעוועבט ווי־ניט־ווי מיט זילבערנע פעדים, מיט אַ צעשויבערטן יאַזשיק אויפן קאָפּ, פון זעלבן קאָליר.

אונטערן רעקל האָט ער נאָר געטראָגן אַ צעכראַסטעטן לייב-יאַקל, און דערצו ניט קיין קלאָרן. דאָס פּנים האָט בײַ אים יִינגליש אויסגעזען און פון צווישן דער גרויער באָרד האָבן אַרויסגעלאָכט אַ פּאָר קינדערשע אויגן.

מיט די הענט זײַנע האָט ער געפּאַכעט אין דער לופט, ווי ער וואָלט מיט זיי גערעדט אָפן קול... און מיט די פינגער האָט ער געמאַכט פאַר־שיידענע העוויות. אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען, ווי אַ גייענדיקע נידע־ריקע ווינט-מיל. ער איז צוגעלאָפן צו אונדזער טיש, האָט עפּעס אַ באַ־וועג געטאָן משונהדיק מיט די הענט אין דער זייט פון זונין, דאָס האָט געזאָלט זײַן אַזאַ מין באַגריסונג, און האָט זיך לעבן אונדז אַוועקגעזעצט. ער האָט גענומען ריידן צו זונין און שיטן מיט גראַמען.

— וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ ליִץ? איז ער בײַ זײַנע געדאַנקען? — אַזוי האָב איך נאָר געטראַכט, אָבער פאַרן מויל ניט אַרויסגעבראַכט. מײַן באַגלייטערן איז אָבער געווען פרייער פון מיר אָדער אפשר נײַגעריקער. זי האָט אָנגעהויבן קוועטשן מיט די פּלייצעס אין דער זייט פון זונין און האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום שטערן.

דער מאַן, וואָס איז נאָר-וואָס אַרײַנגעקומען, האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק און האָט פאָרגעזעצט זײַן געשפּרעך (פאַר אונדז איז ער געווען אומפאַרשטענדלעך) מיט זונין, ווי מיר וואָלטן דערבײַ ניט געווען.

זוני האָט אָבער צו אונדז אויך גערעדט, ווי דער מאַן וואָלט דערבײַ ניט געזעסן: איר האָט אַ טעות, האָט ער אין אונדז איבערצײַגנדיק אַרײַנ־גערעדט, ער איז אַ דיכטער, אַן אינטערעסאַנטער, קאָמפּליצירטער דיכ־טער.

דערווײַל גייט פאַרבײַ אַ פרוי מיט אַ גאַנץ רויִקן אויסזען און באַשיי־דענעם אָנטאָן. צו אירע אויערן האָט זיך דערטראָגן דאָס קוים אַרויס־געזאָגטע וואָרט: משוגע. איז זי צוגעלאָפן צו אונדזער טיש און געמאַכט אַ סקאַנדאַל, פאַרוואָס מען האָט געזאָגט אַף איר, אַז זי איז משוגע. און געשריגן האָט זי אַף דעם אָקאָרשט אַרײַנגעקומענעם מאַן.

לאָזט זיך אויס, אַז זי איז טאַקע משוגע. זי לײַדט אַף אַרטיסטאָ־מאַניע. זי האָט זיך אײַנגערעדט, אַז עס קומען אָן טויזנטער בקשה-טע־לעגראַמען צו מאָרים שוואַרצן, ער זאָל איר אַנגאַזשירן צו שפּילן אין זײַן טעאַטער.

דרײט זי זיך אַרום אין און אַרום קאַפּע „ראַיאַל” און לױפט אַלע װײלע צו צו אַן אַנדער טישל פון אַן אַרטיסט און פרעגט זיך נאָך, װען עס װעט פאַרקומען די פּראָבע, און דער מאַן, װעמען מיר האָבן אָנגענומען פאַר „ניט מיט אַלעמען”, איז דער דיכטער ב. ד.

נאָכדעם האָב איך זיך גאַנץ גוט באַפרײנדעט מיט ב. ד. און האָב שױן מיט אים פאַרבראַכט און אױך גערעדט אַף זײן שטײגער — אין גראַמען.

איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז אין זײן גראַמלען זיך שטעקט אַ היפּש־ביסל סאַטירע אַפן חשבון פון אַ סך פון די אײנגײער פון קאַפּע „ראַיאַל”, אַז אין זײן גראַמלען זיך חוזקט ער אױס די ניט נאַטירלעכקײט, די אָנגעצװיגנקײט, די פּאָזע־האַלטערײ, פון אַ סך פון די באַזוכער פון דער קאַפּע.

געניסן אין קאַפּע, געניסט ב. ד. קײנמאָל ניט. פעלן פעלט ער אָבער דאָרטן קײן נאַכט ניט. די קעלנער קוקן אַף אים אַביסל קרומלעך.

אין דער אמתן אָבער האָבן זײ אים געדאַרפט אױפנעמען בכבוד. ער געהערט דאָך צו די, װאָס גיבן צו דעם קאָלאָריט דער אױסשטאַטונג און דער סביבה פון דער קאַפּע.

װאָרום עס קאָן דאָך זײן, אַז איך בין ניט דער אײנציקער, װאָס איז װיפל מאָל געקומען ספּעציעל אַהין זיך נאָכאַמאָל צו טרעפן מיט ב. ד., נאָכאַמאָל אים שטודירן, נאָכאַמאָל װעלן דערגײן, צי אונטער דעם כמעט גרױען באָרד, צי אין די פופציק יאָר פון דעם דאָזיקן מאַן ליגט אַ לײכטזיניקער ייִנגל, אַ לץ, װאָס מאַכט זיך משוגע, אָדער זײן האַלטונג איז אַ לאָגישער פּועל־יוצא פון זײן פילאָזאָפישן קוק אַף דעם שװערן לעבן פון דער הײנטיקער װעלט און ער מײנט, אַז מיט חוזק און געלעכטער קען מען איר לײכטער דורכלעבן...

1940

יידישקייט און יידיש אין נאָרד-אַמעריקע

— א. —

אונטער ייִדישקייט ווערן מיר פֿאַרשטיין דאָס, וואָס די מאַסע פֿאַרשטייט אונטער דעם דאָזיקן באַגריף: רעליגיעזע ייִדישקייט, און אונטער ייִדיש וועלן מיר פֿאַרשטיין דעם ייִדישן לשון און בכלל וועלטלעכע ייִדישקייט.

טאָ ווי זשע האַלט עס מיט ביידע, מיט ייִדישקייט און ייִדיש אין נאָרד־אַמעריקע?

וועגן דעם וועלן מיר דאָ דערציילן.

מיט ייִדישקייט האַלט עס גאַנץ גוט. דער אַלטער ייִדישער גאָט איז דאָרטן געווען שטאַרק, „אָלרייט". ער איז אין נאָרד־אַמעריקע פֿון די אַלט־געזעסענע און האָט באַוויזן צו שלאָגן טיפֿע וואָרצלען דאָרטן.

די ייִדן האָבן באַוויזן אריבערצוטראָגן אַהין זייערע אַלע רעליגיעזע טראַדיציעס. אמת, טיילווייז אין אַ געענדערטער פֿאָרם, אין אַ נייער אַמעריקאַנער אויפֿלאַגע. דער היטלעריזם האָט אויך צוגעגעבן נייע כּחות דער ייִדישקייט...

דער היטלעריזם האָט בכלל אַרויסגערופֿן אַ רעאַקציע בײַ די קנאַפּע ייִדן. ער האָט אין זיי אַרויסגערופֿן אַ צולהכעיס-ייִדישקייט. און יעדערער רעאַגירט אויף אַן אַנדער אופֿן מיט זיין ייִדישקייט.

איבער גאַנץ נאָרד-אַמעריקע זיינען פֿאַרשפּרייט ישיבות מכּל המינים און פֿון פֿאַרשיידנערליי טיפּן. די רעליגיעזע ייִדן האָבן פֿאַרשטאַנען, וויאַזוי זיך צוצופּאַסן צו די נייע אומשטענדן און באַדינגונגען, צום נייעם לעבן, און האָבן זיך מאָדערניזירט.

זיי האָבן מותּר געווען אויף אַ סך זאַכן, און צווישן זיי דאָס ערשטע אויפֿן ייִדישן לשון. ניט קוקנדיק, וואָס אַ סך פֿון זייערע רבנים זיינען אי־

מיגראַנטן, אָדער דאָרטן געבוירענע און קענען אַ זאַפטיקן יִידיש, „ספּי־טשעוועון" זיי דאָך דווקא אין ענגליש, כאָטש זייערע צוהערערס זײַנען אויך דאָס רוב יִידיש־פאַרשטייענדיקע.

זיי טוען דאָס, כדי אַף אַזאַ אופן אַרויסצורופן מערער חשיבות צו זיך, אום צו שאַפן אַ גרעסער דיסטאַנץ צווישן זיך און דעם המון און דער עיקר, בכדי צו געווינען פאַר זיך און פאַר דער רעליגיע די יוגנט.

די רעליגיעזע יִידן האָבן זיך אַף אַזוי פיל מאָדערניזירט און צוגע־פּאַסט צום נייעם לעבן, אַז איר קענט דאָרטן זען אַ בילד, ווי אַ ישיבה־בחור אָן אַ רעקל אָבער מיט אַן ארבע־כנפות אונטערן זשילעט און אַ יאַר־מלקע אַפן קאָפּ שפּילט באַסקעט־באָל אָדער פוטבאָל.

אין ניו־יאָרק זעט איר נאָך אָבער ישיבות פון גאָר אַלטן שטייגער, אין וועלכע מען הייבט אָן לערנען מיט די קינדער פון אַ פרשה חומש מיט רשי, פאַרטייטשנדיק עס אַף יִידיש ווי אין אונדזער אַלטן גוט באַ־קאַנטן חדר.

איך האָב זיך אין ניו־יאָרק געטראָפן מיט אַ בעסאַראַבער יִידישן יונגנמאַן, וואָס האָט מיר דערציילט די נסים ונפלאות, די חריפות פון זײַן צען יעריקן זון, וואָס לערנט אין דער ישיבה און וואָס האָט אַריינ־געכאַפּט גאַנצע מפטירלעך אין די יִידישע יומים־טובים.

ער האָט מיר דערציילט מיט התלהבות און באַנומענקייט און זײַנע אויגן האָבן זיך דערביי פאַרנעפּלט מיט דער פייכטקייט פון אינערלעכער צעגאַנגענקייט.

דער בעל־דבר, דאָס צען־יעריקע יִינגל, איז נאָכדעם אָנגעקומען אַף די רייד. איך האָב אים געפּרוּווט פאַרהערן. דאָס יאַטל האָט אַ פאַרקאַ־טשעט געטאָן זײַן וועליסאָפּעדסקע היטעלע אַף הינטן און האָט זיך צעזונ־גען מיט אַ ניגון ווי אין אַלטן חדר:

— אלה — דאָס איז, תולדות — די געבורט, נח — פון נח, נח — נח, איש — אַ מאַן, צדיק — אַ צדיק, אא"וו, א"וו.

דער זעלבער יִיד האָט מיר אויך מיט גרויס עקסטאַז דערציילט וועגן אַ ישיבה בחור, אַ גר, וואָס זיצט יומם־ולילה על התורה ועל העבודה...

איך האָב דאָרטן געזען שומרי־שבת ביזן דריטן דור אַריין אַמערי־קאַנער געבוירענע. איך האָב געטראָפן אַ פרייליין פון צוואַנציק יאָר, וואָס

זיצט שוין א יאָר אָן א „דזשאָב" (שטעלע), ווייל זי אַרבעט ניט אום שבת.

אין א שבת פאַרנאַכט האָב איך פאַרבלאָנדזשעט אין א שול פון די קאַלוואַריער, אין א פאַרשטאָט פון ניו־יאָרק.

א רב מיט א שניי־ווייסער באָרד האָט דאָרטן געזאָגט, און געטייטשט די פרשה חומש פאַר יידן ווי אין דער אַלטער היים, מיט דעם אונטער־שייד נאָר, וואָס אין דער אַלטער היים זיינען געזעסן יידן מיט בערד און פאות אין לאַנגע קאַפּאָטעס, און דאָ זיינען געזעסן יידן מיט גלאַטע מאָרדעס און מאָדערן געקליידט.

נאָכן פאַרענדיקן דעם חומש־לערנען, האָט דער עולם זיך געשטעלט דאַווענען מנחה. צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם האָט אויך געשמאַק געדאַוונט מיין קוזינס א צוועלף־יעריק מיידעלע, אין פערטן דור אָן אַמעריקאַנערן.

דאָנערשטיק און פרייטיק, הייבט זיך שוין אָן אין ניו־יאָרק צו פילן דער אָנקום פון שבת. איבערהויפּט אין די שפּייז־קראָמען פון די יידישע געגנטן. דער יידישער עולם הייבט אָן איינצוהאַנדלען די יידישע מאכלים. (די וואָס האַלטן ניט פון שבת, האַלטן אָבער פון זיינע מאכלים).

איך האָב געזען אין נאָרד־אַמעריקע קליינע שטעטלעך, וווּ עס גע־פינען זיך סך־הכל א צוואַנציק־דרייסיק יידישע פאַמיליעס, האָבן זיי דאָרטן שולן מיט רבנים און שוחטים.

די דאָזיקע שולן דינען ניט נאָר צו דאַווענען אין זיי, ניט נאָר פאַר רעליגיעזע צוועקן, נאָר אויך ווי געזעלשאַפטלעכע זאַמל־פּונקטן. דער־פאַר זעט איר דאָרטן אפילו ראַדיקאַל־געשטימטע יידן, אין די שול־קאָמי־טעטן. די שולן דינען טאַקע אין די דאָזיקע קליינע שטעטלעך אויך פאַר קולטור־הייזער. זיי אָרדענען איין דאָרטן רעפעראַטן איין מאָל אין דער וואָך.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין ראַטשעסטער מענעסאָטע, וווּ עס געפינט זיך דער באַוווסטער מאַיאָ־קליניק. א שטעטל וואָס פאַרמאָגט אינגאַנצן 22 יידישע משפחות, איז דאָרטן אויך דאָ א שול. צוויי פריי־טיקן איז מיר דאָרטן אויסגעקומען צו זיין. איין פרייטיקצונאַכטס האָט דאָרטן, אין שול, גערעדט אַן אַמעריקאַנער קריסט איבער ריין אַמעריקאַ־נער ענינים, און אויפן צווייטן פרייטיק האָבן זיי איינגעאָרדנט מיינע א לעקציע אין יידיש.

אין די מערסטע טייל פון די שולן, וואס איך האב געזען אין נארד־אמעריקע, קומען זיך די מענער מיט די פרויען צוזאמען און די פרויען זיינען אקטיוויזירט אין דער ארבעט פון דער שול.

אין שיקאגא האב איך ביינגעוווינט א פרייטיק צו נאכטס אין א שול, ווו דעם ספיטש האט געהאלטן דער רבי גראבארד. מיט דעם רבי גראבארד האט איך זיך באקענט אין ניו־יארק אף דעם קאנגרעס פון די פוילישע יידן. אף דעם דאזיקן קאנגרעס האט ער גערעדט אין א פרעכטיקן יידיש, און ער איז בכלל א מענטש מיט א באציונג צו יידיש און יידישער קולטור. דאך „ספיטשעוועט" ער אויך אין ענגליש.

נאכן „ספיטש" איז פארגעקומען עפעס א מין גאטעסדינסט און נאכדעם האט מען דעם עולם סערווירט א שיינעם טיי מיט צובייסנס.

אף אזא אופן קומט דער דאוונען ניט ארויס אזוי „טרוקן", און די פרויען באטייליקן זיך אין גאנג פון דער שול.

אין א שטעטל לעאמינסטער בין איך געוועזן צו די הקפות אין זייער שול. בא די הקפות האבן זיך אויך געדרייט די ווייבער און צום סוף פון דעם דאוון־צערעמאניאל האט א פרוי געמאכט אן אפיל, מען זאל העלפן די פוילישע יידן מיט געלט און מיט קליידער.

בכלל מערקט זיך אין דער יידישקייט פון די אמעריקאנער עפעס א מין יוצא זיין פאר זייער יידישן געוויסן, און נאך מערער, א מין פיעטעט צו די „אלטע", צו זייערע עלטערן, צו די פארגאנגענע דורות.

עפעס האבן זיי געזען זייערע עלטערן זיך קלאמערן מיט אלע כחות אין זייער יידישקייט, און אויס יראת־הכבוד צו זיי, אדער צו זייער אנדענק, האלטן זיי זיך נאך אויך אן, אן א הארעלע פון דער דאזיקער יידישקייט.

דערפאר זעט איר אזעלכע סצענעס, ווי א יונגערמאן, וואס האט א קריסטן פאר א ווייב, פארפעלט ניט צו לייגן קיין תפלין יעדן טאג, אדער א יידישער אדוואקאט, א געבוירענער אין אמעריקע, זאל זיך שבת אריינכאפן אין שול אריין, אנטאן בחפזונדיק א יארמלקע, שנעל א דאוון טאן און איילנדיק לויפן צו זיך אין אפיס אריין אויפצונעמען זיין קליענטעלע.

און וויבאלד ער האט שוין פאר זיין יידישקייט יוצא געווען, טא צו

וואס דארף ער דאס אלעס איבעריקע, וואס מיר ווילן פארשטיין אונטער דעםווארט יידיש?

וועלטלעכע יידישקייט? יידישע קולטור? די יידישע שפראך? — דאס זייגען דאך צוטשעפעניש, איבעריקע זאכן, „קאמוניסטישע אויס־טראכטענישן"...

איך בין אין ניו־יארק עטלעכע מאל געשטעמפלט געווארן אלס קא־מוניסט בלויז דערפאר, וואס מען האט מיין נאר יידיש ריידן אנגענומען פאר עקשנות און ניט דערפאר, ווייל איך האב טאקע אויך ניט געקענט קיין ענגליש.

און אז מען רעדט שוין דארטן אין די דאזיקע קרייזן יא יידיש, מישטיינס געזאגט, איז אז אך און וויי צו אזא יידיש.

אין שיקאגא, אף א באנקעט פון פארבאנד פון פוילישע יידן, ווו איך האב פיגורירט אלס גאסט־רעדנער, האט דער פארזיצער פון דעם דאזיקן פארבאנד, פון מיין כבוד וועגן, געהאלטן זיין „ספיטש" אף „יידיש". בין איך געזעסן מיטן קאפ געבויגן און מיט אן אנגעצונדן פנים פאר בושה און חרפה פאר אונדזער פאלקס־לשון יידיש. וואס די נארד־אמעריקאנער „אלרייטניקעס" האבן דאס פון אים געמאכט!...

דעם גרעסטן שולד אין דער פארדארבונג פון אונדזער שפראך, אין נארד־אמעריקע, האט, ווי מיר האבן שוין דאס אויבן דערמאנט, אן שום ספק — דער „פארווערטס" מיט זיין רעדאקטאר־מענעדזשער אב. קאהאן.

די צייטונג, בא וועלכער דער פארהארעוועטער און דער פארדאגה־טער מענטש זוכט צו געפינען זיין גייסטיקע מנוחה, די צייטונג, וואס האט געדארפט זיין די דערציערן פון לייענער־עולם און אים דערהייבן פון זיין טעגלעכקייט, פון זיין וואכעדיקייט, וואס האט געדארפט ריידן צו אים אין א בעסערער, קולטורעלערער שפראך, זי, די צייטונג, האט אים גאר דערנידעריקט און אראפגעשלעפט אין א גייסטיקן זומפ אריין...

דער „פארווערטס", וואס שטעלט צו זיינע „בינטל־בריוו"־פאטרא־נעס פאר צענדליקער טויזנטער לייענער, האט זיי דאס אויסגעלערנט צו ריידן אין א „דיזן־דאזן־לייטע־ווארע־מופן־יידיש".

— ב. —

ווען איך וואָלט געווען אַ ייִדישיסט, אַ געצענדיגערישער, וואָלט איך אפשר דאָס אַלץ פאַרשוויגן, כ'וואָלט דעם אמת פאַרדעקט און נאָר דער־ציילט וועגן דעם גלאַנץ פון ייִדיש.

איך וואָלט אייך דאַן דערציילט וועגן דעם גרויסן כח פון ייִדיש אין נאָרד-אַמעריקע. איך וואָלט אייך דערציילט, וויאַזוי איר שטויסט זיך אָן אויף יעדן טריט און שריט מיט ייִדיש אין ניו-יאָרק. איך וואָלט אייך דאַן דערציילט, ווי אַ גאַסן-פאָטאָגראַף, דער וועג־ווייזער און אפילו פּאָלי־ציסט רעדט אין ניו־יאָרק ייִדיש.

איך וואָלט אייך דערציילט, אַז אין איינעם אַ פאַרנאַכט, שפּאַצירנ-דיק מיט מיינער אַ קרובה, אַרום דער „ריידי סיטי", אַרום די ראָקפעלער-געביידעס, האָט מיין אויער, וואָס איז אַזוי פילבאַר פאַר ייִדיש, דערהערט אַ ייִדישן געזאַנג, מיט ייִדישע ווערטער.

מיין באַגלייטערן האָט עס אָנגענומען פאַר אַ ייִדישיסטישער וויזיע", פאַר אַ ייִדישיסטישער פאַנטאַזיע. אָבער דערנענטערנדיק זיך צום פּלאַץ, פון וואַנען דער קול האָט זיך געטראָגן, האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף אַ בלינדן גאַסן-זינגער, וואָס אַקאָמפּאַנירט זיך אויף אַ האַנט־האַרמאָניע און זינגט דווקא ייִדיש.

איך וואָלט אייך דערציילט, ווי אויפן טיים-סקווער הערט איר אַ זאַפּ־טיקן ייִדיש, אָפט געפלאָכטן אפילו מיט פסוקים און מימרות.

אָבער איך קען זיך נישט אָפּזאָגן פון דערציילן דעם אמת.

איך האָב אָנגעטאַפּט דעם דופק פון ייִדיש אין לעבן, צווישן פאָלק, ווו מען רעדט נאָך אים און אָט איז ער בוכשטעבלעך, אין זיין פאַר־קריפּלטער פאָרם:

אַ מאַן אַן אַרבעטער רעדט:

— איך האָב פריער אַליין געמאַן ביזנעס (געשעפט), אָבער איך האָב עס „געסטאָפּט" (אָפּגעשטעלט, אויפגעהערט), נעוועור מיין (ניט מער). איצט האָב איך אַ גוד דזשאָב (אַ גוטע שטעלע), פּטור פון טראָבל (זאָרג). מיין גאַנצע אַרבעט איז אָפּשטעקן די וואַרע (רעווידירן די סחורה), כאַפּן די אָרדערס (קוויטן) און „אָקעיען" (גוט-זאָגן, באַשטעטיקן). אַז איך „אָקעיע" עס, איז גוט, אַז ניט שיקט מען דאָס צום „פּיקסן" (פאַריכטן).

— איך האָב געלעזן פון אייך אין „פייפער" (צייטונג). וואָס זיינט איר אַ דזשאדזש? (אַ ריכטער). (דאָ האָט מיין מיטשמועסער געמאַכט אַ טעות. ער האָט געלייענט אין צייטונג, אַז איך בין אַ דיכטער — אויך אַ טעות — איז בא אים געוואָרן פון דיכטער ריכטער און פון ריכטער — גאָר דזשאַדזש).

אַ הויז־ווירטן רעדט:

— איר זעט די הויז? מיר האָבן דאָ ניט לאַנג געמופט (זיך אריינגעצויגן). איר מיינט, אַז אַזוי האָט דאָס הויז אויסגעזען? נעוועד מיין (עס הייבט זיך גאָר ניט אָן). מיר צאָלן פערציק דאָלאַר רענט (דירה־געלט) אַ חודש. אָבער דער לענדלאָד (באַלעבאָס) האָט אונדז געפּראָמיסט (צוגעזאָגט) באַם רענטן (באַם דינגען) צו פּעהעירן (אויסקלעפּן), פּעינטן (פאַרבן) און אַלץ צו פיקסן (פאַריכטן) און ער איז געווען אַלרייט (ס'הייסט ער האָט געהאַלטן וואָרט). אָקעי (גוט). עס איז אָבער ניט אַזוי גרינג אויסצוהאַלטן אַ הויז. מען דאַרף עס קלינען (רייניקן) און עס איז דאָ פּלנטע טראָבל (גענוג זאָרגן) אַרום דעם.

אַ פריילן, אַן אָנגעשטעלטע אין דער ישיבה „מסיבתא תפארת ישראל" רעדט צו מיר:

(אין דער ישיבה בין איך אריין מיט דער כונה איר איננאַנצן צו באַזוכן און באַטראַכטן. די קינדער אַרום דער ישיבה האָב איך געטראָפן זיך שפּילן און שטיפן אין ענגליש.

איך בין אריין אין דער אָפיס פון דער ישיבה, וווּ עס איז געזעסן אַ פריילן. איך ווייז איר מיין זשורנאַליסטן־קאַרטע און בעט בא איר אַ דערלויבעניש צו באַזוכן די ישיבה. זי ענטפערט מיר:

— ניטאָ דער פּריציפּאַל (באַלעבאָס), רבי גרין!

— קען מען אָן אים ניט אָנקוקן די ישיבה?

— אי עס סאָרי (צום באַדויערן) ער איז דער באָס (באַלעבאָס), ער דאַרף „אָקעיען", איז געווען איר לאַקאָנישער ענטפער.

ווי איר זעט דאַרף מען דאָרטן אַלץ „אָקעיען". דער שניידער־אַרבעטער דאַרף „אָקעיען" און דער רבי דאַרף אויך „אָקעיען".

דעם דאָזיקן פאַרקריפּלטן יידיש רעדט מען, ניט נאָר פּריוואַט, נאָר אויך אַף פאַרזאַמלונגען, אין טעאַטער און אין ראַדיאָ.

אַף אַ פאַרזאַמלונג פון די ווילנער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק האָט

דער פּאַרזיצער פאַרענדיקט זיין „ספּיטש" מיט באַגייסטערונג:
— מיינע ליבע פריינדע, איך בין שור, אַז איר וועט אַלע געבן מיט אַ ברייטער האַנט רעליף פאַר ווילנע.

אין טעאַטער

אויב מען קען נאָך מוחל זיין סקולניקן, וואָס שפּילט אָפּ אַ העלפט פון זיין שטיק „מזל-טוב-רבילע" אין אַ יִדישן ענגליש און ענגלישן יִדיש, ווייל אין דעם אַליין ליגט אַ געוויסער סאַרקאַסטישער חן, קען מען אָבער בשום אופן ניט מוחל זיין גאָלדענבורגן מיט זיין גאַנצער טרופּע, וואָס שפּילן אין דעם פילם „שיר השירים", אין דעם אויבנגע־בראַכטן פּאַרקריפּלטן יִדיש. שטעלט זיך פאָר, אַז אַפילו אַזעלכע העלדן ווי משהלע און ארעלע אין שיר־השירים ריידן ניט, נאָר „ספּיקן" שוין...

איר קענט זיך פאָרשטעלן ווי משהלע און ארעלע פון שיר-השירים זאָגן „אָלרייט", גוד-מאָנינג, יעס, גוד ביי, שור אא"וו?

איך האָב וועגן גאָלדענבורגן געלייענט אַזעלכע באַגייסטערנדיקע רעצענזיעס, ווען ער האָט באַזוכט ארגענטינע. צוליב אים בין איך גע־גאַנגען זען דעם פילם שיר־השירים אין אַ פילאַדעלפיער טעאַטער, און ווי אנטוישט בין איך געוואָרן פון אים און פון זיין גאַנצן שיר־השירים...

עס קען זיין, אַז דער „יעס" און „גוד־ביי" פון משהלען און ארעלען און גאָלדענבורגס פּאַטעטישער אויסשרייען „אָ, מיין גאָד!" האָבן גע־האַט די פאַרקערטע ווירקונג.

בא משהלען און ארעלען, ווו מען האָט געדאַרפט לאַכן, האָט זיך מיר געוואָלט וויינען און בא גאָלדענבורגס „אָ, מיין גאָד!", האָט זיך מיר געוואָלט לאַכן...

אגב איז די צוגאָב-אַטראַקציע צו דעם פילם שיר-השירים געווען „רייזעלע די חזנטע".

אַ פרוי, אין חזנישע בגדים, מיט אַ יאַרמלקע אפילו, האָט פאַר־ווײַלט דעם עולם, פאַרן אָנפאַנגען דעם פילם און בעת די אַנטראַקטן. די חזנטע האָט זיך גאַנץ פיין געציקלט אפן עכט חזנישן שטייגער, מיט אַלע קנייטשעלעך ניט ערגער פון אַ מאַנסבילשן חזן, נאָר אָנאָנסירט אירע חזנישע נומערן האָט זי אַף ענגליש.

אין ראדיאָ האָב איך געהערט ניט קיין קלענערן ווי אַ קאַרפּן־קאָפּ פון דעם „פאָרווערטס”, הלל ראָגאָפן, אין אַ מלחמה־איבערזיכט, און אויך ער פאַרגינט זיך צו באַנוצן אַזעלכע באַרבאַריזמען, ווי „געסטערן האָבן זיי אוספּיעט”...

— ג. —

צווישן פּראָגרעסיווע יידן

אַ פּאָר חדשים איז מיר אויסגעקומען, אַ דאַנק מיין באַזוך באַ קרובים, זיך צו טרעפן אין נאָרד־אַמעריקע מיט דעם קליינבירגערלעכן אַלרייטניעם און פאַרקליינבירגערלעכטן אַרבעטער־טיפּ, און עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דער גאַנצער יידישער ישוב פון די פאַרייניקטע שטאַטן לעבט איינגעהילט אין איין לאַנגן טלית און צוגעדעקט מיט איין גרויסער שוואַרצער יאַרמלקע, ביז איך האָב געהאַט דעם גליקלעכן צו־פאַל, אויך אַ דאַנק מיינעם אַ באַזוך באַ קרובים, אין טאָראָנטאָ, זיך אַנצוטרעפן און אַנקלאַפּן אין ריכטיקן יידישן לעבן פון די פּראָגרעסיווע יידישע מאַסן.

ווי אַנדערש עס זעט אויס דאָס גייסטיק קולטורעלע לעבן פון די יידישע פּראָגרעסיווע אַרבעטער־מענטשן אין די פ. שטאַטן און קאַנאַדע!

אַ שבת אינדערפרי בין איך אָנגעקומען קיין טאָראָנטאָ און באַנאַכט בין איך שוין געווען אויף דעם באַנקעט, וואָס דער דאָרטיקער „לייבאָר־ליג” האָט איינגעאָרדנט לכבוד דעם דיכטער ז. וויינפּער, וועלכער האָט דאָרטן געווײַלט אין די אינטערעסן פון „איקוף”, פון וועלכן ער איז גענע־ראַל־סעקרעטאַר.

איך האָב אין דעם ליכטיקן זאַל פון דעם „לייבאָר־ליג”, באַ די יום־טובדיקע מיט בלומען באַצירטע טישן, אַרום וועלכע עס זיינען געווען אַרומגעזעצט אַ פּאָר הונדערט מענטשן מיט ליכטיקע פּנימער, פון וועמענס אויגן עס האָט אַרויסגעשטראַמט און אַרויסגעשטראַלט די וואַרעמ־קייט און ליכטיקייט פון אַ ניי לעבן, וואָס זיי זעען שוין, געפילט, ווי אַ דורשטיקער, ווען ער דערשלאָגט זיך נאָך אַ לאַנגער צייט צו אַ פרישן קוואַל.

פופצן יאָר אָפּגעריסן פון דעם לעבעדיקן קוואַל פון יידישן לעבן און שאַפן, פאַרוואָרפן ערגעץ אין דעם ווייטן טשילע, און מיטאַמאָל אַזאַ סביבה!

איך האָב דאָ מיטאַמאָל נאָך אַזאַ לאַנגער צייט דערזען יידן־מענטשן, מענטשן מיט מענטשלעכע פּנימער און אַ מענטשישן נאַטירלעכן לשון, פון וועלכן עס עקלט ניט.

איך האָב דאָרטן נאָך אַזאַ לאַנגער צייט דערהערט אָראָפּקלינגען פון דער בינע, דורך די העלדזער און מײַלכעלעך פון יידישע קינדערלעך, דאָס יידישע וואָרט פון אונדזערע בעסטע דיכטער אין געזאַנג און אין וואָרט.

אַגב דער „לייבאָר ליג״, דאָס איז אַן אַרבעטער־ליגע, וואָס איז געגרינדעט אַף דער באַזע פון קעגנזײַטיקער הילף און נעמט אַרונטער אונטער זיך אַ פּאָר טויזנט יידישע אַרבעטער, וואָס פאַרמאָגט אויך אַ רייכע ביבליאָטעק, אַ שול אַפן נאָמען פון מאָריס ווינטשעווסקי, אַן אָרקעסטער, אַ כאָר, אַ ספּאָרט־סעקציע, אַ שאַך־קלוב אאַ״וו.

אַרום דעם „לייבאָר־ליג״ גרופּירן זיך אויך די פּראָגרעסיווע יידישע שרײַבער פון טאָראָנטאָ, ווי יודיקאַ, ניסענעוויץ, וו. קראַסני, גערשמאַן, פרידמאַן א״א.

ווי אַנדערש די פּראָגרעסיווע יידן נעמען אויף דעם ענין יידישע קולטור, יידישע שפּראַך! בײַ זיי איז דאָס זייער גאַנצער לעבנס־וועזן.

הייגט די באַציִונג צו דער יידישער שפּראַך בײַ די פּראָגרעסיווע יידן אין דער היים!

איך בין געווען אַף אַ באַזוך בײַ דער אַלמנה פון דעם טראַגיש־פריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם יידישן אַרבעטער־דיכטער ש. נעפּאָם.

די געטרייקייט און הויכשעצונג צו איר פאַרשטאָרבענעם מאַן דריקט די אַלמנה אויס צו זײַן ירושה, די איינציקע ירושה, וואָס אַן אַרבעטער־מענטש, אַ דיכטער, קען לאָזן, — האַרציקע, מענטשלעכע און לירישע לידער.

זי האָט זיך מיט דעם אַרומגעטראָגן, ווי מיט אַ הייליקטום און האָט זיי מיר, די לידער, צוגעטראָגן צוזאַמען מיטן כבוד (קיבעד).

(דער זעלביקער „לייבאָר־ליג״ האָט אַגב נעפּאָמס לידער אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרעם).

נעפּאַם האָט אָבער אויך איבערגעלאָזן אַ לעבעדיקע ירושה, זיין ווונדערבאַר אייניקל גלאָריאַ, וועלכן ער האָט געווידמעט אַ פּאָר לידער.

זי, גלאָריאַ, דעקלאַמירט, זינגט און לערנט ייִדיש, אין אָנדענק פון איר ליבן זיידן.

איך האָב זיך שוין לאַנג געשפּילט מיט דער דריי-און-האַלב-יעריקער זעלטענער רבקהלע ראַפּאָפּאָרט, די טעכטערל פון טאָראָנטער ייִדיש-וועלטלעכן לערער. זי האָט מיר אַנטציקט מיט איר פענאָמענאַלן זכרון. גאַנצע ביכלעך ייִדישע האָט זי געלייענט אויסנווייניק און גערעדט נאָר ייִדיש. דאָס איינציקע ענגלישע וואָרט, וואָס זי האָט אין דער גאַנצער צייט פון אונדזער פאַרברענגען באַנוצט, איז געווען „בייבי". באַם ענדערן די שפּיל האָט זי פאָרגעלייגט, זי זאָל זיין די מאַמע און איך די „בייבי".

באַם געזעגענען זיך מיט רבקהלען, האָט זי מיר געזאָגט: „גיי ניט אוועק, מיר האָבן זיך דאָך אַזוי שיין געשפּילט".

און געטראַכט האָב איך דאַן: „יאָ, רבקהלע, מיר האָבן זיך טאַקע אַזוי שיין געשפּילט. דו וועסט זיך אָבער נאָך נישט איין מאָל אַזוי שיין שפּילן, נאָר איך ...מיט מיינע אייגענע קינדער קען איך זיך אַזוי שיין ניט שפּילן..."

יעדנפאַלס באַמערקט מען אָבער ניט אין די פּאַרייניקטע שטאַטן די בטול-באַציִונג צו ייִדיש, אָט-אָ דאָס קרימען מיט דער נאָז, דאָס זאָגן ייִדיש פע, טרעפט מען דאָרטן ניט.

איבערהויפּט באַמערקט מען מער באַציִונג צו ייִדיש אין די אינטעליגענטערע קרייזן. די אינטעליגענטערע יוגנט, אַז זי רעדט ייִדיש, רעדט זי אַ ריינעם ייִדיש. זי, די יוגנט, די דאָרטן-געבוירענע, אונטערשיידט צווישן ייִדיש און ענגליש און זוכט אויס דעם ריכטיקן ייִדישן וואָרט פאַרן באַגריף, וואָס זי וויל אַרויסברענגען.

אויך אין מאָנטרעאַל האָב איך אָנגעטראָפן אַן אינטענסיוון ייִדישן קולטורעלן לעבן צווישן די פּראָגרעסיווע ייִדן. דאָרטן איז דאָ אַ גרעסערע משפּחה פון פּראָגרעסיווע ייִדישע שרייבער, ווי דער באַדייטנדיקער דיכטער י. י. סעגאַל, דער יונגער טאַלאַנטפולער שלום שטערן, י. גאָטליב, שקאָלניקאָוו, פערל, איידע מאַזע, מ. שאַפּיר א"א.

אין מאָנטרעאַל איז באַזונדערס דאָ אַ גרעטעניש אין ווייבערישן

מין אפן קולטורעלן און שרייבערישן געביט, ווי די דיכטערן און קולטור־טוערן איידע מאזע, ערדבערג־שאטאן, אסתר סיגאל, רחל אייזנבערג, פרוי בענטש א"א.

אפילו אפן פילאַנטראָפּישן געביט האָט דאָרטן אויפגעטאָן זייער א סך א פרוי, די מיסיס קאַפּלאַן, אָדער ווי זי האָט זיך א נאָמען געגעבן „די גרינע יידענע".

די לעצטע איז שוין א פרוי אין די הויכע יאָרן, און עס איז כאַראַק־טעריסטיש פאַר איר, וואָס זי האַלט זיך היינט אויף אין א מושב־זקנים־אנשטאַלט, וואָס זי אַליין האָט געגרינדעט, און ניט בא אירע קינדער.

ריידנדיק וועגן מאָנטרעאַל איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אף דער דאָר־טיקער פאָלקס־ביבליאָטעק, וואָס קען זיין א שיינדל ניט נאָר פאַר מאָנ־טרעאַל, נאָר פאַר א סך גרעסערע יידישע ישובים.

די גרינדער פון דער מאָנטרעאַלער פאָלקס־ביבליאָטעק זיינען געווען דער באַרימטער, פאַרשטאָרבענער יידיש־העברעיִשער שריפטשטעלער ראובן ברײנין און דר' קויפמאַן.

די פאָלקס־ביבליאָטעק פון מאָנטרעאַל איז ניט נאָר רייך אין ביכער, נאָר אויך אין אויסשטאַטונג. ווי איר גייט נאָר אריין אהין, גיבן אייך גלייך א גלאַנץ אין די אויגן, די גרויסע געשליפענע ווענט־שפּיגלען, און אריינגייענדיק טיפער אין די אינעווייניקסטע חדרים גיבן אף אייך פון די ווענט א שיין אראָפּ די שטראַלנדיקע פּנימער פון די פּאָרטרעטן פון אונדזערע גרעסטע וואָרט־מייסטערס, די באַוווּסטע שרייבער.

א גרויסן חלק אין דעם גלענצנדיקן גאַנג פון דער ביבליאָטעק האָט אָן ספק די פאַרוואַלטערן אירע, רחל אייזנבערג. רחל אייזנבערג גיט אָוועק דער ביבליאָטעק, ווי מען זאָגט, איר גוף און נשמה.

זי האָט אויך צוגעצויגן צו דער ביבליאָטעק א גרופּע קינדער, צווישן וועלכע זי פירט אָן א קולטורעלע ארבעט אין יידיש.

די מאָנטרעאַלער יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק איז אגב ניט קיין באַ־גרענעצטע ביבליאָטעק־אינסטיטוציע, נאָר בכלל א קולטורעלע געזעל־שאַפט. זי אָרדנט איין דאָרטן לעקציעס פון פאַרשיידענע שרייבער, האָט אויך א דראַמאַטישן קרייז, מיט דער באַרימטער חיהלע גראָבער אַלס רעזשיסערן, און אַנדערע קולטור־אָפּצווייגונגען.

היינט וואָס פאַר אַ וואַרעמע מענטשלעכע באַציִונג אין דעם קאַלטן קאַנאַדע עס איז צו אַ גאַסט!

איידע מאַזע איז געשטאַנען אַף מיינער אַ לעקציע מיט פולע באַגייס־טערטע אויגן און האָט געדריקט מיט וואַרעמקייט צו איר ברוסט דעם איינציקן אָרעמען ייִדישן ביכל, וואָס איז דערשינען אין טשילע פון מיין ווייניקייט.

און ווען איך האָב דאָרטן דערציילט,, אַז בּאַ אונדז, אין וויטן טשי־לע, געפינען זיך טאַלאַנטפולע דיכטער און שרייבער, ווי נח וויטאַל, משה־דוד גיסער, יצחק בלומשטיין, א"א באַ וועמען די שרייב־טיש־קעסטלעך זיינען אָנגעפילט מיט שאַפונגען, און זיי האָבן אפילו קיין האָפענונג ניט, זייערע ווערק זאָלן די ליכטיקע וועלט דערזען, האָט זי מיט גרייטסקייט אין איר קול אויסגעשריגן, קאַנאַדע זאָל אונטערנעמען זייערע ווערק אַרויסצוגעבן.

ווי געפעלט אייך עפּעס די נאָענטקייט — טשילע־קאַנאַדע?!

איך האָב אפילו אין מאָנטרעאַל אָנגעטראָפן אַף אַ ייִדישן יוגנט־קול־טור־פאַרבאַנד.

אין מאָנטרעאַל איז אויך דאָ פּונקט אַזאַ מין אינסטיטוציע ווי דער „לייבאָר־ליג" אין טאָראָנטאָ, נאָר מיט אַן אַנדער נאָמען „הילפס־געזעלשאַפט", הייסט זי אין מאָנטרעאַל, נאָר זי האָט די זעלבע פונק־ציעס, דעם זעלבן כאַראַקטער און דעם זעלבן מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס דער „לייבאָר־ליג" אין טאָראָנטאָ.

— ד. —

אַנדערשוואו, באַ ניט פּראָגרעסיווע ייִדן האָב איך געזען מזוזות אַף די אושאָקעס. אָבער אינעווייניק האָט געפייפט דער דלות, אינעווייניק איז געוועזן פּוסט און לער פון וואָס פאַרא עס איז ייִדישן גייסט.

איך האָב אין מאָנטרעאַל אָנגעטראָפן אַף אַ לוקסוס־געביידע מיט אַ מזוזה אפן אַריינגאַנג און מיט אַן אויפשריפט „יאָנג־מען־היברוס", אַ נאָכקרימעניש נאָך די אי. מ. ק.

פון די טויערן פון דער דאָזיקער געביידע האָבן זיך אַרויסגעשאָטן יונגע ייִדישע טעכטער אין דער באַגלייטונג פון יונגעלייט מיט אַ פרעמ־

דער שפּראַך אַף זייערע געשמינקטע ליפּן און מיט אויסגעלײדיקטע הער־צער סיי פון ייִדישקייט, סיי פון מענטשלעכקייט.

ווען אַף זייער אַדרעס פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל צופעליק אַ ביכל מיט ייִדישע אותיות, ווערט עס מאָמענטאַל איבערגעשיקט צו דער ייִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק.

אַזאַ ביכל קען נאָך חס־ושלום מחלל זיין זייער היברו־יונג־מעניש־קייט...

צווישן די צוויי עקסטרעמען, די פּראָגרעסיווע ייִדן פון איין זייט און די רעליגיעזע פון דער צווייטער זייט, איז דאָ נאָך אַ סאָרט ייִדן אין די פאַרייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, קלאָג־מוטערס, אַ סך פון זיי פּראָפעסיאָנעלע...

די דאָזיקע מקוננים קלאָגן אַף גלות־השכינה, וויינען אַף דעם אונטערגאַנג פון דער ייִדישער קולטור, פון דער ייִדישער שפּראַך ניט אַרום און לעבן זיי, נאָר... אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

וואָס אונטער זייער נאָז טוט זיך זעען זיי ניט און ווילן ניט זען. אַליין פאַרדאַרבן זיי און פאַרטיליקן די ייִדישע שפּראַך און איר קולטור, אַליין פאַרשאַכערן זיי איר פאַר דעם אינהאַלט פון אַ „דזשאַב" און קלאָגן וועגן דאָרטן...

דער סך־הכל: די איינציקע אין נאָרד־אַמעריקע ווי אין דער גאַנצער וועלט, באַ וועמען די ייִדישע ליטעראַטור און קולטור בכלל איז טייער, די איינציקע, וואָס מיינען ערנסט מיט דער ייִדישער קולטור, וואָס לעבן זיך אויס אין איר און פאַרטיידיקן זי, זיינען עס די ייִדישע פּראָגרעסיווע אַרבעטער־מאַסן.

ביישפּילן זיינען דאָ אַ סך:

לאָמיר מיט אייך זיך אַריבערכאַפּן אין אַ זונטיקדיקן טאָג אין ניו־יאָרק. איר שטעלט אָן אינדערפרי די ראַדיאָ פון „פאָרווערטס", פון דער צייטונג, וואָס טראָגט אַף זיך אַ מאָטאָ פון קאַרל מאַרקס אין אַ פאַרקריפּלטער פאָרם: „די זאַכע פון דעם אַרבעטער איז דעם אַרבעטערס זאַכע זעלבסט", איז וואָס דערהערט איר דאָרט?

צוערשט דאָס „פאָלקס־ליד" בין נהר פּרת ונהר הדקל (יעדנפאַלס איז דאָס ניט קיין ייִדיש פאָלקס־ליד), נאָכדעם אַביסל ציקלענדיקע חזנות און קיצלענדיקע בדחנות...

די „מאָרגן-פרייהייט" האָט ניט קיין ראַדיאָ. דערפאַר, אַז איר גייט דעם זעלבן זונטיק נאָכמיטיק צו אַן „אָפּן־פאָרם", אַף קלינטאָן 96, הערט איר אַן אַרבעטער־כאָר, אַ מוזיקאַלישע האַרמאָניע, וואָס פאַרמאָגט דיס־ציפּלינירטקייט ניט נאָר אין דער מוזיקאַלישער אויספירונג און קאָמפּאָ־זיציע, נאָר אויך אין דער אוניפאָרמישער קליידונג פון די כאָריסטן.

היינט די לידער! לידער, וואָס מוטיקן אייך און רופן צום קאַמף, צום לעבן, צו געגנוס! איר הערט דאָרטן רעציטאַציעס און מוזיק, אויס־געפירט דורך די בעסטע קינסטלער און דערצו נאָך אַ פּאָר קורצע רעפע־ראַטן.

איך האָב באַזוכט אַ פּאָר שרייבער־אָוונטן, איינגעאָרדנט פון י. ל. פרץ־שרייבער־פאַריין, איינעם וואָס איז געווען געווידמעט לכבוד בערטאַ קלינג, וואָס אחוץ דעם וואָס זי איז אַ דיכטערין, געפינט זיך אויך בא איר אין הויז דער ליטעראַרישער סאַלאָן, און אַף דעם דאָזיקן אָוונט האָבן זיך באַטייליקט און אַרויסגעטראָטן די בערן און די סמעטענע פון דער יידישער ליטעראַטור אין נאָרד-אַמעריקע, ווי אברהם רייזין, פּרץ הירש־ביין, מלך ראַוויטש און אַנדערע, איז דער דאָזיקער אָוונט באַזוכט גע־וואָרן פון אַ פּאָר הונדערט מאַן.

און ווי אַנדערש עס האָט אויסגעזען דער אָוונט, איינגעאָרדנט פון די ניו־יאָרקער יידישע אַרבעטער, לכבוד דעם פופציק־יעריקן יובילײ פון ראַבאָי!

דער אָוונט איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן טעאַטער־זאַל, וואָס האָט אַריינגענומען פיר טויזנט מענטשן און אַנדערע טויזנט זיינען אַוועק אָן בילעטן, און דאָס איז געווען אין דער צייט, וואָס עס איז אָנגעפירט גע־וואָרן די גרעסטע העצע קעגן אַזעלכע שרייבער ווי ראַבאָי.

וואָס איז אַלזאָ די סיבה? פאַרוואָס גייען די יידישע אַרבעטער-מאַסן אין די טויזנטער צו ראַבאָיען און גייען ניט צו די איבעריקע שרייבער?

די סיבה איז, וואָס ראַבאָי איז פון די דאָזיקע שרייבער, ווי ער האָט זיך אַליין כאַראַקטעריזירט אַף דעם אויבנדערמאָנטן אָוונט אין זיין שלוס־וואָרט, וואָס אַז ווען ער רעדט וועגן עפּעס, רעדט ער קלאָר און ער רעדט וועגן זאַכן פון שלאַגנדיקן, קוועלנדיקן לעבן, וועגן זאַכן פון דער וועלט. „ווען איך רייד פון אַ קליאַטשע" — האָט ראַבאָי געזאָגט — „מיין איך ניט דעם בידנעם פאָלק ישראל, נאָר טאַקע אַן אמתע קליאַטשע, און אַז

באַ מיר שאָקלען זיך ביימער, איז דאָס ניט ווייל זיי טוען תפלה, נאָר ווייל אַ ווינט באַוועגט זיי, און פייגעלעך זינגען באַ מיר ניט קיין שירה צום רבונו־של־עולם, נאָר ווייל זיי ווילן זינגען, ווייל עס איז זיי פריי־לעך" אא"וו.

די אַרבעטער גייען נאָך דעם שרייבער, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט זייער לעבן, מיט זייערע פריידן און ליידן און באַלויכט זיי מיט זיינע קינסטלערישע שאַפונגען אויף זייער שווערן און פינצטערן וועג צום קאַמף פאַר אַן ערלעכן און בעסערן לעבן.

די אַנדערע שרייבער ווילן זיי ניט נאָכגיין און וויכן פון זיי, ווייל זיי רופן צוריק אין געטאָ אַריין, ווייל זיי פאַרקלאַפּן די טיר פון דער וועלט פאַר זייער נאָז און מאַכן נאַכט.

די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן זוכן אָבער אַ פאַרטאָג, אַ זון־אויפגאַנג, און דערפאַר גייען זיי ניט נאָך די שרייבער, וועלכע זאָגן זיי אַזעלכעס ניט אָן.

דערפאַר פילט זיך פּרץ הירשביין אַליין צייט ער איז אַוועק פון „איקוף". ער האָט דערמיט פאַרלאָרן דעם קאָנטאַקט מיט די מאַסן ניט נאָר „דורך שריפט, נאָר אויך דורכן לעבעדיקן וואָרט. דערפאַר איז פאַר אים ניו־יאָרק געוואָרן אַ פוסטער הלל".

דערפאַר האָט זיך ראַוויטש „ניט אָנגעזען אין דעם שפּיגל פון ייִדי־שן לעבן אין ניו־יאָרק", אָפּזייענדיק דאָרטן אַ פּאָר יאָר, ווייל זיין שפּיגל איז פאַרטונקלט און פאַרנעפּלט...

די שרייבער, וואָס האָבן איבערגעריסן מיט די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן, ליידן דערפאַר ניט נאָר מאָראַליש, נאָר אַפילו אויך עקאָנאָמיש, ווייל זיי האָבן פאַרלוירן זייער איינציקן קאָנסומענט פאַר זייער בוך און פאַר זייער וואָרט, אין פאָרם פון לעקציעס, דעם ייִדישן אַרבעטער.

***

און אַזוי זעט עס אויך ניט נאָר אויפן געביט פון דער ייִדישער לי־טעראַטור, נאָר אויך אויפן געביט פון ייִדישן טעאַטער.

וואָס האָט מען געשפּילט אין די ייִדישע טעאַטערן פון ניו־יאָרק?

מאָריס שוואַרץ האָט געשפּילט דעם תהילים־ייִד.

ער האָט געוויזן בילדער, וואָס זיינען ווייט פון רעאַלן לעבן און די

קולמינאַציע פון זיי איז מענטשלעכע אויפלייזונג. און ווי שיין די בילדער זאָלן ניט זיין אויסגעפירט, לערנט איר פון זיי גאָרניט און ווערט אפילו ניט עמאָציאָנירט פון זיי.

בן־עמי, דער צאַרטער, לירישער בינע־קינסטלער פון דעם יידישן טעאַטער, דער וואָס שפילט שטענדיק אַף די איידלסטע טענער, האָט אַקטוירט אין „חבר נחמן", אַן איבערגעטריבענע ציניש־פּאָליטיש־שונדיש, וואָלט איך געזאָגט, שילדערונג פון דעם לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, און אין די איבעריקע טעאַטערס — „מזל־טוב, רבילע" און אַנדערע מאַבערייקעס.

וואָס האָט אָבער אויפגעפירט דער ניו־יאָרקער „אַרטעף"?

דער „אַרטעף" האָט געשפּילט קלינטאָן־סטריט: בילדער פון דעם יידישן לעבן, פון מאַסן־לעבן אין ניו־יאָרק. איר האָט געזען אַף דער בינע די ראַנגלענישן צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן פינצטערניש און ליכטיקייט, וויאַזוי די אָרעמע יוגנט צאַפּלט און ראַנגלט זיך אין דער נעץ פון שמוץ און קאָרופּציע, וואָס שטייפּט זיך אַרום און פאַרציט זיך יעדן טאָג אַלץ מערער אַרום האַלדז. ווי אַזוי די בעסערע פון דער דאָזיקער יוגנט הייבן אָן צו פאַרשטיין, וואָס אַרום זיי טוט זיך און זוכן צו עפענען אַן אַרויסגאַנג פון דער קלינטאָן־סטריט צו אַ נייעם וועג, צו אַ ליכטיקערן לעבן. (קלינטאָן סטריט איז אַ גאַס אין ניו־יאָרק, ווו די געדיכטע יידישע אָרעמקייט וווינט).

איר זעט אַלזאָ אין דעם דאָזיקן טעאַטער דאָס רעאַלע לעבן, אַרומיקע סביבה, ניו־יאָרקער קאָלאָריט, אַ גאַלעריע פון טיפּן, וואָס זיינען אייך נאָענט און באַקאַנט, טיפּן, וואָס איר טרעפט יעדן טאָג אָן אַף דער גאַס, און די אויספירער פון דעם שפּיל, די אַרטיסטן, זיינען אויך מענטשן אויסגעוואַקסענע אַפן דאָרטיקן באָדן, אַמעריקאַנער געבוירענע. און אַזאַ טעאַטער לערנט אייך עפּעס און דערהייבט אייך צו אַ ווירדיקן לעבן.

1940

מען דאַרף דאָס פאַרשרייבן

געטראָפן האָב איך אים אין מאַיאָ־קלינּיק. זיין נאָמען געדענק איך ניט. געשטאַנען איז ער לעבן דעם טישל פון מיסיס גאָרדאָן, די אינטער־פּרעטערשע און פאָרשטייערן פון „בני-ברית".

אויסגעזען האָט ער מאָדנע. אַ הילוך אַ רבנישן און אַ פּנים גלאַט ווי בײַ אַ גלח. (מסתמא האָט ער די באָרד אַראָפּגענומען מיט אַ פּראָ־שעק אזא...).

פון די דיקע אויגן־גלעזער, וואָס זיינען געלעגן ווי אַ שווערע מאַסע אַף זיין גרעבלעך־רויטלעכער נאָז, האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר רויטע טרעומתדיק־דערשלאָגענע אויגן, וואָס פרעגן שוין לאַנג דער וועלט די זעלבע און אַלטע קשיה, פאַרוואָס, פאַרוואָס אַזוי פיל לײַדן און פּיין פאַר איינעם?!...

אונדזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, זיך שלום-עליכם אָפּגעגעבן. נאָכדעם האָבן דאָס אונדזערע הענט געטאָן און אַ פריינטלעכער שמועס מיט קענגזייטיקער צוטרויִלעכקייט האָט זיך צווישן אונדז פאַרבונדן.

געווען איז ער פון די מענטשן, וואָס די וועלט גיט זיי גאָרניט און נעמען אַליין בײַ איר קענען זיי אויך ניט. בלייבן זיי שוין אַזוי נאָר בײַ די שיריים...

געשטאַנען איז ער בײַ דעם אינטערפּרעטן-טישל און זיך ניט צוגע־זעצט, ניט קוקנדיק, וואָס אין מאַיאָ־קלינּיק איז ער געקומען מיט אַ פּיס־מיחוש, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צופיל אָפּצוניצן די לאַסקעס פון דעם קלינּיק (ער איז זיכער דאָרטן געווען אַן אומזיסטער פּאַציענט), און צו דער אינטערפּרעטערשע האָט ער געדאַרפט אָנקומען נאָכדעם ווי ער האָט שוין אָפּגעלעבט צוואַנציק יאָר אין אַמעריקע.

געווען איז ער אַ רבי־טיטשער און שוחט צוזאַמען ערגעץ אין אַ פּראָווינץ-שטעטל.

דעם גאַנצן ווייטיק זיינעם און צער, וואָס באַגלייטן אים, צייט ער לעבט אַף דער וועלט און זיינען שוין איינגעגעסן אין זיין געביין, אין זיין לייב און לעבן, האָט ער מיר אין אַ קורצער צייט דערציילט.

געטראָפן האָב איך אים אין די ערשטע מאָנאַטן פון דעם איצטיקן קריג. די געמיטער זיינען געווען צעצונדן, די נערוון צערייצט, שילטן האָט זיך די מענטשן געוואָלט, האָט מען זיי געלערנט שילטן רוסלאַנד פאַרן פאַקט מיט דייטשלאַנד.

און אַז מען האָט גערעדט וועגן אומרעכט, וואָס איז אַזוי פיל דאָ אַף דער וועלט, האָט דער אומגליקלעכער רבי-טיטשער-שוחט ניט געשאָלטן, נאָר אויפגעקלערט, אַז ניט היטלער אַליין איז דער זינדיקער, נאָר ער וואַקסט אַרויס פון אַ דור אַ זינדיקן, פון אַ זינדיקער וועלט...

און ניט נאָר היטלער איז שלעכט, האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, טשעמבערליין איז נאָך ערגער פון אים. און אַז ער האָט גערעדט וועגן טשעמבערליינען, האָט ער זיך אָנגעצונדן מיט פּראָטעסט.

איך האָב אים געפרוווט איבעררייסן אַף אַ ווײַלע און מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן: איר זענט דאָך אַ גאַנצער קאָמוניסט. די קאָמוניסטן ריידן דאָך אויך אַזוי.

ער האָט זיך נאָך מערער אָנגעצונדן און היציק געטענהט: „איך אַ קאָמוניסט! חס-ושלום! איך בין אַ גערער חסיד! איך דאַוון יעדן טאָג אין צוויי פּאָר תפלין! נאָר וואָס אמת איז אמת!"

— ווי זאָלן קיין מלחמות ניט זיין אַף דער וועלט, אַז די וועלט איז פול מיט רויב. שטעלט זיך פאָר, זאָגט ער צו מיר, איך וווין שוין צוואַנציק יאָר אין אַזאַ רייך לאַנד און קיין גאַנצע העמד אַף מיין לייב פאַרמאָג איך ניט.

***

אונדזער שמועס האָט זיך פאַרענדיקט מיט זיין אויספרעגן מיר:

— פון וואַנען איז אַ ייִד?

— פון טשילע.

— פון וואַנען?!

— פון טשילע.

— אַזוי גאָר, פון טשילע! פון טשילע! מען דאַרף דאָס פאַרשרייבן.

— ווּ ליגט עס, אַט דאָס טשילע?

— אין זיד-אַמעריקע.

— אין „סאוט-אַמעריקע"? מען דאַרף דאָס פאַרשרייבן.

— ווי לאַנג פאָרט מען אַהין? ווי ווייט איז די שטרעקע? וויפל קאָסט דאָס פאָרן? וויפל ייִדן זיינען דאָ אין טשילע און ווי האַלט עס דאָרטן מיט ייִדישקייט? — זיינען געווען דעם ייִדנס ווייטערדיקע פראַגן, און מיינע ענטפערס האָט ער מיט אַ גמרא־ניגון, איבערפרעגנדיק איבער־געחזרט, צוברומענדיק דערביי: „מען דאַרף דאָס פאַרשרייבן, מען דאַרף דאָס פאַרשרייבן"...

זיינע טרויעריקע אויגן האָבן זיך, אויסהערנדיק די נייע טשיקאַווע ידיעות איבער אַן אומבאַקאַנטן לאַנד, אָנגעצונדן מיט אַ לעבעדיקן פייערל פון האָפענונג.

נוער ווייסט, וואָס דער ייִד האָט דערביי געטראַכט?!

אפשר האָט ער, זיך דערוויסנדיק וועגן טשילע, דערזען פאַר זיך אַ שטראַל פון גליק? אפשר האָט ער אָן דעם דאָזיקן לאַנד אָנגעהאַנגען זיינע לעצטע האָפענונגען?...

ער האָט אַלץ געהאַלטן אין איין איבערחזרן אַ הייטערער און אַ מונ־טערער: „אַזוי, אַזוי גאָר! — מען דאַרף דאָס פאַרשרייבן, מען דאַרף דאָס פאַרשרייבן!..."

און אין מיין קאָפּ איז אויך דורכגעלאָפן אַ געדאַנק:

„מען דאַרף דאָס פאַרשרייבן..."

אַרויסגייענדיק פון מאַיאָ-קליניק, האָב איך אויפגעעפנט מיין נאָטיץ־ביכל און דאָרטן אַריינגעשריבן אַ צייכן פאַר אַ טעמע:

מען דאַרף דאָס פאַרשרייבן...

1940

צווישן היימלאָזע

שוין עטלעכע חדשים ווי איך פעל פון מיין היים טשילע.

אין ניו־יאָרק האָט זיך שוין דער פראָסט צעפלאַקערט און ווינטן שנייִיקע, בייסיקע האָבן זיך צעבלאָזן מיט כעס און רוגזה, מיר געטריבן, געשטופט אַהיים.

איך האָב זיך שוין באמת פאַרבענקט נאָך דעם אייביק־זוניקן לאַנד טשילע, ווו דער שניי בלאַנקט צו דיר אַראָפּ פון די מאַיעסטעטישע בערג אַ גאַנצן קיילעכדיקן יאָר און ווינטעלעך שיקט ער דיר פון דער הייך אַראָפּ מילדע, צאַרטע, מחיהדיקע און גלעטנדיקע.

איך בין אַרויפגעשטיגן אַפן שיף מיט אַ צאַפּל אין האַרצן. אַ טשי־לענער שיף, אַ טשילענער פאָן אויפן מאַסטבוים, טשילענער מאַנשאַפט, טשילענער לאַנדספּראַך — שפּאַניש, געמישט מיט טשילעניזמען...

איך האָב זיך שוין אַפן שיף געשפּירט נענטער צו מיין היים, צו מיין לאַנד, צו מיינע אייגענע.

נאָר פּלוצלינג איז אויסגעלאָשן געוואָרן אין מיין פאַנטאַזיע די ליב־טיקייט און וואַרעמקייט פון מיין היימלאַנד.

נאָך איידער אונדזער שיף האָט פאַרלאָזן דעם ניו־יאָרקער האַפן האָט זיך פון אונטער מיינע פיס אַרויסגעגליטשט די פעסטקייט פון טשילענער באָדן (טעאָרעטיש איז דער באָדן פון אַ שיף די טעריטאָריע פון יענעם לאַנד, צו וועלכן זי געהערט).

איידער איך האָב פאַרלאָזן טשילע, ווו איך האָב אָפּגעלעבט פופצן יאָר און בין געוואָרן אַ בירגער פון לאַנד, האָב איך זיך געפילט ווי אַ דאָרטיקער. אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָב איך זיך אויך געהאַלטן פאַר אַ טשילענער, און מיטאַמאָל, אויף דער טשילענער שיף, האָב איך זיך דער־פילט ווי אַ פרעמדער צווישן די טשילענער, ווי „אַ ייִד צווישן גוֹיִם". די שולד איז ניט געווען מיינע. די טשילענער האָבן געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ פרעמדן. און גענומען האָט זיך עס דערפון, וויל איך האָב פאַרטער־זשירט אַן עסטרייך־ייִדישע פּליטים־פאַמיליע און געהאָלפן זיי באַם צו־זאַמענריידן זיך.

גלייך ווי איך בין ארויף אױף דער שיף, אריינגעגאנגען אין עס־צימער און אדורכגעפירט מיינע אויגן איבער די פּאסאזשירן, האט איינער פון זיי געצויגן מיין אויפמערקזאמקייט.

דאס איז געווען א מאן אין די זעכציקער מיט א שמאלן לענגלעכן פּנים, מיט א בלאנד־גראען קמץ־בערדל.

— א ייד?

— א טשילענער קען אויך אזוי אויסזען, א שפּאניאל אויך.

אז ער איז קיין טשילענער נישט געווען איז אבער זיכער, צוליבן פּעלצענעם מאנטל וואס ער האט געטראגן.

מיין באגלייטערן, א קרובה, איז פארעקשנט. זי פארזיכערט, אז דאס איז א ייד. און דאס איז טאקע אזוי געווען.

לאזט זיך אויס א לאנגע געשיכטע. א טראגישע געשיכטע פון א גרויסער יידישער משפחה אן איינגעפונדעוועטע און רייכע. די עלטערן פון דער משפחה זיינען געקומען פון גאליציע קיין עסטרייך יונגערהייט. דארטן האבן זיי קינדער געבוירן, זיי דערצויגן פאר דאקטוירים און אד־וואקאטן און געשעפטן געטריבן. איצט איז די פאמיליע צעריסן און צע־שפּליטערט געווארן. א יאר צייט ווי זי וואנדערט, די משפחה, פון עסט־רייך קיין לאטוויע, פון לאטוויע נאך ניו־יארק, פון ניו־יארק... וווהין?!!

א פּאר קינדער זיינען „ציטווייליק" פארבליבן אין לאטוויע, א פּאר זיינען שוין אין ארגענטינע, א זון אין די פאראייניקטע שטאטן און א טאכ־טער האט אפן וועג חתונה געהאט מיט אן אמעריקאנער.

געבליבן וואנדערן זיינען נאך טאטע־מאמע, צו 65 יאר און א זון פון 38.

אין עסטרייך האבן זיי געהאט פיר הייזער און א גרויסן מאנופאק־טור־געשעפט, און איצט פארן זיי זוכן אויף דער עלטער א באדן פאר זיך.

א וויזע האבן זיי פאר פאראגווײ, ווו זיי „וויסן", אז מען וועט זיי נימ אריינלאזן, איין טראנזיט־וויזע אויף טשילע און די צווייטע אויף באר־ליוויע, און וועלן ווילן זיי גאר פארן קיין ארגענטינע צו א זון, וואס קען זיי נימ אפנעמען אהין, ווייל ער וווינט נאך דארטן נימ קיין צוויי יאר.

דערציילן דערציילט דאס אליין די מומער. דערציילט און וויינט. וויינט און דאנקט גאט...

זיי זיינען אויסגעשפּיגן געווארן פון דער יבשה. אפן שיף זיינען זיי

נאָר אויפגענומען געוואָרן אַף אַ געוויסער צייט, ביז וואַנען זיי האָבן באַצאָלט.

און נאָכדעם?

וווּהין וועט נאָכדעם אהינקומען זייער אַלטער געביין?!

זיי ווייסן נאָך ניט, און דאָך דאַנקט די אַלטע פרוי גאָט. עס האָט דאָך געקענט און איז דאָך מיט אַנדערע נאָך ערגער געווען.

דער זון איז געווען באַם שוועל פון קאָנצענטראַציע-לאַגער און האָט זיך אַרויסגעדרייט, איז אַ דאַנק און אַ לויב דיר, גאָט! דעם אַלטן האָט מען געהאַט אַרעסטירט און באַפרייט און דערלויבט צו עמיגרירן אַ דאַנק זיינע גרויסע פאַרדינסטן אין דער מלחמה פאַר עסטרייך, איז ווידער אַ דאַנק און אַ לויב דעם השם-יתברך. די טאָכטער האָט אין עלים-איילאַנד חתונה געהאַט און פּלוצלינג פון איר צוגענומען געוואָרן און זי קען זיך אַפילו ניט געגוג אָנפרייען מיט איר גליק, און צי איז עס אַ גליק? איז דאָך אודאי געוויינט און געדאַנקט גאָט.

דאָס דערציילט אַלץ די אַלטע. יעדן טאָג דערציילט זי אַלץ מער פּרטים פון איר טראַגעדיע. זי דערציילט, האָט אַף אַ ווילע טענות צו גאָט און צום סוף לויבט זי זיינע דרכים. און דער אַלטער שווייגט. און זיין שווייגן טוט מער ווייַ ווי איר ריידן און וויינען. זיין שווייגן איז אַ פאַרעקשנטער. און אַז ער רעדט שוין יאָ אַמאָל איז נאָר וואָס ער בייזערט זיך אָן אַף זיין אַלטער, פאַרוואָס זי צעטענהט זיך אַזוי.

— „גיי נעם אַ לייטער, קריך אַרויף צו גאָט און טענה זיך מיט אים אויס" — בייזערט ער זיך אָן אַף איר. אַמאָל וויצלט ער זיך אַדורך סאַר־קאַסטיש מיט זיין זון:

— „וואָס האָסטו געזען ביז היינט? ביסט דאָרטן געלעגן אין דער לאָך ווין. היינט האָסטו געזען אַ וועלט, לאַטוויע, אַמעריקע, פּאַנאַמאַ, עקוואַדאָר, פּערו און וועסט נאָך זען און זען די וועלט..."

און דער זון?

ער האַלט זיך שטאָלץ, צו שטאָלץ. זיין שטאָלץ איז אַן אויפּאַלנדער. ער וויל דערמיט פאַרדעקן און דערשטיקן זיין ווייטיק. ער האָט מורא, אַז מען זאָל חס-ושלום אַף אים מיטלייד האָבן, און אים מיטפילן.

אָבער אומזיסט איז זיין מורא!

קיינער פילט ניט מיט און האָט ניט קיין מיטלייד ניט נאָר מיט

דעם יונגן ענערגישן מענטשן, נאָר אפילו ניט מיט זיינע 65 יעריקע אַל-טע עלטערן, וואָס א חוץ דעם, וואָס זיי זיינען באַזאָרגט מיט זייער גורל, וואָס זיי ווייסן ניט, וואָס פאַר א ערד עס וועט זיי דערלויבן צו טרעטן אַף זיך מיט זייערע אַלטע פיס, הונגערן זיי נאָך די גאַנצע צייט פון זייער רייזע. זיי קומען אָפּ מיט ברויט און וואַסער, ווייל זיי היטן אָפּ כשרות און די מאַנשאַפט פון שיף האָט זיי בשום-אופן ניט באַזאָרגט מיט קיין אַנדערע מאכלים וואָס זיי מעגן עסן.

פון ערשטן מאָמענט וואָס איך בין אַרויפגעשטיגן אַפן שיף, האָב איך זיך דערנענטערט צו דער פאַמיליע. איך האָב איר געוואָלט מיט עפּעס דינען. איך בין געווען זיכער, אַז דאָ בין איך דאָך ווי בא זיך אין דער היים, די שפּראַך און די מענטשן אייגענע. אָבער ווי אַנטוישט בין איך געבליבן, אַז וועלנדיק וועקן די סימפּאַטיע פון דער מאַנשאַפט צו דער אומ-גליקלעכער פאַמיליע, האָב איך זיך אָנגעטראָפן אַף א סאַרקאַסטישן ציניזם.

— „זיי קענען ניט עסן דאָ די מאכלים?! זאָלן זיי פאָרן מיטן ערשטן קלאַס!"

— „זיי זיינען דאָך היימלאָזע, זיי האָבן ניט קיין געלט". —

— „זיי האָבן ניט קיין געלט?!... היימלאָזע... מען וועט זיי נאָך פון טשילע אויך אַרויסשיקן!"

ווען איך האָב זיך געווענדט צום עלטערן, צום מאַיאָרדאָמאָ, האָב איך אויך ניט געקראָגן קיין בעסערן ענטפער: —

— „זשאַ טענגאָ א עסטאַ ראַסאַ האַסטאַ לאַ קאָראָניזשאַ!"

אַף יידיש זאָל דאָס הייסן:

„איך האָב שוין די דאָזיקע ראַסע געננוג, איבער די אויערן".

אין א ווײַלע אַרום לויפט צו מיר צו דער זעלבער מאַיאָרדאָמאָ און פרעגט מיר, ווי לאַנג פעל איך שוין פון טשילע.

— „פינף חדשים".

— יאָ, די לאַגע האָט זיך פאַר אייך א סך געענדערט פאַר דיין אָפּ-וועזנהייט. עס גייט אייך שוין מער ניט אַזוי גוט. און קיין נייע פון אייע-רע לאַזט מען שוין מער אין טשילע ניט אַריין" — האָט ער אַלץ מיט שאַדנפרייד און פאַראַמאָל אויסגעשאָטן פאַר מיר.

— „ווען זיינען דאָס די אייך? איך קען בעסער די סיטואַציע פון טשילע און די פּאָזיציע פון דער איצטיקער רעגירונג, וואָס מאַכט ניט

קיין אונטערשייד פון ראסן" — האָב איך מיט אויפרעגונג זיך צעשריגן.
געבייזערט האָב איך זיך, און גערעכט איז געווען דער מאַיאָרדאָמאָ.

דעם זעלבן פּזמון פון דער מאַנשאַפט פון שיף, פון דעם מאַיאָרדאָ־מאָ און נאָך ערגערס האָב איך שוין נאָכדעם געהערט אין אַלע טשילענער האַפן־שטעט און אויך קומענדיק אהיים אין דער הויפּט־שטאָט סאַנטיאַגאָ.

די סיבה?

אָן ספק, די לעצטע אימיגראַציע־אַפערע אין טשילע, וועגן וועלכער מיר האָבן נאָך געוואָרנט מיט אַ יאָר צוריק און אין וועלכער עס זיינען געווען פאַרמישט די העכסטע רעגירונגס־פונקציאָנערן. די דאָזיקע אַפערע האָט געצווינגן אירע באַהאַלטענע פעדים, אירע וואָרצלען פון דער ייִדישער געזעלשאַפט. אין דער דאָזיקער אַפערע זיינען געווען פאַרמישט ייִדן בכלל־פאַרזאָרגער, רייכע ייִדן, „פיינע" ייִדן און סתם ייִדן.

די דאָזיקע אַפערע, אויסגענוצט פון דער היגער רעאַקציע צו שלאָגן דערמיט די רעגירונג, האָט דערוייל געשלאָגן, געשמיסן און געטראָפן די בידנע ייִדישע קליאַטשע און האָט דאָ פאַרסמט די ריינע לופט, וואָס מיר האָבן ביז היינט געאָטעמט.

**
*

ווען מיין שיף האָט זיך אַ רויִקע געגליטשט איבער די שטילע כוואַ־ליעס פון ים, ווען זי האָט זיך געטובלט אונטער גאַנצע ימען זונען־שטראַלן, און עס איז מיר מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי שטיל, רויִק און גוט אויף דער נשמה, איז מיין מנוחה פּלוצלינג צעשטערט געוואָרן.

דאָס געשטאַלט פון דעם שווייגנדיקן, 65 יעריקן פאָטער פון דער היימלאָזער משפּחה האָט זיך צו מיר באַוויזן, האָט מיר אַ טרייסל געטאָן באַ די אַקסלען:

— „און אויף דער יבשה, ווי דער מענטש הערשט, וואָס הערט זיך דאָרטן עפּעס?! וואָס הערט זיך דאָרטן?!"

און ווען איך בין אויף דער יבשה געקומען צו מיר, אין מיין היים, אין מיין לאַנד, איז די ליכטיקע טשילענער זון פאַר מיר פאַרטושט און פאַר־טונקלט געוואָרן. עפּעס האָט זי פאַר מיר מער אַזוי העל און ליכטיק ניט געשיינט ווי תמיד. און מיינע פיס האָבן מער דעם טשילענער גאַסטפריינט־לעכן באָדן פעסט ניט באַטראָטן. איך האָב געשפּירט, אַז אין אַ וועלט, וואָס ניט פאַר אַלעמען איז דאָ אַ היים, איז פאַר קיינעם ניטאָ קיין היים...

.1940

ג.

אַרגענטינע

מיט פליגל איבער די אַנדן

דער ריזיקער שטאָלענער פויגל האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט. האָט פריער גענומען לויפן אַף דער ערד גופא ווי ער וואָלט זיך וועלן צעקאַטשען, זיך אָנעמען מיט אימפּעט און שווּנג פאַרן אויפהייבן זיך אין דער לופטן.

די מאָטאָרן האָבן רעשיק געאַרבעט, זיך אָנגעלאָדן מיט כח, מיט אַנטשלאָסנקייט און אַ הייב געטאָן דעם אַוויאָן.

דער אַעראָפּלאַן האָט זיך געטראָגן אין דער הייך, און אַנטקעגן אים האָבן זיך נאָך העכער און העכער פאַריסן צום הימל אַרויף די ווייס-פעלדזיקע בערג-פאַרצוימונגען, פאַרשטעלנדיק פאַר אים די וועלט און אָנזאָגנדיק אונדז, רייזנדער, אַז דאָ ענדיקט זי זיך, די וועלט, אַז דאָ איז איר סוף.

אָבער גאָר גיך האָט אונדזער פויגל איבערגעשוועבט איבער זיי, און די אָקאָרשטיקע ריזן-בערג האָבן שוין אויסגעזען ווי די שפּילצייג אַנט-קעגן די נייע, וואָס זיינען אַנטקעגנגעקומען. און הינטער זיי שטייען שוין ווידער נאָך מעכטיקערע, נאָך העכערע.

דער טאָג האָט דערווייל אָנגעהויבן צו העלן און הינטער די נייע פאַרצוימונגען האָט גענומען אַרויסווינקען אַ רויט-גאָלדענער האָריזאָנט, וואָס האָט זיך צעצונדן איבער דער שניי-ווייסקייט און ציט אייך אַהין מיט זיין גאַנצער מאַגנעטישקייט.

אָט דער ניי-געבוירענער טאָג, דער אָנזאָג און רוף צום ווידערלעבן, די זון, וואָס באַהאַלט איר שטראַלנדיקן, ליכטיקן פּנים הינטער די קאָר-דיזשערן, גיבן דאָס כח און מוט דעם מענטשן צו קלעטערן אַלץ העכער און העכער, כדי זיך צו באַהעפטן צום לעבן.

מיר זיינען שוין העכער פון די כמאַרעס.

אונטער אונדז זעען זיי אויס ווי פּוכיק־צעכוואַליעטע טייכן, וואָס אַנטלויפן פון דער זון, כדי אײַנגאַנצן ניט צערונען צו ווערן...

באַלד ווערט ליכטיק און ליכטיקער. די זון הייבט זיך אַרויס מיט איר גאַנצער פּראַכט און רופט אייך און ציט אייך שטאַרק, שטאַרק צו זיך.

דער שטאָלענער פויגל נעמט זיך דאַן אָן מיט אַלע כחות, הייבט אָן צו פּאַטשן מיט זײַנע מעכטיקע פליגלען, כדי גובר צו זײַן אַלע שוועריקייטן.

אָט געפינט ער זיך אַזוי נאָענט פון אַ באַרגן־קאָפּ, אַז זײַן פליגל פאַרטשעפּעט זיך, דוכט זיך, אָן זײַן האַלדז. אָבער באַלד מעסט ער ריכטיק אויס די דיסטאַנץ און הייבט זיך העכער אָן אומבאַשעדיקטער און אַ גאַנצער.

אַ ווײַלע און לופט פאַרפעלט אייך. עס ווערט אייך דושנע ביז אײַנצושלאָפן, אפשר דעם אייביקן שלאָף, אָבער דאָ קומט דער אָקסיגען און וועקט אייך, מונטערט אייך און איר קומט ביי די לעצטע שטרויכלונגען און דערזעט זיך אַ שמאָלצן און אַ באַזיגנדיקן.

און ווי מאָדנע!

איך, דער פּרימיטיווער מענטש, וואָס באַוווּנדער יעדן טאָג די מעשי־בראשית, וואָס צום טויזנטסטן און טויזנטסטן מאָל פאַל איך אַריין אין התפּעלות, זעענדיק דעם געיעג צווישן טראַמוויי און אויטאָמאָביל, האָב זיך גלייך צוגעוווינט צום עראָפּלאַן און זיך גענומען פילן אין אים ווי באַ זיך אין דער היים.

נאָך היימישער און זיכערער האָב איך זיך גענומען פילן, לאָזנדיק הינטער זיך די בערג־קייטן, שווימענדיק אין דער לופטן אַריבער די רחבותדיקע און פרייע פליִענען פון דער אַרגענטינער טעריטאָריע.

מיט אַ ריזיקער שנעלקייט שוועבט איר אַריבער גרויסע באַפעלקערטע שטעט, וועמענס צענדליקער טויזנטער גרויסע הייזער זעען אויס ווי צעלייגטע ציגיינער־ביידלעך.

אויב ניט נאָך העכער

אַ מענטש, אַז ער איז אָפּגעריסן פון דער ערד, שוועבט אין די עולמות־העליונים, געפינט זיך נענטער צום הימל, ווערט אויך אַביסל דערהויבן. ער ווערט טרוימערישער און נאָכדענקענדיקער.

איז זיץ איך אזוי, שוין אַ באַרוטיקטער פון די ערשטע איינדרוקן און געפילן מיינע, מיט וואָס איך בין געווען אָנגעפילט, פאַרנדיק דעם ערשטן מאָל אין אַן אַוויאָן און דערצו נאָך אַריבערשפאַנענדיק די אַנדן, און איך טראַכט:

אויב דער מענטש האָט שוין יאָ געקענט דערגרייכן די מדרגה פון צו קענען באַהערשן די נאַטור, אויסנוצנדיק דערצו טאַקע אירע, די נאַטורס, כחות; אויב ער קען שוין פון די הייכע הייכענישן, פון די ספערן אַראָפּ־ציען צו זיך די נאַטור־ענערגיע און פאַרוואַנדלען זי אין מאַסיווע כחות; אויב ער קען זיך אויפהייבן איבער בערג־קייטן און כמאַרעס, — טאָ פאַרוואָס זאָל ער אויך זיך ניט אויפהייבן און דערהייבן נאָך העכער, כדי מיט די דאָזיקע וווּנדערבאַרע נאַטור־מיטלען און מיט דער פאַרפול־קאָמסטער מענטשלעכער חכמה ניט שטויסן צום אומקום און צו די טיפענישן פון פינצטערן תהום, נאָר זאָל זיך און זיין מין דערהויבן צו דער העלקייט און ליכטיקייט פון דער קאָסמישער אויסשטראַלונג, צו אַ זוניקן דערהויבענעם און ווירדיקן לעבן?!

.1947

דאָס יידישע אַרגענטינע מיט די אויגן פון אַ גאַסט

פאַר די לעצטע יאָרן האָט זיך דאָס יידישע בוענאָס-איירעס ריזיק צעוואקסן.

ניט נאָר האָט די יידישקייט אין ב.-איירעס (די פילצאָליקע יידישע אינסטיטוציעס פון עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און קולטורעלן כאַראַקטער), אויפגעהערט צו נע-ונדעווען און באַקומען וווינאָרט, נאָר די אָן אַ צאָל אייגענע יידישע געזעלשאַפטלעכע היימען זיינען שוין צו קליין געוואָרן צו באַפרידיקן און אַריינעמען אין זיך די אַלע געזעלשאַפטלעכע באַדער-פענישן אירע, וואָס שטייגן פון טאָג צו טאָג און וואַקסן אַרויס פון זיי, טאַקע דורך זייער אַנטוויקלונג.

דער יונגער און צאַפּלענדיקער יידישער ישוב פון בוענאָס-איירעס, האָט אָפּגעשאַצט און פאַרשטאַנען, די אחריותפולע צייט, אין וועלכער ער לעבט.

און פונקט ווי אין פריוואַטן לעבן פון מענטשן זעען מיר אָפט, אַז ווען עס פאַלט דער עלטסטער פון דער פאַמיליע, גיט זיך מיטאַמאָל פעסט אַ שטעל אויף אַ יינגל אַף זיינע אייגענע פיס און האַלט אויס ניט נאָר זיך אַליין, נאָר אויך די גאַנצע משפחה זיינע, פונקט אַזוי האָט דער אַר-גענטינער יידישער ישוב פאַרשטאַנען, נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַרלאָרן דעם קאָפּ פון דער יידישער משפחה, דעם פויליש-ליטווישן יידנטום, זיך צו שטעלן אַף זיינע אייגענע פיס און דערצו נאָך דינען פאַר אַ ביישפיל און סטימול פאַר אַנדערע יידישע ישובים פון לאַטיין-אַמעריקע.

דאָס יידישע לעבן אין בוענאָס-איירעס פולסירט שטאַרק ניט נאָר אינעווייניק, אין די היימען פון די יידישע אינסטיטוציעס, נאָר שפּאַרט אַרויס פון זייערע ווענט צום דרויסן אַרויס.

די אַרגענטינער יידן האָבן שוין באַוויזן צו לייגן זייער שטעמפּל אפילו אַף דער שטאָט בוענאָס-איירעס.

און ניט נאָר הערט איר איבער קאָריענטעס שרייען — אַף טריט און שריט, — בייגל, הייסע! הייסע בייגעלעך! — נאָר איר הערט און פילט דאָרטן אויך שטראָמען דעם היים־בלוטיקן און וואַרעמען ייִדישן לעבן.

אַף קאָריענטעס און אין אירע קאַפעען הערט איר ניט נאָר ווי ייִדן פירן דורך זייערע קאָמערציעלע טראַנזאַקציעס, נאָר זיי באַשטימען אויך דאָרטן דעם גורל און די געשטאַלטונג פון דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון ישוב.

אינטערעסאַנט איז צו זען די צען „קוואַדרעס" (בלאָקן) פון קאָריענטעס, צווישן כונין און פוערדאָן, אין אַ זונטיקדיקן טאָג.

ייִדן אין די הונדערטער שיטן זיך אַרוים אַף די ראָג־גאַסן און שמועסן דאָרטן וועגן אַלערליי אָנגעלעגנהייטן.

דער דאָזיקער געגנט זעט דאַן אוים ווי אַ געזעלשאַפטלעכע בירזשע. איך זאָג אַ געזעלשאַפטלעכע, ווייל וויניקער ווי אַליץ הערט איר דאָרטן דאַן די ייִדן שמועסן וועגן מסחר.

און ריידן ווערט דאָרטן גערעדט אַף ייִדיש, אַף אַ געשמאַקן ייִדיש. אַרגענטינע איז געבענטשט מיט אַ פאַרצווייגטער ייִדישער פּרעסע — פיר טעגלעכע צייטונגען — וואָס באַמיט זיך צו פאַרפייגערן די פאָלקס־שפּראַך אונדזערע אין מויל פון אירע לייענער (דאָס פאַרקערטע ווי דאָס געשעט אין ניו־יאָרק מיטן „פאָרווערטס" בראש).

אינטערעסאַנט איז, וואָס די אַרגענטינער ייִדן ריידן פּרינציפּיעל מיט אַ ייִדן נאָר ייִדיש.

איך האָב דורכגעפירט אַן עקספּערימענט. איך האָב זיך צוויי מאָל געווענדט צו ייִדן אין פאַרשיידענע געגנטן פון שטאָט, אַף קאָריענטעס און קאַנינג, פּרעגנדיק, אין שפּאַניש, אַף אַן אַדרעס, און ביידע מאָל האָב איך דעם ענטפער באַקומען אין ייִדיש.

איך האָב געהערט אין אַ ייִדישן רעסטאָראַן פון ב.־איירעס אַ גע־שפּרעך צווישן אַמיטעליעריקן ייִדן און אַ ייִנגערן. דער ערשטער האָט גע־רעדט ייִדיש און דער אַנדערער שפּאַניש, און אין פאַרלויף פון זייער גע־שפּרעך האָט זיך דעם ייִנגערנס צונג גענומען באַוועגן אַף ייִדיש.

פון וואַנען נעמט זיך דער גרויסער אויפשטייג אין דעם ייִדישן קול־טור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון בוענאָס־איירעס פאַר די לעצטע יאָרן?

איך גלויב, אַז די הויפּט־פאַקטאָרן זיינען:

דער שונא האָט אונדז געוואָלט אומברענגען ניט סתם אַלס מענטשן, נאָר אַלס ייִדן, אַלס אָנגעהעריקע צו אַ פֿאָלק, וועמענס טראַדיציעס וואָרצלען טיף אין די הערלעכסטע און ערלעכסטע מענטשלעכע פּרינציפּן פֿון שלום, פֿרייהייט און גערעכטיקייט. איז, ווען מיר, די געראַטעווע־טע, וואָלטן אונדזער לעבן סתם אַזוי פֿאַרגעזעצט, ניט ציענדיק דעם המשך פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָס האָט די אויבנדערמאָנטע פּרינציפּן און איינגעשאַפֿטן דורות־לאַנג אַנטוויקלט סיי אין זיינע אַלטע ספרי־תו־רות און הייליקע ספרים, סיי דערנאָך אין אַלע אַנדערע אויסדרוקן פֿון דער מאָדערנער וועלטלעכער ייִדישער פֿאָלקס־קולטור, וואָלט ער דאָך דאָן, דער שונא אונדזערער, דערגרייכט זיין ציל.

און דערפֿון קומט די עקשנות פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקס־מענטשן אין אַרגענטינע דווקא פֿאַרצוזעצן דאָס לעבן זיינס, אַלס פֿרייער מענטש און אַלס פֿרייער ייִד, צוהערנדיק זיך צו דער ניט־געשריבענער און ניט אַרויס־גערעדטער, אָבער הייליק אַרויסגעהויכטער צוואה פֿון אונדזערע מיליאָנען קדושים.

צווייטנס, ליגט אין דער טבע פֿון יעדן עמיגראַנט צו קוקן אויף צוריק. ער איז שוין, דוכט זיך, איינגעוואָרצלט אין דעם געגעבענעם לאַנד, און דאָך דוכט זיך אים, אַז ער לעבט דאָ צייטווייליק און ער האָפֿט נאָך אַלץ זיך אומצוקערן צו זיין אַלטער היים.

אָבער איצט איז זיין בליק אויף צוריק איבערגעשניטן געוואָרן דורך דעם חורבן, וואָס ער זעט דאָרטן, דורך זיין פֿאַרשטעלונגס־קראַפֿט.

דערפֿאַר האָט זיך דער בוענאָס־איירעסער ייִד אַזוי פֿיבערדיק גענו־מען בויען זיין געזעלשאַפֿטלעכע היים, אַ היים פֿאַר די ייִדישע יוגנט און די גייסטיקע היים פֿאַר זיינע קינדער.

און פּונקט ווי עקאָנאָמיש איז דער אַרגענטינער ייִד ניט געבליבן טאָפּטשען אויף איין אָרט, פּונקט ווי אינדיווידועל האָט ער פֿאַרלאָזט די „קאָנוועטיזשע" (גרויסער, אָרעמער הויף), אָדער די איינצימערדיקע וווינונגען, און האָט איר פֿאַרביטן אויף אַ קאָנפֿאָרטאַבלער היים, פּונקט אַזוי האָט ער פֿאַרשטאַנען, און אפֿשר נאָך מערער, צו פֿאַרוואַנדלען און אַרויספֿירן די ייִדישע שול — די קוזניע, וווּ עס ווערט אויסגעשמידט די נשמה פֿון זיין קינד, דעם צוקונפֿטיקן נייעם ייִדן און מענטשן, פֿון דער

„קאָנוועגטיזשע" אין א פּאַלאַץ אריין, אין דעם פּאַלאַץ פון דער ייִדי־שער דערציִונג.

דערפאַר שפּענדעט אזוי פיל דער בוענאָס-איירעסער ייִד, כדי אויפ-צובויען לוקסוסדיקע פאָלקס־אינסטיטוציעס, ווי די חברה־קדישא און די העבראיקא. דערפאַר האָט ער אויפגעבויט אזעלכע גראַנדיעזע געביידעס פאַר די שולן, ווי דאָס איז די שלום-עליכם־שול, די פּרץ־שול אין צענ-טער, די זשיטלאָווסקי־שול אא"וו.

דערפאַר האָט ער אויסגעבויט די קולטור־הייזער פון ווילשאַ-לינטש און פון פּאַטערנאַל, די בערגעלסאָן-הויז און אַנדערע.

די קרעפטיקייט און עקשנות פון דעם ייִדישן ישוב אין אַרגענטינע צו לעבן זיין אייגנאַרטיקן לעבן ליגט אויך אין דעם שורש, אין דעם אָפּשטאַם פון דער ייִדישער אימיגראַציע אין דעם דאָזיקן לאַנד, פון וואַ־נען ער ציט נאָך ביז היינט זיין יניקה.

די ערשטע ייִדישע אימיגראַציע אין אַרגענטינע איז געווען א פּויע-ריש־פּראָלעטאַרישע.

און אויב דער ייִד פון דער קאָלאָניע און פאַבריק האָט זיך אפילו היינט פאַרוואַנדלט אין א סוחר, אָדער אינדוסטריאַל, האָט ער דאָך אָפּ זיך ניט אַרויפגעצויגן דעם יהודיש-אסימילאַטאָרישן צילינדער מיט דער פּרעמדער־הויטיקייט, נאָר ער שטייט מיט ביידע פיס אין ייִדישן פאָלקס-לעבן און העלפט אים בויען מיט איבערגעגעבנקייט.

דערפאַר האָב איך דאָרטן געזען נעכטיקע אַרבעטער, היינטיקע פאַבריקאַנטן, מיליאָנערן, וואָס גיבן אוועק זייער געלט און צייט פאַר דעם אויפבוי פון דער ייִדישער קולטור.

דערפאַר האָב איך זיי געזען אָנפירן מיט שולן, ביבליאָטעקן און קולטור־הייזער.

דערפאַר האָב איך געזען אָן אַרויפגעאַרבעטן ייִדישן דיכטער, וואָס האָט געדרייט מיט זיינע הענט דעם רודער פון זיין אייגענעם אויטאָמאָ-ביל, זוכנדיק מיט זיינע אויגן אין דער פינצטער פון דער נאַכט דעם וועג ווי צו פאָרן, און גלייכצייטיק דערביי, פאַרחלומטערהייט, מיט עקסטאַז און דבקות ציטירט זיינע לידער, וואָס ער האָט געשאַפן אין זיין פרים־טער יוגנט.

דער דאָזיקער אַרויפגעאַרבעטער דיכטער ווייס ניט נאָר צו מאַכן

באַקוועם זיין אייגענעם לעבן, נאָר אויך ווי העלער צו מאַכן דאָס לעבן פון זיין פאָלק, העלפנדיק מיט זיין געלט אַרויסגעבן ביכער און בויען קולטור-הייזער.

איך האָב געזען ווי אַרגענטינער פּראָגרעסיווע ייִדן גיבן אויף בויען אַ קולטור-הויז גרויסע סומעס געלט. און די זעלבע ייִדן גיבן געלט ניט נאָר אויף אַ ייִדישער געביידע אין זייער געגנט, נאָר זיי קומען אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע אַקטן און גיבן שטענדיק.

איך האָב זיי געזען געבנדיק געלט, די דאָזיקע רייזמאַנס, באַרבאַ־לאַטס, קאַסנערס, ביכאַווסקיס און אַנדערע און איך האָב זיי אויך געזען פירנדיק די קולטורעלע אינסטיטוציעס.

איך האָב געזען פּראָגרעסיווע ייִדן פאַרלאָזן זייערע געשעפטן און פאַבריקן, טראָגנדיק זיך ערגעץ אין אַ פאָרשטאָט, כדי צו בויען אַ ייִדי־שע פאָלקס-באַנק, אָדער אַן אַנדער אינסטיטוציע.

איך האָב זיך באַקענט אין דער אונטערערדישער באַן מיט דעם ציו־ניסט אייזנבערג, וואָס האָט פאַרלאָזן זיין פאַבריק און איז געגאַנגען אויף אַ גאַנצן טאָג צוזאַמענשטעלן אַדרעסן פאַר דעם קרן-היסוד־קאַמפּיין, און יאַקאָשטש גייען די געשעפטן פון די אַרגענטינער ייִדן אויך ניט אונ־טער און זייערע פאַבריקן שטעלן זיך ווי עס איז ניט אויף.

— ב. —

די קורצע צייט פון מיין וווילן אין אַרגענטינע האָט מיר ניט דער־לויבט צו באַזוכן די דאָרטיקע אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס, כדי איך זאָל קענען מאַכן אַ גענויען שטודיום פון דאָרטיקן ייִדישן לעבן.

איך האָב דעריבער נאָר באַזוכט די דאָזיקע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן מיר, פּערזענלעך, מערער אינטערעסירט, און וועגן זיי וועל איך דאָ דערציילן, ווי אַזוי איך האָב זיי געזען.

חברה־קדישא

דעם ערשטן ייִדיש אַנשטאַלט, וואָס איך האָב אין בוענאָס-איירעס באַזוכט, איז געווען — די מוטער פון אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס — די חברה־קדישא.

און זאָל אייך ניט וווּנדערן, וואָס איך באַטיטל אַזאַ אינסטיטוציע, וועמענס נאָמען עס קלינגט, שמעקט, מיט טויט און בית-הקברות, מיטן טיטל מוטער-אינסטיטוציע און נעם איר אַריין אין צעטל פון קולטור-אַנשטאַלטן.

אויב בכלל באַווירקט אין אַ געוויסער הינזיכט דער טויט אויף לעבן, באַווירקט ער עס באַזונדער אין דעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דער סענטימענט פון וועלן קומען צו קבר-ישראל איז, משמעות, אַ פאַרזעצונג פון דעם ייִדישן לעבן.

דאָס ייִדישע פאָלק, וואָס וואָגלט שוין טויזנטער יאָרן, באַגלייט פון ליידן, רדיפות און פאַרפאָלגונגען, האָט בא זיך אַנטוויקלט דעם חוש פאַר אייניקייט און ברידערלעכקייט.

וווּהין ייִדן קומען נאָר, קאָנצענטרירן זיי זיך אין געוויסע געגנטן און מערסטנס באַזעצן זיי זיך אין די הויפּטשטעט.

דאָס איז אויך, ווייזט אויס, דער נאַטירלעכער שוץ פאַר זייער אויפהאַלט.

און דער דאָזיקער געפיל פון נישט שיידן זיך צווישן אַנאַנדער האַלט אָן בא זיי אפילו נאָכן טויט.

די ייִדן, וואָס זיינען געקומען דאָ, אין די נייע לענדער, האָבן גלייך ווי זיי האָבן נאָר באַטראָטן זייער באָדן אַריבערגעבראַכט אַהער די טראַדיציאָנעלסטע און עלטסטע פון זייערע אינסטיטוציעס, די חברה-קדישא.

דער ייִדישער ישוב אין בוענאָס-איירעס האָט געהאַט דאָס גליק, וואָס בעת די חברה-קדישא האָט זיך דאָרטן געגרינדעט, האָט זי ניט געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ חברה-באַגראָבער, נאָר פון אַ קעגנזייטיקער הילפס-געזעלשאַפט, וואָס האָט, ווען דער קאָפּ פון אַ ייִדישער פאַמיליע, דער שפּייזער אירער, איז געשטאָרבן, געגעבן דער דאָזיקער משפחה אַ געוויסע הילף.

היינט איז די חברה-קדישא אין בוענאָס-איירעס אויפגעשטיגן כמעט צו דער גראַד פון אַ קהלה.

די היינטיקע חברה-קדישא פאַרנעמט זיך ניט נאָר מיט אַרויסגעבן טויט-שיינען פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג און מיט דעם ייִדישן קבורה-ריטואַל, נאָר אויך מיטן ייִדישן צאַפּלענדיקן לעבן.

די חברה-קדישא, אַ חוץ דעם, וואָס זי אַליין איז אַ קולטור-אינסטי-

טוציע, ווי מיר וועלן דאָס באַלד זען, שטיצט זי אויך אַלע קולטור-נאַציאָ־נאַלע איניציאַטיוועס, סובסידירט שולן, קולטור־געזעלשאַפטן, העלפט אַרויסגעבן ביכער און באַשטייערט זיך מיט צען פּראָצענט פון דעם ביוד־זשעט פאַר יעדער נייער שול-געביידע אָדער קולטור-הויז.

און איצט, לאָמיר זיך טאַקע דורכשפּאַצירן איבער דער געביידע פון דער חברה־קדישא גופא פון ב.-איירעס.

אַז איר קומט אָן צו דער חברה-קדישא, גיט אייך שוין פון דרויסן אַ גלאַנץ די זעקס-שטאָקיקע געביידע מיט איר מאַרמאָרענעם פּראַנט.

אין דעם ערשטן שטאָק געפינט זיך דער אַקטן-זאַל, וואָס פאַרמאָגט 500 זיץ-פּלעצער מיט אַ בינע.

אין דעם דאָזיקן זאַל קומען דאָס פאַר יעדן זונטיק די קולטורעלע פרימאָרגנס פון פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער.

אויפן צווייטן שטאָק געפינען זיך די פאַרשיידענע ביוראָען און דער זיצונגס-זאַל.

דער לעצטער איז אויסגעשטאַט מיטן גאַנצן קאָמפאָרט און זעט אויס ווי אַ מיניסטאָרן־קאַבינעט. אין אַזאַ זאַל כאַפּט אָן אַ חשק צו קומען אויף זיצונגען.

דער דריטער שטאָק איז פאַרנומען מיט דעם לערער-סעמינאַר, אונ־טער דער אָנפירונג פון שרייבער יוסף מענדעלסאָן, וווּ עס לערנען זיך 360 שילער.

די שילער פון לערער-סעמינאַר ווערן באַזונדערס צוגעגרייט און פאַרפאָלקאָמט אין יידישע למודים.

צוזאַמען מיט די מכינות איז דער קורס פון לערער-סעמינאַר, וואָס איז אויסגעהאַלטן פון דער חברה-קדישא, אַ פינף יעריקער.

אויפן פערטן שטאָק געפינט זיך דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינ־סטיטוט („ייִוואָ”), פון אַרגענטינע.

אין איינעם פון די גרויסע זאַלן פון דעם דאָזיקן שטאָק געפינט זיך דער מינקאָווסקי־מוזעום.

אין דעם דאָזיקן מוזעום געפינען זיך ניט נאָר ווערטפולע בילדער פון דעם פאַרשטאָרבענעם מינקאָווסקי און אַנדערע יידישע מאָלער, וואָס וווינען אין ב.־איירעס, נאָר אויך זעלטענע, אַנטיקוואַרע יידישע חפצים און דאָקומענטן.

דעם גרעסטן אוצר, דעם גרעסטן פארמעגן, וואָס דער ארגענטינער „ייווא" באזיצט, איז בלתי-ספק זיין לעבעדיקע ביבליאָטעק, וואָס באַשטייט פון 14.000 עקזעמפּלאַרן, פון וועלכע 12.000 זיינען אין יידיש און די איבעריקע אין אַנדערע שפּראַכן.

איך האָב דאָרטן געזען ארגענטינער יידישע יוגנטלעכע, שטודירנדיק אין די דאָזיקע ביכער.

דער „ייווא פארמאָגט אויך אַן ארכיוו פון 24 לענדער, אַ ספּעציעלן טעאַטער-ארכיוו און אַ פארלאַג אפן נאָמען פון ווינאַקור.

אפן פינפטן שטאָק געפינען זיך די „ועדן" — דער ועד-החנוך און דער ועד-הרבנים.

משמעות, אַז אין ארגענטינע דין-תורהוועט מען זיך נאָך...

אפן לעצטן שטאָק געפינט זיך די „דאיא" (די ארגענטינער אָפּטיילונג פון יידישן וועלט-קאָנגרעס), מיט איר אַ פארלאַג פון ביכער, וואָס זיינען געשריבן פון ניט-יידן לטובת אונדז, און אַ פרעסע-ארכיוו, וואָס באַשטייט פון פארשיידענע ארטיקלען אין שפּאניש, וווּ עס ווערט געשריבן וועגן יידן.

„איפט"

זייער אַ חשובן פּלאַץ אין דעם יידישן קולטור-לעבן אין בוענאָס-איירעס פארנעמט דער „איפט".

„איפט", איז די ראשי-תבות פון „אידישן פאָלקס-טעאַטער" און איז ענלעך צו דעם „ארטעף", וואָס האָט עקזיסטירט אין ניו-יאָרק.

דער „איפט" שטאַמט אָפּ פון די דראַמקרייזן, וואָס זיינען אַמאָל געווען בא פארשיידענע יידישע ארבעטער-אָרגאַניזאַציעס.

מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק איז אין ב.-איירעס פארגעקומען אַ העפטיקער קאַמף צו פארטרייבן פון יידישן טעאַטער די „טמאים".

די „טמאים" (אַלפאָנסן) זיינען פארטריבן און איזאָלירט געוואָרן פון אַלע יידישע אינסטיטוציעס פון ב.-איירעס, פון דעם גאַנצן יידישן לעבן. זיי האָבן אפילו ניט געקענט קומען צו קבר-ישראל דורך דער חברה-קדישא, און האָבן געמוזט האָבן זייער באַזונדערן בית-עולם.

איבערן יידישן טעאַטער האָבן זיי אָבער געהאַט אַ שליטה.

אהין פלעגן זיי קומען מיט זייערע „כלות", באַרינגלט און באַווי-

רינגלט. זיי האָבן דאָרטן געגלאַנצט מיט זייערע בריליאַנטן און „גע־פערלט" מיט זייער אייגנאַרטיקער שפּראַך...

זיי האָבן אויך געהאַט אַן אומדירעקטע השפּעה אַפן רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער, זייענדיק זייערע בעסטע קאָנסומענטן, און זינען פון גוט־באַצאָלן פאַר די ערשטע פּלעצער, וואָס זיי האָבן פאַרנומען.

די יידישע פּרעסע האָט דעם דאָזיקן קאַמף צו פאַרטרייבן די טמאים פון יידישן טעאַטער, אויפגענומען און האָט אים געוווּנען.

פאַרטריבן די טמאים פון יידישן טעאַטער האָבן די ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער, וואָס האָבן זיך גרופּירט אין די אויבנדערמאָנטע דראַמ־קרייזן, זיך געשטעלט פאַר זייער הייליקן ציל אויך צו פאַרטרייבן די טומאה, דעם שונד, פון דאָרטן, און האָבן געגרינדעט דעם יידישן פאָלקס־טעאַטער, וואָס עקזיסטירט שוין 15 יאָר.

צווישן די שונד־סטאַרן אָדער סטאַר־שונדעווער, וואָס שפּילן אָפּט אין ב. איירעס, איז דער „איפּט" אַ דערפרישונג.

דער „איפּט" איז אין דער טעאַטער־וועלט פון ב.־איירעס ווי אַן אָפענער פענצטער אין אַ פאַרדומפּטן צימער, דורך וואַנען די זון און לופט רייסט זיך אריין...

איך האָב באַזוכט דעם פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער אין ב.־איי־רעס, אָדער בעסער געזאָגט, דעם געשעפט־טעאַטער. איך האָב ניט פּרע־טענדירט זיך דאָרטן צו געפינען אין אַ קונסט־היכל, אָדער אין די הימלשע וועלטן פון דער הערשאַפט פון דעם גייסט. איך האָב זיך כאָטש געוואָלט געפינען אַף דער ערד, אָבער ניט טיף אין דער בלאָטע, און איך האָב דאָס ניט דערגרייכט.

אַז עס איז געוואָרן ליכטיק אין זאַל, בין איך רויט געוואָרן פאַר בושה פאַר דאָס ביסל יוגנטלעכע, וואָס איך האָב דאָרטן געטראָפן און וועמענס עלטערן האָבן זיי אפשר צום ערשטן מאָל געבראַכט אין יידישן טעאַטער.

וואָס האָבן זיי געקאָנט אַוועקטראָגן פון דאָרטן, אַ חוץ דאָס נבול־פּהדיקן לידל, אַז „די מעשה איז שוין אַלט"?!

(כ'לעבן „אַז די מעשה איז שוין אַלט" איז שוין אַ צו אַלטע מעשה פאַרן יידישן טעאַטער...).

איך וויל דערביי באַמערקן, אַז אין דעם דאָזיקן מצב פון דעם אַר־

גענטינער יִידישן טעאַטער זיינען ניט שולדיק די דאָרטיקע יִידישע אַר־טיסטישע כחות, וואָס געפינען זיך דאָרטן סיי אין אַ כמותדיקער גענוגנ־דיקער מאָס, ווי אויך אין אַן איכותדיקער. שולדיק איז דאָס סיסטעם פון „סטאַרסטוואָ״ און דער געשעפטלעכער אוטיליטאַריזם.

אויך מיטן יִידישן פילם האַלט עס ניט בעסער.

איך האָב באַזוכט אַ קינאָ־טעאַטער אין בוענאָס־איירעס, ווו מען האָט געגעבן די מאַכעריייקע, „דער אַמעריקאַנער רבי״. פאַרוואָס די שטיק הייסט אַזוי, דאַרף מען גיין פרעגן באַם... רבין.

צווישן די אַקטיאָרן, וואָס באַטייליקן זיך אין פילם, זעט מען אפילו טאַלאַנטירטע קינסטלער. אָבער די האַנדלונג?! גאָט מיינער!

די קאָמבינאַציעס, די טריוקן, זיינען אַזוי לעבערלעך־נאַריש, אַז קליינע קינדער וועלן לאַכן פון זיי אין די פויסטן.

און באמת, ווען די „טראַגיטשעסקע״ טראַגעדיע האַלט שוין באַם קולמינאַציע־פונקט פון איר אויסוויקלונג און פאַרענדיקט זיך „אָקעי״, ווען דער עולם דערוויסט זיך שוין, אַז דאָס פּאָר פאָלק איז טאַקע אַ פּאָר פאָלק, ניט קיין ברודער און שוועסטער, שיסט דער גאַנצער טעאַטער אויס אין אַ געלעכטער.

וואָס באַווייזט עס?

עס באַווייזט, אַז דער עולם איז ניט קיין גולם, און אויב אפילו יאָ, איז ער עס ניט אַף אַזוי פיל, כדי אויפצונעמען אַזעלכע פלאַכקייטן.

אי פאַרוואָס זיינען די יִידישע טעאַטערן אומעטום פול?

דאָס באַווייזט נאָר אַף דעם דראַנג פון די יִידישע מאַסן פאַרן יִידי־שן וואָרט, זייער בענקשאַפט צו יִידישן שטייגער.

דאָס באַווייזט, אַז מען דאַרף זיך ערנסט פאַרטראַכטן, כדי ניט צו פאַרטרייבן די דאָזיקע מאַסן פון יִידישן טעאַטער.

ווי אַנדערש זעען אויס די אויפפירונגען פון „איפּט״!

איך האָב געזען די „איפּטלער״ אין „אַמאָל איז געווען אַ מלך״, אַ פּיעסע, וואָס באַרירט דאָס נעגער־פּראָבלעם אין אַרגענטינע, אין דער קאָלאָניאַלער צייט.

די שפּילער דאַרפן אַף זיך אַרויפציען אַ פרעמדע שוואַרצע הויט, דאַרפן אָנגעצונדן ווערן מיט נעגערישן טעמפּעראַמענט, אַ זאַך ניט קיין לייכטע.

פונדעסטוועגן האָט איר באַדאַרפט זען די מאַסן־סצענעס, ווי רעאַל זיי זיינען געווען. איר האָט געדאַרפט זען און הערן חלומען די יונגע נעגער־מיידלעך וועגן בלאָנדע יונגען און איר וואָלט ניט געגלויבט, אַז דאָס זיינען יידישע בחורים און מיידלעך.

איך בין בײַ דער פאָרשטעלונג דאָפּלט עמאָציאָנירט געוואָרן. ערשטנס, דער עצם שפּילן. די שפּראַך אַ מענטשלעכע, אַ זויבערע, אַ פּרעכטיקע. די האַנדלונגען, די זשעסטן געמאָסטענע און געוואויגענע, די באַוועגונגען נאַטירלעכע און די דיקציע אַ לויטערע, אַ קלאָרע. און דער עקר בין איך עמאָציאָנירט געוואָרן, ווען די ווייבע למדן פון די שפּילער האָבן מיר דערמאָנט, ווו איך געפין זיך. אַז איך געפין זיך ניט אין ווילנע, נאָר אין ב.-איירעס, און 80 פּראָצענט פון די „איפּטלער" זיינען אַר־גענטינער געבוירענע און באַהערשן און געוועלטיקן אַזוי איבער דער יידישער שפּראַך.

אָט אַזוי, האָב איך מיר געטראַכט, באַקערט מען די יוגנט צום יידישן פאָלק, אויף אַ ממשותדיקן, עפעקטיוון אופן, ניט פאַרקלאָגנדיק איר די יאָרן, אָדער מוסר זאָגנדיק איר, ווי עס טוען עס אַנדערע „קולטורני־קעס".

דער „איפּט", האָט ניט נאָר צוגעצויגן צענדליקער און צענדליקער יוגנטלעכע פאַר זיין טעאַטער־אַנסאַמבל, פאַר זיין דראַמאַטישער סטודיע און אַנדערע קורסן, נאָר האָט זיך אויך באַהאָפטן מיט די פּלאַסטישע קינסטלער, וואָס זיינען די ווירקלעכע שותפים און קרובים פון טעאַטער.

דער „איפּט" האָט שוין געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר אַן אייגענער טעאַטער־געביידע מיט 1.000 זיצפּלעצער.

דער בנין, וואָס דער „איפּט" שטעלט אויף, וועט ניט נאָר זיין די היים פון דעם יידישן פאָלקס־טעאַטער, נאָר וועט זיכער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צענטראַלע קולטור־הויז פאַר דעם אַרגענטינער יידישן ישוב.

— ג. —

די שולן

די ערשטע פון די באַדייטנדיקסטע שולן פון בוענאָס־איירעס, וואָס איך האָב באַזוכט, איז געווען די י. ל. פּרץ־שול פון צענטער.

די דאָזיקע שול פאַרמאָגט אַ פּרעכטיקן אייגענעם פינף־שטאָקיקן

בנין. זי ווערט באזוכט פון 570 קינדער און באשעפטיקט 24 לערער, פון וועלכע א העלפט זיינען געבוירענע אין ארגענטינע. דער דירעקטאר פון דער י. ל. פרץ-שול איז דער געטרייער פעדאגאג שעפסל נייהויז.

א חוץ דעם פונקציאנירן דארטן אויך אוונט-קורסן פאר 45 תלמי־דים.

אין דער דאזיקער שול בין איך באגעגנט און באגלייט געווארן מיט געזאנג.

איך האב מיין באזוך אנגעהויבן פון קינדער־גארטן, ווו עס איז פארגעקומען א לעקציע פון געזאנג.

די אויסשטראלונג פון די פינקלדיקע יידישע אייגעלעך, פון די 4־5 יעריקע תינוקות-של-בית-רבן, דער שימערירנדיקער גלאנץ פון זייערע בלאנד- און שווארץ־געקרויזטע קעפעלעך, האט זיך בולטער אפגעשפיגלט אין זייערע קלאר־ווייסע כאלאטלעך, וואס זיי האבן אלע געטראגן.

די געזאנגס־לערערין האט יעדעס מאל געפרעגט די קינדערלעך, וואס זיי ווילן זינגען, און אויפבאפנדיק זייער תשובה, זייער באגער, האבן די פינגער פון דער מוזיק־לערערין ארויסבאקומען פון דער פיאנא די געהעריקע קלאנגען פון דעם געגעבענעם לידל.

אין דעם אויסדרוק פון די אויגן, אין דעם ארט באוועגן פון די פנימלעך און גופימלעך, האט מען געקענט מערקן, וואס און ווי אזוי יע־דעם קינד באזונדער האט איבערגעלעבט בעתן זינגען די לידלעך.

מיין אויער האט גענאסן פון דעם הארמאנישן צונויפגוס, פון די פארשיידנארטיקע קולכעלעך, וואס מאכן דורך די וויבראציע פון אזוי פיל באזונדער-פילנדיקע בריסטעלעך און מיין אויג האט זיך ניט געקענט גענוג זעטיקן מיט די אזוי פיל קאליר־שאטירונגען פון די קינדערישע הערעלעך, אייגעלעך און פנימלעך, וואס האבן צוזאמענגענומען פארגע־שטעלט מיט זיך די הערלעכסטע סימפאניע פון מענטשלעכן קאלעקטיוו.

פון קינדער-גארטן האב איך מיין באזוך פארגעזעצט ביז דעם לעצטן, דעם זעקסטן גראד.

די קינדער פון זעקסטן לערן-יאר האבן זיך פארנומען אף זייער לעק־ציע מיט דער ביאגראפיע פון י. ל. פרץ און האבן געקענט איבערגעבן, אין א גלאטן יידיש, דעם אינהאלט פון ניט איינער פון זיינע ווערק.

אימפּאָזאַנטער פון אַלץ איז דאָס בילד, ווי אַזוי די קינדער פאַרלאָזן און געזעגענען זיך מיט זייער שול.

איך האָב דעם דאָזיקן בילד געזען און בין פון אים אַזוי עמאָציאָנירט געוואָרן, אַז אַ הייליקער ציטער האָט דורכגענומען מיין לייב און איך האָב פאַרגעסן ווו איך געפין זיך, צי אין דער אַלטער היים אָדער אין ב.־איירעס.

אין אַ גרויסן האָל שטעלן זיך די קינדער אויס אין פּאָרמירטע רייען אונטער דער אויפזיכט פון זייערע לערער.

פינף־זעקס הונדערט מיילכעלעך מיטאַמאָל הילכן אויס זייערע שול־הימנען און לאָזן זיך צו דעם זוניקן דרויסן, מונטערע און פריילעכע. דאָרטן וואַרטן אַף זיי די מיקראָבוסן פון וועמענס זייט עס שמייכלט צו זיי אַראָפּ דאָס קלוגע, שטרענגע און דאָך ליבע געזיכט פון י. ל. פּרץ.

(די אַלע שולן, וואָס איך האָב באַזוכט, די י. ל. פּרץ־שול, די שלום־עליכם־שול און די זשיטלאָווסקי־שול, האָבן זייערע מיקראָבוסן, אין וועלכע די קינדער קומען אין שול און ווערן אָפּגעפירט אַהיים. אַף די דרויסנדיקע ווענט פון די מיקראָבוסן איז אויסגעמאָלט דאָס געשטאַלט און אָנגעשריבן דער נאָמען פון דעם שרייבער, נאָך וועמען די שול הייסט).

די צווייטע, לויט דער ריי, האָב איך באַזוכט די שלום־עליכם־שול, די גרעסטע יידישע שול פון בוענאָס־איירעס און ווער ווייסט צי ניט פון דער וועלט. (פאַרגעסט ניט צוגעבן דאָס וואָרט יידישע).

די דאָזיקע שול ווערט באַזוכט פון 1642 שילער. זי האָט 47 אָפּטיילונגען (פאַרשטייט זיך, אַז צו עטלעכע פּאַראַלעלע לויטן גראַד). דער לערער־פּערסאָנאַל באַשטייט פון 40 מאַן. 50 פּראָצענט פון די לערער זיינען געבוירן אין אַרגענטינע.

דער דירעקטאָר פון דער דאָזיקער שול איז דער טיכטיקער, אומדערמידלעכער און אימפּעטפולער פּעדאַגאָג חיים פינקעלשטיין און דעם פּלאַץ פון וויצע־דירעקטאָר פאַרנעמט די פרוי פּערצאָווסקי־קאַרדונער, אַ דאָרטן־געבוירענע.

דער בנין פון דער דאָזיקער שול איז אַ קאָלאָסאַלער, און די אינעווייניקסטע איינריכטונגען זיינען לוקסוסדיקע, די פּעדאַגאָגישע אויסשטאַטונג לויט דאָס לעצטע וואָרט פון דער דאָזיקער וויסנשאַפט.

אַז אַ פאָטער קומט אַריין אין די ביוראָען פון דער דאָזיקער שול,

קריגט ער פאר איר דרך־ארץ, און די קינדער, וואס באזוכן איר, באקומען צו איר סיי רעספעקט, סיי ליבע, ווי אויך א ווילן איר צו באזוכן.

דער הויף פון דער שלום-עליכם־שול איז א גאנצער גארטן, מיט פארשיידענע ספארט-איינריכטונגען, מיט א באסיין און אפילו מיט א פאלאץ פאר דער ליאלקע.

אין דער דאזיקער שול רופט אויך די באזונדערע אויפמערקזאמקייט די מעדיציניש קאנסולטאריע, איינגעריכטעט ביד־רחבה.

א חוץ דעם פארמאגט די שול א גאנצן טעאטער-זאל. ניט נאר די בענקלעך זיינען דארטן געבעטע, נאר אויך די טירן, א סגולה פאר א גוטער אקוסטיק.

אויך דא האב איך געזען דעם זעלבן צערעמאניאל פון פארלאזן די שולן דורך די קינדער. פארשטייט זיך, אז דא האט דאס בילד אויסגעזען נאך אימפאזאנטער, צוליב דעם גרעסערן צאל קינדער.

איידער איך פארענדיק מיט דער שלום-עליכם-שול, וויל איך אייך נאך דערציילן וועגן א קליינעם עפיזאד פון דארטן.

בעתן באזוכן די קלאסן, האט איינער א לערער, פארשטעלנדיק מיך, געפרעגט די קינדער, צי זיי קאנען מיך און צי בין איך א היימישער אדער א פרעמדער.

דאס צען-יעריקע פערעלע האט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט:

— לערער, דער מאן איז אן אייגענער.

— פארוואס? — פרעגט דער לערער.

— ווייל ער איז א ייד! — האט פערעלע אויסגעשאסן.

***

אין דעם זעלבן סטיל ווי די שלום-עליכם־שול, ד"ה מיט א הויף, א קינדער־פארק און א טעאטער-זאל, נאר אין א קלענערן פארמאט, איז געבויט די זשיטלאווסקי־שול.

מען דארף דערביי ניט פארגעסן, אז די אלע אויבנאויסגערעכנטע שולן דינען אויך פאר קולטור־הייזער.

אין די געביידעס פון די שולן ווערן זייער אפט איינגעארדנט רעפעראטן און אנדערע קולטור-אונטערנעמונגען. אין דער לעצטער קומען זיי פאר וועכנטלעך, רעגולער.

אין דער זשיטלאָווסקי-שול לערנען זיך 400 תלמידים באַטאָג, און 40 שילער אין די אָוונט-קורסן.

די דאָזיקע שול שטייט אונטער דער דירעקציע פון דעם באַוווּסטן פּעדאַגאָג און זשורנאַליסט ע. שמערקאָוויטש. זי פאַרמאָגט 13 לערער, פון וועלכע 30 פּראָצענט זיינען אַרגענטינער געבוירענע.

די נאָכפראַגע אַף די יִדישע שולן, באַזונדערס אַף די וועלטלעכע, איז אין בוענאָס-איירעס זייער גרויס. די צאָל פון די קינדער, וואָס באַזוכן די דאָזיקע שולן, איז אַ סך אַ גרעסערע, ווי זיי זיינען עס פעיִק אויפצונעמען.

די זשיטלאָווסקי-שול האָט שוין פאַרוואַנדלט אַ ביבליאָטעק-זאַל אין נאָך אַ קלאַס.

די טיכטיקע און איבערגעגעבענע בוויער פון דער דאָזיקער שול, ניט קוקנדיק, וואָס זיי שטיצן זיך אַף דער הילף פון די אַרבעטער און דעם מיטעלן קלאַס, זיינען אַזוי אָפּטימיסטיש און באַגייסטערט פאַר זייער אַרבעט, אַז הגם זיי זיינען נאָך פאַרשולדיקט פאַר דער געביידע פון דער שול, וואָס זיי האָבן ניט לאַנג אויפגעשטעלט, האָבן זיי שוין אָפּגעקויפט די שכנותדיקע הויז באַ דער שול, כדי מיט דער צייט צוצובויען נאָך אַ פליגל.

די לעצטע שול איז פון פּראָגרעסיוון כאַראַקטער. דאָס מערקט זיך ניט נאָר אין דעם אינהאַלט פון די למודים, נאָר אויך אין דער פאָרם, אין דעם אופן פון אונטעריכט.

איך האָב דאָרטן געזען אַן אַרבעט פון אַ תלמיד פון קינדער-גאָרטן. דאָס איז באַשטאַנען פון אַ שטייענדיקער רייע, וואָס וואַרט צו קויפן הייץ-קוילן. (דאָס איז אַן אַרטיקל, אין וועלכן עס איז אַ דוחק אין אַרגענטינע).

ווען אַ יאָט פון אַ יאָר צען האָט געלייענט עפּעס אַ מעשהלע פון ווארשע פון ש. פריילעך, און איך האָב אים געפרעגט, וואָס דערמאָנט אים דאָס וואָרט ווארשע, האָט ער, ניט פאַרטראַכטנדיק זיך, גלייך געענטפערט: ווארשעווער געטאָ, און האָט געווּסט צו דערציילן, וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען.

פון דעם זעט מען, אַז די פּעדאַגאָגן פון דער זשיטלאָווסקי-שול האַלטן אָפן די אויגן און די אויערן פון די תלמידים זייערע ניט נאָר אַף

דעם, וואָס עס געפינט זיך אין זייער נאָענטן אַרום, נאָר אויך אַרום דעם, וואָס עס קומט פֿאָר אין גאַס און אין דער וועלט.

איך האָב אין דער זשיטלאָווסקי־שול פֿאַרבראַכט עטלעכע שעה און בין אויך בייגעווען אַף אַ לעקציע פֿון געזאַנג.

די מוזיקע לעקציע איז געווען קאָמבינירט פֿאַר עטלעכע קורסן צו־זאַמען און איז פֿאָרגעקומען אין טעאַטער־זאַל, אָדער ווי זיי רופן עס דאָרטן, אַקטן־זאַל.

די קינדערלעך זיינען זיך ברייטלעך געזעסן אַף די אויסגעבעטע בענקלעך. די געזאַנג־לערערן, אַן אַרגענטינער געבוירענע, איז געזעסן בײַ דער פּיאַנאָ און האָט ניט נאָר שיין פֿאָרגעזונגען, נאָר אויך אַריינגע־לייגט די ווערטער פֿון די לידער צו די קינדער אין מויל אַריין.

די קינדער האָבן געזונגען אין כאָר און סאָלאָ.

ווען איך האָב געזען די קינדער פֿון דער זשיטלאָווסקי־שול זיצן אַזוי בהרחבהדיק אין זאַל, מיט צעשטראַלטע פּנימער, האָב איך מיך גע־טראַכט: וואָס פֿאַר אַ מהלך־רב די מוזיקע שול איז אַוועק פֿון דעם ענגן, שמוציקן און פֿאַרשטיקטן חדר, וואָס איך האָב באַזוכט און וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ ווייבערשער שול, אָדער, נאָך ערגער, בײַם רבין אין שטיבל, פֿון וואַנען עס האָט זיך שטענדיק געטראָגן אַ מאָנאָטאָנער און טרויעריקער נגון.

ניט אומזיסט, האָב איך מיר געטראַכט, לויפֿן די קינדער אין אַזעל־כע שולן מיט חשק, נישט אומזיסט זיינען זייערע פּנימער אַזוי נשמהדיק צעשטראַלט.

***

איך האָב אויך באַזוכט דאָס קולטור־הויז פֿון ווילאַ־לינטש, אָפּן נאָמען פֿון י. ל. פּרץ.

ווילאַ־לינטש איז אַ פֿאָרשטאָט פֿון בוענאָס־איירעס, וואָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיקן אינדוסטריעלן צענטער.

ווילאַ־לינטש רופֿט מען דאָס אַרגענטינער מאַנטשעסטער.

די מערסטע באַלעבאַטים פֿון די דאָרטיקע טעקסטיל־פֿאַבריקן זיינען געוועזענע ייִדישע וועבער־אַרבעטער, וואָס זיינען געקומען פֿון ביאַליס־טאָק.

די דאָזיקע פאַבריקאַנטן, הגם זיי האָבן זיך עקאָנאָמיש הייך אַרויפ-געאַרבעט, האָבן דאָך ניט פאַרלאָזן זייערע טראַדיציעס פון פּראָגרעסיווע מענטשן און געטרייע זין פון זייער פאָלק.

אין ווישאַ-לינטש הערט איר ניט נאָר דעם רעש און דעם קלאַפּן פון די וועב-שטולן, נאָר אויך אַ קלינגענדיקן ביאַליסטאָקער ייִדיש, וואָס שרייט די מאַשינען איבער...

דאָס קולטור-הויז „י. ל. פּרץ", אין ווישאַ-לינטש, הייבט זיך מיט גרויסקייט אַרויס פון צווישן אַ שורה נידעריקע, איינשטאָקיקע הייזער, און איז אויך דער שטאָלץ פון די דאָרטיקע קולטור-טוער און ייִדישע איינוווינער.

דאָס קולטור-הויז „י. ל. פּרץ" פון ווישאַ-לינטש איז די גייסטיקע היים פון די דאָרטיקע ייִדן.

דאָס איז אַ שול פאַר קליין און גרויס. דאָרטן געפינט איר אי אַ רייכע ביבליאָטעק, סיי אַ ספּאָרט-זאַל און סיי אַ פאָלקס-שול, וואָס ווערט באַזוכט פון 260 קינדער באַטאָג און פון 30 שילער בײַ די אָוונט-קורסן.

די שול פון קולטור-הויז „י. ל. פּרץ" פון ווישאַ-לינטש, פאַרמאָגט 8 לערער און ווערט אָנגעפירט פון חבר מיכל רייזמאַן.

דאָרטן עקזיסטירט די ריכטיקע פאַרבינדונג צווישן היים און שול. די שול איז, בעסער געזאָגט, די פאַרזעצונג פון דער היים, ווײַל דאָרטן טרעפן זיך אָפט פאָטער און זון, מוטער און טאָכטער.

און דערפאַר רעדן די קינדער און די יוגנטלעכע פון ווישאַ-לינטש אַזאַ פּרעכטיקן ייִדיש.

אַלס מוסטער, ווי אַזוי די דאָרטיקע קינדער באַזינגען פאָלקאָם די ייִדישע שפּראַך, וועל איך דאָ ברענגען אַ ליד, פאַרפאַסט פון דאָס דרייצן-יעריקע מיידעלע, שיינע-רייזעלע רייזמאַן:

צו אונדזער פּרץ-הויז

מיט די קעפּ אויפגעהויבן,
מיט די הערצער פאָרויס,
מיר גייען צו דיר,
אונדזער ליב פּרץ-הויז!

דאָס זיינען מיר, די יוגנט,
די צוקונפטיקע בויער.
מיר זאָגן צו אונדזער אַנשלוס,
צו אַרבעטן אומגעהויער.

מיר וועלן גיין אַפן וועג
פון שאַפן וואָס גרעסער
און לייסטן און בויען
אַלץ יעדן מאָל בעסער.

און דיר, פּרץ-הויז, ווינטשן מיר,
וואַקסן וואָס טיפער און גרעסער.
דו דערציסט אַ נייע יידישע יוגנט,
וועלכע וועט דיר פאַרשטיין, וואָס מערער און בעסער.

כאָטש מען פייניקט אונדז פון דורות
און שונאים פרייען זיך דערמיט,
דאָך, ווי אַ ליכטיקער סימבאָל,
טראָג איך שטאָלץ דעם נאָמען ייִד!

דער געבראַכטער מוסטער איז ניט אָנצווייזן אַף דער פּערפעקטקייט פון דעם פּאָעטישן סטיל פון דער 13יעריקער מחברטע, נאָר אַף דער רייפקייט פון דער שפּראַך אירער, און אַף איר געדאַנקען-גאַנג אגב.

ניט קוקנדיק אַף דער רחבותדיקייט פון קולטור-הויז פון ווישאַ-לינטש, האָבן שוין אירע אָנפירער פאַרלייגט אַ פונדאַמענט פאַר אַ צו-גאָבס-געביידע, מיט אַ ביודזשעט פון 600.000 אַרגענטינער פּעזעס, וואָס וועט מסתמא דערגרייכן ביז אַ מיליאָן.

דאָס בערגעלסאָן-הויז

דאָס בערגעלסאָן-הויז, אינגאַנצן אַ יאָר אַלט, פאַרמאָגט איבער 400 מיטגלידער, געפינט זיך אין אַ ניי־אַנטדעקטער געגנט און האָט שוין באַ-

וויזן דורכצופירן צענדליקער קולטור־אַקטן און קויפן אַן אייגענעם בנין.

אַרום דאָס דאָזיקע קולטור־הויז גרופּירן זיך אויך די יוגנטלעכע פון דער דאָרטיקער געגנט.

דאָרט עקזיסטירט אויך אַ פּרעכטיקער קינדער־קרייז, וואָס פירט זיין אַרבעט אַף יידיש.

דער דאָזיקער קרייז ווערט אָנגעפירט פון דעם שרייבער און קינדער־פריינט פאַליק קאַטאָווסקי.

דער לעצטער איז אויך איינער פון די גרינדער און איבערגעגעבנסטע אָנפירער פון דעם בערגעלסאָן־הויז.

— ד. —

„איקוף"

די אָפּטיילונג פון יידישן קולטור־פאַרבאַנד אין אַרגענטינע שפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דעם דאָרטיקן יידישן ישוב.

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, עקזיסטירט אין אַרגענטינע צען יאָר און אין איר זיינען אָנגעשלאָסן די וויכטיקסטע קולטור־אינסטיטוציעס פון לאַנד.

אַ חוץ דעם חודשלעכן ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן זשורנאַל „איקוף", גיט אויך אַרויס, פון צייט צו צייט, דער פאַרלאַג בײַ דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע פאַרשיידענע ביכער.

דער פאָרזיצער פון „איקוף" איז פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ דער באַוווסטער זשורנאַליסט, שרייבער און פּראָגרעסיווער קולטור־טוער און בויער פּיניע קאַץ.

אין די ערשטע טעג פון יוני ה"י, איז פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון אַרגענטינער „איקוף", מיט דער באַטייליקונג פון דעלעגאַטן פון אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, ווי אורוגוויי, טשילע און מעקסיקע.

צו דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָבן זיך אָנגעשלאָסן 70 אינסטיטוציעס, וואָס זיינען געווען פאַרטראָטן מיט 110 דעלעגאַטן.

די דערעפענונג פון צוזאמענפאר איז געווען אימפאזאנט. זי איז פארגעקומען אין איינעם פון די גרעסטע סאלאנען פון צענטער, און די געביידע האט איבערגעפילט אלע אירע ברעגעס.

די זיצונגען פון צוזאמענפאר זיינען פארגעקומען אין פארשיידענע וויכטיקע אינסטיטוציעס, כדי די דעלעגאטן זאלן האבן די געלעגנהייט מיט זיי זיך צו באקענען.

די דעלעגאטן אפן „איקוף"-צוזאמענפאר וועלן קיינמאל ניט קענען פארגעסן דעם הערלעכן איינדרוק, די פייערלעכע שטימונג, מיט וועלכע די זיצונגען זיינען געווען באגלייט אין קולטור-הויז „י. ל. פרץ" פון וויזשא-לינטש. (א, וויזשא-לינטש! וויפל מען זאל ניט ריידן מיט באגייסטערונג וועגן די מענטשן פון דעם דאזיקן ווינקל, איז אלץ ווייניק. זיי, די וויזשא-לינטשער, האבן דאס צוגעטראגן דעם סיורפריז פארן קאנגרעס ארויסרופנדיק זיך מיט א פרעמיע פון 5.000 ארגענטינער פעזעס יערלעך פאר דער בעסטער ליטערארישער שאפונג פון דער ארגענטינער יידישער ליטעראטור.

זיי וועלן קיינמאל ניט פארגעסן, מיט וואס פאר א ליבער-ווארעמער אטמאספער זיי זיינען געווען ארומגענומען פון די הונדערטער און הונדערטער געסט און צוהערער, וואס האבן ניט געפעלט אף קיינע פון די זיצונגען.

די פארשטייער פון די קולטור-אינסטיטוציעס, וווּ די זיצונגען פון „איקוף"-קאנגרעס זיינען פארגעקומען, האבן די דעלעגאטן אויפגענומען ניט נאר מיט ווארעמע באגריסונגען, נאר אויך מיט פאלקס-באנקעטן און לונטשן.

אף דעם דאזיקן קאנגרעס זיינען מיט שפאנונג און אינטערעס אויסגעהערט געווארן די אינטערעסאנטע און באלערנדיקע רעפעראטן וועגן דעם מצב פון דער יידישער קולטור אין ארגענטינע פון פ. קאץ, דער „איקוף" און די יידישע קולטור-געזעלשאפטלעכקייט פון י. לינקאווסקי. די יידישע יוגנט און די יידישע קולטור פון א. דיאמאנט, פראבלעמען פון יידיש-וועלטלעכן שול-וועזן פון ע. שמערקאוויטש, אונדזער הילף פאר דער קולטור-אויפבוי פון די יידישע ישובים אין אייראפע פון ד"ר ש. דרוקאראוו, טעאטער, דראמאטישע קרייזן און גאסטראלן פון ד"ר ל. זשיטניצקי,

וואָס קען זיין און וואָס דאַרף זיין די ייִדישע ליטעראַטור אין אַרגענטינע פון צ. בליץ און דער באַריכט־רעפעראַט פון ש. וואַסערמאַן.

נאָר אויב אַלע פּראָבלעמען זיינען באַטראַכט און דיסקוטירט געוואָרן אַף אַן אַנזעענדיקן, ערנסטן און געגוגנדיקן אופן, האָט אָבער דאָס פּראָבלעם וועגן דער יוגנט פאַרנומען דעם אויבנאָן פון אַלע זיצונגען.

דעם דאָזיקן פּראָבלעם איז געשענקט געוואָרן צוויי זיצונגען, וואָס האָבן געדויערט זעקס שעה.

עס איז אויך געווען אַ פרייִדיקע דערשיינונג, וואָס דער פּאָרטראַג וועגן דער יוגנט איז רעפערירט געוואָרן פון דעם יוגנטלעכן א. דיאַמאַנט, אַ פּראָדוקט פון דער פּראָגרעסיווער, ייִדיש־וועלטלעכער שול און וואָס אין דער דיסקוסיע אַרום דעם דאָזיקן ענין האָבן זיך באַטייליקט אַ צענדליק יוגנטלעכע און אַלע האָבן זיי דאָס געטאָן אין אַ פּרעכטיקן ייִדיש, צווישן זיי ד״ר בלעכער, לאָופּער, פישער, גרושקאָ, ווייסמאַן, לייבאָוויטש א״א.

איינער פון די יוגנטלעכע, דער ד״ר בלעכער, פון ראָזאַריאָ, איז אפילו געווען מיטגליד פון פּרעזידיום פון קאָנגרעס און האָט זיך גאַנץ פיין ספּראַוועט מיטן פירן די פּאָר זיצונגען, וואָס איז אים אויסגעקומען צו פירן, אַף ייִדיש.

פון אָנפאַנג איז דאָס אַרויסטרעטן פון די יוגנטלעכע אין ייִדיש געווען אַ גאַנצער יום־טוב און אַ סיורפּריז. אין גאַנג פון די דיסקוסיעס אָבער, איבערהויפּט וועגן דער יוגנט־פּראַגע, זיינען אַרויסגעטראָטן אַזוי פיל יוגנטלעכע אין ייִדיש, אַז דאָס האָט שוין אויסגעזען ווי אַ געוויינטלעכע דערשיינונג און ממילא וואָכעדיק געוואָרן.

גערעכט איז געווען דער רעפערענט איבער דער יוגנט־פּראַגע א. דיאַמאַנט, ווען ער האָט אין זיין אַריינפיר צום רעפעראַט געזאָגט, אַז דאָס מאָל וועט די דאָזיקע פּראַגע באַהאַנדלט ווערן אַנדערש, ווי זי איז דאָס ביז איצט געוואָרן. אַז דאָס מאָל וועט וועגן דעם גורל פון דער ייִדישער יוגנט ריידן און באַשטימען די יוגנט אַליין.

די גרויסע און וויכטיקע פאַרטרעטערשאַפט פון דער אַרגענטינער ייִדישער יוגנט אַף דעם דאָזיקן קולטור־צוזאַמענפאָר האָט עס באַשטעטיקט.

דער ערנסט און ענטוזיאַזם, בא וועלכן דער „איקוף"־קאָנגרעס פון

ארגענטינע האָט זיך אָנגעפאַנגען, איז פאַרגעקומען און האָט זיך פאַרענ־דיקט, איז אַ צוזאָג פאַר אַן אויסשפּרייטונג און פאַרטיפונג פון דער קול־טורעלער טעטיקייט צווישן דעם ארגענטינער יידישן ישוב און אויך צווי־שן די אַנדערע שכנותדיקע ישובים.

***

איך וויל דאָ נאָר פאַרענדיקן מיט אַ פּאָר ווערטער וועגן נאָך אַ קול־טור-געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע. לפּלוג קען אפשר דאָס אָנרופן איר אַזוי קלינגען ניט ריכטיק, נאָר דאָס איז פּאָרט אַזוי.

איך מיין דאָ די צייטונג „דער וועג" (איצט הייסט זי „היינט").

דער „וועג" טיילט זיך אויס פון אַנדערע ארגענטינער יידישע צײ־טונגען דערמיט, וואָס בעת די איבעריקע טראָגן אַ קאָמערציעלן כאַראַק־טער, איז די דאָזיקע אַ ריין קולטור-געזעלשאַפטלעכע, אַ צייטונג, וואָס לערנט דעם לייענער דורכצומאַכן זיין לעבנס-וועג סיי אַלס ייד, סיי אַלס מענטש אין דער בלוטיקער עפּאָכע, אין וועלכער מיר לעבן.

איך האָב געזען מיט וואָס פאַר אַ איבערגעגעבנקייט און אָנגע־שטרענגטקייט די מיטאַרבעטער פון „וועג" אַרבעטן.

איך האָב אויך געזען, ווי יידישע אַרבעטס-מענטשן, האַרעפּאַשניקעס, קומען אין דער ביוראָ פון „וועג" גלייך פון זייער פאַבריק אָדער וואַר־שטאַט, נאָך אין זייערע אַרבעטס-קליידער און אָבעראַלן און לייגן אַרויס פון זייערע ברייטע, פון דער אַרבעט-אויסגעשמירטע, הענט די לעצטע אָפּגעשפּאָרטע פּעזעס פאַר זייער צייטונג און פאַר זייערע ברידער אין אייראָפּע.

איך האָב זיי געזען קומען זאַלבע עטלעכערווייז, אָנגעבנדיק זייערע דאַטעס פאַר דער צייטונג:

— אַף אַן „אַסאַדאַ" (אַ געבראָטנס אַזאַ) באַ אַ חבר 45 פּעזעס פאַרן „וועג" און 78 פאַר די יידן אין אייראָפּע.

— באַ חבר יאַנקל קרוק אַף אַ ברית 125 פּעזעס פאַרן „וועג".

— פון 10 נייע פריינט פאַרן „וועג" 68 פּעזעס אַא"וו.

אַז איך האָב געזען די דאָזיקע פאַרהאָרעוועטע יידן מיט די פאַר־שוואַרצטע פּנימער, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעשיינט די אויגן, ווי פון

הייליקע, וואָס לייכטן און ברענען פאַרן אמת; אַז איך האָב געזען די דאָזיקע אַרבעטס־מענטשן, וואָס זיינען דער יסוד פאַר יעדן מענטשלעכן קאָלעקטיוו, האָב איך מיך געטראַכט, אויב דער פונדאַמענט פון דעם אַר־גענטינער יידישן ישוב זעט אַזוי אויס, איז קיין ווונדער ניט, וואָס זיין בנין הייבט זיך און רייסט זיך הייך, העכער און נאָך העכער...

.1947

אינהאַלט-פאַרצייכענונג

פאָרוואָרט פון י. פילאָווסקי-יובל-קאָמיטעט — 3
א פאָר ווערטער פון מחבר — 7
געוויסן — 13

ערשטער טייל: דערציילונגען

א. געוויסן

א קויל אין שטערן — 21
ניט לאַנג וועט דויערן דער ווינטער — 29
דאָס בילד — 39
צוריקגעקערט — 50
אויגן — 56
די מאַמע פון דער הכשרה — 61
בא די פרויען האָט ער מוט געלערנט — 69
ער האָט געהאַט א פאַרשטערטן יום-טוב הלל — 72
„על גואגואיטא" — 79
משה קאַפּויער — 84
עוזר טרעגער — 88

ב. גלאַט אַזוי

א באַגעגעניש — 95
דאָס תפלין זעקל — 100

פלאטקינס צוקונפט — 114
אוים שותפות — 119
אין „מאַרגע" (טויטן־הויז) — 125
צווישן פריינט — 139
לאַ רוסיאַ — 146

ג. מעשהלעך פאַר קליין און גרויס

קאַסטאַניאַ — 153
דער זיידע און די קעץ — 158
די פרוי פון גאַז — 162
נישט ער, נישט ער! — 165
דאָס פייגעלע — 171

ד. בלוטיקע יאָרן

אַ שפּיי אין פּנים — 179
די געשיכטע פון אַ פלאַש וויין — 187
אַנטקעגן דעם וואָס מען זאָגט ווי אַלט זענט איר — 197
און קיין ברויט האָט זי שוין קיינמאָל מער ניט געגעסן — 203

צווייטער טייל: רייזע-פאַרצייכענונגען

א. טשילע

די ייִדן פון קונקאַ — 215
דורכן באַן־פענצטער — 242
קאָנסעפּסיאָן — 247
וואַלדיוויאַ און אָסאָרנאָ — 250
אינדיער — 254
קיין וואַלפּאַראַיִסאָ — 258
נאָך קאַרטאַכענאַ — 261
טשילענער קאַליפאָרניע — 264
אַ טאָג מיט סאָוועטישע מענטשן — 268

ב. נאָרד־אַמעריקע

באַ די ברעגן פון וואַלפּאַראַיסאָ — — — — — — — — — 279
יאָך בייט אייך, זוגט מיר, וויאַהין פור יאָך — — — — — — 283
דאָס ייִדישע ניו־יאָרק אין די ערשטע טעג נאָך דעם
קריג־אויסברוך — — — — — — — — — — — — — 288
איסט בראָדוואַי — — — — — — — — — — — — — 292
צווישן ליטעראַטן — — — — — — — — — — — — 248
אין קאַפּע ראָיאַל — — — — — — — — — — — — 304
באַ א טישל אין קאַפּע ראָיאַל — — — — — — — — — 307
ייִדישקייט און ייִדיש אין נאָרד־אַמעריקע — — — — — — — 310
מען דאַרף דאָס פאַרשרייבן — — — — — — — — — — — 327
צווישן היימלאָזע — — — — — — — — — — — — — 330

ג. אַרגענטינע

מיט פּליגל איבער די אַנדן — — — — — — — — — — 337
דאָס ייִדישע אַרגענטינע מיט די אויגן פון א גאַסט — — — 340

פאַרלאַג „איקוף״

א. סוצקעווער
ווילנער געטאָ

פרייז 10 פעזעס.

אַלעקסאַנדער בעק
פאַנפילאָווס מענטשן
יידיש מ. וואָלאַנסקי

געבונדן אין קאַרטאָן 8 פ., אין לייוונט 10 פ., לוקסוס־אויסגאַבע 12 פ.

שאָלעם אַליינכעם
דאָס מעסערל

פרייז 1 פעזע

סימכע סנע
בלעטער אַפן ווינט

בראָשירט 6 פעזעס, געבונדן אין לייוונט 9 פעזעס

זישע ווייַנפער
דער גילדענער האָן

בראָשירט 6 פעזעס, געבונדן אין לייוונט 9 פעזעס

צאַלעל בליך
טרוימען אנגעטאָן אין שטאָל

בראָשירט 11 פ., געבונדן אין לייוונט 14 פ., לוקסוס־אויסגאַבע 16 פ.

צאַלעל בליך
טשערנאָוויצער קאָנסטיטוציע

פרייז 1 פעזע

ש. שפיגל

מענטשן אין טהאָם

פרייז 5 פעזעס

ל. אַליצקי

דורך טויט צום לעבן

פרייז 5 פעזעס

פ. קאַץ

געקליבענע שריפטן (אין 9 בענד)

א גאַנג געבונדן אין לייוונט 75 פעזעס, לוקסוס-אויסגאַבע 120 פעזעס.

פּאָרטרעטן פון מענדעלע מויכער ספאָרים

פרייז 50 סענט

EDITORIAL "ICUF"
Valentín Gómez 3245 :: T. E. 62 - 1002 :: Buenos Aires

Este libro se terminó de imprimir el día 28 de julio de 1949 en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, calle Corrientes 1976, Buenos Aires, República Argentina.